STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08849

AMERIKE

I. Sultan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א געשיכטע
פון די פאראייניקטע שטאַטן

י. סולטאַן

אַמעריקע

אַ געשיכטע פון די פאראייניקטע שטאַטן

באַנד

II

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אָרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1938

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
of the
JEWISH SECTION OF THE
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue
New York
1938

209

אינהאַלט

זייט

ערשטער קאַפּיטל

ענגלאַנד און אַמעריקע—אַ קנויל פון ווידערשפּרוכן — 11
וויגס און טאָרים אין ענגלאַנד — 13
די „נייע סיסטעם" פון קאָלאָניאַלער רעגירונג — 16
דער צוקער־סיראָפּ אַקט פון 1764 — 20
דער סטעמפּ־אַקט — 22
די קאָלאָניעס צווינגען די ענגלישע רעגירונג צוריקצורופן די שטייערן — 29
טאַונסהענד'ס נייע קאָלאָניאַלע פּראָגראַם — 40
דיקינסאָנ'ס אַרטיקלען און דער צירקולאַר־בריוו פון דער מאַסאַטשוסעטס־אַסעמבלי — 44
די באָסטאָנער בלוט־באַד — 48
טיי ווערט די אישו — 50
די פינף „אומדערטרעגלעכע אַקטן" — 55

צווייטער קאַפּיטל

אַנהענגער און קעגנער פון אומאָפּהענגיקייט — 57
די קאָרעספּאָנדענץ־קאָמיטעטן — 58
סעמועל אַדאַמס און דזשאָן האַנקאָק — 61
די אַמעריקאַנער טאָרים — 67
די אישו פון פרייען לאַנד אין די קאָלאָניעס — 69
דער ערשטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס — 72
אַן אולטימאַטום צו דער ענגלישער רעגירונג — 75
די שלאַכט בײַ לעקסינגטאָן און קאָנקאָרד — 81

דריטער קאַפּיטל

בירגער־קריג און מלחמה — 87
דער ערשטער געלונגענער סטראַטעגישער צוג פון די רעוואָלוציאָנערן — 88
באָנקער־היל — 92

זייט

באַנקער־היל ברענגט גרויסע רעזולטאַטן — 93
דער קאַמף מיט די אַמעריקאַנער טאָרים — 98
די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט — 103

פערטער קאַפּיטל

די מלחמה מיט ענגלאַנד — 113
די אונטערהאַנדלונגען צווישן אַדמיראַל האַו
און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — 114
די שלאַכט אויף לאָנג איילאַנד — 116
גענעראַל האַו נעמט זיך פאַרהאַנדלען מיטן
קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס — 119
די שלאַכט פון האַרלעם — 123
די גרויסע שרפה אין ניו יאָרק — 124
וואַשינגטאָנ'ס טעות — 125
דער צוריקטריט איבער ניו דזשוירזי — 129
די ראָל פון טאָמאַס פּעין — 130
„אויסלענדער" אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע — 135
די רעוואָלוציע אויפן שוועל פון אַ דורכפאַל — 137
טרענטאָן — 142
וואַשינגטאָנ'ס ערשטער גרויסער זיג — 145
וואַשינגטאָן פאַרנעמט צוריק אַ העלפט פון ניו דזשוירזי — 149
די שלאַכט בײַ ברענדיוויין — 156
די פּאָאָלי־שחיטה — 160
גענעראַל האַו פאַרנעמט פילאַדעלפיע — 161
וואַלי־פאָרדזש — 164
די באַוועגונג אַרונטערצוזעצן וואַשינגטאָנ'ען
אַלס פירער פון דער אַרמיי — 166
די דיפּלאָמאַטן פון דער רעוואָלוציע — 169
האַו צוריקגערופן פון אַמעריקע — 173

פינפטער קאַפּיטל

אויפן וועג צום זיג — 175
דער סטראַטעגישער פּלאַן פון ענגלאַנד — 175

זייט

די ערשטע לייכטע זיגן פון די ענגלענדער — — — — — — — — — — — 177
אינדיאַנער ציען זיך צוריק פון דער מלחמה — — — — — — — — — 180
די שלאַכט בײַ סאַראַטאָגאַ — — — — — — — — — — — — — — 182
בורגאָין גיט זיך אונטער — — — — — — — — — — — — — — — — 184
ענגלאַנד מאַכט שלום־פאָרזוך און פאַלט דורך — — — — — — — — 186
גענעראַל קלינטאָן ווערט דער הויפּט פון דער
ענגלישער אַרמיי אין אַמעריקע — — — — — — — — — — — — — 192
לאַיאַליסטישע בלוט־בעדער — — — — — — — — — — — — — — — 198
קלינטאָנ׳ס טעראָר־קאַמפּאַניע — — — — — — — — — — — — — 201
דער קאַמף אין די דרום־קאָלאָניעס — — — — — — — — — — — — 202
די שלאַכט פון „קינגס־מאַונטעין" — דער אָנהויב
פונעם סוף פון דער מלחמה — — — — — — — — — — — — — — — 208
קלינטאָן און קאָרנוואַליס רייסן זיך אַרום פאַר פירערשאַפט — 214
גרין ווערט דער קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציאָנערער דרום־אַרמיי 218
גרינ׳ס געוואַגטער פּלאַן — — — — — — — — — — — — — — — 220
גרינ׳ס צוריקטריט פון נאָרט קאַראָליינאַ — — — — — — — — — 224
קאָרנוואַליס מאַכט נייע טעות׳ן — — — — — — — — — — — — 231
בענעדיקט אַרנאָלד׳ס קאָנספּיראַציע — — — — — — — — — — — 238
קאָרנוואַליס אַנטלויפט קיין ווירדזשיניע — — — — — — — — — 246
קאָרנוואַליס גיט זיך אונטער און מאַכט אַ סוף צו דער מלחמה — 252
דער פּאַריזער פרידן — — — — — — — — — — — — — — — — — 259
אינדעקס — 267

צעטל פון אילוסטראַציעס

דזשאָרדזש דער דריטער — — — — — — — — — — — — — — — 17
דזשיימס אָטיס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 24
פּעטריק הענרי — — — — — — — — — — — — — — — — — — 30
„גיב מיר פרייהייט, אָדער גיב מיר טויט!" — — — — — — — 32
דזשאָן דיקינסאָן — — — — — — — — — — — — — — — — — 44

זייט

די באָסטאָנער „טי־פּאַרטי" — 54
לאָרד נאָרט — 55
סעמועל אַדאַמס — 61
דזשאָן הענקאָק — 64
קאַרפּענטער'ס האָל — 74
עדמונד בוירק — 80
די שלאַכט בא לעקסינגטאָן — 83
פּלאַקאַט קעגן די לאָיאַליסטן — 86
גענעראַל האָו — 94
וואַשינגטאָן נעמט איבער די קאָמאַנדע איבער
דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי — 97
הויז, וואו דזשעפערסאָן האָט געשריבן די דעקלאַראַציע
פון אומאָפּהענגיקייט — 106
די אונטערשרייבער פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט — 110
דזשאָן סאַליוואַן — 118
טאָמאַס פּעין — 131
הויז פון קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס אין באַלטימאָר — 138
פּאַפּיר־געלט פון קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס — 143
וואַשינגטאָנ'ס הויפּט־קוואַרטיר אין וואַלי פאָרדזש — 165
בענדזשאַמין פרענקלין — 170
גענעראַל געיטס — 183
גענעראַל קלינטאָן — 193
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן זידלט אויס גענעראַל לי — 197
לאָרד קאָרנוואַליס — 209
גענעראַל גרין — 221
דעניעל מאָרגאַן — 225
גענעראַל גרין כאַפּט זיך אריבער דעם דאַן ריווער — 230
בענעדיקט אַרנאָלד — 239
דזשאָן אַנדרע — 242
קאָרנוואַליס גיט זיך אונטער — 258
איינער פון די פונקטן אין דעם אָפּמאַך וועגן
דער קאַפּיטולאַציע פון קאָרנוואַליס — 259

די ערשטע
אַמעריקאַנער רעוואָלוציע

ערשטער קאפיטל

ענגלאנד און אַמעריקע — אַ קנויל פון ווידערשפּרוכן

„די געשיכטע פון דער מאָדערנער ציוויליזירטער אַמעריקע עפנט זיך מיט איינער פון די גרויסע, ווירקלעך באַפרייענדיקע, ווירקלעך רעוואָלוציאָנערע מלחמות . . . דאָס איז געווען אַ מלחמה פון אַמערי-קאַנער פאָלק קעגן די ענגלישע רויבער, וועלכע האָבן געהאַלטן אַמעריקע אונטערן יאָך, אין קאָלאָניאַלער שקלאַפעריי." (לענין, ווערק, באַנד 23, זייט 167.)

די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז איינע פון די גרעסטע פּאַסירונגען אין דער וועלט־געשיכטע. אין 18טן יאָרהונדערט און אין אָנהויב פון 19טן יאָר־הונדערט האָט די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע געשפּילט די זעלביקע ראָל, וואָס די סאָוועטן־רעוואָלוציע שפּילט אין 20טן יאָרהונדערט. די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערן זיינען באַטראַכט און באַהאַנדלט געוואָרן פון די הערשנדיקע קלאַסן פון יענער צייט, אומגעפער ווי די באָלשעוויקעס ווערן באַטראַכט און באַהאַנדלט פון די הערשנדיקע קלאַסן אין אונזער צייט; די גיפטיקע אַטאַקעס פון אַ מאָדערנעם טאָרי, ווי אַ הוירסט, אויף קאָמוניזם און קאָמוניסטן, זיינען פון דעם זעלביקן מין, ווי די גאַליקע אויסגוסן פון די טאָריס פונעם 18טן יאָרהונדערט קעגן די אידייען, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, און קעגן די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געקעמפט אָט די אידייען צו פאַרווירקלעכן.

מיט דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע זיינען פאַרבונדן די בעסטע טראַ־דיציעס פון אַמעריקאַנער פאָלק, זיינע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס. אָבער ניט נאָר די טראַדיציעס פון אַמעריקאַנער פאָלק זיינען פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע; מיט איר זיינען אויך פאַרבונדן די טראַדיציעס פון די בעסטע דענקער און קעמפער פון דער בורזשואַזיע, ווען זי, די בור־זשואַזיע, איז נאָך געווען אַ יונגער, רעוואָלוציאָנערער קלאַס, דער טרעגער

פון פּראָגרעס, פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט — די טראַדיציעס, וואָס די בורזשואַזיע האָט פאַרראַטן, און דער מאָדערנער רעוואָלוציאָנערער קלאַס, דער אַרבעטער־קלאַס, האָט גע׳ירשנ׳ט.

די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז געווען אַ טייל פון דעם מעכטיקן געזעלשאַפטלעכן אויפבּרויז אין מיטן פונעם 18טן יאָרהונדערט, ווען דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט זיך פאַרנומען אַפן וועג פון אַנטשיידענעם קאַמף קעגן פעאָדאַליזם און איז אַרויס דער זיגער — איז אַליין געוואָרן די הערשנדיקע מאַכט אין דער געזעלשאַפט.

די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָט אײַנגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן; זי האָט אָבער געטאָן מער ווי דאָס. זי האָט געענדערט דעם גערדאַנקען־גאַנג פון דער וועלט; זי איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער „עקספּערימענט”, וואָס באַשטעטיקט די מעגלעכקייט פון דער פאַרווירקלעכונג פון „סאָציאַלן קאָנטראַקט”.

די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז דעריבער זייער פאַרוויקלט. זי איז די געשיכטע פון די ווידערשפּרוכן צווישן אַ קאָלאָניאַל לאַנד און דער מעטראָפּאָליע; זי איז די געשיכטע פון קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען און בירגער־קריג אין לאַנד גופא; און זי איז די געשיכטע פון דעם קאַמף פאַר פּאָליטישער מאַכט פון דער בורזשואַזיע פון ביידע לענדער — ענגלאַנד און אַמעריקע.

לאָמיר צום ערשטן זיך באַקענען מיט די ווידערשפּרוכן צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד, וואָס זײַנען שטאַרק פאַרשאַרפט געוואָרן אינעם צווייטן העלפט פון 18טן יאָרהונדערט אַ דאַנק דעם צוזאַמענשטויס צווישן קאָלאָניע און מעטראָפּאָליע.

אין אונזער געשיכטע פון די דרײַצן ענגלישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע האָבן מיר געזען, ווי אַזוי די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבן זיך אַנטוויקלט און זײַנען אין מיטן פונעם 18טן יאָרהונדערט שוין געווען עקאָנאָמיש זעלבסט־שטענדיקע שטאַטן, וואָס האָבן מער זיך ניט גענויטיקט אין דער הילף פון אייראָפּע. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי אין די קנאַפּע 150 יאָר פון זייער עקזיסטענץ איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון אַן אייגענער אינדוסטריע; ווי אַזוי עס האָבן זיך אַנטוויקלט אין די קאָלאָניעס אַ קלאַס פון לאַנד־

אריסטאקראטן, א קלאס פון גרויסע און קליינע סוחרים און פון באלמעלאכעס, ארבעטער און שקלאפן. מיר האבן געזען, ווי אזוי די הערשנדיקע קלאסן אין די קאלאניעס, די לאנד־אריסטאקראטיע און דער האנדלס־קלאס זיינען צו דער צייט פון דער זיבן־יאריקער מלחמה שוין געווען שטארק גענוג ארייינצוואווארפן אן אייגענע ארמיי פון 25 טויזנט מאן אין אט דער מלחמה און ראטעווען די ענגלישע ארמיי פון פארניכטעט ווערן. כדי אבער צו פאר־שטיין די געשעענישן אין אמעריקע, דארפן מיר זיך אויך באקענען מיט די סאציאל־עקאנאמישע ענדערונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין ענגלאנד אין משך פון אט־דער צייט.

וויגס און טארים אין ענגלאנד

די ענגלישע בורזשואזע רעוואלוציע אינעם 17טן יארהונדערט האט זיך פארענדיקט מיט דער רעסטאווראציע פון טשארלס דעם צווייטן; קעניגלעכע און פעאדאלע פרעראגאטיוון האבן ווידעראמאל זיך באפעסטיקט אין ענגלאנד. אבער די פעאדאלע אריסטאקראטיע האט מער ניט געהערשט אליין; זי האט געטיילט די מאכט מיט דעם האנדלסקלאס.

ענגלאנד איז אין 18טן יארהונדערט רעגירט געווארן פון צוויי ענג־פארבונדענע קלאסן: פריצים און סוחרים. נאכמער, די רייען פון די ערשטע זיינען איצט פארשטארקט געווארן מיט רעקרוטן פון די צווייטע. אן ענגלישער פריץ האט מער ניט פארדרייט זיין נאז, ווען א זון, אדער א טאכטער, האט געטאן א שידוך מיט א פאמיליע פון א רייכן סוחר. פארקערט, די ענגלישע אדעליקע האבן אליין אנגעהויבן מאכן אינוועסטירונגען אין האנדלס־אונטער־נעמונגען און אן ענגלישער גראף, אדער הערצאג, איז אפט געווען ניט ווייניקער פאראינטערעסירט אין א טראנספארט שקלאפן, אדער טאבאק, אין און פון אמעריקע, ווי דער ערשטער בעסטער סוחר אין לאנדאן, וואס איז אגב אפשר געווען זיין מחותן, שווער, אדער איידעם.

דער ענגלישער פארלאמענט איז געווען קאנטראלירט פון די פארשטייער פון די דאזיקע צוויי קלאסן. אין לארדן־הויז האט די לאנד־אריסטאקראטיע געהאט א פערמאנענטע מערהייט; דער עלטסטער זון פון אן אריסטא־קראטישער פאמיליע איז געווען בארעכטיקט צו ירשנען דעם שטול פון דער פאמיליע אין לארדן־הויז. אין דער אונטערשטער הויז, אדער קאמאנס, ווי מען רופט דעם פארלאמענט אין ענגלאנד, האט געהערשט דער האנדלס־

קלאַס בשותפות מיט דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע. די וואַל־סיסטעם אין ענג־לאַנד, וואָס איז ווייט פון דעמאָקראַטיש אפילו היינט צו טאָג, האָט אין 18טן יאָרהונדערט, פאַר די וואַל־רעפאָרמען, פאַקטיש געגעבן בלויז אָט־די קלאַסן דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן אין וואַלן און אויסשטעלן קאַנדידאַטן. וואַל־רעכט איז געווען באַגרענעצט דורך אייגנטום־קוואַליפיקאַציעס, אַזוי אַז פון דער אַכט־מיליאָניקער באַפעלקערונג פון ענגלאַנד אין יענער צייט האָבן בלויז אַרום 160 טויזנט געקאָנט שטימען. נייע שטעט, ווי ליווערפּול, מאַנ־טשעסטער, לידס, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן זינט דער אַנטשטייאונג פון דעם פּאַרלאַמענט אין מיטלאַלטער, האָבן אינגאַנצן ניט געהאַט קיין פאַרטרעטער אין קאַמאָנס.

די ענגלישע קעניגלעכע פאַמיליע, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די סטואַרטס, איז געקומען פון האַנאָווער, דייטשלאַנד, און איז געווען מער פאַראינטערעסירט אין דער איינקונפט פון דער ענגלישער קרוין, ווי אין ענגלישער פּאָליטיק. די ערשטע צוויי האַנאָווערס, דזשאָרדזש דער ערשטער און דזשאָרדזש דער צווייטער, האָבן זיך מער אָפּגעגעבן מיט זייער היים אין האַנאָווער, ווי מיט די רעגירונגס־געשעפטן אין ענגלאַנד. די קרוין זעלבסט איז דעריבער געווען ניט מער ווי אַ צווייג פון דער רעגירונג, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן אין די אינטערעסן פון די הערשנ־דיקע גרופּן אין ענגלאַנד. ס'וועט ניט זיין איבערטריבן, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז אַרום 10 טויזנט מענטשן האָבן דאָמינירט די ענגלאַנד פונעם מיטן פון 18טן יאָרהונדערט. די געזעצגעבנדיקע, אויספירנדיקע און יורידישע צווייגן פון דער ענגלישער רעגירונג האָבן זיך געפונען אונטערן קאָנטראָל פון אָט דעם הייפל מענטשן, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פאַר־אייניקטע אינטערעסן פון דעם מעכטיקן ענגלישן האַנדלס־קלאַס און פון דער לאַנד־אייגנטימערישער אַריסטאָקראַטיע.

נאַטירלעך, אַז די פּאָליטיק און די געזעצגעבונג פון דער רעגירונג האָבן אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן פון אָט די קלאַסן, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ שטאַרקער פּאָליטישער פּאַרטיי, די טאָרי־פּאַרטיי, אָדער די טאָריס, ווי די פּאַרטיי איז געווען אַלגעמיין באַקאַנט.

אָבער אין ענגלאַנד האָט אין 18טן יאָרהונדערט זיך גענומען אַנטוויקלען אַ נייער קלאַס, אַ קלאַס פון אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן. דער דאָזיקער קלאַס איז נאָך געווען יונג און ניט אַנטוויקלט. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם

און די פאבריק־סיסטעם, אף וועלכער ער האט זיך באזירט, זיינען נאך געווען אין די וויקעלעך. די פארשטייער פון אט דעם קלאס האבן שוין אבער פאר־שטאנען ווי אזוי אריבערצוגעווינען אף זייער זייט און נוצן אין זייערע אינטערעסן די גרויסע מאסן הארעפאשניקעס און קליינע געשעפטלייט. די פארטיי פון אט דעם נייעם קלאס האט זיך גערופן די וויג־פארטיי, אדער וויגס אין אומגאנג־שפראך. די דאזיקע פארטיי איז געווען די פראגרעסיווע פארטיי פון ענגלאנד אין יענער צייט. די וויגס האבן געקעמפט פאר רעפארמען, וואס זאלן געבן דעם נייעם קאפיטאליסטישן קלאס די מעגלעכקייטן זיך ווייטער צו אנטוויקלען. זיי זיינען געווען פאר פרייען האנדל, פאר באגרענעצן די פרעראגאטיוון פון קעניג, פאר א קאנסטיטוציאנעלער רעגירונג.

מען דארף, פארשטענדלעך, געדענקען, אז אט די צעטיילונג דארף גענומען ווערן אינעם ברייטערן זין. ס׳וואלט געווען ניט ריכטיק צו ציען די קלאסן־ליניע צווישן דעם האנדלס־קלאס און דעם קאפיטאליסטישן קלאס צו שארף. אפט האבן זיך די דאזיקע אינטערעסן דורכגעפלאכטן. אבער אינ־גאנצן גענומען האבן די טאריס פארטראטן די פעאדאל־מערקאנטיליסטישע אינטערעסן און די וויגס — די אינטערעסן פון דעם אויפקומענדיקן קאפי־טאליסטישן קלאס, וואס האט געפירט א קאמף פאר פאליטישער מאכט. אין אט דעם קאמף איז די פאליטיק פון דער טארי־רעגירונג אין די קאלאניעס געווארן א פאליטישע אישו צווישן דער ענגלישער בורזשואזיע און דער ענגלישער פעאדאל־סוחרישער אריסטאקראטיע.

ס׳איז געווען נאטירלעך, אז די פאליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג בנוגע די אמעריקאנער קאלאניעס זאל אפשפיגלען די אינטערעסן פון דער הערשנדיקער גרופע; ס׳איז אויך געווען נאטירלעך, אז די אינטערעסן פון דער דאזיקער גרופע זאלן זיין שטארק באאיינפלוסט פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג אין אמעריקע. די קאנקורענץ פון די קאלאניעס אפן וועלט־מארק האט שטארק געשעדיקט די אינטערעסן פון דער דאזיקער גרופע. אין דער זעלביקער צייט האט דער וואוקס פון דער אינדוסטריע שטארק ניט געשמעקט די ענגלישע פאבריקאנטן. די האנדל־ און נאוויגאציע־געזעצן, ווי מיר ווייסן, האבן געזאלט באגעגענען די פאדערונגען פון דעם הערשנדיקן קלאס; די באגרענעצונגען פאר דער קאלאניאלער אינדוסטריע האבן געדארפט באפרידיקן דעם נייעם קלאס אינדוסטריאליסטן. מיר האבן געזען, אז די דאזיקע געזעצן האבן זייער ציל ניט דערגרייכט.

אַ נייע וויכטיקע פּראָבלעם האָט געשאַפן די זיבן־יאָריקע מלחמה. די דאָזיקע מלחמה האָט איבערגעלאָזן ענגלאַנד מיט אַ חוב פון 140 מיליאָן פונט. דער זיג אין דער מלחמה האָט פאַרוואַנדלט ענגלאַנד אין דער מעכטיקסטער וועלט־אימפּעריע. ס'איז אָבער געווען נויטיק געלט אָנצופירן מיט דער דאָזיקער אימפּעריע. די שטייערן פאַר די אימפּעריאַלע צוועקן פון דער ענגלישער רעגירונג האָבן זיך געלייגט ווי אַ שווערע משא אויף די פּלייצעס פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו פּראָטעסטירן קעגן דעם שווערן שטייערן־יאָך.

די „נייע סיסטעם" פון קאָלאָניאַלער רעגירונג

דעם 25טן אָקטאָבער, 1760, איז געשטאָרבן דזשאָרדזש דער צווייטער און דעם ענגלישן טראָן האָט פאַרנומען זיין אייניקל דזשאָרדזש דער דריטער. צוליב דער ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין די קומענדיקע גרויסע וועלט־פּאַסירונגען, איז נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פּערזאָן פון אָט דעם קעניג, וועמען טאָמאַס פּעין האָט גערופן די „קעניגלעכע בעסטיע (ברוט) פון גרויס־בריטאַניע".

דזשאָרדזש דער דריטער איז געווען דער ערשטער ענגלישער קעניג פון דער האַנאָווער־דינאַסטיע, וואָס האָט זיך באַטראַכט אַלס ענגלענדער. ער האָט געבראָכן מיט דער טראַדיציע פון די ערשטע צוויי דזשאָרדזשעס, וואָס האָבן אַפילו ניט דערלערנט רעדן ריכטיק די ענגלישע שפּראַך. צו דעם אָנוואָרף פון זיין ערשטער רעדע אין פּאַרלאַמענט האָט ער צוגעשריבן: „געבאָרן און דערצויגן דאָ אין לאַנד, איך באַרים זיך מיט דעם נאָמען, בריטאָן." דער ענגלישער היסטאָריקער, מאַקאָלי, שרייבט וועגן דזשאָרדזש דעם דריטן:

> „דער יונגער קעניג איז געווען אַ געבאָרענער ענגלענדער. זיין געשמאַק, אַלע זיינע געוואוינהייטן, גוטע און שלעכטע, זיינען געווען ענגליש. קיין טייל פון זיינע אונטערטאַנען האָט ניט געהאַט קיין זאַך, וואָס אים אויפצואוואַרפן."

אויף וויפיל ס'האַנדלט זיך וועגן דזשאָרדזש דעם דריטנס ענגלישן געבורט און ענגלישער דערציאונג, איז מאַקאָלי זיכער גערעכט. אָבער דזשאָרדזש דער דריטער איז געווען אַ פאַרביסענער רעאַקציאָנער. ער איז געווען

דזשאָרדזש דער דריטער

אנטשיידן צו רעגירן ענגלאַנד ניט בלויז אין נאָמען, נאָר אין דער פראַקטיק. ער האָט זיך ארומגערינגלט מיט עצה־געבער, וואָס האָבן פאָרטראָטן דעם רעאַקציאָנערסטן טייל פון דעם הערשנדיקן קלאַס. די פירערשאַפט פון דער רעגירונג איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו דזשאָרדזש גרענוויל, א ביוראָקראַט

און רעאַקציאָנער, וועלכער האָט געגלויבט אין דער טעאָריע פון מערקאַנ־טיליזם ביזן לעצטן פּינטעלע און האָט געגלויבט, אַז דורך שטרענגע און נאָך שטרענגערע געזעצן וועט ער זיין טעאָריע וועגן די באַציאונגען צווישן מעטראָפּאָליע און קאָלאָניע קאָנען פאַרווירקלעכן אין לעבן.

פאַרשטענדלעך, אַז ס'איז ניט ריכטיק צו זוכן די סיבות פון דער אַמערי־קאַנער רעוואָלוציע אין דזשאָרדזש דעם דריטן און זיין מיניסטער, דזשאָרדזש גרענוויל, ווי מאַנכע אַמעריקאַנער און ליבעראַלע ענגלישע היסטאָריקער האָבן דאָס געטאָן. אָבער אַף וויפיל פערזאָנען באַווירקן דעם גאַנג פון דער געשיכטע, האָבן די צוויי געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין דער היסטאָרישער דראַמע, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

אין פעברואַר, 1763, האָט די ענגלישע רעגירונג אַנאָנסירט אַ „נייע סיסטעם" פון קאָלאָניאַלער רעגירונג. דער תוך פון דער נייער פּאָליטיק האָט זיך אויסגעדריקט אין איינפירן אַ שטרענגערן קאָנטראָל איבער די קאָלאָניעס, וואָס זאָל דורכגעפירט ווערן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט דער הילף פון אַ שטענדיקער ארמיי פון 10 טויזנט מאַן, וועלכע זאָל אַריינגעשיקט ווערן אין די קאָלאָניעס צו לערנען די "רעבעלן" דרך־ארץ.

אָט־די נייע פּאָליסי פון דער ענגלישער רעגירונג אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ ריי געזעצן, וואָס האָבן באַצוועקט איינגאַנצן אָפּצושטעלן דעם האַנדל פון די קאָלאָניעס, אַ חוץ דעם האַנדל מיט ענגלאַנד; נאָך מער צו באַגרענעצן די קאָלאָניאַלע אינדוסטריע; און אַנב אורחא צו שאַפן אַ הכנסה פאַר דער ענגלישער רעגירונג דורך אַרויפלייגן ספּעציעלע שטייערן אַף דער באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס. אין אויס־אַרבעטן די דאָזיקע געזעצן האָט גרענוויל געהאַט די נאָענטע קאָאָפּעראַציע פון דעם פּרעזידענט פון דער באָרד אָוו טרייד, טשאַרלס טאַונסהענד.

ס'איז נויטיק זיך צו באַקענען מיט דער דאָזיקער אינסטיטוציע, די באָרד אָוו טרייד, וואָס ענגלאַנד האָט געשאַפן פאַר דורכפירן איר קאָלאָניאַלע פּאָליטיק און באַפעסטיקן זיך אין די קאָלאָניעס.

דער געדאַנק צו שאַפן אַ צענטראַלע אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפט פאַר די קאָלאָניעס איז געקומען פון צוויי ענגלישע סוחרים, וואָס האָבן געפירט אַ גרויסן אויסלענדישן האַנדל און האָבן געהאַט שווערע אינוועסטי־רונגען אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. די דאָזיקע אידייע האָט אין 1660 אָנגענומען אַ באַשטימטע פאָרם, ווען ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט

פון מיניסטאָרן־ראַט, וואָס האָט געדאַרפט אָפּהאַלטן צוויי מאָל א וואָך זיצונגען צו באַטראַכטן פּעטיציעס, מעמאָראַנדומס און אַלערליי פאָר־שלאָגן אין פאַרבינדונג מיט די קאָלאָניעס. די אַרבעט פון דער דאָזיקער קאָמיטע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזוי וויכטיק, אַז צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטענדיקער רעגירונגס־קערפּערשאַפט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען, די באָרד אָוו טרייד ענד פּלאַנטיישאָנס. די באָרד אָוו טרייד איז געוואָרן די אַלערהעכסטע קערפּער־שאַפט אין פראַגן פון קאָלאָניאַלער פּאָליטיק און האָט, ווייניקסטנס טעאָרעטיש, קאָנטראָלירט יעדן צווייג פון דער קאָלאָניאַלער ווירטשאַפט.

ביז ערב דער רעוואָלוציע איז די באָרד אָוו טרייד געווען די איינציקע אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאַלטן אין אירע הענט אַלע פעדים פון די אַמערי־קאַנער ענינים. אויב אַן ענגלישער סוחר, אָדער פאַבריקאַנט, האָט געהאַט אַ קלאָגע קעגן אַ קאָלאָניאַלער אַסעמבלי, קעגן דער האַנדלונג פון אַ קאָ־לאָניאַלן באַאַמטן, אָדער האָט געוואָלט מאַכן וועלכן ס'איז פאָרשלאָג אין פאַרבינדונג מיט די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, איז די באָרד אָוו טרייד שטענדיק געווען גרייט אים אויסצוהערן; אין אָט דער באָרד האָט ער געקאָנט זיין זיכער צו געפינען סימפּאַטיע פאַר יעדן פאָרשלאַג, וואָס האָט באַצוועקט צו פאַרשטאַרקן דעם קאָנטראָל פון ענגלאַנד איבער דעם האַנדל און דער אינ־דוסטריע פון די קאָלאָניעס; צו קריגן אַ גינסטיקע אַנטשיידונג, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיינע תביעות אין אַ סכסוך מיט אַן אַמעריקאַנער סוחר, אָדער זיין אייגנטום־רעכט אין אַ סכסוך מיט אַן אַמעריקאַנער אַסעמבלי.

דער כהן גדול פון אָט־דעם הויפּט־קאָמיטעט פון בריטישער קאָלאָניאַלער הערשאַפט און דער הויפּט פון דער ביוראָקראַטישער רעגירונגס־מאַשין האָבן באַלד ווי ס'האָט זיך געענדיקט די זיבן־יאָריקע מלחמה גענומען אויס־אַרבעטן קאָנקרעטע מיטלען צו פאַרווירקלעכן די נייע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק. זייער ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו געפינען אַ מיטל, אַז די ענגלישע באַאַמטע אין די קאָלאָניעס זאָלן דורכפירן די פּאַרלאַמענטאַרישע אַקטן, וואָס זיינען אין משך פון יאָרן ניט דורכגעפירט געוואָרן. אַלס אָנהויב האָבן זיי געמאַכט אַ פאַרזוך צו מאַכן אַ סוף צו שמוגלעריי, וואָס האָט פּאַקטיש צונישט געמאַכט די געזעצן וועגן האַנדל און נאַוויגאַציע אין די קאָלאָניעס.

די היסטאָריקער, וואָס אונטערשטרייכן די אישו פון שמוגלעריי אַלס די הויפּט־אישו פון דער רעוואָלוציע, זיינען ניט גערעכט און איבערטרייבן

זייער שטאַרק די ראָלע, וואָס שמוגלעריי האָט געשפּילט אין דעם קאָנפליקט. די הויפּט־אישו פאַר די ברייטע מאַסן, וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אין דער רעוואָלוציע, איז געווען, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען, די פראַגע פון לאַנד. ס'איז אָבער ניטאָ קיין צווייפל, אַז די אונטערדריקונג פון שמוגלעריי האָט אונטער די באַדינגונגען פון די האַנדל־ און נאַוויגאַציע־געזעצן געמיינט די אונטערדריקונג פונעם האַנדלס־לעבן אין די מערסטע קאָלאָניעס, ספּעציעל אין ניי־ענגלאַנד. מיר ווייסן שוין, אַז וואָס איז שייך דעם צוקער־סיראָפּ אַקט פון 1733, איז אין די קאָלאָניעס אַפילו ניט געמאַכט געוואָרן קיין אָנשטעל אים אָפּצוהיטן. און דער האַנדל מיט וועסט־אינדיע איז, ווי מיר האָבן געזען, געווען אַ גאַר וויכטיקער טייל פונעם קאָלאָניאַלן האַנדל. נאָכמער, אַזוי פיל עדות האָבן דערציילט וועגן דעם גרויסן האַנדל מיטן שונא, פראַנקרייך און שפּאַניע, אין דער צייט פון דער זיבן־יאָריקער מלחמה, ווען די קאָלאָניעס אַליין זיינען געווען אָנגעצונדן מיט אַ פייער פון פּאַטריאָטיזם, אַז מען קאָן זיין זיכער, אַז אין פרידנס־צייטן, ווען שמוגלעריי איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גאַנץ אָנשטענדיקע באַשעפטיקונג, האָט דער „אומגעזעצלעכער" האַנדל דערגרייכט גאָר גרויסע פּראָפּאָרציעס.

דער צוקער־סיראָפּ אַקט פון 1764

גרענוויל און טאַונסהענד האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דעם נייעם טאַריף־געזעץ, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, אין 1764, צו שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס: אָפּשטעלן שמוגלעריי אין די קאָלאָניעס און אַריינברענגען אַ היפּשע אַפּותיקא אין דער מלוכה־קאַסע. דער נייער טאַריף־געזעץ האָט רעדוצירט דעם אָפּצאָל אויף סחורות, וואָס ווערן אַריינגעפירט אין די קאָלאָניעס. אַ נייער טאַריף איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף קאַפע, וויין, זיידנס, פראַנצויזישן באַטיסט און אַנדערע סחורות. דער אָפּצאָל אויף אָט די אַלע סחורות איז ניט געווען אַזוי הויך, אַז ער זאָל זיך ערנסט אָפּרופן אויפן לעגיטימען האַנדל פון די קאָלאָניעס.

אָבער אין אָט דעם געזעץ האָבן גרענוויל און טאַונסהענד אַריינגעשריבן, וואָס מען רופט אין ענגליש, אַ „דזשאָוקער". אויף צוקער־סיראָפּ, וואָס איז געווען דער וויכטיקסטער אַרטיקל פונעם האַנדל אין ניי־ענגלאַנד, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַן אָפּצאָל פון דריי פּענס. די צוויי ענגלישע מיניסטאָרן

האָבן, ווייזט אויס, געגלויבט, אַז דער אָפּצאָל איז אַזוי קליין, אַז ער וועט דורכגיין אומבאַמערקט און די אַמעריקאַנער ברייזער וועלן קאָנען צאָלן דעם דאָזיקן שטייער און ניט דאַרפֿן צופֿיל העכערן דעם פּרייז פֿון שנאַפּס.

דאָס וויכטיקסטע אָבער איז געווען די „ציין", ווי מען זאָגט אין ענגליש, וואָס דער נייער טאַריף־געזעץ האָט פֿאַרמאָגט. גרענוויל און טאַונסהענד האָבן ניט געמיינט צו שפּילן זיך מער מיט די קאָלאָניעס אין פּאַפּירענע געזעצן. דער נייער טאַריף־געזעץ האָט פֿאָרגעשריבן ספּעציעלע מיטלען, וואָס זאָלן באַוואָרענען, אַז דער אָפּצאָל זאָל איינגעמאָנט ווערן. די רעגירונג האָט אויך אָנגענומען אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, וואָס זאָלן פֿאַרזיכערן, אַז דער נייער געזעץ זאָל ניט בלייבן אויפֿן פּאַפּיר ווי די פֿריערדיקע געזעצן. די קאָמאַנדירן פֿון ענגלישע קריגס־שיפֿן האָבן געקראָגן די פֿולמאַכט צו באַזוכן און פֿאַרכאַפּן האַנדלס־שיפֿן אין אַמעריקאַנער וואַסערן, וואָס ווערן פֿאַרדעכטיקט אין שמוגלען צוקער־סיראָפּ אין די קאָלאָניעס. די ענגלישע צאָל־באַאַמטע האָבן געקראָגן שטרענגע אינסטרוקציעס צו זיין פֿלייסיק אין אָפּהיטן די נאַוויגאַציע־געזעצן. דעם דאָזיקן פֿלייס האָט די רעגירונג געהאָפֿט צו פֿאַרשטאַרקן דורך גרויסע באַלוינונגען פֿאַר די באַאַמטע, וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אין כאַפּן די ברעכער פֿון דעם צוקער־טאַריף. אין לאָנדאָן האָט מען גוט געוואוסט, אַז פֿאַר די באַאַמטע זיינען די טאַריף־געזעצן אַ קוואַל פֿון איינקונפֿט. די שמוגלער האָבן, ווען נויטיק, געוואוסט דעם קונץ פֿון אונטערשמירן אַ צאָל־באַאַמטן. די גרויסע באַלוינונגען האָבן באַצוועקט צו שמירן די צאָל־באַאַמטע פֿון דער אַנדער זייט — פֿון דער רעגירונג־זייט.

דער רעזולטאַט איז אָבער געווען אַ גאַנץ אומדערוואַרטעטער פֿאַר די פֿאַרפֿאַסער פֿון דעם צוקער־סיראָפּ אַקט. די שטרענגע דורכפֿירונג פֿון דעם צוקער־טאַריף האָט געפֿירט צו דעם, אַז דער פּרייז אויף צוקער־סיראָפּ איז געשטיגן אויף גאַנצע צוואַנציק פּראָצענט. די אַמעריקאַנער ברייזער האָבן אויף אַזויפֿיל ניט געקאָנט העכערן דעם פּרייז פֿון שנאַפּס און האָבן דעריבער צוריקגעהאַלטן זייערע באַשטעלונגען אויף צוקער־סיראָפּ. די שיף־איינגנטימער, וואָס זיינען מער ניט געווען זיכער מיט פֿראַכט אויף זייער וועג צוריק פֿון די וועסט־אינדיע אינזלען, האָבן פֿאַרהאַלטן זייערע שיפֿן אין די אַמעריקאַנער האַפֿנס. די געהילץ, מעל, געזאַלצענע פֿיש און פֿלייש, וואָס די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן פֿלעגן פֿאַרקויפֿן אין וועסט־אינדיע, זיינען פֿאַרבליבן פֿוילן אין

די ווערהייזער פון די קאָמיסיאָנערן. אין די קאָלאָניעס האָט אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער קריזיס. פּרייזן זיינען געפאַלן, ארבעטער זיינען ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע באַשעפטיקונגען, פאַרמערס האָבן פאַרלאָרן זייער אַפּזאַץ־מארק. דער קריזיס אין די קאָלאָניעס האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט ניט אָנרירן ענגלאַנד, וואו די געליטענע האָבן אויפגעהויבן אַ ויצעקו קעגן דער נייער פּאָליטיק.

נאָך דעם זעלביקן יאָר איז שוין געווען קלאָר אין ענגלאַנד, אַז דער צוקער־סיראָפּ טאַריף וועט ניט ברענגען די רעזולטאַטן, וואָס די רעגירונג האָט געהאָפט צו דערגרייכן דורך דעם געזעץ; אַז די איינקונפט פונעם צוקער־טאַריף וועט ניט דעקן די אויסגאַבן פאַר דער „נייער רעגירונג־סיסטעם", וואָס דער ענגלישער מיניסטעריום האָט געפּלאַנעוועט פאַר די קאָלאָניעס. אָבער גרענוויל איז שוין געווען גרייט מיט אַ נייעם פּלאַן, ווי אַזוי ארויסצוקריגן 100 טויזנט פונט אַ יאָר פון די קאָלאָניעס פאַר זיינע „רעפאָרמען".

דער סטעמפּ־אַקט

מאָדערנע פאַרטיידיקער פון דער גרענוויל־טאַונסהענד פּאָליטיק אין די קאָלאָניעס ווייזן אָפּט אָן, אַז דער לאחר־המעשה מעטאָד פון קריטיק איז ניט דער בעסטער היסטאָרישער מעטאָד. אַזוי שרייבט דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער, סידני דזשאָרדזש פישער, וועלכער זוכט אין זיין גוט־דאָקומענטירטער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע קלאָר צו מאַכן דעם שטאַנדפּונקט פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער טאָריס:

> „נאָכדעם ווי אַ גרויסע פּאָליטישע באַוועגונג אָדער עקספּערימענט איז דורכגעפאַלן, איז גרינג גענוג צו זאָגן, אַז מען האָט עס קיינמאָל ניט געדאַרפט אונטערנעמען, אָדער כאַראַקטעריזירן דעם עקספּערימענט אַלס אַן אַבסורד. נאָכדעם ווי אַ פּאַסירונג איז פאַרגעקומען, קאָנען מיר אַלע זען די טעותן. די וויכטיקע און די שווערע זאַך איז פאָרויסצוזען דאָס, וואָס עס וועט פּאַסירן." *)

כדי צו קאָנען פאָרויסזען, וואָס ס'וועט היסטאָריש פּאַסירן, איז נויטיק צו האָבן אַ חוש פאַר דער ווירקלעכקייט. און אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן, האָט

*) ס. דזש. פישער, דער קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 69.

די געשיכטע אונז באוויזן, פארלירן יעדן חוש פאר דערווירקלעכקייט. דער ענגלישער פעאדאליזם איז אין דער הינזיכט קיין אויסנאם ניט געווען. ווארים ס׳וואלט געווען א טעות צו גלויבן, אז די אמעריקאנער רעוואלוציע איז אויסגעבראכן פון א בלויען הימל; אין די קאלאניעס זיינען געווען גענוג אנזאגן פון דעם אנקומענדיקן שטורעם.

דעם קעניג׳ס מיניסטארן האבן זיכער געוואוסט די שטימונג אין די קאלאניעס; זיי האבן דא געהאט זייערע אגענטן, וואס האבן זיי געהאלטן גוט אינפארמירט וועגן די געשעענישן אין די קאלאניעס; זיי האבן, למשל, ניט געקאנט ניט וויסן וועגן דעם גרויסן רושם, וואס ס׳האט געמאכט אין די קאלאניעס דער קאמף ארום דער פראגע וועגן די ריטס אוו אסיסטענס, וואס איז פארגעקומען סאמע ערב דער דורכפירונג פונעם צוקער־סיראפ אקט.

דער דאזיקער קאמף האט געהאט צו טאן מיט דער עצם פאליסי, וואס די ענגלישע רעגירונג האט זיך גענומען דורכפירן מיט א שטארקער האנט אין די קאלאניעס. די ריטס אוו אסיסטענס זיינען געווען דאקומענטן, וואס די ענגלישע צאל־באאמטע האבן ארומגעטראגן אין זייערע קעשענעס, און וואס האבן זיי בארעכטיקט צו יעדער צייט אריינצורייסן זיך אין א הויז פון א קאלאניסט, ווען זיי האבן פארדעכטיקט אין באהאלטן אריינגעשמוגלטע סחורות, און דורכפירן אן אונטערזוכונג. די דאזיקע דאקומענטן פלעגן ארויסגעגעבן ווערן פון די געריכטן אין די קאלאניעס. די קאלאניסטן, אדער ווי די טאריס האבן געזאגט, די שמוגלער, זיינען געווען שטארק אומצופרידן מיט אט דער מאכט, וואס איז געגעבן געווארן צו ענגלישע רעגירונג־באאמטע, צו מאכן אומבארעכטיקטע אין די מערסטע פאלן אבלאוועס אף זייערע היימען.

אין 1761, איז אין מאסאטשוסעטסער געריכט פארגעקומען א פארהער וועגן דער אפליקאציע פון א צאל־באאמטן, פאקסטאן, פאר א ריט אוו אסיסטענס. א צאל באסטאנער סוחרים האבן אריינגעבראכט א פעטיציע אין געריכט קעגן ארויסגעבן דעם דאזיקן דאקומענט אפן גרונט, וואס די ריטס זיינען אומגעזעצלעך; זיי האבן אנגעשטעלט צוויי בארימטע אדוואקאטן, טהעטשער און דזשיימס אטיס, צו איבערצייגן די ריכטער, אז אזעלכע טיראנישע דאקומענטן זאלן ניט ארויסגעגעבן ווערן אין אמעריקע.

דער הויפט־ריכטער איז געווען דער ליוטענאנט־גאווערנאר פון מאסא־טשוסעטס, האטשינסאן, א פארביסענער טארי, כאטש א געבארענער אמערי־

קאַנער. דער אויסגאַנג פון דעם פּראָצעס איז געווען אַ פּאָרויס־באַשטימטע זאַך. האַטשינסאָן האָט געהאַלטן, אַז די איינציקע גלעגנהייט, וואָס די צאָל־באַאַמטע האָבן צו אַנטדעקן קאָנטראַבאַנדע, איז ווען די געשמוגלטע אַרטיקלען זיינען שוין געלאַנדעט אין די קאָלאָניעס, אָבער כדי זיי אויסצוגעפינען, איז נויטיק, אַז די צאָל־באַאַמטע זאָלן קאָנען צו יעדער צייט דורכפירן אַן אונטערזוכונג אין אַ הויז, וואָס זיי פאַרדעכטיקן, אַז דאָרט ווערט באַהאַלטן קאָנטראַבאַנדע.

דזשיימס אָטיס

אָבער דזשיימס אָטיס האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע פאַרן געריכט, ניט אַזוי פאַר די ריכטער, ווי פאַר דעם גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם געריכט־זאַל. סעמועל אַדאַמס, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ סטודענט אָפּן יורידישן פאַקולטעט אין האַרוואַרד, האָט אונז איבערגעלאָזן אַ גענויע באַשרייבונג פון דעם פּראָצעס און פון דעם איינדרוק, וואָס אָטיס'עס רעדע האָט געמאַכט אין מאַסאַטשוסעטס. אָטיס'עס רעדע, שרייבט אַדאַמס, איז געווען אַ „פלאַם־פייער". ער האָט אַטאַקירט די גאַנצע סיסטעם פון די האַנדל־ און נאַוויגאַציע־געזעצן. ער האָט דערקלערט און געזוכט צו באַווייזן, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט בכלל ניט קיין רעכט אָנצונעמען געזעצן פאַר די קאָלאָניעס, זייענדיק דער ערשטער, וואָס האָט געוואַגט אַרויסצוקומען אין

דער עפנטלעכקייט מיט דער דאָזיקער טעאָריע. ער האָט חוזק געמאכט און געשטורעמט קעגן דער טעאָריע פון מערקאנטיליזם, לייענענדיק לאנגע ציטאטן פון די שריפטן פון די מערקאנטיליסטישע טעאָרעטיקער צו באווייזן די פאר־אכטונג, מיט וועלכער זיי האָבן זיך באצויגן צו די אַמעריקאנער קאָלאָניסטן, די צונעמען מיט וועלכע זיי האָבן באצייכנט די אַמעריקאנער.

און די דאָזיקע ארויסרופנדיקע רעדע איז געוואָרפן געוואָרן אין פנים פון ענגלישע ריכטער און א הויכן ענגלישן רעגירונג־באאמטן, וועלכער איז אויך געווען דער הויפּט־ריכטער. אדאמס שרייבט, אז די דאָזיקע רעדע איז געווען דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע. אויב זי איז ניט געווען דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, איז זי אָבער זיכער געווען אַן אויסדרוק פון די שטימונגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן רייף צו ווערן אין די קאָלאָניעס — אָטיס'עס רעדע, כאָטש זי איז אין ערגעץ ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז ארומגעגאנגען פון מויל צו מויל אין מאסאטשוסעטס און אין אנדערע קאָלאָניעס. אָטיס איז באטראכט געוואָרן ווי א העלד.

דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דער ענגלישער רעגירונג דורכצופירן דעם צוקער־סיראָפּ אַקט, וואָס האָט נאָך געזאָלט פארשטארקן די איבלען, קעגן וועלכע אָטיס איז ארויסגעטראָטן און איז שטארק אפּלאָדירט געוואָרן פון די פאָרגעשריטענע עלעמענטן אין די קאָלאָניעס. פונקט אזוי האָט די רעגירונג ניט פארשטאנען, אָדער זיך ניט גערעכנט מיט דער שטימונג פון די קאָלאָ־ניסטן, ווען דער פארלאמענט האָט אָנגענומען גרענוויל'ס נייעם פּלאַן, דעם סטעמפּ־אַקט. „מיר האָבן פונקט אזוי געקאָנט אָפּשטעלן דעם גאנג פון דער זון!" — האָט בענדזשאמין פרענקלין אויסגעשריען, באריכטנדיק וועגן די פארהאנדלונגען אין פארלאמענט, וואו ער האָט פארטראָטן די קאָלאָניעס אין זייער קאמף קעגן דער דורכפירונג פון דעם נייעם געזעץ.

אַף אזויפיל דארף מען געבן גרענוויל'ן קרעדיט: ער האָט זיין נייעם פּלאַן ניט געהאלטן בסוד. נאָך דעם 10טן מאי, 1764 — דער באַרימטער יאָר, ווען די ענגלישע רעגירונג האָט גענומען דורכפירן איר פּאָליטיק פון רעאָרגאניזירן די אַמעריקאנער קאָלאָניעס — ווען דער פארלאמענט האָט אָנ־גענומען דעם צוקער־סיראָפּ אַקט, האָט גרענוויל דערקלערט אין זיין רעדע אין פארלאמענט, אז דער נייער טאריף, וואָס דער פארלאמענט האָט אָנגענומען, באצוועקט ארויפצולייגן אַן אויסערלעכן שטייער אַף די קאָלאָניעס, אז ער פּלאַנעוועט אָבער אויך אַן אינערלעכן שטייער.

גרענוויל און טאַונסהענד האָבן געאַרבעט אַ יאָר צייט אויף די איינצלהייטן פון אָט דעם אינערלעכן שטייער. די רעגירונג האָט אפילו געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי וויל הערן די מיינונגען און די פאָרשלאָגן פון די קאָלאָניסטן. ווען דער געזעץ איז אָבער ענדלעך אָנגענומען געוואָרן, אין פרילינג 1765, האָט ער אויפגעריסן ווי אַ באָמבע אין די קאָלאָניעס.

דער נייער גרענוויל־טאַונסהענד פּלאַן פאַר די קאָלאָניעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ שטייער אין דער פאָרם פון אַ סטעמפּ (אַ מאַרקע) האָט געזאָלט אַרויפגעקלעפּט ווערן אויף יעדן געזעצלעכן דאָקומענט, וואָס איז אויסגעמאַכט געוואָרן אין די קאָלאָניעס — קאָנטראַקטן, צוואות, היפּאָטעקן, וועקסלען, א. אז. וו. — און אויך אויף יעדן געדרוקטן אַרטיקל, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פאַרן פאַרקויף, ווי פּאַמפלעטן, צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, קאַרטן, געדרוקטע בלאַנקן, א. אז. וו. די באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס וואָלט זיך פּשוט ניט געקאָנט אַ ריר טאָן אָן אַ סטעמפּ.

ספּעציעלע מאַרקע־פאַרטיילער, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען ניט בלויז צו פאַרטיילן די מאַרקעס, נאָר צו שפּיאָנירן אויף די, וואָס האָבן געפּרואווט זיך אויסצודרייען פון קויפן די פאַרהאַסטע מאַרקעס, זיינען באַשטימט געוואָרן אין די הונדערטער. זיי האָבן געדאַרפט אָפט באַזוכן די געריכטן, די אָפיסעס פון אַדוואָקאַטן און באַריכטן וועגן יעדן פאַל, וואָס זיי האָבן געוואוסט וועגן ניט־אויספאָלגן דעם געזעץ. דער כיטרער גרענוויל האָט אָנגעבאַשטימט, אַז פאַר די אַמטן פון מאַרקע־פאַרטיילער זאָלן אָנגעשטעלט ווערן בלויז געבאָרענע אַמעריקאַנער, און ער האָט זיך שפּעטער איבערגענומען מיט אָט דעם פּראָוואָקאַטאָרישן איינפאַל.

די שטראָף פאַר ניט אַרויפקלעפּן אַ שטייער־מאַרקע אויף אַ געזעצלעכן דאָקומענט האָט געזאָלט זיין פון 5 ביז 50 פונט; פאַר פאַרקויפן צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס האָבן ניט געהאַט די שטייער־מאַרקע, האָט מען געזאָלט באַשטראָפן מיט 40 שילינג; פאַר פעלשן שטייער־מאַרקעס האָט מען געזאָלט באַשטראָפן מיט טויט־שטראָף.

צוזאַמען מיט דעם סטעמפּ־אַקט זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן צוויי ספּעציעלע געזעצן, דער מיוטיני־אַקט און דער קוואָרטערינג־אַקט, וואָס האָבן באַצוועקט, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן אויסהאַלטן אויף זייער אייגענעם חשבון אַ גרויסע ענגלישע אַרמיי אין די קאָלאָניעס. די פאַרפאַסער פון דעם סטעמפּ־

אַקט האָבן געוואוסט, אַז קיין גרינגן ביסן וועלן זיי אין די קאָלאָניעס מיט אַט־דעם געזעץ ניט האָבן ; זיי האָבן זיך דעריבער געוואָלט פון סאַמע אָנהויב באַוואָרענען מיט סאָלדאַטן, וואָס זאָלן אָפּן שפּיץ פון באַגנעט צווינגען די קאָלאָניסטן זיך אונטערוואַרפן דעם געזעץ.

אָרטאָדאָקסישע אַמעריקאַנער היסטאָריקער, ריידנדיק וועגן דעם סטעמפּ־אַקט און וועגן דעם קאַמף, וואָס ער האָט אַרויסגערופן אין די קאָלאָניעס, פאַלן אַריין אין גרויס פּאַטאָס וועגן די הויכע פּרינציפּן, וואָס די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן האָבן פאַרטיידיקט אין באַקעמפן דעם מאַרקע־שטייער. זיי דער־קלערן דעם ווידערשטאַנד פון די קאָלאָניסטן קעגן דעם סטעמפּ־אַקט מיט זייער פּרינציפּיעלער שטעלונג אין דער פראַגע פון שטייערן — אַז אַ רעגירונג קאָן ניט אַרויפלייגן קיין שטייערן אויף דער באַפעלקערונג אָן דער צושטימונג פון די דערוויילטע פאַרטרעטער פון דער באַפעלקערונג — „נאָ טעקסיישאָן וויטאַוט רעפּרעזענטיישאָן", דער באַרימטער לאָזונג, אונטער וועלכן דער קאַמף קעגן דעם סטעמפּ־אַקט איז געפירט געוואָרן. אין דער אמת'ן אָבער האָט זיך דאָ גע־האַנדלט וועגן אַ מער וואָכעדיקן ענין.

די סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם ווידערשטאַנד קעגן דעם סטעמפּ־אַקט, איז ניט געווען די שטייערן־טעאָריע פון די אָנהענגער אָדער קעגנער פון דעם סטעמפּ־אַקט, נאָר אַ ריין־עקאָנאָמישע. ס'האָט זיך אין תוך גע־האַנדלט וועגן דער פראַגע פון פּאַפּיר־געלט אין די קאָלאָניעס.

מיר האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן פּאַפּיר־געלט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.*) דער נייער מאַרקע־שטייער האָט געזאָלט מאַכן אַ סוף צו דעם קו־האַנדל צווישן דעם קאָלאָניאַלן גאָווערנאָר און דער קאָלאָניאַלער אַסעמבלי.

נאָך אין 1763, איז די באָרד אָוו טרייד פאַרוואָרפן געוואָרן מיט קלאַגעס וועגן פּאַפּיר־געלט אין די קאָלאָניעס. די ענגלישע סוחרים האָבן אין דער צייט פון דער זיבן־יאָריקער מלחמה אַריבערגעשיקט מאַסן פּראָדוקטן און סחורות אין די קאָלאָניעס. געהייסן האָט עס, אַז זיי טוען דאָס צוליב זייער גרויסן פּאַטריאָטיזם — צו העלפן די קאָלאָניעס אינעם קאַמף אַרויסצוטרייבן פראַנק־רייך פון אַמעריקע. ווען ס'איז אָבער געקומען צום באַצאָלן, האָט זייער פּאַטריאָטיזם אינגאַנצן אויסגעוועפּט. זיי האָבן געפּאָדערט, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן זיי צאָלן מיט גאָלד, אָדער זילבער, און ניט מיט די ווערטלאָזע פּאַפּיר־

*) זע, דער געבורט פון אַ נאַציע, באַנד 1 פון דער דאָזיקער געשיכטע.

לעך, וואָס מען האָט גערופן געלט אין די קאָלאָניעס. אין די קאָלאָניעס זיינען אָבער די דאָזיקע פּאַפּירלעך געווען געזעצלעכע געלט, וואָס מען האָט געמוזט אָננעמען אין יעדער טראַנסאַקציע. דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט דעריבער דורכגעפירט יענעם יאָר אַ געזעץ, וואָס האָט אַנולירט אַלע קאָלאָניאַלע געזעצן, וואָס האָבן אויטאָריזירט און געמאַכט געזעצלעך דאָס אַרויסלאָזן פון פּאַפּיר־געלט.

אָט די האַנדלונג פון פּאַרלאַמענט האָט שטאַרק געטראָפן די אָרימערע באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס, וואָס האָט שוין ניט איינמאָל באַקעמפט די אייגענע רייכע סוחרים, וועלכע זיינען אויך געווען קעגן פּאַפּיר־געלט. וואָלן אין די אַסעמבלים זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן אַרום דער דאָזיקער אישו; און כל זמן דער גאָווערנאָר האָט געמוזט אָנקומען צו דער אַסעמבלי פאַר זיין בודזשעט, האָבן זיך די קאָלאָניסטן זיכער ניט געקימערט וואָס פאַר אַ געזעצן דער פּאַרלאַמענט פאַרפאַסט דאָרט אין לאָנדאָן. דאָ אין די קאָלאָניעס זיינען די אָנהענגער פון פּאַפּיר־געלט געווען איבעראַל זיגרייך און דאָס האָט געמיינט, אַז דער גאָווערנאָר וועט מוזן אונטערשרייבן די געזעצן וועגן אַרויסלאָזן אַזויפיל און אַזויפיל פּאַפּיר־געלט, אָדער קריגן אַ פייג, ניט קיין שכירות.

דער נייער מאַרקע־שטייער האָט אָבער אַוועקגענומען אָט דעם וואָפן פון די קאָלאָניסטן. דער מאַרקע־שטייער האָט געדאַרפט דעקן די שכירות פון אַלע ענגלישע באַאַמטע אין אַמעריקע; זיי האָבן איצט געזאָלט קריגן זייערע שכירות דירעקט פון דער ענגלישער רעגירונג פון די געלטער, וואָס דער מאַרקע־שטייער וועט אַריינברענגען. דאָס האָט געמיינט, אַז די אַסעמבלים וועלן פאַרלירן די בייטש, וואָס זיי האָבן געהאַט איבער די גאָווערנאָרס זיי צו צווינגען אונטערשרייבן געזעצן קעגן דעם ווילן פון די ענגלישע באַאַמטע — צווישן זיי אויך געזעצן וועגן פּאַפּיר־געלט.

„דער סטעמפּ־אַקט מיינט, אַז פּאַפּיר־געלט וועט אָפּגעשאַפט ווערן" — איז געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט קעגן דעם סטעמפּ־אַקט אין די קאָלאָניעס, שטאַרקער ווי די באַרימטע אישו וועגן „נאָ טאַקסיישאָן וויטאַוט רעפּרעזענטיישאָן". פּאַפּיר־געלט איז געווען אַן עקאָנאָמישע אישו, אין וועלכער יעדער פאָלקס־מענטש איז געווען פאַראינטערעסירט. און אויב אין די אָפיציעלע רעדעס און אַרגומענטן האָט מען אַרויסגערוקט די פּאָליטישע אישו וועגן רעכט פון פּאַרלאַמענט צו באַשטימען שטייערן פאַר די קאָלאָניעס, ווען

זיי האָבן דאָרטן ניט קיין דערוויילטע פאַרטרעטער, האָבן די ברייטע מאַסן אויסגעטייטשט דעם דאָזיקן אַרגומענט אין זיין ריכטיקן עקאָנאָמישן אונטער־שלאַק: מיר ווילן ניט צאָלן קיין חובות, וואָס מיר אָנערקענען ניט.

די קאָלאָניעס צווינגען די ענגלישע רעגירונג צוריקצורופן די שטייערן

דער סטעמפּ־אַקט האָט כמעט ניט געהאַט קיין קעגנערשאַפט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. אַ פּאָר פירער פון די וויגס האָבן געהאַלטן רעדעס קעגן דעם פאָרגעשלאָגענעם געזעץ־פּראָיעקט. אַ פראַזע, וואָס איינער פון די וויגס, באַרי, האָט באַנוצט אין דער דעבאַטע אין פּאַרלאַמענט — די „זין פון פרייהייט״, איז אָבער גאָר גיך געוואָרן אַ שלאָג־וואָרט אין די קאָלאָניעס. אָרגאַניזאַציעס מיטן נאָמען די „זין פון פרייהייט״ האָבן זיך גענומען גרינדן אין אַלע קאָלאָניעס. דאָס זיינען געווען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע קאָמי־טעטן אין אַמעריקע, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַקעמפן דעם נייעם געזעץ דורך מאָביליזירן, אויב ס׳וועט זיין נויטיק, „זייער גאַנצע מאַכט״ צו העלפן די, וואָס וועלן זיין אין געפאַר פון סטעמפּ־אַקט.

די נייעס וועגן דעם, אַז דער סטעמפּ־אַקט איז דורכגעגאַנגען אין פּאַר־לאַמענט, איז אָנגעקומען אין אַמעריקע אין מאַי, און באַלד איז אין דער ווירדזשיניע־אַסעמבלי, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגעהאַלטן איר זיצונג, אַריינגע־בראַכט געוואָרן אַ צאָל רעזאָלוציעס וועגן דער שטייערן־פראַגע, דערקלערנדיק, אַז שטייערן אויף דער באַפעלקערונג פון ווירדזשיניע קאָנען אַרויפגעלייגט ווערן נאָר דורך אירע אייגענע פאַרטרעטער, אַז שטייערן, וואָס דער ענגלישער פּאַר־לאַמענט לייגט אַרויף אויף דער באַפעלקערונג פון ווירדזשיניע, זיינען ניט־געזעצלעך און אומגערעכט, און אַז די באַפעלקערונג פון ווירדזשיניע איז דעריבער ניט פאַרפליכטעט זיך אונטערצוּוואַרפן אונטער אַזעלכע געזעצן פון ענגלישן פּאַרלאַמענט.

דער פאַרפאַסער פון די רעזאָלוציעס איז געווען אַ נייער, נאָר־וואָס דערוויילטער מיטגליד פון דער אַסעמבלי, פּעטריק הענרי, אַ מיטגליד פון דער וויג־אָפּאָזיציע צו דער ענגלישער רעגירונג. די פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציעס, וואָס האָבן גערופן צו שטעלן זיך קעגן ענגליש־געמאַכטע געזעצן און באַ־צייכנט אַלס שונאים די, וואָס העלפן דורכפירן אָט די געזעצן אין די קאָלאָניעס, האָבן אָנגעמאַכט אַ טומל אין דער אַסעמבלי. די טאָריס האָבן באַטראַכט

העגרי'ס פאָרשלאָג אלס הויך־פאררעט. און ווען ער האָט געהאלטן זיין בארימטע רעדע אין פארטיידיקונג פון זיינע רעזאָלוציעס, וואו ער האָט געזאָגט: „צעזאר האָט געהאט זיין ברוטוס, טשארלס דער ערשטער זיין קראָמוועל און דזשאָרדזש דער דריטער מעג פּראָפיטירן דורך זייער בייּ־שפּיל,” האָבן די טאָריס אים אונטערגעבראָכן מיט די געשרייען: „פאר־ראַט! פארראט!” העגרי האָט זיי אָבער שטיל געמאכט מיט זיין בארימטן אויסרוף: „אויב דאָס איז פארראט, איז מאכט דאָס בעסטע, וואָס איר קאָנט פון דעם.”

פעטריק העגרי

ניט געקוקט אף די טאָריס, זיינען העגרי'ס רעזאָלוציעס אָנגענומען גע־וואָרן אין דער פולער זיצונג פון דער אסעמבלי, נאָר ווען א קאָמיטע האָט דעם נעקסטן טאָג אריינגעבראכט די זעלביקע רעזאָלוציעס פאר אן ענדגילטיקער ראטיפיקאציע, האָט זי אמענדירט די שטעלן, וואָס זיינען באטראכט געוואָרן אלס פארדעטעריש צו ענגלאנד. די אָפיציעלע רעזאָלוציע איז דעריבער געוועזן ניט מער ווי אן ארגומענט קעגן דער אויטאָריטעט פון פארלאמענט ארויפ־צולייגן שטייערן אף אמעריקע. אָבער קאָפּיעס פון די אָריגינעלע רעזאָלוציעס,

ווי הענרי האָט זיי פֿאָרגעשלאָגן, זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן קיין ניו יאָרק און פֿילאַדעלפֿיע, וואו מען האָט זיי באַטראַכט און דיסקוסירט אַף די געהיימע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס; אָבער קיינער האָט אין אָט די שטעט, ווייזט אויס, נאָך ניט געוואַגט צו פֿאַרעפֿנטלעכן די דאָזיקע רעזאָלוציעס אין דער פּרעסע. אין ניי־ענגלאַנד זיינען די רעזאָלוציעס אָנגעקומען אין מיטן יוני און דאָ האָבן זיי אָנגעהויבן דערשיינען אין זייער אָריגינעלער פֿאָרם אין דער ניי־ענגלאַנדער פּרעסע.

„ס'איז געווען" — שרייבט פֿישער — „דער פֿונק, וואָס איז געווען נויטיק, און די אַלגעמיינע באַווייזן פֿון דער צייט זאָגן עדות, אַז די דאָזיקע רעזאָלוציעס זיינען געווען דער אָנהויב פֿון דער לייִדנשאַפֿטלעכער אָפּאָזיציע און די רייאָטן, וואָס האָבן נאָכגעפֿאָלגט דעם גאַנצן זומער. גאָווערנאָר בוירנאַרד פֿון מאַסאַטשוסעטס האָט געזאָגט, אַז ער האָט געגלויבט, אַז דער סטעמפּ־אַקט וועט אָנגענומען ווערן, ביז וואַנען די דאָזיקע רעזאָלוציעס זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן און האָבן געווירקט, ווי אַן אַלאַרם־גלאָק פֿאַר אַלע אומצופֿרידענע. גענעראַל גיידזש, שרייבנדיק פֿון ניו יאָרק, האָט באַצייכנט די רעזאָלוציעס אַלס דעם „סיגנאַל פֿאַר אַן אַלגעמיינעם אויסגעשריי איבערן גאַנצן קאָנטינענט"." *)

די אַסעמבלים אין די אַנדערע קאָלאָניעס האָבן נאָכגעפֿאָלגט דעם ביישפּיל פֿון ווירדזשיניע און האָבן אָנגענומען פֿאַרשיידענע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס. אָבער ניי־ענגלאַנד, וואָס איז דורך דעם צוקער־סיראָפּ אַקט געטראָפֿן געוואָרן מער ווי אַלע אַנדערע קאָלאָניעס, איז געגאַנגען אַ טריט ווייטער אין אָרגאַניזירן אַ פֿאַראייניקטע אָפּאָזיציע קעגן דער ענגלישער רעגירונג. די מאַסאַטשוסעטסער אַסעמבלי האָט זיך געווענדעט מיט אַ רוף צו אַלע קאָלאָניעס צו שיקן דעלעגאַטן צו אַ קאָנגרעס, וואָס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין ניו יאָרק צו באַטראַכטן די געשאַפֿענע לאַגע.

ניין קאָלאָניעס האָבן זיך אָפּגערופֿן אַפֿן רוף. די איבעריקע פֿיר האָבן געענטפֿערט, אַז זיי קאָנען ניט שיקן קיין דעלעגאַטן, דערפֿאַר וואָס זייערע אַסעמבלים האָבן ניט קיין זיצונגען און קאָנען קיין דעלעגאַטן ניט דערוויילן.

אין האַרבסט פֿון 1765 האָט אין ניו יאָרק זיך געעפֿנט דער קאָנגרעס, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער סטעמפּ־אַקט קאָנגרעס. די דעלעגאַטן האָבן איינגעשטימט אַף אַן אַלגעמיינער ליניע, וואָס איז געווען אויסגעדריקט אין אַ צאָל רעזאָלוציעס. די דאָזיקע רעזאָלוציעס האָבן געלויטעט, אַז ענג־

*) פֿישער, דער קאַמף פֿאַר אָמעריקאָנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 83.



„גיב מיר פרייהייט, אָדער גיב מיר טויט!" —
פּעטריק העגרי האַלט זיין באַרימטע רעדע.

לענדער קאנען ניט באשטייערט ווערן אן זייער צושטימונג; די קאלאניעס, צוליב זייער געאגראפישער לאגע, קאנען זיך ניט באטייליקן אין ענגלישן פארלאמענט, דערפאר קאן דער פארלאמענט ניט באשטימען פאר זיי קיין שטייערן. די איינציקע קערפערשאפטן, וואס מעגן באשטימען שטייערן, זיינען די לאקאלע אסעמבלים. דער סטעמפ־אקט בארויבט די אמעריקאנער קאלאניסטן פון זייערע רעכטן און פריוויליגיעס; אנדערע געזעצן, וואס לייגן ארויף צאל אף די קאלאניעס און וואס רעגולירן זייער האנדל, זיינען א שווערע משא אף די קאלאניסטן. דערפאר פאדערט דער קאנגרעס, אז די ענגלישע רעגירונג זאל צוריקרופן די דאזיקע אלע געזעצן; דערביי האבן די דעלעגאטן באגלייט זייערע פאדערונגען מיט אן אויסדרוק פון זייער לאיאליטעט צום קעניג און צו זייער פאטערלאנד, ענגלאנד.

מאנכע היסטאריקער חקרנ'ען זיך איבער דער ניט־אויסגעהאלטנקייט פון דער שטעלונג פון סטעמפ־אקט קאנגרעס. אבער רעוואלוציעס ווערן ניט געמאכט אין איין טאג. זיי האבן זייער אייגענע לאגיק און געזעצן פון אנטוויקלונג. די אמעריקאנער רעוואלוציע איז ניט געווען קיין אויסנאם. צווישן דעם סטעמפ־אקט קאנגרעס און באנקער היל האט די אמעריקאנער רעוואלוציע דורכגעמאכט איר פראצעס פון אנטוויקלונג — פון א לאיאלער אפאזיציע צו א קאמף מיט געווער אין האנט.

אבער שוין דער דאזיקער קאנגרעס איז געגאנגען א שריט ווייטער פון א לאיאלער אפאזיציע. כדי צו דערגרייכן די פאדערונגען, וואס ער האט ארויסגעשטעלט, איז באשלאסן געווארן צו ארגאניזירן א באיקאט אף ענגלישע סחורות.

די אלע באשלוסן פון קאנגרעס וואלטן אבער פארבליבן אפן פאפיר, ווען זיי וואלטן ניט געשטיצט געווארן פון א מאסן־באוועגונג, וואס איז ארגאניזירט געווארן פון די רעוואלוציאנערע „זין פון פרייהייט". די דאזיקע ארגאניזאציעס האבן אריבערגעטראגן דעם קאמף פון די אסעמבלי־ און קאנגרעס־זאלן—אפן גאס. אין משך פון גאנצן זומער, 1765, זיינען אף די גאסן פון באסטאן, ניו יארק, פילאדעלפיע און טשארלסטאן פארגעקומען דעמאנסטראציעס קעגן דעם סטעמפ־אקט, וואס האבן זיך אפט פארענדיקט אין רייאטן. אין באסטאן, למשל, האט א דעמאנסטראציע קעגן סטעמפ־אקט זיך פארענדיקט מיט אן איבערפאל אף דעם אפיס פון איינעם פון די אנגעצייכנטע מארק־פארטיילער. די דעמאנסטראנטן האבן צעטראגן דעם אפיס

אַף שטיקלעך, האָבן צעבראָכן די שויבן און מעבל אין זיין הויז און זיינען פון דאָרטן אַוועק צום געריכט און פאַרברענט אַלע פּאַפּירן און דאָקומענטן. אַפן וועג האָבן זיי צעשמעטערט דאָס הויז פון דעם טאַריף־קאָנטראָליאָר און האָבן פאַרענדיקט מיט אַן אַטאַקע אַף דער היים פון ליוטענאַנט־גאָווערנאָר, האָטשינסאָן, וועלכן זיי האָבן געהאַסט אפשר נאָך מער ווי דעם גאָווערנאָר אַליין. האָטשינסאָן האָט זיך באַהאַלטן, כדי זיך צו ראַטעווען מיטן לעבן.

אָבער דער אמת'ער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט, ווען דער נייער געזעץ האָט געדאַרפט אַריינגיין אין קראַפט, דעם ערשטן נאָוועמבער, 1765. די שיף, וואָס האָט געבראַכט די סטעמפּס אין פילאַדעלפיע, איז אָנגעקומען אין האָפן דעם 5טן אָקטאָבער. באַלד האָבן די גלאָקן אָנגעהויבן קלינגען אין אַלע קלויסטערס; אַלע קראָמען האָט מען פאַרמאַכט; איבער די גאַסן זיינען אַרומגעגאַנגען פּייקלער מיט שוואַרצן־קרעפּ־באַדעקטע פּויקן און האָבן גערופן די בירגער צו אַ פאַרזאַמלונג אין סטייט־הויז. אַף דער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו צווינגען דעם סטעמפּ־פאַרטיילער, דזשאָן יוז, צו רעזיגנירן. אַ קאָמיטע מיט ראָבערט מאָרים אין דער שפּיץ איז באַשטימט געוואָרן צו באַזוכן יוז'ן און אים וואָרענען, אַז ער זאָל בעסער רעזיגנירן מיט גוטן. די קאָמיטע האָט אַן צערעמאָניעס דערקלערט דעם סטעמפּ־פאַרטיילער, אַז אויב ער רעזיגנירט ניט אַפן פּלאַץ, וועט מען צעטראָגן זיין הויז אַף פּיצלעך.

אין קאָנעטיקוט האָט דער סטעמפּ־פאַרטיילער, דזשאַרעט אינגערסאָל, רעזיגנירט נאָך איידער די סטעמפּס זיינען אָנגעקומען; און אין באָסטאָן האָט מען אויך געצוואונגען דעם סטעמפּ־פאַרטיילער צו רעזיגנירן נאָך דעם איבערפאַל אַף זיין אָפיס און זיין היים. די רעגירונג־געביידעס זיינען באַהאַנגען געוואָרן מיט פּלאַקאַטן, וואָס האָבן זיך געלייענט:

> „זאָל דער, וואָס וועט דער ערשטער פאַרטיילן, אָדער באַנוצן אַ סטעמפּ, גוט אַ קוק טאָן אַף זיין הויז, זיין פערזאָן און זיין מעבל.—אַ שטימע פון פאָלק."

אין ניו יאָרק האָבן דעמאָנסטראַנטן אויפגעבראָכן די פערד־שטאַלן פון דעם גאָווערנאָר, פאַרנומען זיין קאַרעטע און פערד און זיי געפירט אין שפּיץ פון דער דעמאָנסטראַציע. אַף באָולינג גרין האָבן זיי פאַרברענט דאָס בילד פון דעם גאָווערנאָר צוזאַמען מיט זיין קאַרעטע פאַר אים אין

די אויגן. נאָכדעם האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט צום הויז פון מאַיאָר דזשיימס, וועלכער זאָל האָבן געזאָגט, אַז ער וועט „אָנשטאָפּן די העלזער פון פאָלק מיט די סטעמפּס אָפּן שפּיץ פון זיין שווערד"; זיין הויז און רייכע מעבל, ביבליאָטעק און בילדער האָט מען צעשמעטערט, ווי די באַסטאָנער האָבן עס געטאָן מיט האָטשינסאָנ'ס הויז. דערמוטיקט פון זייער דערפאָלג, האָבן די דעמאָנסטראַנטן געצוואונגען דעם ליוטענאַנט־גאָווערנאָר זיי איבערצוגעבן די סטעמפּס. די סטעמפּס האָט מען פאַרשלאָסן אין סיטי האָל, און ווען אַ צווייטער טראַנספּאָרט סטעמפּס איז אָנגעקומען, האָט מען זיך נאָך ווייניקער צערעמאָניעט — מען האָט די סטעמפּס באַלד פאַרכאַפּט און פאַרברענט.

אין נאָרט קאַראָליינאַ האָט די מיליץ פאַרבאָטן דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף, וואָס האָט געבראַכט די סטעמפּס, צו לאַנדן אין האַפן.

אָט די טעטיקייט פון די „זין פון פרייהייט" האָט אָנגעוואָרפן אַזאַ מורא, אַז ניט קיינער האָט געוואַגט צו פאַרטיילן די סטעמפּס און ניט קיינער האָט זיך געריכט קויפן די סטעמפּס.

פּונקט אַזוי ווירקזאַם איז געווען דער באָיקאָט אַף ענגלישע סחורות. די סוחרים אין פילאַדעלפיע און ניו יאָרק האָבן זיך פאַראייניקט אין איין געזעלשאַפט, וואו זיי האָבן באַשלאָסן צו אַנולירן די באַשטעלונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין ענגלאַנד. דער ביישפּיל איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן אין באָסטאָן און אַנדערע שטעט; און אויב ערגעץ־וואו האָט זיך געפונען אַ סוחר, וועלכער האָט ניט געוואָלט צושטימען צו די באַשלוסן פון דער פּאַטריאָטישער סוחרים־געזעלשאַפט, זיינען די „זין פון פרייהייט" געשטאַנען אויף דער וואך און אים אַף אַ דראַנג אַרויסגעפירט פון שטאָט.

די ענגלישע באַאַמטע אין די קאָלאָניעס האָבן אין זייערע באַריכטן געזוכט צו מאַכן צו קליין־געלט די באַוועגונג. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָבער גאָר גיך איבערצייגט, אַז די לאַגע איז צו ערנסט. די פאָדערונג אַף ענגלישע סחורות איז שטאַרק געפאַלן. סוחרים האָבן מורא געהאַט צו ריזיקירן און שיקן סחורות קיין אַמעריקע. דער עקספּאָרט אין די קאָלאָניעס איז געוואָרן אַזוי קליין, אַז פיל שיף־קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען געווען געצוואונגען צו האַלטן זייערע שיפן אין די האַפנס, אָדער זוכן נייע מערק, האָבן באַנקראָטירט. פאַבריקאַנטן האָבן אויך גאָר גיך דערפילט דעם באָיקאָט אין פאַרקלענערטע באַשטעלונגען פון זייערע קאָמי־וואָיאַזשאָרן אין די קאָלאָניעס;

פיל פאַבריקן זיינען געווען געצוואונגען זיך צו פאַרמאַכן און די אַרבעטער זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַפן גאַס.

דער קריזיס, וואָס די נייע פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג האָט אַרויסגערופן אין די קאָלאָניעס, האָט אַזוי אַרום זיך אָפּגערופן אַף דעם אינדוסטריעלן לעבן פון ענגלאַנד. אין ענגלאַנד גופא האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג אָפּצושאַפן די ספּעציעלע שטייערן־געזעצן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַר די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס.

אין דער צייט, וואָס אָט די ברויזנדיקע געשעענישן זיינען פאָרגעקומען, האָט דזשאָרדזש דער דריטער זיך צעקריגט מיט זיין הויפּט־מיניסטער, גרענוויל, און אים געוויזן די טיר. אַפּאָלאָגעטן פון דזשאָרדזש דעם דריטן ווייזן אָן, אַז ער איז אַ טייל פון דער צייט, ווען אָט די געשעענישן זיינען פאָרגעקומען, געווען ניט באַם זינען און קאָן דעריבער ניט געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע האַנדלונגען פון דער גרענוויל־רעגירונג; אַ פאַקט איז, אַז ער פלעגט גרענוויל'ן ניט קאָנען פאַרטראָגן. „איך וואָלט בעסער געזען דעם טייפל אין מיין צימער, איידער דעם מר. גרענוויל", איז געווען דזשאָרדזש דעם דריטנס פירוש אַף זיינע באַציאונגען מיטן הויפּט־מיניסטער. דאָס פאַלן פון דער סטעמפּ־אַקט רעגירונג איז אָבער הויפּטזאַכלעך געווען דער רעזולטאַט פון דער באַוועגונג אין אַמעריקע און די שטאַרקע פּראָטעסטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אין ענגלאַנד גופא. די קאָלאָניסטן האָבן געשלאָגן די ענגלישע סוחרים אַף זייער פילבאַרסטן פלאַץ — אַף דער קעשענע.

צו באַרואיקן די קאָלאָניסטן האָט דער קעניג זיך געווענדעט צו די וויגס, וועלכע מען האָט באַטראַכט אַלס פריינט פון אַמעריקע, איבערצונעמען די רעגירונג. ער האָט סאַנקציאָנירט אַ נייעם מיניסטעריום אונטער דער פירערשאַפט פון לאָרד ראַקינגהעם, אַ „מילדער וויג". די נייע רעגירונג איז אַריין אין מאַכט אונטער זייער שווערע אומשטענדן: אין די קאָלאָניעס האָט געברויזט אַ רעוואָלט און אין דער היים האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ באַוועגונג, וואָס פיל היסטאָריקער כאַראַקטעריזירן אַלס אַ בירגער־קריג.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער נייער רעגירונג איז געווען אָפּצושטעלן דעם אַמעריקאַנער באָיקאָט אַף ענגלישע סחורות. בוירק האָט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט די לאַגע אין ענגלאַנד, ווען ער האָט געוואָרנט דער נייער רעגירונג: „די גאַנצע האַנדלס־אינטערעסן פון דער אימפּעריע זיינען פאַרזאַמלט אין אייער פאָדערצימער". די „האַנדלס־אינטערעסן" האָבן געפאָדערט

אָפּשטעלן דעם באָיקאָט, און די רעגירונג האָט פאַרשטאַנען, אַז אָפּשטעלן דעם באָיקאָט וועט מען קאָנען נאָר דורך צוריקרופן די נייע שטייערן־געזעצן. דער פאָרשלאָג פון דער נייער רעגירונג אָפּצושאַפן דעם סטעמפּ־אַקט האָט אַרויסגערופן דעם שאַרפסטן פּאָליטישן קאַמף אין פּאַרלאַמענט. די טאָריס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן זייער פּרעסטיזש, נאָר וועגן דער פּאָליטישער הערשאַפט פון זייער קלאַס. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן מיט אַ סך פאַרביטערטקייט און מיט די שטאַרקסטע אַרגומענטן, וואָס יעדער צד האָט געקאָנט פאַרברענגען דורך זיינע אָנגעזעענסטע וואָרט־פירער.

בענדזשאַמין פרענקלין, וועלכער איז געווען דער פּאָליטישער אַגענט פון פּענסילווייניע אין לאָנדאָן, איז גערופן געוואָרן אויף אַ פאַרהער אין פּאַר־לאַמענט. ער האָט גערעדט אין נאָמען פון אַלע קאָלאָניעס און דערקלערט, אַז די קאָלאָניסטן וועלן זיך ניט אונטערוואַרפן די נייע געזעצן, סיידן מען וועט זיי צווינגען דורך מיליטערישער מאַכט.

„דער סטעמפּ־אַקט“ — האָט פרענקלין גע׳טענה׳ט — „דערקלערט, אַז מיר טאָרן ניט האַנדלען, מיר טאָרן ניט מאַכן, אָדער צאָלן, חובות, מיר טאָרן נישט חתונה האָבן אָדער מאַכן אַ צוואה, סיידן מיר צאָלן אַזאַ און אַזאַ סומע. דאָס מיינט, אַז אָט דער געזעץ באַצוועקט אַרויסצופּרעסן פון אונז אונזער געלט, אָדער אונז רואינירן, אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן צו צאָלן.“ ער האָט אַרגומענטירט, אַז אונטערוואַרפן זיך דעם דאָזיקן געזעץ, וואָלט געמיינט געבן דער רעגירונג אַ געלעגנהייט אַרויפצוצווינגען נאָך שווערערע לאַסטן אויף דער קאָלאָניאַלער באַפעלקערונג.

גרענוויל האָט אים איבערגעריסן מיט אַ פראַגע, צי ער דענקט ניט, אַז די קאָלאָניסטן, וואָס ווערן באַשיצט פון ענגלאַנד, דאַרפן צאָלן אַ טייל פון די אויסגאַבן. „דאָס איז ניט דער פאַל“, האָט פרענקלין געענטפערט. „די קאָלאָניעס האָבן אין משך פון דער לעצטער מלחמה געשאַפן אַן אַרמיי פון 25 טויזנט מאַן, באַקליידט, געשפּייזט און געצאָלט זיי, אויסגעגעבנדיק אַ סך מיליאָנען פאַר דעם צוועק.“

אַ פּאָר טעג נאָך דעם פאַרהער איז אין פּאַרלאַמענט אָפּגעשטימט געוואָרן דער פאָרשלאָג וועגן צוריקרופן דעם סטעמפּ־אַקט און דעם צוקער־סיראָפּ אַקט. די טענות פון די טאָריס, אַז מען מוז די קאָלאָניסטן אָנלערנען, האָבן ניט געווירקט. פאַר דעם פּאַרלאַמענט איז געשטאַנען אַ בילד פון דעם אינ־דוסטריעלן קריזיס, וואָס די דאָזיקע געזעצן האָבן געהאָלפן אַרויסרופן אין

ענגלאַנד און אין די קאָלאָניעס. די פאַרמאַכטע פאַבריקן, די הונדערטער באַנקראָטן און די טויזנטער אַרבעטלאָזע האָט מען מיט הויך־קלינגענדיקע ווערטער וועגן פּרעראָגאַטיוון ניט געקאָנט באַהאַלטן; און מער פון אַלץ האָבן די ענגלישע געזעצגעבער מורא געהאַט, אַז ענגלאַנד קאָן אינגאַנצן פאַרלירן די קאָלאָניעס, אויב די רעגירונג זאָל פּרובירן דורך מאַכט אַרויפ־צווינגען די געזעצן אַף די קאָלאָניסטן.

דעם 22טן פעברואַר, 1766, האָט דער פּאַרלאַמענט מיט אַ גרויסער מערהייט באַשלאָסן צוריקצורופן דעם סטעמפּ־אַקט. דערביי אָבער האָט לאָרד ראָקינגהעם געמאַכט אַ דעקלאַראַציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון פּאַר־לאַמענט אַלס אַ טייל פון דער פּראָצעדור פון צוריקרופן דעם סטעמפּ־אַקט. די דעקלאַראַציע האָט געלויטעט, אַז די שטעלונג פון די קאָלאָניסטן אין דער פראַגע פון שטייערן איז אומבאַגרינדעט; אַז אַלע רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די קאָלאָניאַלע אַסעמבלים, און וואָס דערקלערן, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט קיין רעכט ניט צו מאַכן געזעצן און אַרויפלייגן שטייערן אַף די קאָלאָניעס, זיינען אַנולירט און ניט גילטיק.

נאָכן צוריקרופן דעם סטעמפּ־אַקט, איז דער פּאַרלאַמענט צוגעטראָטן צו רעווידירן דעם צוקער־סיראָפּ אַקט. דער נייער געזעץ, וואָס דער פּאַר־לאַמענט האָט אָנגענומען, האָט אָפּגעשאַפט די דיסקרימינאַציעס קעגן די פראַנצויזישע פּראָדוקטן און האָט איינגעפירט אַן איינהייטלעכן, מעסיקן אָפּ־צאָל פון אַ פעני אַף אַ גאַלאָן צוקער־סיראָפּ, ענגלישן און אויסלענדישן, וואָס ווערט אַריינגעפירט אין די קאָלאָניעס; דער נייער געזעץ האָט אויך אָפּ־געשאַפט דעם עקספּאָרט־שטייער אין די ענגלישע וועסט־אינדיע האַפנס, געבנדיק די ענגלישע וועסט־אינדיע אינזלען אַ מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט די פראַנצויזישע צוקער־פּלאַנטאַטאָרס. דער דאָזיקער געזעץ האָט אַזוי אַרום צוריקגעוויזן אין דער פּראַקטיק דעם לאָזונג פון די קאָלאָניסטן, „נאָ טעקסיישאָן וויטאַוט רעפּרעזענטשייאָן". דער נייער געזעץ איז געווען אַ שטייערן־געזעץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען אָן דער צושטימונג פון די קאָלאָניעס. דער נייער צוקער־אַקט איז געווען אַ טאַריף־געזעץ, וואָס האָט באַצוועקט צו שאַפן אַן איינקונפט פאַר דער רעגירונג דורך שטייערן אַף די קאָלאָניסטן.

דאָס צוריקרופן דעם סטעמפּ אַקט און דער נייער צוקער־סיראָפּ אַקט זיי־נען אָבער מיט רעכט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ גרויסער זיג פון די קאָלאָניסטן

און פון די וויגס אין ענגלאנד. אפילו אין ענגלאנד האט מען אויפגענומען מיט גרויס פרייד דאס צוריקרופן פון אט די געזעצן, וואס האבן אנגעמאכט אזויפיל צרות. די שיפן אין לאנדאנער האפן האבן ארויפגעצויגן זייערע פאנען; מען האט אילומינירט די הייזער און אף פארשיידענע אנדערע אופנים אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט דער האנדלונג פון פארלאמענט.

אין די קאלאניעס איז די שמחה געווען נאך גרעסער. די נייס וועגן דעם, אז דער סטעמפ־אקט און דער צוקער־אקט זיינען אפגעשאפט, איז אויפגענומען געווארן מיט גרויסע דעמאנסטראציעס. די באפעלקערונג אין די קאלאניעס האט געפייערט איר ערשטן זיג איבער דער ענגלישער רעגירונג. און דער זיג איז געווען א באטייטנדיקער. כאטש ראקינגהעם האט אין זיין דעקלאראציע צוריקגעוויזן די פאזיציע פון די קאלאניעס אין דער פראגע פון שטייערן, האט אבער דער טיילווייזער זיג געבראכט די אמעריקאנער רעוואלוציע צו א נייער פאזע.

די קאלאניאלע סוחרים האבן זיך דערשראקן פאר דעם „אויסברוך פון המון". זיי זיינען געווען גרייט שלום צו מאכן מיט דער ענגלישער רעגירונג, אבי צו מאכן א סוף צו די „רייאטן" אין די קאלאניעס. אנדערש האבן אבער געטראכט די מאסן, וואס האבן ארויסגעריסן דעם זיג פון די ציין פונעם ענגלישן לייב. זיי האבן געוואונען גלויבן אין זייערע אייגענע כוחות; זיי האבן באטראכט דאס צוריקרופן פון דעם סטעמפ־אקט אלס אנערקענונג פון דער אומאפהענגיקייט פון די קאלאניעס. דזשיימס אטיס, וועלכער איז באטראכט געווארן אלס אויטאריטעט אין ענינים פון געזעץ, האט דערקלערט, אז מיטן צוריקרופן דעם סטעמפ־אקט האט די ענגלישע רעגירונג זיך אפגעזאגט פון די האנדל־ און נאוויגאציע־געזעצן. אגב האט טאקע די ענגלישע רעגירונג זינט דעם דורכפאל פון סטעמפ־אקט מער ניט געקאנט ארויפצווינגען קיין שום געזעץ אף די קאלאניעס.

פראנציס בוירנארד, דער ענגלישער גאווערנאר פון מאסאטשוסעטס צו יענער צייט, שרייבט אין זיינע בריוו, אז דער פרעסטיזש פון ענגלאנד איז געווען געבראכן, אזוי גיך ווי די קאלאניסטן האבן באוויזן מיט דערפאלג זיך צו שטעלן קעגן דעם סטעמפ־אקט.

דער קאמף איז אבער ניט געווען געענדיקט. דער טריאומף פון די קאלאניסטן איז געווען בלויז א צייטווייליקער. דער הערשנדיקער קלאס פון ענגלאנד איז געווען ווייט ניט גרייט זיך אפצוזאגן פון עקספלואטירן די קא־

לאָניעס אין זיינע אינטערעסן; נאָך וויניקער איז ער געווען גרייט אויפצוגעבן זיין הערשאַפט אין ענגלאַנד גופא. דער קאַמף פון קלאַסן און פון די פעלקער אַף ביידע זייטן אָקעאַן איז נאָך שאַרפער געוואָרן; נייע ברוויזנדיקע געשעענישן זיינען געווען אַפן וועג.

טאַונסהענד'ס נייע קאָלאָניאַלע פּראָגראַם

די ראָקינגהעם־רעגירונג האָט געהאַט קורצע יאָרן. דזשאָרדזש דער דריטער האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיט זיינע טאָרי־פריינט און די הערשנ־דיקע גרופּע אין ענגלאַנד האָט אַזוי גיך ניט אויפגעגעבן איר פּאָליטישע הערשאַפט. די וויג־רעגירונג, האָבן זיי געגלויבט, האָט שוין אָפּגעטאָן איר אַרבעט — באַרואיקט די קאָלאָניעס און דאָס לאַנד — און קאָן קאָן גיין. אַלס פּרעמיער איז באַשטימט געוואָרן וויליאַם פּיט, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר אַ פריינט פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. ווי ווייט אָבער זיין פריינטשאַפט איז געגאַנגען באַווייזט דער פאַקט, וואָס ער האָט אַלס זיין פינאַנץ־מיניסטער באַשטימט טשאַרלס טאַונסהענד, וועלכער איז געווען גרענוויל'ס רעכטע האַנט אין פאָרמולירן און אויסאַרבעטן די נייע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק. דערצו איז פּיט, אַדער לאָרד טשאַטהעם, ווי מען האָט אים איצט גערופן מיט זיין אַריסטאָקראַטישן נאָמען, וואָס דער קעניג האָט אים געגעבן, געווען קראַנק די מערסטע צייט פון דער עקזיסטענץ פון זיין מיניסטעריום. כאָטש אָפיציעל אַ וויג, האָט לאָרד טשאַטהעם געהערט צום עקסטרעם־רעכטן פליגל פון די וויגס. די מערסטע מיניסטאָרן זיינען געווען טאָריס און זיין קראַנקהייט האָט פאַקטיש איבערגעלאָזן די רעגירונג אין די הענט פון די טאָריס. די פירנדיקע ראָל אין דער נייער רעגירונג האָט אָנגעהויבן שפּילן טשאַרלס טאַונסהענד, וועלכער „האָט באַלאַנגט צו אַלע פּאַרטייען און ס'האָט אים ניט געצרט פאַר קיינע". זיין אַמט אַלס פינאַנץ־מיניסטער האָט אים געגעבן אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע פּאָזיציע צו באַווירקן די פּאָליטיק פון די קאָלאָניעס.

פּיט'ס פינאַנץ־מיניסטער האָט געדאַרפט באַגעגענען די זעלביקע פּראָ־בלעם, וואָס זיינע פאָרגייער אין דעם אַמט האָבן געהאַט — אַ ליידיקע מלוכה־קאַסע. באַזירנדיק זיך אַף די דערוואַרטעטע איינקונפטן פון אַמעריקע און האָבנדיק נאָך מער אין זינען די אינטערעסן פון די ענגלישע לאַנד־אייגנטימער, האָט די פריערדיקע גרענוויל־רעגירונג שטאַרק רעדוצירט די לאַנד־שטייערן.

די לאנד־אייגנטימער זיינען געווען איבערצייגט, אז די קאלאניעס מוזן אריינברענגען א גענוגנדיקע איינקונפט דער רעגירונג, וואס זאל העלפן פאר־לייכטערן די שטייערן־משא פון די ענגלישע אריסטאקראטן און דזשענטל־מענער. טאונסהענד׳ס נייע פראגראם פאר די קאלאניעס האט באצוועקט אנצופילן די מלוכה־קאסע אפן חשבון פון די קאלאניעס.

די דערפארונג מיטן סטעמפ־אקט האט אים אבער געלערנט, אז וועגן „אינערלעכע שטייערן" פאר די קאלאניעס קאן מער קיין רייד ניט זיין. דער אויסוועג איז דעריבער געווען — נייע טאריף־געזעצן פאר די קאלאניעס.

דעם 26טן יאנואר, 1767, האט טשארלס טאונסהענד דערקלערט אין פארלאמענט, אז די אדמיניסטראציע איז גרייט מיט א נייעם פלאן, וואס וועט לייזן די אמעריקאנער פראבלעם. דער דאזיקער פלאן, האט ער געזאגט, וועט געבן די קאלאניעס א מעגלעכקייט זיך אליין אויסצוהאלטן און וועט באפרייען די רעגירונג פון די אויסגאבן, וואס זיינען פארבונדן מיט רעגירן און באשיצן די קאלאניעס. ער האט א מעטאד, וואס וועט אריינברענגען גענוג געלט פון די קאלאניעס און וועט ניט ארויסרופן דעם ווידערשטאנד פון די קאלאניסטן, וואס דער סטעמפ־אקט האט ארויסגערופן. אזא ארייגפאר איז אלעמען געפעלן געווארן און ער האט געקראגן זיין חלק אפלאדיסמענטן.

אין וואס־זשע איז באשטאנען דער דאזיקער וואונדערבארער פלאן? דער פלאן איז געווען אן „אינערלעכער" שטייער, וואס זאל אויסזען, ווי אן „אויסערלעכער".

געהאנדלט האט זיך אט וועגן וואס: אזוי ווי די קאלאניסטן זיינען ארויסגעטראטן קעגן דעם סטעמפ־אקט, דערפאר וואס זיי האבן גע׳טענה׳ט, אז מען קאן ניט ארויפלייגן אף אן ענגלענדער קיין שטייערן, ווען ער שטימט צו זיי ניט צו דורך זיינע דערוויילטע פארטרעטער; אזוי ווי אין די רעזא־לוציעס אין פארבינדונג מיט דעם סטעמפ־אקט האבן די קאלאניעס געמאכט אן אונטערשייד צווישן שטייערן און טאריף־צאלונגען; אזוי ווי די קאלאניעס האבן צוגעשטימט צו דעם נייעם צוקער־סיראפ שטייער — דעריבער איז ניטא קיין אורזאך, פארוואס זיי זאלן האבן אויסצוזעצן קעגן א שטייער אף בליי, גלאז, טיי און א פאר אנדערע ארטיקלען פון אלגעמיינעם געברויך, וואס ווערן אריינגעפירט אין די קאלאניעס. דער אפצאל זאל איינקאסירט ווערן אין די אמעריקאנער פארטן, פונקט טאקע ווי די קאלאניעס האבן געזאגט אין זייערע רעזאלוציעס, נאר וואס דען? דער קעניג וועט באשטימען צאל־

באַאַמטע, וועלכע וועלן וואוינען אין די קאָלאָניעס, וועלן קריגן באַצאָלט פון דער ענגלישער רעגירונג און וועלן זיין אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון לאָקאַלן קאָנטראָל.

טאָונסהענד׳ס נייער פאָרשלאָג איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציע. די וואָרט־פירער פון די קאָלאָניעס האָבן איינגעזען דעם טעות, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין מאַכן דעם פיינעם אונטערשייד צווישן איין סאָרט שטייערן און אַ צווייטן. לויט זייער אייגענער שטעלונג איז אָט דער פאָרשלאָג געווען פולשטענדיק געזעצלעך, אָבער פאַקטיש האָט ער אין הינזיכט פון שטייערן דערגרייכט נאָך מער, ווי דער סטעמפּ־אַקט וואָלט דערגרייכט. דער שטייער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַף אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען אַזוי ברייט אין געברויך, וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָרן אין אַזעלכע גרויסע קוואַנטיטעטן, אַז קיינער האָט ניט געקאָנט צווייפלען, אַז דאָס איז געווען אַ געזעץ פאַר „אינערלעכע" שטייערן, פּונקט ווי דער סטעמפּ־אַקט איז דאָס געווען.

און נאָך עטוואָס איז געוואָרן קלאָר אין די קאָלאָניעס: מען וועט ניט קאָנען באַקעמפן דעם נייעם שטייער מיט די זעלביקע מיטלען, ווי מען האָט באַקעמפט דעם אַלטן שטייער. דער שטייער איז געצאָלט געוואָרן אין טאַ־מאָזשנע, איידער די אַרטיקלען זיינען נאָך געקומען אין די הענט פון דעם קאָנסומער. דער סטעמפּ־אַקט האָט אויפגערייצט ברייטע מאַסן, איצט אָבער וועלן זיי אַפילו ניט וויסן, אַז זיי צאָלן דעם שטייער. דעם שטייער וועט באַ־צאָלן דער אימפּאָרטירער, וועלכער וועט שוין אים אַרויפרעכענען אַפן פּרייז פון די אַרטיקלען.

דער האַנדלס־קלאַס אין די קאָלאָניעס איז אָבער הויפּטזאַכלעך געווען פאַראינטערעסירט אין איין שטריך פון דעם נייעם פאָרשלאָג. דער נייער געזעץ האָט געטראָגן מיט זיך די מעגלעכקייט באמת צו מאַכן אַ סוף צו שמוגלעריי אין די קאָלאָניעס. ער האָט געהאַט אין זיך „ציין", נאָך שאַרפערע ווי דער צוקער־סיראָפּ אַקט.

דער נייער געזעץ האָט אויסדריקלעך לעגאַליזירט די ריטס אָוו אַסיסטענס, אויטאָריזירנדיק די העכערע געריכטן אין די קאָלאָניעס אַרויסצוגעבן דאָקו־מענטן, וואָס גיבן אַ רעכט די צאָל־באַאַמטע אַריינצוקומען אין יעדן הויז, געשעפט, אָדער פאַבריק און מאַכן אַן אונטערזוכונג צי דאָרטן געפינט זיך ניט קיין קאָנטראַבאַנדע. מיר האָבן געזען, אַז מען האָט די דאָזיקע ריטס

באטראכט אין די קאלאניעס, און מיט רעכט, ווי אן אנגריף אף די רעכטן און פרייהייטן פון די קאלאניסטן. כאטש די ריטס זיינען ניט געווען קיין נייס אין די קאלאניעס, איז אבער איצט אוועקגענומען געווארן די טענה, אז זיי זיינען ניט געזעצלעך, און א טיכטיקע טאריף־אינספעקציע, ווי טאונסהענד האט געפלאנעוועט, וואלט געקאנט מיט זייער הילף ענדיקן דעם שמוגל־האנדל.

און ווידעראמאל האט טאונסהענד געלאזט וויסן די קאלאניסטן, אז די ענגלישע רעגירונג פארנעמט זיך צו האנדלען אין די קאלאניעס מיט א שטארקער האנט.

ווען דער סטעמפ־אקט איז אפגעשאפט געווארן, האט דער פאר־לאמענט ניט צוריקגערופן די אנדערע צוויי געזעצן, וואס האבן באגלייט דעם סטעמפ־אקט — דעם מיוטיני־געזעץ און דעם קווארטערינג־אקט. די ענגלישע אפיצערן, וואס האבן קאמאנדירט דעם ניו יארקער גארניזאן, האבן געפאדערט פון דער אסעמבלי צו באזארגן זיי מיט קאזארמעס, שפייז און אלע מכשירים, אין וועלכע זיי האבן זיך גענויטיקט, באזירנדיק זיך אף די פונקטן פון דעם קווארטערינג־אקט. די אסעמבלי האט באוויליקט א טייל פון זייערע פאדערונגען; זי האט זיך אבער אפגעזאגט צוצושטעלן די סאל־דאטן עסיג, זאלץ און ביר.

דער פארלאמענט האט דעריבער באשלאסן אויפצולייזן די ניו יארקער אסעמבלי, ביז וואנען זי וועט ניט צושטימען צו אלע פאדערונגען פון די מיליטערישע באאמטע. דאס איז געווען א ווארנונג, אז די רעגירונג וועט מער ניט דולדן, אז די קאלאניאלע אסעמבלים זאלן זיך מישן און זאגן א דעה וועגן דורכפירן געזעצן, וואס זיינען אנגענומען געווארן פון ענגלישן פארלאמענט.

אט דאס איז געווען טאונסהענד'ס געזעץ־פראיעקט, וואס האט געזאלט „לייזן די אמעריקאנער פראבלעם", און וואס איז אנגענומען געווארן אין פארלאמענט דעם 29טן יוני און דעם 2טן יולי, 1767.

די קאלאניסטן האבן איצט געמוזט באגעגענען דריי פאזן פון דעם רעארגאניזאציע־פלאן פון דער ענגלישער רעגירונג: די רעארגאניזירטע טאמאזשנע, די סוספענדירונג פון דער ניו יארקער אסעמבלי און דעם נייעם טאריף־געזעץ. די אלטע ארגומענטן זיינען מער ניט געווען גענוג צו באַ־געגענען די פאדערונגען פון דער נייער סיטואציע. און דעמאלט האט אין

פענסילוויי̇ניע קראָניקל אָנגעהויבן דערשיינען א סעריע ארטיקלען אונטערן נאָמען בריוו פון א פאַרמער.

דיקינסאָנ'ס אַרטיקלען און דער צירקולאַר־בריוו פון דער מאַסאַטשוסעטס־אַסעמבלי

די דאָזיקע ארטיקלען זיינען געווען געשריבן פון דזשאָן דיקינסאָן, אן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט אין פילאַדעלפיע, וועלכער האָט געהאַט א גרויסן נאָמען אין זיין פּראָפעסיע און האָט זיך באַטייליקט אין לאָקאַלער פּאָליטיק, איז געווען אַ מיטגליד פון דער פילאַדעלפיער דעלעגאַציע צום סטעמפּ־אַקט

דזשאָן דיקינסאָן

קאָנגרעס, וואו ער האָט פאַרפאַסט א צאָל רעזאָלוציעס, וועלכע דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען. די אַרטיקלען האָבן אָנגעהויבן דערשיינען דעם 2טן דעצעמבער, 1767, און זיינען פאָרגעזעצט געוואָרן ביז דעם 15טן פעברואַר, 1768. די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען באַלד איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער גאַנצער קאָלאָניאַלער פּרעסע. זיי האָבן באַוואָפנט די קעגנער פון דער ענגלישער רעגירונג מיט א גאַנץ נייער טעאָריע וועגן זייערע רעכטן און זייערע באַציאונגען מיט ענגלאַנד.

דיקינסאָן אַנאַליזירט איינע נאָך דער צווייטער די שטרייט־פראַגן צווישן די קאָלאָניעס און דער ענגלישער רעגירונג. ער גייט אריין אין דעטאַלן צו באַווייזן, וואָס עס וואָלט געמיינט פאר די קאָלאָניעס צו פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער די שכירות פון די ענגלישע באַאַמטע; ער אַנאַליזירט דעם פולן באַטייט פון דער האַנדלונג פון ענגלישן פּאַרלאַמענט אין סוס־פּענדירן די ניו יאָרקער אַסעמבלי; ער וואַרפט אַוועק דעם אַלטן אונטערשייד, וואָס פלעגט געמאַכט ווערן צווישן אינערלעכע און אויסערלעכע שטייערן, און באַווייזט, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט קיין רעכט ניט אַרויפצולייגן וועלכע ס'ניט איז שטייערן אויף די קאָלאָניעס, אחוץ רעגולירן דעם ים־האַנדל און אַ שטייער, וואָס זאָל זיין גענוג צו באַצאָלן פאַר דער דאָזיקער רעגולאַציע.

די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען געשריבן מיט אַ סך געלערנזאַמקייט און טאַלאַנט; דיקינסאָן האָט קאָמבינירט אין זיינע אַרטיקלען דעם טאַלאַנט פון אַ פייאיקן פּובליציסט מיט דער טרענירונג פון אַ געשולטן אַדוואָקאַט, וואָס פאַרשטייט ווי אַזוי צו באַאיינפלוסן אַ דזשורי. ער ברענגט היסטאָרישע פאַקטן צו באַשטעטיקן אַן אַרגומענט און דערציילט דערביי אַ גוטן אַנעקדאָט; ער אַרגומענטירט וועגן רעכטן, ניט פאַרפעלנדיק אָנצואווייזן אויפן גורל פון אירלאַנד, וועלכע ענגלאַנד האָט באַרויבט פון איר פרייהייט, און פאַרגעסט דערביי ניט חוזק צו מאַכן פונעם אַרגומענט, אַז ענגלאַנד איז צו שטאַרק, אַז די קאָלאָניעס זאָלן וואַגן זיך מיט איר פאַרמעסטן אין כוחות.

די בריוו פון אַ פאַרמער האָבן געמאַכט אַ רושם אין די קאָלאָניעס. זיי זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּאַמפלעט־פאָרם און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די מאַסן; שטאָט־פאַרזאַמלונגען, געזעלשאַפטן און גרענד דזשורים האָבן אָנגענומען דאַנק־רעזאָלוציעס צום פאַרפאַסער פון די אַרטיקלען.

דיקינסאָנ'ס אַרגומענטן האָט מען באַלד געקאָנט הערן אין די קאָלאָניאַלע אַסעמבלים. די לעצטע זיינען ווידעראַמאָל געוואָרן די פּאָליטישע טריבונעס פון די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערן. אין דער אַסעמבלי פון מאַסאַטשוסעטס האָט סעמועל אַדאַמס, דער פירער פון די אָרטיקע רעוואָלוציאָנערן, אָדער פּאַטריאָטן, ווי זיי האָבן זיך אָנגעהויבן רופן, פאַרגעשלאָגן אַ צירקולאַר־בריוו, וואָס איז אין נאָמען פון דער אַסעמבלי אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די אַסעמבלים פון אַלע אַנדערע קאָלאָניעס. אין דעם בריוו ווערט געגעבן אַן איבערבליק פון דער לאַגע, וואָס ענגלאַנד'ס פּאָליטיק האָט געשאַפ־

אין מאַסאַטשוסעטס, און די גאַנצע פּאָליסי פון דער ענגלישער רעגירונג ווערט פאַרדאַמט אין די שאַרפסטע ווערטער.

אין דעם צירקולאַר־בריוו ווערט איבערגע'חזר'ט דער פּאָפּולערער לאָזונג, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט ניט קיין רעכט אַרויפצולייגן שטייערן אויף אַמערי־קאַנער, אָן זייער צושטימונג. אָבער צום ערשטן מאָל ווערט דער אַרגומענט געבויט ניט אויפן גרונט פון „קעניגלעכן טשאַרטער, נאָר אויפן גרונט פון זייערע נאַטירלעכע רעכטן אַלס מענטשן און אויפן גרונט פון די רעכטן פון אַ פאָלק צו אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער און אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ. די מאַסאַטשוסעטסער אַסעמבלי שלאָגט פאָר די אַנדערע אַסעמבלים צו באַ־טראַכטן ערנסט די פראַגע, צי קאָן אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק זיך אונטער־וואַרפן צו ריכטער און גאָווערנאָרס, וואָס ווערן באַשטימט פון אַ קעניג און אויסגעהאַלטן פון ספּעציעלע שטייערן, וואָס ווערן אַרויפגעצוואונגען אויף דער באַפעלקערונג.

ווען אָט דער צירקולאַר־בריוו איז אָנגעקומען אין די הענט פון דער ענגלישער רעגירונג, האָט ער אַרויסגערופן די גרעסטע אַנטריסטונג בא די ענגלישע מיניסטאָרן. זיי האָבן באַטראַכט דעם בריוו אַלס אַ דאָקומענט פון אַ „זייער געפערלעכער און אָפּאָזיציאָנעלער טענדענץ, וואָס איז אויסגערעכנט אויפצורייצן די געפילן פון די גוטע אונטערטאַנען אין די קאָלאָניעס".

די ענגלישע מיניסטאָרן האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז דער צוועק פון דעם בריוו איז צו פאַראייניקן די קאָלאָניעס אין אַן אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג און צו דערמוטיקן אַ קעגנזייטיקן אויסדרוק פון מיינונגען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דעם סטעמפּ־אַקט. די רעגירונג האָט דעריבער פאַר־אָרדנט דעם גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוסעטס צו צווינגען די אַסעמבלי צוריק־צורופן דעם בריוו, אָדער אויפלייזן די אַסעמבלי. אין דער זעלביקער צייט האָט די ענגלישע רעגירונג אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו אַלע קאָלאָניאַלע אַסעמבלים, אויפפאָדערנדיק זיי ניט צו נעמען אין אַכט דעם בריוו פון מאַסאַ־טשוסעטס, „צו באַהאַנדלען אים מיט דער פאַראַכטונג, וואָס ער פאַרדינט".

די האַנדלונג פון דער ענגלישער רעגירונג האָט אַרויסגערופן אַ נייעם שטורעם אין די קאָלאָניעס. די פּאַטריאָטן האָבן געשטורעמט קעגן דעם פאַר־זוך פון דער ענגלישער רעגירונג ניט צו דערלאָזן די קאָלאָניסטן זיך צוזאַמענ־ריידן וועגן פראַגן, וואָס רירן זיי אַלעמען אָן — די ענגלישע רעגירונג, הייסט עס, וויל צונעמען בא די קאָלאָניסטן אפילו דאָס רעכט פון פּעטיציע. די

מאסאטשסעטסער אסעמבלי האט מיט 92 שטימען קעגן 17 צוריקגעוויזן די פאדערונג פון גאווערנאר צוריקצוציען דעם צירקולאר־בריוו און דער גאווערנאר האט די אסעמבלי אויפגעלייזט.

די האנדלונג פון מאסאטשוסעטס האט ארויסגערופן גרויס צופרידנקייט אין די קאלאניעס און צווישן די וויגס אין לאנדאן, וועלכע האבן באגריסט די שטעלונג פון דער אסעמבלי אין מאסאטשוסעטס. 92 איז געווארן א שלאג־ווארט פון דער צייט, וואס האט באצייכנט ליבעראליזם, אדער אמעריקאניזם; 92 איז געווארן א צווילינג־ווארט צו 45, דער נאמען פון א בארימטן פאמפלעט פון יענער צייט.

אין לאנדאן איז די שטעלונג פון דער מאסאטשוסעטסער אסעמבלי געפייערט געווארן בא די פאלגנדיקע אומשטענדן: די באסטאנער וויגס האבן צוגעשיקט צו א וויג־ארגאניזאציע אין לאנדאן צוויי טשערעפאכעס (טוירטלס), וואס איינע האט געוואויגן, ווי זיי האבן געזאגט, 45 פונט און די צווייטע 92 פונט. קוירנעל באריע, וועלכער האט געגעבן די אמעריקאנער דעם נאמען „זין פון פרייהייט", איז געווען דער פארזיצער פון א באנקעט פון דער ארגאניזאציע, וואו מען האט סערווירט די טוירטלס, געהאלטן רעדעס און טאסטן פאר די „92 פאטריאטן פון מאסאטשוסעטס בעי".

דער בריוו פון ענגלישן מיניסטעריום צו די קאלאניעס האט געהאט פונקט די פארקערטע ווירקונג, וואס די ענגלישע רעגירונג האט דערווארט. די אסעמבליס פון מערילענד, דזשארדזשיע און סאוט קאראליינא האבן אינדארסירט דעם צירקולאר־בריוו פון מאסאטשוסעטס און זיינען באלד אויפגעלייזט געווארן. די אסעמבלי פון ווירדזשיניע האט אלס אן ענטפער אף די געשעענישן אין די אנדערע קאלאניעס און אף א נייער רעזאלוציע פון פארלאמענט, וואס האט געפאדערט, אז פערזאנען וועלכע ווערן באשולדיקט אין אומארדענונגען זאלן טראנספארטירט ווערן קיין ענגלאנד גע'משפט צו ווערן — דערקלערט אין א רעזאלוציע איר שטעלונג צו די אלע פראגן. די רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארן דעם 16טן מאי, 1769, מאכט קלאר, אז די אסעמבלי פון ווירדזשיניע איז קעגן דעם, אז דער פארלאמענט זאל ארויפלייגן וועלכע ניט איז שטייערן אף די קאלאניעס, אדער אז אמעריקאנער בירגער זאלן גע'משפט ווערן פון ענגלישע געריכטן.

די ווירדזשיניע־אסעמבלי האט געכאפט דעם זעלביקן אפשניט, ווי די אנדערע.

די באָסטאָנער בלוט-באָד

אינצווישן האָבן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אויפגעלעבט די באָיקאָט-באַוועגונג און זיך גענומען אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם נייעם שטייער. די מעטאָדן, וואָס זיי האָבן אָנגעווענדעט דורכצופירן דעם באָיקאָט, וואָלטן ניט שטאַרק געשמעקט אונזערע איצטיקע אַריסטאָקראַטישע „טעכטער פון דער רעוואָלוציע" און אונזערע „הונדערט-פּראָצענטיקע" פּאַטריאָטן; אמת, זיי זיינען אויך ניט געווען שטאַרק צום הארצן דער „אָנשטענדיקער געזעלשאַפט" פון יענער צייט. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן באָיקאָט, האָבן זיך ווייניק צערעמאָניעט מיט קעגנער, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאָלגן וואָס מען האָט זיי געהייסן. אַזאַ חברה-מאַן פלעגט מען אויסשמירן אין דזשעגעכץ, באַפּוצן מיט פעדערן און, רייטנדיק אַף אַ דראָנג, אַרויספירן פון שטאָט; מען פלעגט „קאָנפיסקירן" דאָס אייגנטום און פאַרברענען די הייזער פון די סוחרים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט דורכצופירן דעם באָיקאָט און געמאַכט פאַרזוכן צו האַנדלען מיט ענגלאַנד.

אָבער די גאָר גרויסע צרות האָבן געהאַט די צאָל-באַאמטע, וואָס זיינען אָנגעקומען מחנות'ווייז אין די האַפן-שטעט דורכצופירן דעם נייעם טאַריף-געזעץ. ס'פלעגט ניט אַוועק אַ טאָג, אַז עמיצער פון זיי זאָל ניט קריגן צעבראָכן די ביינער, אָדער קריגן אַ פּאָרציע פון דזשעגעכץ מיט פעדערן.

אין באָסטאָן האָט מען אַ טאַמאָזשנע-שפּיאָן, וועלכער האָט אָנגעוויזן אַף שמוגלערס, אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ, באַפּוצט מיט פעדערן און אַרומגעפירט איבער די גאַסן, אַז די אַנדערע זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר. ניו יאָרק האָט אַריבערגעשטיגן באָסטאָן: דאָרטן האָט מען דריי טאַמאָזשנע-שפּיאָנען געגעבן די זעלביקע דאָזע. אין פּראָווידענס האָט מען אַ טאַמאָזשנע-באַאמטן שיר ניט דער'הרג'עט אַף טויט; אין ניופּאָרט האָט אַ גרויסער עולם אונטערגעצונדן אַ טאַמאָזשנע-שיף, וואָס האָט געבראַכט צוויי שמוגל-שיפן אין האַפן; ווען טאַמאָזשנע-באַאמטע האָבן פאַרכאַפּט אין פילאַדעלפיע אַ טראַנספּאָרט ויין, אַף וועלכן מען האָט ניט געצאָלט קיין טאַריף, איז אַן עולם באַפאַלן די טאַמאָזשנע-באַאמטע און צוגענומען דעם קאָנפיסקירטן ויין.

אין באָסטאָן האָט זיך יעדן טאָג געטומלט מיט אָבלאַוועס, וואָס די צאָל-באַאמטע האָבן געמאַכט אַף שמוגלערס און מיט אָנפאַלן אַף די באַאמטע

אפּצונעמען די קאָנפיסקירטע סחורות. ווען הענקאָק'ס שיף, די ליבערטי, איז אין יוני, 1768, אָנגעקומען אין באָסטאָנער האפן מיט א לאָדונג פון ווייך, איז באָסטאָן געגאנגען כאַדראַם. די צאָל־באאמטע, וואָס זיינען ארויף אף דער שיף, האט מען פארשפארט אין א קאיוטע און דער ווייך איז אויסגעלאָדן געוואָרן פון דער שיף, ניט געקוקט אף די קולות פון די פארשפארטע באאמטע. ווען די טאמאָזשנע־באאמטע האָבן געמאכט א פארזוך צו פאר־כאפּן די שיף, זיינען זיי פארוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער; די סאָלדאטן, וואָס זיינען געבראכט געוואָרן איינצושטעלן אָרדענונג, האָבן בלויז געהאָלפן די לאגע נאָך מער צו פארשארפן.

אין מיטן פון אָט די אַלע געשעענישן איז אין באָסטאָן פאָרגעקומען דער ערשטער בלוטיקער צוזאמענשטויס צווישן דער באפעלקערונג און די ענגלישע סאָלדאטן. דעם 5טן מערץ, 1770, אין אָוונט, האָט א גרויסער עולם זיך פארזאמלט ארום א קאזארמע, וואו עס זיינען געווען איינגעקווארטירט ענגלישע סאָלדאטן, און אָנגעהויבן זיך מיט זיי צו רייצן. רייצן זיך מיט ענגלישע סאָלדאטן און באאמטע און זיי זידלען מיט די ערגסטע נעמען איז געוואָרן א מנהג, וואָס אפילו קינדער האָבן נאָכגעטאָן. פון רייצן זיך איז מען איבערגעגאנגען צו ווארפן שטיינער אף די סאָלדאטן; די אויפגערעגטע סאָלדאטן האָבן געענטפערט מיט א שיסעריי אף דעם עולם. פינף מענטשן זיינען געפאלן טויט אפן פּלאץ און א צאָל זיינען פארוואונדעט געוואָרן.

די נייס וועגן דעם צוזאמענשטויס און פארגאָסענעם בלוט האט אויפ־געטרייסלט די אַזוי אויך אויפגערודערטע שטאָט. אף מאָרגן איז פאָרגעקומען א גרויסע פארזאמלונג, וואו סעמועל אַדאמס איז אויסגעקליבן געוואָרן צו גיין צום גאָווערנאָר מיט דער פאָדערונג, אַז די סאָלדאטן זאָלן צוגענומען ווערן פון שטאָט. דער גאָווערנאָר האָט פון אָנהויב אף דעם ניט געוואָלט איינגיין און געזוכט צו מאכן א קאָמפּראָמיס. אַדאמס אָבער האָט ניט געוואָלט הערן פון קיין קאָמפּראָמיסן; און דער גאָווערנאָר האָט געוואוסט, אַז די שטימונג פון דער באפעלקערונג איז אַזאַ, אַז קיין גוטעס וועט פון א מחלוקה אין דעם מאָמענט ניט ארויסגעקומען; ער האָט נאָכגעגעבן דעם פארלאנג און ארויס־געגעבן א פאראָרדענונג, אַז די סאָלדאטן זאָלן פארלאָזן די שטאָט.

די נייס וועגן דער באָסטאָנער בלוט־באָד, ווי אָט דער צוזאמענשטויס איז באקאנט אין דער אַמעריקאנער געשיכטע, האָט ארויסגערופן א גוואַלטיקע אויפרעגונג אין אַלע קאָלאָניעס. די אַלגעמיינע פאָדערונג איז געווען, אַז די

שולדיקע סאָלדאטן זאָלן באַשטראָפט ווערן, ווי מערדער. די סאָלדאטן זיינען גע׳משפט געוואָרן דעם זעלביקן יאָר, אין נאָוועמבער. צוויי פירער פון די פּאַטריאָטן, די אדוואָקאַטן דזשאָן אַדאַמס און דזשאָסיאַ קווינסי, האָבן אָנגענומען צו פּאַרטיידיקן די אָנגעקלאָגטע; זיי האָבן דאָס געטאָן, כדי אין אָפענעם געריכט צו באַשולדיקן די ענגלישע רעגירונג פאַר דער בלוט־פאַרגיסונג און צו וואָרענען די ענגלישע רעגירונג, אַז „סאָלדאַטן, וואָס ווערן איינגעקוואַרטירט אין אַ גרויסער שטאָט, וועלן פאַראורזאַכן צוויי אומרועןְ, וואו זיי וועלן אויסמיידן איינעם״.

צוויי פון די אָנגעקלאָגטע סאָלדאַטן, מאָנטגאָמערי און קילראָי, אויף וועלכע עדות האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי האָבן דערשאָסן צוויי פון די דערהרג׳עטע, זיינען פון געריכט און דער דזשורי געפונען געוואָרן שולדיק, נאָר זיינען אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער שטראָף; די איבעריקע זיינען באַפרייט געוואָרן.

די בלוט־באָד איז אָבער אַזוי גיך ניט פאַרגעסן געוואָרן. דער יאָר־טאָג פון דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט ענגלישן מיליטער איז אין באָסטאָן געפייערט געוואָרן יעדן יאָר אין משך פון דער רעוואָלוציע, ווי אַ טאָג, וואָס איז געווידמעט דעם קאַמף פאַר פרייהייט.

טאַונסהענד׳ס פּלאַן צו „לייזן די אַמעריקאַנער פּראָבלעם״ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי „דערפאָלגרייך״, אַז זיין פּלאַץ אַלס פינאַנץ־מיניסטער האָט פאַרנומען לאָרד נאָרט.

טיי ווערט די אישו

דער ווידערשטאַנד פון די קאָלאָניעס האָט אַזוי אָנגעשראָקן די ענגלישע רעגירונג, אַז זי האָט באַשלאָסן אָפּצושאַפן די נייע טאַונסהענד־שטייערן פאַר די קאָלאָניעס, וואָס האָבן אַלץ איינס קיין געלט ניט אַריינגעבראַכט אין דער רעגירונג־קאַסע. אפילו די ביוראָקראַטן אין דעם טאָרי־מיניסטעריום און לאָרד נאָרט, האָבן איינגעזען, אַז די קאָלאָניסטן האָבן די אויבערהאַנט אין דעם קאַמף. דער האַנדל צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע איז געפאַלן אויף העלפט; ענגלישע סוחרים האָבן ווידעראַמאָל פאַרוואָרפן די רעגירונג מיט פּעטיציעס צוריקצורופן דעם לעצטן טאַריף־אַקט פון פּאַרלאַמענט. וואָלקנס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן ווייזן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן הימל — מען האָט

דערוואַרטעט א נייע מלחמה מיט פראנקרייך. א רעוואָלט אין די אַמערי־קאַנער קאָלאָניעס אין צייט פון מלחמה איז ניט געווען פון די בעסטע פּער־ספּעקטיוון פאר דער רעגירונג. אַלץ צוזאַמענגענומען האָט באַוועגט די רעגירונג זיך מיטאַמאָל צו פאַרנעמען אַף א וועג פון שלום מאַכן מיט די קאָלאָניעס. ווען דער פאַרלאַמענט האָט זיך געעפנט אין פרילינג פון 1769, האָבן די ענגלישע מיניסטאָרן געדונערט וועגן „ברענגען די קאָלאָניעס אַף זייערע קני". אין הארבסט האָבן זיי שוין אָנגעהויבן זינגען א ניי ליד; און באַלד נאָך דער באָסטאָנער בלוט־באָד האָט די רעגירונג אַליין אריינ־געבראַכט אין פאַרלאַמענט א פאַרשלאַג ניט נאָר צוריקצורופן דעם לעצטן שטייערן־אַקט, נאָר אויך אָפּצושאַפן דעם קוואָרטעריונג־אַקט. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אַזוי אַרום פאַקטיש אָפּגעזאָגט פון צוויי הויפּט־צילן פון פּלאַן צו רעאָרגאַניזירן די קאָלאָניעס: שטייערן און סאָלדאַטן, וואָס זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן אַפן חשבון פון די קאָלאָניסטן.

מען קאָן איינשטימען מיט דזשאָרדזש סידני פישער, ווען ער שרייבט, אַז „איינער פון די ערנסטע רעזולטאַטן פונעם צוריקטריט איז געווען דאָס, וואָס צווישן די פאַטריאָטן איז דער פּרעסטיזש פון ענגלאַנד געווען געבראָכן אַף אייביק. באַאָבאַכטער האָבן געגלויבט, אַז איר סואווערעניטעט איז געווען פאַרלאָרן, ווען זי האָט צוריקגערופן דעם סטעמפּ־אַקט לויט דער דיקטירונג פון אַט דער פּאַרטיי; און איצט האָט זי זיכער געגעבן דעם לעצטן קלאַפּ איר הערשאַפט." *)

אָבער נאָך איין פאַרזוך האָט די ענגלישע רעגירונג געמאַכט צו שליכטן אירע א פּראָבלעם אַפן חשבון פון די קאָלאָניעס; און אָט דער פאַרזוך איז געווען דער פונק, וואָס האָט אויפגעריסן די פּולווער־פאַס.

די איסט אינדיע קאָמפּאַניע, א טייל פון ענגלישן האַנדלס־קלאַס, אין וועלכער ס'זיינען געווען פאַראינטערעסירט די סאַמע איינפלוסרייכסטע פּער־זאָנען פון דער הערשנדיקער גרופּע, איז אריינגעפאַלן אין פינאַנציעלע שוועריקייטן. די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן און די הויכע דיווידענדן, וואָס די קאָמפּאַניע האָט יעדן יאָר געצאָלט אירע הויך־געשטעלטע אַקציאָנערן, האָבן זי רואינירט. אין 1772, האָט די איסט אינדיע קאָמפּאַניע זיך געפונען אַפן שוועל פון באַנקראָט און זי האָט אַפּעלירט צום פאַרלאַמענט צו קומען

*) פישער, קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 134.

זי צו הילף. דער פּאַרלאַמענט האָט באַוויליקט דער איסט אינדיע קאָמפּאַניע א ריזיקע הלואה אַף קליינע פּראָצענטן און האָט זי איבערגעגעבן דעם קאָנטראָל איבער אינדיע.

שליכטנדיק די פאַרפּלאָנטערטע געשעפטן פון דער קאָמפּאַניע, האָט די ענגלישע רעגירונג זיך אָנגעשטויסן אַף דער פּראָבלעם ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון 17 מיליאָן פונט טיי פון דער קאָמפּאַניע, וואָס האָט געשימלט אין לאָנ־דאָנער וועריהייזער. האָט מען זיך ווידעראַמאָל דערמאָנט, אַז אַף דער וועלט זיינען פאַראַן די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. דער רעזולטאַט איז געווען דער טיי־אַקט פון 1773.

אונטער אָט דעם געזעץ איז די איסט אינדיע קאָמפּאַניע באַפּרייט געוואָרן פון צאָל אַף טיי, וואָס זי האָט אימפּאָרטירט אין ענגלאַנד פאַרן עקספּאָרט אין די קאָלאָניעס; מען האָט איר אומגעקערט די סומע, וואָס זי האָט גע־האָט איינגעצאָלט פאַרן טיי אין אירע ענגלישע וועריהייזער און דערביי האָט דער פּאַרלאַמענט געטאָן דער קאָמפּאַניע נאָך א קליינע טובה'לע. די איסט אינדיע קאָמפּאַניע פלעגט פאַרקויפן איר טיי אַף אָפענע ליציטאַציעס צו ענגלישע סוחרים, וועלכע פלעגן די טיי עקספּאָרטירן קיין אַמעריקע. דער נייער געזעץ האָט דערלויבט די איסט אינדיע קאָמפּאַניע צו עפענען אירע אייגענע געשעפטן אין די קאָלאָניעס און צו פאַרקויפן דירעקט צום קאָנסומער.

מיט דעם געזעץ האָט דער פּאַרלאַמענט געגעבן א צווייפאַכן קלאַפּ די אַמעריקאַנער סוחרים: דער אָפּצאָל אַף טיי איז געווען א הויכער, א שילינג א פונט. ניין־צענטל פון די אָנדערהאַלבן מיליאָן פונט טיי, וואָס מען האָט יערלעך פאַרברויכט אין די קאָלאָניעס, זיינען דעריבער אַריינגעשמוגלט גע־וואָרן פון האָלאַנד. באַפרייענדיק די איסט אינדיע קאָמפּאַניע פון צאָל אַף טיי, האָט דער פּאַרלאַמענט געעפנט דעם קאָלאָניאַלן מאַרק פאַר דער קאָמפּאַניע צו קאָנקורירן אַפילו מיט דער אַריינגעשמוגלטער טיי. דאָס עפענען פון לאָקאַלע אַגענטורן פאַר דעם פאַרקויף פון טיי אין די קאָלאָניעס, האָט געדראָעט מיט באַנקראָט די לאָקאַלע קרעמער און די לאָקאַלע אַנגראָ־געשעפטן, וואָס האָבן געהאַט גרויסע זאַפּאַסן פון אַריינגעשמוגלטער טיי.

דער נייער געזעץ האָט ניט נאָר ניט אָנגערירט די ברייטע מאַסן, נאָר האָט, פאַרקערט, געשאַפן פּערספּעקטיוון פאַר ביליקערע פרייזן אַף טיי. איצט האָבן די קאָלאָניאַלע סוחרים אויפגעהויבן א גוואַלט. אויב די נייע פּראַקטיק וועט דערלויבט ווערן אין די קאָלאָניעס, וועט זי רואינירן די אַרטיקע

סוחרים; אויב דער עקספערימענט פון דער איסט אינדיע קאמפאניע זאל זיך ארויסווייזן אלס דערפאלג, ווער וועט שטערן די אנדערע לאנדאנער קאמ־פאניעס נאכצוטאן איר ביישפיל? איז דאס ניט א נייער פארזוך אף די „הייליקע רעכטן” פון די אמעריקאנער קאלאניסטן?

ארטאדאקסישע אמעריקאנער היסטאריקער זוכן אויסצוטייטשן דעם טיי־אקט אלס פארזוך „אונטערצוקויפן א פאלק”; זיי ווערן פאטעטיש וועגן „אונזערע פאטערס, וואס מען האט ניט געקאנט קויפן”, וואס האבן שטענדיק געהאט אין זינען די הויכע פרינציפן, פאר וועלכע זיי האבן געקעמפט. ס'איז אבער גרינג צו זען, אז אין דעם קאמף קעגן טיי־אקט האט זיך אפן געהאנדלט וועגן דער פראגע פון פראפיטן און פארלוסטן.

דער ענטפער פון די סוחרים אין די קאלאניעס אף דעם נייעם געזעץ איז געקומען שנעל און אנטשיידן. נאך אין אקטאבער, 1773, ווען ס'איז באקאנט געווארן, אז טיי־שיפן פארלאזן די לאנדאנער האפנס, האבן די פאטריאטן אנגעהויבן דורכצופירן רעזאלוציעס אף מאסן־מיטינגען, וואס האבן געפאדערט, אז די שיפן זאל ניט דערלויבט ווערן לאנדן אין די קאָ־לאניעס. די ערשטע טיי־שיף איז אנגעקומען אין באסטאן ארום דעם 26טן נאוועמבער. ווי געוויינטלעך, איז באלד גערופן געווארן א פארזאמלונג, וואס האט באשלאסן, אז די שיף זאל זיך אומקערן אפילו אן דער פארמאליטעט פון האבן דורכגעגאנגען די טאמאזשנע. דער גאווערנאר, האטשינסאן, האט פאראָרדנט אויפצולייזן דעם מיטינג, נאר די פאראָרדענונג איז אויסגעפייפט געווארן פון פארזאמלטן עולם. ס'האט זיך אנגעהויבן די געוויינטלעכע דינגעניש צווישן דעם גאווערנאר און א קאמיטע. דער גאווערנאר איז געווען א נוגע בדבר — די טיי איז געווען געשיקט אפן נאמען פון זיינע זין. דעם עולם איז נמאס געווארן די פארהאנדלונגען. דעם 16טן דעצעמבער, ווען א פארזאמלונג האט שפעט אין אוונט אויסגעהערט א באריכט וועגן די פארהאנד־לונגען, האט סעמועל אדאמס זיך אויפגעהויבן און דערקלערט: „די דאזיקע פארזאמלונג קאן מער גארנישט טאן צו ראטעווען דאס לאנד.” דאס איז געווען דער סיגנאל, כאטש ס'איז קיינמאל ניט פעסטגעשטעלט געווארן, ווער ס'איז געווען דער ארגאניזאטאר פון דער טיי־פארטיי, פון דעם איבערפאל אף די טיי־שיפן.

ס'איז פאראן א טראדיציע, אז דזשאן הענקאק, „דער פרינץ פון די שמוגלער”, וועלכער האט געהאט ווייניק אכטונג און האט נאך ווייניקער זיך

צערעמאָניעט מיט די ענגלישע געזעצן בכלל און די צאָל־געזעצן בפרט, האָט אָרגאַניזירט און באַוואָפנט די 40־50 מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרמאַסקירט אַלס אינדיאַנער און זיך אַוועקגעלאָזן צו די טיי־שיפן. אין אַ פּאָר שעה צייט איז טיי אין ווערט פון 18 טויזנט פונט געלעגן אויפן גרונט פון ים.

אין אַנדערע האַפן־שטעט, אַחוץ אַנאַפּאָליס, איז ניט געקומען צו טיי־פּאַרטיס; אָבער די טיי איז אין ערגעץ ניט געלאַנדעט געוואָרן. אין אַנאַ־פּאָליס, וואו די טיי איז אָנגעקומען אויף אַ שיף פון אַן אָרטיקן סוחר, אַ טאָרי,



די באָסטאָנער „טיי־פּאַרטי": מען וואַרפט פּעק טיי אין ים אַריין.

וועלכער איז שוין ניט איינמאָל געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט די פּאַטריאָטן, האָבן די לעצטע באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָנצולערנען דעם דאָזיקן טאָרי. זיי האָבן אים געצוואונגען צוצושטימען, אַז די שיף מיטן טיי זאָל פאַרברענט ווערן, אויב ער וויל זיך ניט אויסבעטן אַן ערגערן אָפּשניט. און זיי האָבן אויסגעפירט דעם באַשלוס — די פּעגי סטוּאַרט, די שיף, און איר טיי־פראַכט זיינען אַוועק מיטן פייער.

אָבער דער איבערפאַל אויף ענגלישע שיפן, די באָסטאָנער טיי־פּאַרטי, איז געווען אַן ערנסטער ענין. דאָס איז געווען אַן אָפענער פאַרזוך זיך צו שטעלן קעגן דער אויטאָריטעט פון דער רעגירונג ניט מיט רעזאָלוציעס, נאָר מיט

געוועהר אין די הענט. ווען די נייס וועגן דער באסטאנער טי־פארטי איז באַקאנט געווארן אין ענגלאנד, האט דזשארדזש דער דריטער דערקלערט: „דער גורל איז געווארפן, די קאלאניעס מוזן אדער טריאומפירן, אדער זיך אונטערגעבן . . . אויב מיר וועלן האנדלען מיט אנטשלאסנקייט וועלן זיי בלי ספק זיין זייער הכנעה׳דיק.״

אויך אין אמעריקע איז דער ארויסטריט קעגן די טיי־שיפן באטראכט געווארן אלס דער אנהויב פון אן אפענעם קאמף מיט ענגלאנד.

די פינף „אומדערטרעגלעכע אקטן״

די טארי־רעגירונג, פון וועלכער לארד נארט איז איצט געווען פרעמיער, האט זיך גענומען גרייטן צו אונטערדריקן די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין

לארד נארט

די קאלאניעס מיט איר גאנצער מאכט. זי האט דורכגעפירט אין פארלאמענט פינף געזעצן, וואס זיינען באקאנט אין דער אמעריקאנער געשיכטע אלס די פינף אומדערטרעגלעכע אקטן (די „אינטאלערייבל עקטס״), וואס האבן באַצוועקט צו מאכן א סוף צו די אומרוען אין די אמעריקאנער קאלאניעס.

דער ערשטער פון די דאזיקע אקטן, וואס איז אנגענומען געווארן דעם 31טן מערץ, 1774, האט פארארדנט א בלאקאדע אף דעם באסטאנער האפן. באסטאן איז לחלוטין אפגעשניטן געווארן פון דער וועלט; קריגס־שיפן

זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אכטונג צו געבן, אַז די בלאָקאַדע זאָל שטרענג אָפּגעהיט ווערן.

אַזוי ווי די סאַמע עקזיסטענץ פון באָסטאָן איז אָפּגעהאַנגען פון איר האַנדל, האָט די ענגלישע רעגירונג געגלויבט, אַז זי וועט דורך דער בלאָקאַדע צווינגען דער שטאָט זיך אָפּצוזאָגן פון די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן דאָרט געהאַט זייער הויפּט־קוואַרטיר.

דער צווייטער אַקט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, האָט באַשטימט צוריקצוציען דעם טשאַרטער פון מאַסאַטשוסעטס און האָט באַשטימט, אַז די קאָלאָניע זאָל רעגירט ווערן פון גאָווערנאָר מיט אַ ראַט, וואָס די קרוין וועט באַשטימען, און אַז פאַרזאַמלונגען פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג טאָרן ניט אָפּגעהאַלטן ווערן אָן דער דערלויבעניש פון גאָווערנאָר.

דער דריטער געזעץ האָט באַשטימט, אַז ענגלישע באַאַמטע, וואָס ווערן באַשולדיקט אין מאָרד אין פאַרבינדונג מיט דורכפירן די געזעצן פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, קאָנען ניט געמשפּט ווערן אין דער קאָלאָניע, וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען, נאָר דאַרפן געמשפּט ווערן אין אַ צווייטער קאָלאָניע, אָדער אין ענגלאַנד. דער פערטער פון די דאָזיקע געזעצן האָט דערלויבט דער רעגירונג איינצוקוואַרטירן סאָלדאַטן אין די שטעט פון מאַסאַטשוסעטס.

דער פינפטער געזעץ, דער אַזוי־גערופענער קוויבעק־אַקט, האָט אויסגעברייטערט די גרענעצן פון דער קוויבעק־טעריטאָריע ביז דעם אָהייאָ ריווער.

ווי מיר זעען, האָט אין דריי פון די „אומדערטרעגלעכע" געזעצן זיך געהאַנדלט אינגאַנצן וועגן באַשטראָפן מאַסאַטשוסעטס. פון די איבעריקע צוויי איז דער לעצטער געווען אַנטשיידנדיק פאַר דער רעוואָלוציע, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער זען.

די נאָרט־רעגירונג האָט געקראָגן געגנוג מאַכט אָנצולערנען די קאָלאָניעס בכלל און מאַסאַטשוסעטס בפרט. אָבער די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי האָט זיך אויך גענומען גרייטן צו אַן אָפענער מלחמה.

דזשאָרדזש דער דריטער איז געווען גערעכט: „דער גורל איז געוואָרפן" . . . די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז אַריין אין אַ נייער, העכערער פאַזע. די פאַסירונגען פונעם נעקסטן יאָר האָבן געפירט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין די קאָלאָניעס.

צווייטער קאַפּיטל

אַנהענגער און קעגנער פון אומאָפּהענגיקייט

דער קאַמף פון די קאָלאָניעס קעגן דער ענגלישער רעגירונג, וואָס מיר האָבן באַשריבן אינעם פריערדיקן קאַפּיטל, איז ניט געווען קיין ספּאָנטאַנער קאַמף. ער איז געווען אַן אָרגאַניזירטער קאַמף, אָנגעפירט פון אַ באַוואוסטזיניקער אָרגאַניזאַציע מיט אַ פעסטער האַנט.

ס'איז געווען אָט די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָרגאַניזירט די דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָט פאַרשפּרייט אין די טויזנטער און טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס, פּאַמפלעטן, צייטונגען; וואָס האָט געהאַלטן אַן אויג, אַז דער באָיקאָט זאָל אָפּגעהיט ווערן; וואָס האָט אָרגאַניזירט די טי־פּאַרטיס; וואָס האָט געשטויסן די באַוועגונג אָנצונעמען אַ מאַסן־כאַראַקטער און געווענדעט זי אין דער ריכטונג פון אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד. מיר האָבן געזען, אַז נאָך מיט אַ צענדליק יאָר פאַר דער באָסטאָנער טי־פּאַרטי, אין פאַרבינדונג מיטן קאַמף קעגן סטעמפּ־אַקט, האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן פּאַטריאָטישע געזעלשאַפטן אונטערן נאָמען „זין פון פרייהייט". די דאָזיקע געזעלשאַפטן זיינען געווען האַלב־לעגאַלע ברייטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן באַקעמפט פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצן, וואָס זיי האָבן באַטראַכט אַלס שעדלעך פאַר די קאָלאָניעס; זיי האָבן זיך אָבער באַטראַכט ווי ענגלענדער, וואָס קעמפן פאַר זייערע רעכטן אַלס ענגלענדער און האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן אויסצודריקן זייער לאָיאַלקייט צו דער ענגלישער קרוין און צום פאָטערלאַנד, ענגלאַנד. אָבער שוין דעמאָלט האָבן זיך געפונען איינצלנע פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די פראַגע איז אַ סך אַ טיפערע ווי די פאָדערונג צוריקצורופן דעם סטעמפּ־אַקט. אין אַ בריוו, וואָס גאַלאָוויי, אַ פירער פון די טאָריס, האָט געשריבן צו בענדזשאַמין פרענקלין, אין 1766, דערקלערט ער צום פאַרטרעטער פון די קאָלאָניעס אין לאָנדאָן:

„אַ געוויסע סעקטע מענטשן, אויב איך מעג אורטיילן פון זייער לעצטער אויפפירונג, שיינען עס צו באַטראַכטן אַלס אַ גינסטיקע געלעגנהייט צו עטאַבלירן זייערע רעפּובליקאַנישע פּרינציפּן און אָפּצוזאָגן יעדע פאַרבינדונג מיטן מוטערלאַנד. פיל פון זייערע אויסגאַבן באַרעכטיקן דעם דאָזיקן געדאַנק.

אחוץ דעם, האָב איך אַנדערע אורזאַכן צו דענקען, אַז ניט נאָר פאַרמירן זיי אַ פּריוואַטע פאַראייניקונג צווישן זיך פון איין עק פון קאָנטינענט ביזן צווייטן, נאָר אַז זיי זוכן אַריינצובררענגען אין אָט דער פאַראייניקונג די קוויקערס און אַלע אַנדערע „דיסענטערס", אויב מעגלעך."

גאַלאָוויי האָט געוואוסט וואָס ער רעדט. דער געדאַנק פון אומאָפּהענגיקייט איז געווען פאַרשפּרייט אין די קאָלאָניעס שוין אין אָנהויב פון 18טן יאָרהונדערט. דזשאָן וועסלי שרייבט אין איינעם פון זיינע פּאַמפּלעטן, אַז זיין ברודער האָט באַזוכט אַמעריקע אין 1737 און האָט אים אינפאָרמירט, אַז „זייער ערנסטע מענטשן און מענטשן פון באַטייט האַלטן אין איין שרייען: מיר מוזן זיין אומאָפּהענגיק, אונז וועט קיינמאָל ניט זיין גוט, ביז וואַנען מיר וועלן ניט אַראָפּוואַרפן דעם ענגלישן יאָך". קאַלם, דער שוועדישער באָטאַניקער, וועלכער האָט געמאַכט אַ רייזע איבער די קאָלאָניעס אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, דערציילט אויך אין זיין רייזע־באַשרייבונג, אַז ער האָט גערעדט מיט מענטשן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אים דערקלערט, אַז אין דרייסיק אָדער פופציק יאָר וועט אַמעריקע זיין אומאָפּהענגיק פון ענגלאַנד.

גאַלאָוויי איז אויך געווען גערעכט ווען ער האָט געשריבן, אַז די אַנהענגער פון רעפּובליקאַנישע פּרינציפּן זוכן אויסצונוצן די געלעגנהייט פונעם קאַמף קעגן סטעמפּ־אַקט זיך צו פאַראייניקן. אַזאַ פאַראייניקונג איז טאַקע פאָרגעקומען.

די קאָרעספּאָנדענץ־קאָמיטעטן

די צייט, ווען די געהיימע אָרגאַניזאַציע פון די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז באַקאַנט אַלס די קאָרעספּאָנדענץ־קאָמיטעטן („קאָמיטעס אָוו קאָרעספּאָנדענס"), איז געגרינדעט געוואָרן, איז היסטאָריש ניט פעסט־געשטעלט. פישער דערציילט, אַז די דאָזיקע קאָמיטעטן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין מאַסאַטשוסעטס אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף וועגן די שכירות פון הויפּט־ריכטער. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, ווער ס'זאָל צאָלן די שכירות פונעם גאָווערנאָר און די ריכטער. דער פּאַרלאַמענט האָט, אין 1770, אָנגענומען אַ געזעץ, אַז די שכירות זאָלן געצאָלט ווערן פון דער ענגלישער רעגירונג, כדי זיי צו מאַכן אומאָפּהענגיק פון די לאָקאַלע

אסעמבלים. „די באסטאנער פאטריאטן", שרייבט פישער, „האבן שטארק געארבעט קעגן דעם; און דאס איז געווען די געלעגנהייט צו ארגאניזירן אלע פאטריאטן פון מאסאטשוסעטס אין קארעספאנדענץ־קאמיטעטן, וואס זיינען געשאפן געווארן אין יעדער שטאט, מיט א צענטראל־קאמיטעט אין באסטאן." *)

די קארעספאנדענץ־קאמיטעטן זיינען אבער ניט פארבליבן קיין לאקאלע ארגאניזאציעס. פישער דערציילט ווייטער:

„די סיסטעם פון קאמיטעטן איז נאכדעם ביסלעכווייז אנגענומען גע-ווארן אין אלע רעבעלירנדיקע קאלאניעס און דורך אזעלכע קאמיטעטן איז די פראקטישע ארבעט פון דער רעוואלוציע — די פארמולירונג פון ארגו-מענטן, דערמוטיקונג פון רעוואלוציאנערע אידייען, פארטיי-דיסציפלין, די אונטערדריקונג, אדער דאס ארויסטרייבן פון לאיאליסטן — און א גרויסער טייל פון דער אקטועלער רעגירונג פון לאנד, דורכגעפירט געווארן. ס'שיינט אז זיי האבן געבראכט א שנעלע דערמוטיקונג פון רעוואלוציאנערע אידייען אין מאסאטשוסעטס." **)

לאמיר זיך נעענטער באקענען מיט דעם געבוי און דער טעטיקייט פון אט די רעוואלוציאנערע אונטערערדישע ארגאניזאציעס, וואס האבן דערפירט די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין די קאלאניעס צו איר פאזע פון באוואפנטן אויפשטאנד.

די קארעספאנדענץ־קאמיטעטן זיינען געווען ארגאניזירט אין גרופעס, אדער קלובן, וואס האבן אפגעהאלטן זייערע פארזאמלונגען אין דער גרעסטער געהיימניש. „מיר זיינען געווען פארזיכטיק" —זאגט פאול רעוויר, — „אז אונזערע פארזאמלונגען זאלן געהאלטן ווערן בסוד, אז יעדעס מאל, וואס מיר האבן זיך פארזאמלט, זאל יעדער אנטיילנעמער זיך שווערן בא דער ביבל, אז ער וועט ניט ארויסגעבן די פארהאנדלונגען צו קיינעם, אחוץ הענקאק, ווארען, אדער טשווירטש און איינעם אדער צוויי אנדערע פירער."

יעדע גרופע, אדער קלוב, האט געהאט א באשטימטע אויפגאבע. פישער דערציילט וועגן דער גרופע, וואס מיר וואלטן גערופן אין אונזער מאדערנער שפראך — דער אגיטאציע־ און פראפאגאנדע־דעפארטמענט:

---

*) פישער, דער קאמף פאר אמעריקאנער אומאפהענגיקייט, באנד 1, זייט 155.

**) דארטן.

„אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע, מיטן נאָמען דער „לאַנגרום קלוב", האָט צו-געגרייט פּאַראַגראַפן און אַרטיקלען פאַר דער „באָסטאָן גאַזעט", וואָס האָט אין פּרעדיקן עקסטרעמע אידייען ווייט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע פּאַטריאָטי-שע צייטונגען. קאָשינג, וועלס, אָטיס, פּעמבערטאָן, גרעי, אוסטין, וואַלדאָ, אינטשעס, זיינען געווען פּראָמינענט אין דער דאָזיקער אַרבעט, ווי אויך קווינסי, מעיהו, קופּער, פּעין, מאַלינאַ, דעקסטער, טעטשער, אייווערי, קרעפּטס, באַר, טשיוס און עדיס, מיט דעם אומדערמידלעכן סעמועל אַדאַמס. דזשאַן אַדאַמס באַשרייבט אַן אָונט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט אייניקע פון אָט די געקליבענע גייסטער, „אין צוגרייטן זיך פאַר דער צייטונג פון דעם נעקסטן טאָג — אַ קוריאָזע באַשעפטיקונג, אויסקאָכנדיק די פּאַראַגראַפן, אַרטיקלען און געשעענישן און סטימולירנדיק די פּאָליטישע מאַשין." *)

ס'איז קלאָר, פאַרוואָס די דאָזיקע גרופּן זיינען געווען אַזוי שטרענג קאָנספּיראַטיוו. אין די ערשטע יאָרן פון קאַמף זיינען די מיינונגען פון אָט די ראַדיקאַלן געווען „אויסלענדישע פּראָפּאַגאַנדע", וואָס איז ניט געווען פּאָ-פּולער אין די קאָלאָניעס, און פאַר געהערן צו אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט מען געקאָנט באַצאָלן מיט דער פרייהייט, אויב ניט מיטן קאָפּ. דזשעפערסאָן און עלדרידזש גערי האָבן אונז איבערגעלאָזן באַשרייבונגען וועגן דער גרוי-סער פאָרזיכטיקייט, מיט וועלכער מען האָט געדאַרפט פירן די מאַסן פּאַטריאָטן טריט נאָך טריט — לאַנגזאַם זיי צוגעוואוינען צום געדאַנק פון אַבסאָלוטער אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד. גערי רעדט וועגן „שרעקעדיקע פּערזאָנען", וואָס ווערן „פאַרציטערט באַם וואָרט אומאָפּהענגיקייט". „די פּרוכט", זאָגט ער, „מוז האָבן צייט רייף צו ווערן."

די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע. די פירער האָבן געדאַרפט געפינען דעם וועג צו די מאַסן. די דאָקומענטן פון יענער צייט, וואָס האַלטן זיך אין איין דערקלערן אין ליבע און אויסדריקן לאָיאַלקייט צום ענגלישן קעניג, האָבן ווייט ניט אויסגעדריקט די מיינונגען פון די ראַדיקאַלע פירער פון דער באַוועגונג קעגן ענגלאַנד.

די דאָזיקע פירער זיינען געווען די וואָרט-זאָגער פון דער וואַקסנדיקער בורזשואַזיע אין די קאָלאָניעס און זיינען געווען אונטערן איינפלוס פון די גרויסע אידייען פון די ענגלישע און פראַנצויזישע אויפקלערער — די אידייען, וואָס האָבן „קלאָר געמאַכט די מוחות" פאַר דעם ענדגילטיקן קאַמף פון דער בורזשואַזיע קעגן פעאָדאַליזם פאַר פּאָליטישער הערשאַפט.

*) פישער, דער קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 190.

סעמועל אדאמס און דזשאן הענקאק

דער פירער פון דער רעוואלוציאנערער אונטערערדישער באוועגונג איז געוועזן סעמועל אדאמס; ביז דעם צווייטן קאנטינענטאלן קאנגרעס איז ער געוועזן דער אנערקענטער פירער פון דער אומאפהענגיקייט־באוועגונג אין אמעריקע. דאס קאן מען זען פון די גאליקע אטאקעס אף אים, פון דעם ביטערן האס, מיט וועלכן די אמעריקאנער און ענגלישע טאריס ריידן וועגן

סעמועל אדאמס

אים. פאר זיי איז ער געוועזן „סעם אדאמס", „דער גרויסער אונטערצינדער", „סעם דער שענקער", א. אז. וו. אין די קאלאניעס, פארקערט, איז זיין נאמען פארהערלעכט געווארן אלס „פאטער פון אמעריקאנער רעוואלוציע", כאטש אין די לעצטע יארן פון דער רעוואלוציע האט ער מער ניט געשפילט די ראל, וואס ער האט געשפילט אין די צוגרייטונג־יארן.

אדאמס האט געשטאמט פון א פארמעגלעכער פאמיליע און האט געקראגן א גוטע דערציאונג. ער האט גראדואירט די הארווארד־אוניווערזיטעט; ער האט זיך אבער ניט באשעפטיקט מיט זיין פראפעסיע, וואס איז געוועזן אדוואקאטור. ער האט געווידמעט זיין גאנץ לעבן דער ארגאניזירונג פון דער אומ־

אָפּהענגיקייט־באַוועגונג. געשעפטן זיינען אים ניט געלעגן אין קאָפּ. זיין מאַליך־געשעפט האָט באַנקראָטירט. די שטאָטישע אַמטן, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער צייטנווייז פאַרנאַכלעסיקט. געלט האָט בא אים קיינמאָל ניט געשפּילט קיין ראָל. ער איז שטענדיק געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, האָט געלעבט מיט זיין פאַמיליע אין אַ שטיק חורבה אַף פּוירטשיים סטריט, אין באָסטאָן, און ווען ער איז דערווײַלט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום ערשטן קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס, האָבן זיינע פריינט אים געדאַרפט קויפן אַן אָנשטענדיקן אָנצוג, אַז ער זאָל זיך קאָנען „באַווייזן צווישן מענטשן". ער איז געווען פון דעם טיפּ, וואָס דער פּיליסטער באַטראַכט אַלס אַ שלים־מזל.

אָט דער „שלים־מזל" האָט זיך אינגאַנצן טראַנספאָרמירט, ווען ער איז אַרויף אַף דער טריבונע. זיינע שריפטן, די אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער באָסטאָן גאַזעט, באַווייזן, אַז ער האָט געקאָנט אַנטוויקלען אַ געדאַנק, זיך באַנוצן מיט געשיכטלעכע פאַקטן און אָרטיקע פּאַסירונגען צו באַפעסטיקן זיין אַרגומענט און מאַכן אים אַזוי איבערצייגנדיק און צוגענגלעך ווי מעגלעך. אָבער אין דער פלעיאַדע רעוואָלוציאָנערע פּובליציסטן פון דער צייט קאָן ער זיך ניט פאַרגלייכן מיט אַ טאָמאַס פּעין, אַ דזשעפערסאָן, אָדער אַ פראַנקלין. דערפאַר איז ער אַף דער רעדנער־טריבונע געווען די דאָמינירנדיקע פיגור. ער האָט געקאָנט ריידן, אַז דער ברייטער עולם זאָל אים פאַרשטיין. און דער פּשוט'ער עולם האָט אים ליב געהאַט.

„ווי מאַנכע זאָלן אים ניט פאַראַכטן, האָט ער זיכער אַ סך פריינט. וואָרים ערשט ניט לאַנג, האָבן מאַנכע פּערזאָנען (זייערע נעמען זיינען אומבאַקאַנט) געשיקט צו אים בעטן ער זאָל זיי דערלויבן אויפצובויען פאַר אים אַ נייע שטאַל, די אַלטע איז געווען צעפוילט; ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ פאָר טעג. אַ צווייטער האָט געבעטן דערלויבעניש צו פאַרריכטן זיין הויז, וואָס ער האָט שנעל געמאַכט. אַ דריטער האָט אים געבעטן די געפעליקייט צו קומען צו אַ שניידער און זיך נעמען אַ מאָס פאַר אַן אָנצוג און אויסקלייבן דעם געוואַנט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן און מען האָט דעם אָנצוג אָפּגעשיקט צו אים אַהיים. אַ פערטער האָט אים געמאַכט אַ מתנה אַ נייעם פּאַרוק, אַ פינפטער — אַ נייעם הוט, אַ זעקסטער — זעקס פאָר זיידענע זאָקן, אַ זיבעטער — באַוועלנע זאָקן, אַן אַכטער — זעקס פאָר שיך און אַ ניינטער האָט באַשיידן זיך נאָכגעפרעגט, צי זיינע פינאַנצן זיינען ניט אין אַן ערגערן צושטאַנד, ווי געוויינטלעך. ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז טאָקע די לאַגע, נאָר אַז די דאָזיקע זאַכן קימערן אים ניט שטאַרק, אויב נאָר ער קאָן ברענגען וועלכע ניט איז נוצן דעם פאָלק; דער דזשענטל-

> מאן האט זיך בא אים איינגעבעטן צו נעמען א טייסטער מיט פופצן, אדער צוואנציק יאהאנעס. איך דערמאן דאס אייך צו באווייזן וויפיל ער ווערט דא געאכטעט. זיי שעצן אים פאר זיין גראדן שכל, גרויסע פייאיקייטן, וואונדערבארע פעסטקייט, נאבעלע אנטשלאסנקייט און אומדערשראקענעם מוט." *)

אויב אדאמס האט זיך גענויטיקט אין א באשטעטיקונג פאר זיין איבער־געבנהייט דער רעוואלוציע, איז גענוג צו ברענגען א פאר פון די אויסגוסן קעגן אים מצד זיינע טארי־קעגנער:

> „מר. אדאמס'עס כאראקטער קאן דעפינירט ווערן אין א פאר ווערטער. ער איז א היפאקריט אין רעליגיע — א רעפובליקאנער אין פאליטיק — מיט גענוג כיטרעקייט צו שאפן א פולקאמענעם זשוליק — וואס באזיצט גענוג וויסן, וויפיל ס'איז נויטיק צו פארשטעלן דעם אמת דורך סאפיזמען, און אזא פולשטענדיקער מאראליסט, אז איינס פון זיינע באליבטע ווערטלעך איז: „דער ציל בארעכטיקט די מיטלען." ווען צו אזעלכע באגאבטע טאלאנטן און פרינציפן וואלטן מיר נאך צוגעגעבן א ליידיקע קעשענע, אן אומ־באגרענעצטע אמביציע און א שרעקלעכע פיינטשאפט צו גרויס־בריטאניע, וועלן מיר זיין אומשטאנד זיך צו שאפן א גענויסע אידייע וועגן מר. סעמועל אדאמס." **)

קלינגט דאס ניט ווי אן עדיטאריעל אין א רעאקציאנערער ציטונג וועגן א מאדערנעם רעוואלוציאנערן ארבעטער־פירער?!

אדאמס האט גלייך פון אנהויב פונעם קאמף קעגן דער רעארגאניזאציע פון די קאלאניעס, וואס די ענגלישע רעגירונג האט זיך גענומען דורכפירן, איינגעזען, אז ס'האנדלט זיך ניט וועגן איין געזעץ, אדער א צווייטן, נאר ס'האנדלט זיך וועגן קאלאניאליזם אלס סיסטעם. שלעכט זיינען ניט נאר די געזעצן, שלעכט איז די סיסטעם, וואס דארף פארניכטעט ווערן, און ער האט מיטן גאנצן ברען פון זיין טעמפעראמענט זיך אריינגעווארפן אין קאמף צו פארניכטן די סיסטעם.

אדאמס, להיפוך אנדערע פירער פון דער רעוואלוציע, איז פארבליבן געטריי זיינע אידעאלן ביז דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן. דערפאר טאקע איז ער שפעטער באטראכט געווארן ווי אן עובר בטל; דערפאר איז ער שפע־

---

*) וועלס, דאס לעבן פון סעמועל אדאמס. ציטירט לויט פישער. באנד 1, ז. 193.
**) דארטן, זייט 195.

טער באזייטיקט געווארן פון פירערשאפט. ער איז געווען איינער פון די בעסטע פארשטייער פון דער רעוואלוציאנערער עפאכע פון דער בורזשואזיע. די בורזשואזיע האט זיך גיך אפגעזאגט פון אזעלכע דעמאקראטן און איבער־געגעבענע פאלקס־פריינט, ווי א סעמועל אדאמס, א טאמאס פעין, און געזוכט צו מינימיזירן זייער פלאץ אין דער געשיכטע פון אמעריקע. מיט זייערע נעמען אבער זיינען פארבונדן די שענסטע און בעסטע טראדיציעס פון אמעריקאנער פאלק.

דזשאן הענקאק

אדאמס'עס רעכטע האנט און דער ארגאניזאטאר פון דער באוועגונג איז געווען דזשאן הענקאק. הענקאק איז אין אלע הינזיכטן געווען דער קעגנזאץ פון סעמועל אדאמס. ער איז געווען שטיין־רייך; אחוץ דעם גרויסן פארמעגן פון זיין פעטער, וואס ער האט גע'ירשנ'ט, האט ער אליין געפירט גרויסע געשעפטן און איז געווען שטארק אנגעזען אין די האנדלס־קרייזן פון אמעריקע און ענגלאנד. ער האט ליב געהאט זיך צו קלײדן שיין, איז געווען, ווי זיינע קריטיקער האבן געזאגט, א שטיקל בעל־גאוה און שטארק סענסיטיוו. ער האט געשטאמט פון א טארי־פאמיליע און דאס האט נאך מער אויפגערעגט

די אַמעריקאַנער טאָריס, וואָס האָבן באַשולדיקט אַדאַמס'ן, אַז ער האָט העַנקאָק'ן אַראָפּגעפירט פון וועג.

„מיט זיין אוילִיקן צונג האָט ער (אַדאַמס) אַריינגענאַרט אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פלאַכן מאַרך און טיפע קעשענעס, און האָט אים אַרויסגעפירט צום עולם אויך אַלס פּאַטריאָט. ער האָט אָנגעפילט זיין קאָפּ מיט זיין אייגענער וויכטיקייט און האָט אויסגעליידיקט זיינע קעשענעס, און אַלס באַלוינונג האָט ער אים אַרויפגעשטויסן אַפן לייטער, וואו ער איז איצט דער פאָרזיצער פון די „צוועלף פאַראייניקטע פּראָווינצן", און וואו ביידע וואַרפן איצט אַריין אייך, מיינע לאַנדסלייט, אין די טיפענישן פון אומגליק." *)

אַנדערע ווידער האָבן העַנקאָק'ן באַשולדיקט, אַז ער איז בלויז אויכן זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן; און אַז ער פירט דעם קאַמף קעגן ענגלאַנד, דערפאַר וואָס ער האָט מורא, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט מאַכן אַ סוף צו זיינע שמוגל־געשעפטן. אגב ווערט דער דאָזיקער אַרגומענט איבערגע'חזר'ט פון אַ צאָל ליבעראַלע היסטאָריקער. אָבער אפילו פישער, וועלכער חזר'ט איבער די אַרגומענטן פון די טאָריס און זוכט אָפּט זיי צו באַרעכטיקן, דערקלערט:

„זיין אָנקל איז געווען אַ לאָיאַליסט; און מען וואָלט זיך געדאַרפט פאָרשטעלן, אַז אַכטונג פאַרן גע'ירשנ'טן רייכטום וואָלט געדאַרפט פירן דעם פלימעניק צום לאָיאַליזם. אָבער ער איז געווען, פאַרקערט, גרייט מקריב צו זיין זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַר אומאָפּהענגיקייט. דער גרעסטער טייל פון זיין אייגנטום איז באַשטאַנען פון הייזער אין באָסטאָן, און ווען ס'איז אַנט־שטאַנען די פראַגע, צי זאָל מען ניט פאַרברענען די שטאָט, כדי צו פאַרמיידן איר אָקופּאַציע דורך די ענגלענדער, האָט ער אויפגעפאָדערט וואַשינגטאָנ'ען זיך ניט אָפּשטעלן צוליב אים." **)

אַדאַמס און העַנקאָק זיינען פון אָנהויב באַטראַכט געוואָרן אַלס עקס־טרעמיסטן אפילו אין פּאַטריאָטישע קרייזן. די יאָרן פון קאַמף און דער־פאַרונג מיט דער ענגלישער רעגירונג האָבן אָבער גענומען איבערצייגן אַלץ מער און מער פּאַטריאָטן, אַז די אישו איז ניט שלעכטע געזעצן, נאָר אַ שלעכטע סיסטעם, אַז קיין שלום צווישן די קאָלאָניעס און ענגלאַנד קאָן ניט

---

*) וועלס, דאָס לעבן פון סעמועל אַדאַמס, ציטירט לויט פישער, באַנד 1, ז. 195.
**) פישער, קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 192.

געמאַכט ווערן דורך קאָמפּראָמיסן, אַז די אישו איז אומאָפּהענגיקייט, אָדער אונטערוואַרפן זיך דער הערשאַפט פון ענגלאַנד. ס'איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז אייגנטלעך האַנדלט זיך דאָ אַפילו ניט וועגן דעם, וועלכע ענגלישע פּאַרטיי איז אין מאַכט. די וויג־רעגירונג פון לאָרד ראַקינגהעם האָט דורכגעפירט געזעצן, וואָס זיינען פּונקט אַזוי ניט געווען צום האַרצן די קאָלאָניסטן, ווי די רעגירונג פון גרענוויל; און די „פריינטלעכע" רעגירונג פון לאָרד טשאַטהעם האָט אָנגענומען דעם שטייערן־פּלאַן פון טאַונסהענד.

די פּאַטריאָטן האָבן זיך איצט אַלץ מער געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אומאָפּהענגיקייט איז דער איינציקער אויסוועג; דער רעכטער פליגל פון דער פּאַרטיי, וואָס וואָלט געוואָלט האָבן דעם סטאַטוס קוואָ פון די צייטן פאַר גרענוויל'ס נייער פּאָליטיק אין די קאָלאָניעס, האָט אויך איינגעזען, אַז די קאָלאָניעס קאָנען קיין מאָל ניט זיין זיכער פון נייע אָנגריפן מצד ענגלאַנד. דזשאָן אַדאַמס, איינער פון אָט דעם פליגל, האָט לאַנג נאָך דער רעוואָלוציע געשריבן, אַז ס'איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ צייט אין פאַרלויף פונעם גאַנצן קאָנפליקט, וואָס ער וואָלט ניט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען מעגלעך צו קומען צו אַן אויסגלייך, „אויב מיר וואָלטן געהאַט גענוג זיכערקייט, אַז ער וועט פאַרגעזעצט ווערן".

אָבער טאַקע אָט די זיכערקייט האָבן די קאָלאָניסטן ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבן. דער אויסוועג איז געווען איינער:

„. . . די אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, מיט זייער שטאַרקן באַגער פאַר זעלבסטפאַרוואַלטונג און נאַציאָנאַליטעט, וואָס האָט געצונדן זייער בלוט, האָבן רעוואָלטירט מיט אַ לײַדנשאַפטלעכער אַנטריסטונג קעגן דער אויסזיכט פון מאָדערנעם קאָלאָניאַליזם. זיי ווילן טאָן אַלץ, זיי ווילן צערייסן די בריטישע אימפּעריע אַף שטיקלעך זיך צו ראַטעווען פון איר. זיי האָבן אין איר געזען בלויז ערנידעריקייט, די אונטערדריקונג פון זייער ענערגיע און אַמביציע, אַ דערנידערונג פון זייער מענטשלעכער ווירדע, און פּאָליטישע דעגראַדאַציע פאַר זיך און זייערע קינדער. זיי האָבן דאָס אָנגערופן שקלאַפעריי; זייערע פירער האָבן דאָס פאַרדאַמט מיט די שטאַרקסטע ווערטער, וואָס מען האָט געקאָנט געפינען אין דער שפּראַך, און אַפּעלירט צום געפיל פון ערע, אומאייגננוציקייט און הויכן מוט פון פאָלק." *)

די גרויסע מאַסן־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום די לאָזונגען

*) פישער, קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 204.

פון די פּאַטריאָטן, האָט זיכער עדות געזאָגט, אַז ברייטע פאָלקס־מאַסן זיינען געשטאַנען הינטער די פאָדערונגען פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי. ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו גלויבן, אַז די גאַנצע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז געווען אַף דער זייט פון די פּאַטריאָטן. פאַר דער רעוואָלוציע, און אַפילו אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, זיינען אין די קאָלאָניעס געווען פּונקט אַזויפיל קעגנער פון אומאָפּהענגיקייט, ווי אָנהענגער.

ווער זיינען געווען די קעגנער פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט?

די אַמעריקאַנער טאָרים

א. מ. סיימאָנס קלאַסיפיצירט די קעגנער פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט ווי פאָלגט:

„בכלל גענומען זיינען די אַמעריקאַנער טאָרים געקומען פון מאַנכע פון די פאָלגנדיקע קלאַסן: (1) די פּערזענלעכע, פּאָליטישע און געשעפט־נאָכפאָלגער, אָפּהענגיקע און פריינט פון דעם קעניגלעכן גאָווערנאָר; (2) די ניט־שמוגלענדיקע סוחרים פון ני יאָרק און די מיטל־קאָלאָניעס, וועמעס אינטערעסן זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם ברייטישן האַנדל, און וועלכע האָבן געליטן פון דער קאָנקורענץ פון די שמוגלערס; (3) די גרויסע לאַנד־אייגנטימער פון די זעלביקע שטאַטן; (4) די גייסטלעכע, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער קירך פון ענגלאַנד, און אַזעלכע פון זייערע נאָכפאָלגער, וועמען זיי האָבן באַוויזן צו באַאיינפלוסן. אין צוגאָב צו אָט די מער־ווייניקער אַקטיווע קלאַסן, איז געווען די גרויסע מאַסע פון דער באַפעלקערונג, וואָס, ניט האָבנדיק קיין דירעקטן אינטערעס אין דער ענדערונג, פאַרבלייבט גלייכגילטיק, אָדער האַלט זיך פעסט באַ זאַכן, ווי זיי זיינען.״ *)

ווי גרויס איז געווען דער איינפלוס פון די אַמעריקאַנער טאָריס, אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן אין אַמעריקע, די לאָיאַליסטן? מיר האָבן וועגן דעם פאַרשיידענע השערות. די לאָיאַליסטן אַליין האָבן שטענדיק געהאַלטן, אַז זיי זיינען געווען אַ מערהייט אין אַמעריקע. גאַלאָוויי האָט דערקלערט פאַר דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט, אַז די לאָיאַליסטן שטעלן מיט זיך פאָר־ניין־צענטלעך, אָדער פיר־פינפטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג; זיי האָבן זיך אויך באַרימט, אַז צווישן 25 און 50 טויזנט פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער

*) א. מ. סיימאָנס, סאָציאַלע קרעפטן אין אַמעריקאַנער געשיכטע, זייט 72.

בריטישער אַרמיי, וואָס האָט געזאָלט אונטערדריקן די רעוואָלוציע. גענעראַל קלינטאָן האָט אָבער אָפּגעלייקנט אָט די איבערגעטריבענע ציפערן; ער האָט דערקלערט, אַז אין דער צייט, וואָס ער איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער בריטישער אַרמיי, זיינען אין זיין אַרמיי געווען בלויז 8,168 אַמעריקאַנער, און אַז די פּאַטריאָטישע אַרמיי האָט געציילט 9,400 מאַן. הערי לי האָט אָפּגעשאַצט די טאָריס אַלס אַ צענט־חלק פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און דזשאָן אַדאַמס האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען געווען אַ ביסל מער ווי אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז אָבער קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מאַסן־קעגנערשאַפט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די רעוואָלוציע ניט נאָר אין אַ קאַמף קעגן ענגלאַנד, נאָר אין אַ בלוטיקן בירגער־קריג אין לאַנד גופא. די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז ווייט ניט געווען דער אַלגעמיינער פּאַטריאָטישער פאַראַד פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס קעגן די „פאַרהאַסטע ענגלענדער", ווי די מערסטע אַמעריקאַנער היסטאָריקער האָבן זי באַשריבן.

פאַר די טאָריס איז די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם געווען אַ פּראָגראַם, וואָס קאָן ניט באַרעכטיקט ווערן ניט אין ליכט פון געשיכטע, און ניט פון שכל הישר. די פירער פון די אַמעריקאַנער טאָריס האָבן אַנטוויקלט אַ ווערטער־באַראַזש קעגן די פּאַטריאָטן, וואָס זיי האָבן אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון דעם קאָנפליקט. די לאַקייען פון די גאָווערנאָרס און פונעם גאַנצן ענגלישן אַפּאַראַט אין די קאָלאָניעס האָבן פאַרטיידיקט און באַגריסט יעדן אויסדרוק פון אַ שטאַרקער האַנט פּאָליטיק מצד דער ענגלישער רעגירונג אין די קאָלאָניעס. אַזעלכע טאָריס ווי האַטשינסאָן, אָליווער און זייער גלייכן זיינען געווען נאָך מער פאַרביסן קעגן די רעוואָלוציאָנערן, ווי די ענגלישע טאָריס; זיי האָבן ניט געוואָלט מאַכן קיין שום קאָמפּראָמיסן; זיי האָבן געגלויבט, אַז ענגלאַנד גיט צופיל נאָך די רעוואָלוציאָנערן, און האָבן געהאַלטן אין פאָדערן מער שטאַרקע, מער דראַסטישע מיטלען קעגן די פּאַטריאָטן, וועלכע זיי האָבן געהאַסט, ווי די גרעסטע שונאים.

די מעסיקערע טאָריס האָבן צוגעגעבן, אַז די נייע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פון גרויס־בריטאַניע אַנטהאַלט געוויסע איבלען, וואָס דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן, אָבער דערגרייכן וועט מען דאָס צום בעסטן דורך פּעטיציעס, דורך אַרגומענטן און פאַרהאַנדלונגען. אַלע האָבן זיי אַפּעלירט צום אורטייל פון דער געשיכטע.

די רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיי גע'טענה'ט, ווילן צעשטערן אַן אַלטן בונד, ווילן פאַרניכטן די טראַדיציעס פון אַ גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט; זייערע טעאָריעס זיינען אין קעגנזאַץ צו אַן אָרדענונג, וואָס איז סאַנקציאָנירט פון די הייליקע שריפטן; די לערע וועגן גלייכהייט פון אַלע מענטשן איז „שלעכט באַגרינ־דעט און איז פאַלש סיי אין איר איינשטעלונג, סיי אין די אויספירן, צו וועלכע זי קומט"; די רעוואָלוציאָנערן זיינען „לעוועלערס" (אויסגלייכער), אָבער גאָט האָט באַשטימט, אַז ס'זאָלן זיין העכערע מענטשן, אַ קעניג, אַדעליקע און רייכע, ווי אויך פּראָסטע מענטשן און אָרעמע.

די טאָריס האָבן אַטאַקירט די רעפּובליקאַנישע פּרינציפּן פון די פּאַטריאָטן מיט אַזאַ מין לאָגיק: מען קאָן ניט דערוואַרטן, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט, האָבנדיק באַשאַפן דעם מענטשלעכן מין, וואָס איז פּיאיק איינצושטעלן אַן אָרדענונג און אַ רעגירונג, וועט ניט אַכטונג געבן, אַז ס'זאָלן געשאַפן ווערן די, וואָס זיינען ראוי צו רעגירן און האַלטן אָרדענונג. אַרויסגייענדיק פון אָט דער איינשטעלונג האָבן די טאָרי־פּראָפּאַגאַנדיסטן געמאַכט דעם אויספיר, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווענדעט קעגן דעם ווילן פון גאָט און דער נאַטור פון מענטשן. און אויב אַזוי, איז דאָך קלאָר, אַז די רעוואָלוציאָנערן „שפּילן אַף דער אומוויסנהייט און ליידנ־שאַפטן פון המון"; אַז זיי זיינען אַ „הייפעלע קאָנספּיראַטאָרס", אַ באַנדע „ווינקל־אַדוואָקאַטן, באַנקראָטירטע קרעמער, שמוגלערס און באַנדיטן — דער אויסוואורף פון דער געזעלשאַפט".

די טאָרי־פּרעסע, פּראָקלאַמאַציעס, פּאַמפלעטן און ליטעראַטור זיינען פּונקט אַזוי ברייט, אויב ניט ברייטער, האָבנדיק הינטער זיך די שטיצע פון דער לאָקאַלער מאַכט, פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די מאַסן. ס'איז אָבער געקומען די צייט, ווען אישום ווערן מער ניט אויסגעפאָכטן אַף די זייטן פון צייטונגען און פּאַמפלעטן, ווען די „וואָפן פון אַרגומענטן ווערן פאַר־וואַנדלט אין אַרגומענטן פון וואָפן". דער קאַמף אין אַמעריקע איז איצט אַריינגעטראָטן אין אָט־דער פאַזע. וואָס־זשע האָט געגעבן די פּאַטריאָטן די אויבערהאַנט אין אָט דעם קאַמף און געפירט צו זייער זיג?

די אישו פון פרייען לאַנד אין דער רעוואָלוציע

ווי מיר האָבן געזען, איז די הויפּט־אישו פונעם קאַמף צווישן דער מעטראָפּאָליע און די קאָלאָניעס, אונטער וואָס פאַר אַ הויך־קלינגענדיקע

לאָזונגען זי איז ניט מאַסקירט געוואָרן, געווען אין תוך אַ פֿראַגע פֿון האַנדלס־באַציאונגען. די אַלע געזעצן, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט דורכגעפֿירט צווישן 1764 און 1774, מיטן אויסנאַם פֿון סטעמפּ־אַקט, האָבן דירעקט גע־טראָפֿן דעם האַנדלס־קלאַס אין די קאָלאָניעס. דער האַנדלס־קלאַס איז אָבער געווען אַ קליינע מינדערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג; און אַפֿילו אָט די מינדערהייט איז ניט געווען קיין איינהייטלעכע. די עלעמענטן, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן דירעקט מיטן ענגלישן האַנדל, זיינען געווען קעגן דער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג.

די פֿראַגע איז דעריבער, אויף וועלכע מאָסן האָט די רעוואָלוציע זיך פֿאָרט באַזירט? מען קאָן דאָך ניט אָפּלייקענען דעם מאַסן־כאַראַקטער פֿון דער רעוואָלוציע? די רעוואָלוציע איז געוואונען געוואָרן מיט דער הילף פֿון די צענדליקער טויזנטער פֿאַרמער, באַלמעלאָכעס און אַרבעטער, וואָס האָבן פֿאַר־גאָסן זייער בלוט, אויסגעשטאַנען אַלערליי שוועריקייטן צו דערפֿירן די רעוואָ־לוציע צו איר זיגרייכן שלום. וואָס זשע האָבן אָט די עלעמענטן, וואָס האָבן אַנטשיידן דעם אויסגאַנג פֿונעם קאַמף, דערוואַרט פֿון דער רעוואָלוציע? זיכער איז דאָס ניט געווען די פֿראַגע וועגן מערקאַנטיליזם אָדער פֿרייען האַנדל, וואָס האָט זיי אַריינגעצויגן אין דעם קאַמף; אַפֿילו ניט די פֿראַגע, ווער ס'האָט דאָס רעכט אַרויפֿצולייגן שטייערן אויף דער באַפֿעלקערונג פֿון די קאָלאָניעס; די ברייטע מאַסן זיינען ניט געווען שטאַרק פֿאַרליבט אין די שטייערן, ווער עס האָט זיי ניט אַרויפֿגעלייגט אויף זיי — די קאָלאָניאַלע אַסעמבלים, אָדער דער ענגלישער פּאַרלאַמענט.

אַריבערגעוואונען אָט די ברייטע מאַסן אויף דער זייט פֿון דער רעוואָ־לוציע האָט די פֿראַגע וועגן פֿרייען לאַנד, די פֿראַגע וועגן עפֿענען די וועסט פֿאַר עמיגראַציע. די פֿאַרמער, קאָנטראַקטירטע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס האָבן געקעמפֿט פֿאַר לאַנד.

נאָך דער זיבן־יאָריקער מלחמה איז די וועסט אַריבערגעגאַנגען אין רשות פֿון ענגלאַנד. אָבער פֿאַר די ברייטע מאַסן פֿאַרמער און אַרבעטער איז די וועסט פֿאַרבליבן פֿאַרשלאָסן, ווי פֿריער. אַ געזעץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט דורכגעפֿירט אין 1763, האָט פֿאַרבאָטן די איבערוואַנדערונג און די באַאַרבעטונג פֿון לאַנד אויף דער אַנדער זייט פֿון די אַלעגהעני־בערג. אמת, אַזוי ווי אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצן וועגן די קאָלאָניעס, איז אויך דער דאָזיקער געזעץ ניט אָפּגעהיט געוואָרן. די גאָווערנאָרס אָבער האָבן מיט אַלע

בחות געשטערט דער איבערוואנדערונג און ניט דערלאזן, אז זי זאל אננעמען א מאסן־כאראקטער. דער קוויבעק־אקט האט ענדגילטיק אפגעשניטן די וועסט פון די ברייטע מאסן אין די מזרח־קאלאניעס.

אונז איז שוין אויסגעקומען זיך אפצושטעלן אף דער ראלע פון דער וועסט. די וועסט איז איינע פון די אייגנטימלעכקייטן פון דער אמעריקאנער געשיכטע, צו וועלכער אונז וועט אויסקומען זיך אומצוקערן בא פארשיידענע געלעגנהייטן. די זיבן־יאריקע מלחמה איז געווען א קאמף פאר דעם באזיץ פון דער וועסט, אף וויפיל די לאנד־אריסטאקראטיע איז געווען פאראינטערעסירט אין דעם. אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע זיינען די ברייטע מאסן שוין געווען פאראינטערעסירט אין דער פראגע. די מאסן האבן געקעמפט פאר דעם, אז די וועסט זאל געעפנט ווערן פאר א מאסן־איבערוואנדערונג.

די אמעריקאנער היסטאריקער גייען פארביי אט דעם לעצטן פון די אומדערטרעגלעכע געזעצן מיט א דערקלערונג, אז דאס איז געווען א מאנעווורע מצד דער ענגלישער רעגירונג צו געווינען אף איר זייט די נייטראלי־טעט פון קאנאדע. אבער דער פרייז, וואס ענגלאנד האט באצאלט פאר אט דער מאנעווורע, איז געווען דער פארלוסט פון די קאלאניעס. דער באשלוס איינצושליסן די טעריטאריע, וואס נעמט איצט ארײַן די שטאטן אהייא, אינ־דיאנא, אילינאי, מישיגען וויסקאנסין און מינעסאטא, אין באשטאנד פון קאנאדע, אונטער א רעגירונג, וואס וועט באשטימט ווערן פון דער ענגלישער קרוין, האט געמיינט פאר די אמעריקאנער מאסן, ספּעציעל פון „הינטער־לאנד", זיך צו געזעגנען אף אייביק מיט אט די ריזיקע שטרעקעס פרייען פרוכטבארן לאנד.

די פירער פון דער אומאפהענגיקייט־באוועגונג האבן ניט פארגעסן דאס קלאר צו מאכן פאר די ברייטע מאסן ארעמע פארמער און קאנטראקטירטע ארבעטער, וואס האבן געקוקט אף דער וועסט, ווי אף דער לייזונג פון זייערע פראבלעמען.

און נאך עטוואס האבן די אמעריקאנער מאסן דערוואַרט פון דער רעוואַ־לוציע. מיטן אויסנאם פון ניי־ענגלאנד, זיינען אין אלע אנדערע קאלאניעס פארבליבן רעשטלעך פון פעאדאלע באציאונגען *)—דער „קוויד"־שטייער צום

*) גענויער וועגן דעם, זע דעם ערשטן באנד פון דער דאזיקער געשיכטע.

„פּראָפּרייעטאָר", אָדער „פּאַטרון", א. אז. וו. די פּארמער האָבן געקעמפּט קעגן אָט די רעשטלעך פון פעאָדאַלע באַציאונגען און האָבן דערוואַרט, אַז די רעוואָלוציע זאָל זיי אָפּשאַפן. די אגראַר־פראגע האָט אָן צווייפל געשפּילט א גרויסע ראָל אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. די מאַסן האָבן געקעמפּט פאַר פרייען לאַנד אין דער וועסט און קעגן די רעשטן פון פעאָדאַליזם אין די קאָלאָניעס. פיל פון די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס האָט די רעוואָלוציע טאַקע אָפּגעשאַפט. אַף וויפיל די ברייטע מאַסן האָבן אויסגענוצט אין זייערע אייגענע אינטערעסן די פיזישע און גייסטיקע פאַרניכטונג פון די קאָלאָניאַלע פעאָדאַלן און די עפענונג פון פרייען לאַנד אין דער וועסט דורך דער רעוואָלוציע איז איינגאַנצן אַן אנדער פראגע, צו וועלכער מיר וועלן זיך אומקערן שפּעטער.

דער ערשטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס

די אומדערטרעגלעכע געזעצן זיינען געווען דער ערשטער פאַרזוך פון דער ענגלישער רעגירונג צו באַנוצן מיליטערישע מאַכט קעגן די קאָלאָניעס. פון דער בלאָקאַדע פון באָסטאָנער האַפן ביז אַן אָפענער מלחמה מיט די קאָלאָניעס איז נאָר געווען א פראגע פון נאָך איין שריט.

די בלאָקאַדע פון באָסטאָנער האַפן האָט געדאַרפט, לויט דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, זיין זייער א שטרענגע; און זי איז געווען א שטרענגע. די בלאָקאַדע האָט געזאָלט אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען באָסטאָן וועט ניט באַצאָלן 15 טויזנט פונט אַלס שטראָף פאַר אַריינוואַרפן אין ים אריין דעם טיי פון דער איסט אינדיע קאָמפּאַניע. אָבער די פּאַטריאָטן פון באָסטאָן האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן די שטראָף קיינמאָל ניט צאָלן. די ענגלישע רעגירונג, האָבן זיי געטענה'ט, קאָן פּונקט מיט אַזויפיל רעכט פאָדערן, אַז זיי זאָלן באַצאָלן פאַר די קוילן און פּולווער, מיט וועלכע די סאָלדאַטן האָבן דערשאָסן און פאַרוואונדעט אַמעריקאַנער בירגער אין דער באָסטאָנער בלוט־באָד. און זיי האָבן אָנגעשטרענגט אַלע כחות צו איבערצייגן די שטאָטישע איינוואוינער, אַז זיי טאָרן זיך ניט אונטערוואַרפן אונטער דעם טעראָר פון דער רעגירונג.

אין דער זעלביקער צייט האָבן די קאָרעספּאָנדענץ־קאָמיטעטן אין די אנדערע קאָלאָניעס גענומען אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג קעגן דער האַנדלונג פון דער ענגלישער רעגירונג און מאָביליזירן הילף פאַר באָסטאָן.

זיי האבן ארגומענטירט, אז די בלאקאדע פון באסטאן איז א פארזוך פון דער רעגירונג צו באשטראפן די שולדיקע און די אומשולדיקע, צו באשטראפן א גאנצע שטאט פאר דער האנדלונג פון עטלעכע פערזאנען. די ענגלישע רעגירונג, האבן זיי אנגעוויזן, איז ניט אויסן איינצומאנען דאס געלט פאר דעם פארלוסט, וואס די קאמפאניע האט געליטן; דאס קאן געטאן ווערן דורך די ציווילע געריכטן. די רעגירונג איז אבער בלויז אויסן צו טעראריזירן און ארויפווארפן א שרעק אף דער באפעלקערונג. זיי האבן גלאריפיצירט די העלדישקייט און דעם פאטריאטיזם פון די באסטאנער איינוואוינער, ווארים, האבן זיי לאגיש און מיט רעכט באוויזן, ס'האנדלט זיך ניט וועגן די 15 טויזנט פונט — יעדער טאג, וואס די בלאקאדע האלט אן, קאסט דער שטאט א סך מער, ווי אט די סומע.

און באסטאן האט טאקע געפילט די גאנצע גרויזאמקייט פון דער בלאקאדע. אין א פאר וואכן זיינען טויזנטער מענטשן געווען אן ארבעט און זיי האט געדראעט הונגער. ווי לאנג, האבן די פאטריאטן זיך געפרעגט, וועט די שטאט קאנען אויסהאלטן?

די באפעלקערונג אין די אנדערע שטעט און שטעטלעך פון מאסאטשוסעטס איז אבער באלד געקומען צו הילף דער שטאט; מען האט אנגעהויבן ארייננשיקן שפייז אין שטאט. אין די שכנה'שע קאלאניעס האט מען גאר גיך אנגעהויבן נאכטאן דעם ביישפיל. דאס האט טיילווייז פארלייכטערט די לאגע פון דער שטאט. די פראגע איז אבער געווען: וואס טוט מען ווייטער?

דעם 13טן מאי, 1774, איז גענעראל געידזש מיט פיר רעגימענטן סאלדאטן אנגעקומען אין באסטאן דורכצופירן מיט דער הילף פון פלאט די בלאקאדע, וואס איז אריין אין קראפט דעם ערשטן יוני. אינספירירט פון סעמועל אדאמס, האט די אסעמבלי פון מאסאטשוסעטס ארויסגעלאזן דעם 17טן יוני א רוף פאר א קאנטינענטאלן קאנגרעס, וואו אלע קאלאניעס זאלן זיין פארטראטן, און צוזאמען אויסארבעטן א געמיינזאמע פאליטיק פון קאמף קעגן ענגלאנד.

די קארעספאנדענץ־קאמיטעטן אין אלע קאלאניעס האבן אנגעשטרענגט אלע זייערע כחות און זייער גאנצן איינפלוס דורכצופירן דעם באשלוס וועגן קאנגרעס. אט איז א פען־בילד פון דער ברויזנדיקער טעטיקייט פון די פאטריאטן יענעם זומער:

„גאַנץ אַמעריקע איז אין אַ פלאַם-פייער! איך הער אַ מאָדנע שפראַך יעדן טאָג. די קאָלאָניסטן זיינען רייף פאַר יעדן מיטל, וואָס וועט העלפן פאַרזיכערן דאָס, וואָס זיי רופן זייער נאַטירלעכע פרייהייט. איך שליס איין די באַשלוסן פון אונזערע בירגער; זיי זיינען פאַרכאַפּט פון דער אַנשטעקנ-דיקער קראַנקהייט. עקספרעסן פליען פון פראָווינץ צו פראָווינץ.“

די אַסעמבלים פון די קאָלאָניעס זיינען צוגעטראָטן צום וויילן דעלעגאַטן; דאָרטן וואו די אַסעמבלים האָבן דאָס ניט געטאָן, האָבן די קאָרעספּאָנדענץ-קאָמיטעטן דערוויילט זייערע אייגענע דעלעגאַטן. און דעם 5טן סעפּטעמבער, 1774, האָט אין קאַרפּענטערס האָל, אין פילאַדעלפיע, זיך געעפנט דער ערשטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס.

אויף דעם קאָנגרעס זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע קאָלאָניעס, מיטן אויס-נאַם פון דזשאָרדזשיע, וואו ס'איז געלונגען דעם גאָווערנאָר ניט צו דערלאָזן



קאַרפּענטערס האָל, וואו דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען

די דערוויילונג פון דעלעגאטן. דער ראדיקאלער פליגל פון דער פאטריאָטישער פארטיי האט וויט ניט געהאט קיין מערהייט אף דעם קאָנגרעס. „א דריטל וויג; אַן אנדער דריטל — טאָרי; און די איבעריקע — א געמיש", האט דזשאָן אדאמס געשריבן וועגן דעם באשטאנד פון דעם ערשטן קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס.

אַן אולטימאטום צו דער ענגלישער רעגירונג

אָבער ניט געקוקט אף אָט דער פארשיידנארטיקייט פונעם צוזאמענשטעל פון קאָנגרעס, האט זיך דאָך איינגעגעבן צו קומען צו אַן איינשטימיקן באַ־שלוס. די פירער פון קאָנגרעס, די אָנגעזעענסטע טוער און פירער פון דער פאטריאָטישער פארטיי, האָבן פארשטאנען ווי אזוי צו מאַנעווורירן, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין שפאַלטונג, און אַז די אָנגענומענע באשלוסן זאָלן האָבן די שטיצע פון אַלע קאָלאָניעס.

ווי מען האט געקאָנט דערווארטן, זיינען פארן קאָנגרעס געבראכט גע־וואָרן צוויי פארשלאָגן: איינער פון דער פאטריאָטישער פארטיי, דער צווייטער פון די מעסיקע לאָיאַליסטן, וואָס האָבן זיך נאָך באטייליקט אין די וואלן און זיינען געווען פארטראָטן אפן קאָנגרעס. דער ערשטער פאַרשלאָג איז באקאנט אין דער געשיכטע אַלס די סאַפאָלק־רעזאָלוציעס; דער צווייטער אַלס דער גאַלאָוויי־פּלאַן.

די סאַפאָלק־רעזאָלוציעס זיינען געקומען פון א פארזאמלונג פון פאטריאָטן אין סאַפאָלק קאונטי, מאסאטשוסעטס, וואו באָסטאָן געפינט זיך. אזוי ווי דער פארלאמענט האט פארבאָטן שטאָטישע פארזאמלונגען אין באָסטאָן און גענעראל געידזש האט אכטונג געגעבן, אַז דער פארבאָט זאָל אָפּגעהיט ווערן, האָבן די פאטריאָטן גערופן א פארזאמלונג פון דער גאנצער קאונטי, וואָס דער פארלאמענט האט ניט געהאט פארבאָטן, און געידזש האט דעריבער ניט געפונען פאר נויטיק זיך אריינצומישן. דער פאַרשלאָג פון סאַפאָלק קאונטי צום קאָנגרעס איז געווען פאקטיש א פאַרשלאָג צו אָרגאניזירן אַן אומאָפּהענגיקע רעגירונג.

די רעזאָלוציעס האָבן קודם כל דערקלערט, אַז די באפעלקערונג דארף זיך ניט אונטערוואַרפן אונטער דער מיליטערישער רעגירונג פון גענעראל געידזש, דארף ניט אָנערקענען דעם באָסטאָן פּאָרט־ביל פון פארלאמענט.

אונטער וועלכן דער באָסטאָנער פּאָרט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, אַז די באַפעלקערונג דאַרף ניט אָנערקענען די געריכטן אונטער דער איצטיקער רעגירונג און ניט אויספירן קיין איינציקע פון זייערע אַנטשיידונגען; זיי האָבן אויפגעפאָדערט די באַפעלקערונג צו שליכטן אַלע סכסוכים אויסערן געריכט.

זיי האָבן ווייטער פאָרגעשלאָגן, אַז שטייערן־באַאַמטע און אַנדערע באַאַמטע, וואָס האָבן געזעלשאַפטלעכע געלט בא זיך, זאָלן פאַרהאַלטן דאָס געלט און ניט איבערגעבן דער רעגירונג, ביז וואַנען דער סכסוך וועט געשליכטעט ווערן. די אַלע פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנגענומען אַמטן אין דער רעגירונג אונטער גענעראַל געידזש, זיינען דערקלערט געוואָרן אַלס פאַררעטער. די פּאַטריאָטן אין יעדער שטאָט זיינען אינסטרואירט געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַזוי גיך ווי מעגלעך אַ מיליץ, וואָס זאָל זיין גרייט צו פאַרטיידיקן די באַפעלקערונג. אויב די רעגירונג פון געידזש וועט עמיצן אַרעסטירן, זאָל מען פאַנגען אַ באַאַמטן פון דער רעגירונג און אים האַלטן אַלס משכון. צום שלוס, האָבן די רעזאָלוציעס פאָרגעשלאָגן, אַז אַלע שטעט זאָלן דערוויילן דעלעגאַטן צו אַ פּראָווינציעלן קאָנגרעס, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אויפגעלייזטער אַסעמבלי.

די דאָזיקע פאָרשלאָגן זיינען געווען אַ דעקלאַראַציע פאַר אַן אָפענעם אויפשטאַנד און פאַר באַלדיקער אומאָפּהענגיקייט. דער ערשטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס איז נאָך ניט געווען גרייט אָנצונעמען אַזעלכע ווייטגייענדיקע פאָרשלאָגן, כאָטש פאַקטיש האָט דער קאָנגרעס גוטגעהייסן די דאָזיקע רעזאָלוציעס, אָננעמענדיק אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט סאַנקציאָנירט אַלץ, וואָס די מאַסאַטשוסעטס קאָלאָניע האָט דורכגעפירט אין פאַרלויף פונעם קאַמף מיט ענגלאַנד.

דער גאַלאָוויי־פּלאַן, וואָס דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן אויסצושטרייכן אפילו פון די פּראָטאָקאָלן, האָט פאָרגעלייגט אַ פּלאַן פון אַ פאַרבאַנד מיט ענגלאַנד. די קאָלאָניעס האָבן לויט דעם דאָזיקן פּלאַן געדאַרפט דערוויילן אַ פּאַרלאַמענט, אָדער קאָנגרעס, וואָס זאָל אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען אין פילאַדעלפיע; דער דאָזיקער קאָנגרעס זאָל זיין אַ צווייג פון ענגלישן פּאַרלאַמענט און קיין געזעץ פאַר די קאָלאָניעס זאָל ניט זיין גילטיק, סיידן ער וועט דורכגייןביידע פּאַרלאַמענטן, דעם פּאַרלאַמענט אין פילאַדעלפיע און דעם פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן. דאָס, האָבן גע׳טענה׳ט די טאָריס, וועט

שליכטן אלע ווייטערדיקע סכסוכים און שוועריקייטן, ווארים אזא קאמ־בינאציע וועט זיין א פראקטישער מעטאד צו קריגן די „צושטימונג פון די רעגירטע", וואס די פאטריאטן האבן געפאדערט פון דער ענגלישער רעגירונג.

כאטש דער קאנגרעס האט ארויסגעווארפן דעם פארשלאג פון די פראָ־טאקאלן און די פארהאנדלונגען פון קאנגרעס זיינען פארגעקומען הינטער פארמאכטע טירן, האבן אבער די טאריס אליין ברייט פראקלאמירט זייער פארשלאג, אנווייזנדיק, אז דער באשלוס ארויסצוווארפן דעם פארשלאג פון די פראטאקאלן באווייזט אן איבעריק מאל, אז די פאטריאטן זיינען קעגן יעדן פארזוך צו קומען צו אן אויסגלייך מיט ענגלאנד.

דער קאנגרעס האט אנגענומען א קאמפראמיס־רעזאלוציע, וואס איז אבער אין דער זעלביקער צייט געווען געשריבן אין טאן פון אן אולטימאטום צו דער ענגלישער רעגירונג. די דאזיקע רעזאלוציע, אונטערן נאמען, די דעקלאראציע פון רעכטן, פאדערט אויף די ענגלישע רעגירונג צוריקצורופן דרייצן אקטן פון פארלאמענט בנוגע די קאלאניעס, וואס וואלט פאקטיש גע־מיינט, אז ענגלאנד זאגט זיך אפ פון די קאלאניעס. צוזאמען מיט דער דאזיקער רעזאלוציע האט מען אנגענומען אן „אדרעס צום קעניג", די געוויינט־לעכע פראזע וועגן לאיאלקייט, א. אז. וו. אין דער זעלביקער צייט האט דער קאנגרעס אויך אפעלירט צום ענגלישן פאלק צו שטיצן די אמעריקאנער אין קאמף פאר זייערע רעכטן.

אבער די וויכטיקסטע האנדלונג פון קאנגרעס, די האנדלונג וואס איז פאר די רעוואלוציאנערן געווען מער וויכטיק, ווי די לאיאלע ווערטער, וואס די מעסיקע דעלעגאטן האבן ארייגעשריבן אין דעם „אדרעס", איז געווען דער באשלוס וועגן א נייעם באיקאט אף ענגלאנד און די באשטימונג פון דער־וויילטע קאמיטעטן „פאר זיכערקייט און אינספעקציע", וואס זאלן דורכפירן דעם באיקאט.

דער דאזיקער דאקומענט, וואס טראגט דעם נאמען „די אסאציאציע", איז געווען א נייער שריט אין קאמף קעגן ענגלאנד. די ערשטע צוויי באיקאטן קעגן ענגלאנד זיינען אנגעפירט געווארן פון אומאפיציעלע קאמיטעטן. איצט אבער האט דער קאנגרעס געשאפן אפיציעלע קערפערשאפטן, דערוויילטע פון דער באפעלקערונג, וואס זאלן אנפירן מיטן באיקאט.

אזוי ווי דער קאנגרעס איז נאך ניט געווען גרייט זיך צו דערקלערן אלס די גוזעצגעבנדיקע קערפערשאפט פאר אלע קאלאניעס, איז דער באשלוס

ווען באָיקאָט און די קאָמיטעטן דורכצופירן דעם באָיקאָט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַן אָפּמאַך, אויף וועלכן אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך אונטערגעשריבן, אַז זיי וועלן „נוצן זייער גרעסטע אָנשטרענגונג", א. אַז. וו. אָבער ערטערווייז, ספּעציעל בשייכות אויפגאַבן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזירונג פון ווייטערדיקן קאַמף קעגן ענגלאַנד, רעדט דער דאָזיקער דאָקומענט אין דער שפּראַך פון געזעצגעבער, וואָס פירן דורך געזעצן פאַרן לאַנד, ווי למשל:

„אַ קאָמיטע זאָל דערוויילט ווערן אין יעדער קאַונטי, שטאָט און שטעטל דורך די, וואָס זיינען קוואַליפיצירט צו שטימען פאַר פאַרטרעטער אין דער לעגיסלאַטור, וואָס וועלן דאַרפן גענוי אַכטונג געבן אויף דער אויפפירונג פון אַלע פּערזאָנען בשייכות דער דאָזיקער אַסאָציאַציע."

אַזעלכע פּאָזיטיווע אינסטרוקציעס אין דער פאָרם און שפּראַך פון פאַרלאַמענטאַרישער געזעצגעבונג פאַרנעמען דעם גרעסטן טייל פון דעם „אָפּמאַך". ניט איבערטרעטנדיק פאָרמאַליטעטן, האָט אָבער דער קאָנגרעס פאַקטיש איבערגענומען די ראָל פון אַ געזעצגעבנדיקער קערפּערשאַפט פאַר אַלע קאָלאָניעס. די טאָריס האָבן טאַקע ניט פאַרפעלט באַלד צו אַטאַקירן דעם קאָנגרעס אַלס אַן אוזורפּאַציע און צו רופן די געזעצלעכע אַסעמבלים אין די קאָלאָניעס זיך צו באַשיצן קעגן דעם „נייעם מאָנסטער", וואָס וועט באַלד באַ זיי אַוועקנעמען זייער גאַנצע מאַכט.

דער דאָזיקער באַשלוס פון קאָנגרעס איז געווען, אין די ווערטער פון פּראָפעסאָר טשאַרלס בירד:

„... אַן אולטימאַטום צו די וואַקלדיקע מאַסן; אַ פּראָבע פון טרייהייט צו דער אַמעריקאַנער זאַך. מענטשן, וואָס זיינען געווען שטיל אין מיטן פון דעם פאָלקס-שטרייט, אָדער גלייכגילטיק צום אויסגאַנג, האָבן מער ניט געקאָנט אויסמיידן צו מאַכן אַן אויסוואַל, וואָס אַלע זאָלן קאָנען זען: זיי זיינען געווען אָדער פאַר, אָדער קעגן דעם באָיקאָט-באַשלוס; זיי האָבן אָדער גע-קויפט בריטישע סחורות, אָדער ניט; זיי זיינען אָדער געווען מיט די ראַדיקאַלן, אָדער קעגן זיי. זיי האָבן געדאַרפט אויסוויילן וועמען זיי וועלן דינען, און אויסוויילן שנעל; וואָרים קיין סך צייט פאַר אונטערהאַנדלונגען האָט מען ניט דערלויבט. מיט אַן אָטעם-פאַרכאַפּנדיקער שנעלקייט זיינען געשאַפן געוואָרן לאָקאַלע קאָמיטעטן דורכצופירן דעם באָיקאָט-אָפּמאַך און שטרענגע מיטלען זיינען געברויכט געוואָרן קעגן די, וואָס האָבן פאַרקויפט אָדער באַנוצט בריטישע סחורות..." *)

*) בירד, דער אויפשטייג פון אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, באַנד 1, ז. 230.

שפּעטער וועלן מיר זיך גענוי אָפּשטעלן אַף דעם בירגער־קריג און די מיטלען, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן צו אונטערדריקן די טעטיקייט פון די לאָיאַליסטן.

דער ערשטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסן דעם 26טן אָקטאָבער, 1774. די דעלעגאַטן האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַרזאַמלען, אויב דאָס וועט זיין נויטיק, דעם 10טן מאַי, 1775. כאָטש די מערסטע דעלעגאַטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פאָדערונגען צו דער ענגלישער רעגירונג וועלן ניט באַפרידיקט ווערן; אַז דער קאָנגרעס איז געווען נויטיק בלויז צו צעמענטירן די אייניקייט פון די קאָלאָניעס; אַז די ענגלישע טאָרי־רעגירונג וועט אַריינ־וואַרפן די פאָדערונגען אין מיסט־קאַסטן — האָבן אָבער די מעסיקע דעלעגאַטן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז די רעגירונג וועט אויך דאָס מאָל נאָכגעבן די פאָדערונגען, ווי זי האָט דאָס געטאָן מיט צען יאָר פריער.

די האָפענונגען פון די מעסיקע אין די קאָלאָניעס זיינען ניט פאַרווירק־לעכט געוואָרן.

„ווען די טאָריס" — שרייבט פישער — „האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון זייער ערשטער איבעראַשונג פון דער דרייסטקייט פון די פאָדערונגען, האָבן זייער אַנטריסטונג און כעס געשטיגן העכער און העכער מיט יעדן טאָג. . . . ס'איז שווער צו געפינען אין וועלכן ניט איז פריערדיקן פעריאָד פון דער ענגלישער געשיכטע אַ מער קרעפטיקע פאַרדאַמונג, ווי די, וואָס עס האָבן אויסגעגאָסן די טאָרי־שרייבער און רעדנער." *)

אמת, די וויגס אין ענגלאַנד האָבן אַפּלאָדירט די דעקלאַראַציע פון רעכטן בווירק האָט אין פּאַרלאַמענט געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע וועגן די אַמערי־קאַנער קאָלאָניעס; לאָרד טשעטהאַם האָט אַפּעלירט פאַר פרידן מיט די קאָ־לאָניעס און באַריע האָט געשטורעמט קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. זייערע רייד זיינען אָבער געווען אַרויסגעוואָרפן. די אַרגומענטן פון די וויגס האָבן נאָך מער איבערצייגט די טאָריס, אַז די קאָלאָניעס וועלן זיך ניט צו־פרידנשטעלן מיט עטוואָס ווייניקער, ווי פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט. דערצו האָבן נאָך אָנגעהויבן אָנצוקומען בריוו און באַריכטן פון גענעראַל געידזש און פון די גאָווערנאָרס, וואָס האָבן געמאַכט קלאָר, אַז די קאָלאָניעס האָבן רעבעלירט.

*) פישער, דער קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, ז. 276.

געידזש האָט געשריבן, אַז די רעגירונג אין מאַסאַטשוסעטס פונקציאָנירט מער ניט, אַז די געריכטן ווערן צוגעמאַכט אין איין קאַונטי נאָך דער צווייטער; אַז מען טרייבט אַרויס בריטישע באַאַמטע פון די קאַונטיס דורך טעראָר און גוואַלט־אַקטן; אַז די רעבעלן האָבן אָרגאַניזירט אַן אייגענע רעגירונג, אומאָפּהענגיק פון אים; אַז זיי מושטירן אַ מיליץ, פאַרכאַפּן וואָפן, אַמוניציע און האַרמאַטן; אַז זיי גרייטן צו קאַנאָנען, קוילן, א. אַז. וו.

עדמונד בוירק, פירער פון
די ענגלישע וויגס

לאָרד נאָרט האָט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע אין פּאַרלאַמענט, וואָס האָט פאַרזיכערט דעם קעניג, אַז אַלע מיטלען וועלן אָנגענומען ווערן אונטערצודריקן דעם בונט אין די קאָלאָניעס, און אַז די געזעצן פון דעם 31טן מערץ, 1774, די אומדערטרעגלעכע געזעצן, וועלן פאַרבלייבן אין קראַפט. כדי אַריינצוברענגען אַ צעטיילונג צווישן די קאָלאָניעס, האָט ער אויך פאָרגעשלאָגן צו באַפרייען פון אַלע שטייערן יעדע קאָלאָניע, וואָס וועט פרייוויליק באַשטימען בייצושטייערן פאַר דער ענגלישער אַרמיי אין די קאָלאָניעס און וועט אויסהאַלטן די לאָקאַלע קעניגלעכע באַאַמטע.

דאס איז געווען דער ענטפער פון דער טאָרי־רעגירונג צום אולטימאטום פונעם ערשטן קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס.

גערעכט זיינען געווען די ראַדיקאַלן, וואס האָבן באם שלוס פון ערשטן קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס אָפּגעשאַצט די לאַגע אין די ווערטער פון איינעם פון זיי, דזשאָזעף האָלי: „נאָך אַלעמען מוזן מיר קעמפן.” און זיי האָבן טאַקע זיך ניט פאַרלאָזט אויף דער יושר׳דיקייט פון דער טאָרי־רעגירונג און זיך ניט אָפּגעשטעלט מיט פאַרלייגטע הענט וואַרטן, אַז דער ענגלישער פּאַר־לאַמענט זאָל נאָכגעבן זייערע פאָדערונגען.

די קאָרעספּאָנדענץ־קאָמיטעטן האָבן שווער געאַרבעט אין פאַרלויף פון ווינטער צוצוגרייטן זאַפּאַסן געווער און אַמוניציע. גענעראַל געידזש האָט דאָ גאָרניט איבערטריבן. מיליציע־אָפּטיילונגען זיינען פאָרמירט און באַוואָפנט געוואָרן און מיטינגען צו פּאָפּולאַריזירן און אינדאָרסירן די האַנדלונגען פון קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די הונדערטער.

ס׳איז געווען נויטיק אַ פונק, אַז דער אָנגעזאַמלטער ברען־מאַטעריאַל אין די קאָלאָניעס זאָל זיך אָנצינדן. און דער פונק איז שנעל געקומען.

די שלאַכט באַ לעקסינגטאָן און קאָנקאָרד

קאָנקאָרד און וואָוסטער זיינען געווען איצט, זינט געידזש האָט פאַר־נומען באָסטאָן, די צוויי הויפּט־קוואַרטירן פון די פּאַטריאָטן. דאָרטן האָבן זיי געזאַמלט זייער געווער און אַמוניציע און זאַפּאַסן פּראָוויאַנט פאַר דער מיליץ. קאָנקאָרד איז אַרום 20 מייל פון באָסטאָן, און פון דעם 8טן ביז דעם 14טן מערץ, 1775, האָבן וועגענער, אָנגעלאָדן מיט געווער, אַמוניציע און פּראָוויאַנט, געהאַלטן אין אָנקומען אין שטאָט; דאָרטן זיינען צו יענער צייט אויך פאַרגעקומען די זיצונגען פון דעם פּראָווינציעלן קאָנגרעס, וואָס די באַפעלקערונג האָט אָנערקענט אַלס די רעגירונג. אין דעם קאָנגרעס האָבן זיך אויך באַטייליקט סעמועל אַדאַמס און דזשאָן האַנקאָק.

גענעראַל געידזש האָט באַשלאָסן געבן אַ טויט־קלאַפּ דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג: אַרעסטירן אַדאַמס׳ן און האַנקאָק׳ן און זיי אַוועקשיקן קיין ענגלאַנד געהאַנגען צו ווערן אַלס רעבעלן; און אין דער זעלביקער צייט פאַרכאַפּן די מיליטערישע זאַפּאַסן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען. דעם

18טן אַפּריל, אין אָוונט, האָט ער אַרויסגעשיקט אַן אָפּטיילונג פון 800 סאָל־דאַטן, אונטער דער פירערשאַפט פון ליוטענאַנט־קוירנעל סמיט און מאַיאָר פּיטקערן, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרעסטירן די צוויי רעוואָלוציאָנערע פירער, פאַרכאַפּן די מיליטערישע זאַפּאַסן און זיי פאַרניכטן.

די באָסטאָנער רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך דערוואוסט אין צייט וועגן דער דאָזיקער עקספּעדיציע, כאָטש געידזש האָט געמאַכט אַ שטאַרקן פאַרזוך צו האַלטן די זאַך אין געהיים. די באָסטאָנער פּאַטריאָטן האָבן געוואָרנט דעם פּראָווינציעלן קאָנגרעס און מען האָט די מיליטערישע זאַפּאַסן אַרויס־געפירט פון קאָנקאָרד. דער קאָנגרעס האָט אויך געשלאָסן די זיצונגען; אָבער אַדאַמס און הענקאָק זיינען פאַרבליבן אין דער געגנט, אין דעם שטעטעלע לעקסינגטאָן, אַ פּאָר מייל פון קאָנקאָרד.

עלף אַזייגער אין אָוונט האָט די סאָלדאַטן־אָפּטיילונג אַרויסגעמאַרשירט אַפן וועג קיין קאָנקאָרד. די פּאַטריאָטן, וואָס האָבן פּאַטרולירט די באָסטאָנער גאַסן, האָבן דורך סיגנאַלן פונעם טורעם פון דער נאָרט־טשוירטש געלאָזט וויסן געוויסע פּערזאָנען, אַז די עקספּעדיציע האָט פאַרלאָזן באָסטאָן; און באַלד נאָכדעם איז פּאָול רעוויר, איינער פון די פירער פון די פּאַטריאָטן, וועלכער האָט שוין ניט איינמאָל געדינט אַלס אַ קוריער באַ די רעוואָלוציאָנערן, אַרויס־געפּאָרן רייטנדיק צו וואָרענען די פּאַטריאָטישע מיליציאָנערן, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו באַגעגענען די אָנקומענדיקע סאָלדאַטן; ער האָט אויך געהאַט די אויפגאַבע צו זען, אַז אַדאַמס און הענקאָק זאָלן מאַכן פּליטה אין צייט און ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די ענגלענדער.

ווען פּיטקערן איז דעם 19טן אינדערפרי אָנגעקומען מיט דעם אַוואַנ־גאַרד פון דער עקספּעדיציע אין לעקסינגטאָן, האָט ער שוין געטראָפן אַן אָפּטיילונג מיליץ פון אַרום 70 מאַן, וואָס האָט אים פאַרצאַמט דעם וועג קיין קאָנקאָרד. די באַוואָפנטע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געפונען אונטער דער פירערשאַפט פון קאַפּיטאַן דזשאָנאַס פּאַרקער, וועלכער האָט געקראָגן זיין מיליטערישע דערפאַרונג אין דער זיבן־יאָריקער מלחמה. דאָס הייפעלע פּאַטריאָטן איז געווען אַנטשלאָסן ניט צו לאָזן די ענגלישע סאָלדאַטן פאָר־זעצן זייער מאַרש, כאָטש זיי זיינען געווען אַ סך קלענער אין צאָל, ווי פּיט־קערנ'ס אָפּטיילונג.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע מחלוקה וועגן דעם, ווער עס האָט אָפּגעפייערט דעם

ערשטן שאָס אין יענעם באַרימטן פרימאָרגן פון דעם 19טן אַפּריל, 1775.
בײדע קאָמאַנדירן האָבן געגעבן צוויי באַזונדערע ווערסיעס, ווי אַזוי די
שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן. פאַרקער און אַ צאָל מיליציאָנערן האָבן דער־

די שלאַכט בײַ לעקסינגטאָן

ציילט, אַז פּיטקעירן און דריי אָפיצערן, רייטנדיק פאָראויס פון די סאָלדאַטן, זיינען צוגעפאָרן, פאָכענדיק מיט זייערע שווערדן און זידלענדיק און שעלטנ־דיק: „לייגט אוועק אייער וואָפן, איר לײדאַקעס! טראָגט זיך אָפּ, בונ־טאָווטשטשיקעס!" — האָט פּיטקעירן געליאַרעמט; און ווען זיי האָבן אים ניט געפאָלגט, האָט ער געגעבן אַ קאָמאַנדע צו זיינע סאָלדאַטן אָנצוהויבן שיסן.

פּיטקעירן, ווידער, האָט דערציילט, אַז ער האָט געגעבן אינסטרוקציעס צו די סאָלדאַטן ניט צו שיסן, נאָר צו אַנטוואָפענען די באַוואָפנטע פּאַטריאָטן. ווען די סאָלדאַטן זיינען געווען אַרום הונדערט יאַרד פון דעם פּלאַץ, וואו די פּאַטריאָטן זיינען געווען פאַרזאַמלט, האָבן די לעצטע אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן, זיינען אַריבערגעשפּרונגען איבער אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן און גענומען שיסן אויף די ענגלישע סאָלדאַטן.

די גאַנצע פראַגע, ווער ס'האָט אָנגעהויבן די מלחמה, האָט היינט צו טאָג קיין שום באַטייט ניט. אַ באַטייט האָט דער פאַקט, וואָס פאַרקער און זיינע מענטשן האָבן באַוויזן צו פאַרהאַלטן די ענגלישע סאָלדאַטן לאַנג גענוג צו געבן די פּאַטריאָטן אַ מעגלעכקייט צונויפצוקלייבן זייער מיליץ און געבן די „רויטע הויזן" די ערשטע לעקציע פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה.

פון שטאַנדפּונקט פון ענגלאַנד איז די דאָזיקע עקספּעדיציע זיכער געווען אַ פולשטענדיקער דורכפאַל. אַדאַמס און הענקאָק, וועלכע זיינען געווען אין לעקסינגטאָן, זיינען אַנטלאָפן דורך זייטיקע פעלדער, ווען פּיטקעירנ'ס אָפּ־טיילונג איז צוגעקומען צום שטעטל. מען זאָגט, אַז ווען אַדאַמס האָט דער־הערט די שיסעריי צווישן די פּאַטריאָטן און ענגלישע סאָלדאַטן, האָט ער זיך געווענדעט צו הענקאָק'ן און אויסגעשריען: „וואָס פאַר אַ גלאָררייכער פרי־מאָרגן היינט איז!" זייער טרוים איז ענדלעך דערפילט געוואָרן. די מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט זיך אָנגעהויבן.

דער טאָג פון 19טן אַפּריל, 1775, איז פאַרבליבן אַ וועג־צייכן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. דאָס בריטישע מיליטער האָט פאָרגעזעצט דעם מאַרש אויף קאָנקאָרד, אַזוי גיך ווי קוירנעל סמיט איז אונטער־געקומען מיט דעם צווייטן טייל מיליטער. אין קאָנקאָרד האָט זיך זיי איינ־געגעבן צו פאַרכאַפּן אַ רעשטל פון די מיליטערישע זאַפּאַסן, וואָס די פּאַטריאָטן האָבן דאָרט געהאַט — אינגאַנצן צוויי קאַנאָנען מיט 500 פונט קוילן. אָבער אַפילו פאַר אַט דעם קליינעם רויב האָבן די ענגלענדער טייער באַצאָלט.

אפן וועג צוריק קיין באָסטאָן איז די אָפּטיילונג שיר ניט פאַרניכטעט געוואָרן. די שטאַטישע מיליץ און באַוואָפנטע פאַרמער, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון די אַרומיקע דערפער צו העלפן פאַרטרייבן די ענגלישע סאָלדאַטן, האָבן פאַרנומען סטראַטעגישע פּאָזיציעס אפן וועג קיין באָסטאָן. די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ פּאַסטקע; הינטער יעדן פּאַרקאַן, הינטער יעדן בערגל, האָבן געלויערט באַוואָפנטע רעוואָלוציאָנערן; זיי האָבן געקאָנט גוט שיסן און געווען שטאַרק פאַרזיכטיק ניט צו פאַרלירן קיין אומזיסטע קוילן. די גאַנצע אָפּטיילונג וואָלט פאַרניכטעט געוואָרן, אָדער וואָלט געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן, ווען צו הילף וואָלט ניט געקומען אַ נייע אָפּטיילונג פון 900 מאַן, אונטער דער קאָמאַנדע פון אוירל פּוירסי.

אין די באַשרייבונגען פון דעם צוריקטריט פילן זיך די ענגלישע אָפיצערן גאַרניט געשמייכלט וועגן דער העלדישקייט פון זייער אַרמיי. פאַרקערט, זיי קאָנען ניט פאַרשווייגן דעם מוט און די איבערגעגעבנקייט פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער, וועלכע זיינען צוגעקומען אַ שטח פון 10 יאַרד צו „שיסן אף מיר און אַנדערע אָפיצערן, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז אין אַ רגע וועלן זיי אַליין זיין טויט".

די ענגלענדער האָבן פאַרלאָרן אין זייער צוריקטריט פון קאָנקאָרד 273 מענטשן; די אַמעריקאַנער — בלויז 88. די מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט זיך דעם טאָג אָנגעהויבן. „דער שאָס, וואָס איז געהערט געוואָרן איבער דער וועלט", האָט געמאַכט אַ סוף צו יעדער מעגלעכקייט פון אַ פרידלעכן אויסגלייך. ווען דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט אין פילאַדעלפיע מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, איז מער ניט געווען די פראַגע וועגן שרייבן רעזאָלוציעס און פּעטיציעס, נאָר וועגן אָרגאַניזירן אַן אַרמיי.

To the TORIES.

MIND how ye fight your *Lies* Tomorrow, Gentlemen. As we know ye can't go on without *some*, we'll give ye Leave to use *a few*; but let them be harmless ones. A *funny Lie*, or a *merry Lie*, we don't care about; but don't *lie* out of our Reach. None of your *cursed Lies*, that is, none of your Catonian Lies, your Canadian Lies, your religious Lies, nor your commercial Lies; none of your *old Lies* about foreign Troops and English Ambassadors; none of your *new Lies* about Property and Division of Property. In short, let's have none of your red-hot ones; none of your two and forty Pounders.---Nothing higher, Gentlemen, than small Arms and Swan-shot; for by Heavens you'll be in a Hobble if you do! And harkee, old Friends, don't put in two for one any more--- remember the Admiralty Juggle.

As I love to see every Thing go on fair and above board, I have drawn up an Advertisement for ye, which, being a true State of your Case, I recommend to you for a Handbill.

To the ELECTORS.

WE, the King's Judges, King's Attornies, and King's Custom-House Officers, having had a long Run in this City, grown rich from *nothing at all*, and *engrossed* every Thing to ourselves, would now most willingly *keep* every Thing to ourselves. Wherefore, we earnestly intreat your Support at the State-House Tomorrow, then and there to secure our Places and Perquisites, by electing some of us for Burgesses, in Return for which Favor, we do promise and engage, that when our most gracious Master, the King of Great-Britain, shall be reinthroned in the Government of these provinces, that WE, acting in the Line of our Duty, as *Custom-House Officers*, *Attornies*, *Judges*, &c. will seize your Property for Smuggling, sue ye for Treason, condemn ye for Traitors, and hang ye up for Rebels, without charging ye a Farthing.

OLD TRUSTY

POSTER AGAINST THE LOYALISTS IN PHILADELPHIA

פלאקאט קעגן די טאָרים

דריטער קאפיטל

בירגער־קריג און מלחמה

דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט צום צווייטן מאָל — פון דעם דער נאָמען, דער צווייטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס — דעם 10טן מאַי, 1775. אין דעם באַשטאַנד פון קאָנגרעס זיינען פאָרגעקומען געוויסע ענדערונגען. טאָמאַס דזשעפערסאָן איז איצט געווען אַ דעלעגאַט פון ווירדזשיניע; בענדזשאַמין פרענקלין, וועלכער איז אַנטלאָפן פון ענגלאַנד, וואו די רעגירונג האָט זיך געקליבן אים צו אַרעסטירן און פאַרשפאַרן אין טורמע, איז אָנגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכן פריער און איז באַלד דערוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס; אַ רוק געטאָן זיך שטאַרק לינקס האָט אויך דזשאָן אַדאַמס און אַ צאָל אַנדערע, פריער מעסיקע, דעלעגאַטן. אָבער די מערהייט פון קאָנגרעס האָט זיך נאָך אַלץ געוואַקלט וועגן אַרויסקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס זיינען אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה, וואָס פירט אַ מלחמה מיט ענגלאַנד. פאַרקערט, די ערשטע אַרבעט פון קאָנגרעס איז געווען צוצוגרייטן אַ נייע פּעטיציע צום ענגלישן קעניג, בעטנדיק אים, אַז ער זאָל אָננעמען מיטלען צו ראַטעווען די קאָלאָניעס פון מלחמה און בירגער־קריג.

אָבער געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט שנעל און אַלץ העכער און שטאַרקער האָבן זיך גענומען הערן די שטימען פאַר אומאָפּהענגיקייט. דזשאָן אַדאַמס האָט איצט פאָרגעשלאָגן, אַז דער קאָנגרעס זאָל רעקאָמענדירן, אַז יעדע קאָלאָניע זאָל פאַרנעמען אַלע קעניגלעכע באַאַמטע אין אירע גרענעצן און זיי האַלטן אַלס משכון פאַר דער זיכערקייט פון די פּאַטריאָטן אין באָסטאָן, וועלכע זיינען אָפּגעריסן פון דער וועלט און געפינען זיך אין די הענט פון דער בריטישער אַרמיי; ווען דאָס וועט דורכגעפירט ווערן, האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז די קאָלאָניעס זאָלן דערקלערט ווערן אַלס פרייע, אומאָפּהענגיקע שטאַטן, וואָס זאָלן אינפאָרמירן גרויס־בריטאַניע, אַז זיי זיינען גרייט צו פאַרהאַנדלען ווי אַן אומאָפּהענגיקע מאַכט פאַר אַן אָפּמאַך צווישן די צוויי מלוכות; אויב ענגלאַנד וועט זיך אָפּזאָגן און וועט באַשטיין אויף אַ מלחמה, זאָלן די קאָלאָניעס שליסן אַן אָפּמאַך מיט פראַנקרייך און שפּאַניע, אָדער

מיט יעדן לאַנד, וואָס וועט זיין גרייט צו פאַרבינדן זיך מיט זיי קעגן ענגלאַנד. דער קאָנגרעס, האָט אַדאַמס ווייטער פאַרגעשלאָגן, זאָל גלייך באַשטימען אַ גענעראַל, וואָס זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון דער פּאַטריאָטישער אַרמיי, וואָס האָט באַלאַגערט באָסטאָן.

דער ערשטער געלונגענער סטראַטעגישער צוג פון די רעוואָלוציאָנערן

די נייס וועגן דער שלאַכט בא לעקסינגטאָן און קאָנקאָרד האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער אַלע קאָלאָניעס. עקספּרעס־רייטער פון מאַסאַטשוסעטס, ווי מען האָט דעמאָלט גערופן די רעוואָלוציאָנערע קוריערן, זיינען געפלויגן פון קאָרעספּאָנדענץ־קאָמיטעט צו קאָרעספּאָנדענץ־קאָמיטעט און איבערגעגעבן דאָקומענטן, וואָס האָבן איבערגעגעבן די פּאַטריאָטישע ווערסיע פון דער שלאַכט און גערופן אַלע פּאַטריאָטן צו קומען צו הילף די פּאַטריאָטן פון מאַסאַטשוסעטס, כדי צו מאַכן אוממעגלעך פאַר גענעראַל געידזש אַרויסצושיקן שטראָף־עקספּעדיציעס איבער דער קאָלאָניע. זיי זיינען אפילו געגאַנגען ווייטער און געפאָדערט פון די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן צו אָרגאַניזירן אַן אַרמיי, וואָס זאָל צווינגען גענעראַל געידזש צו פאַרלאָזן באָסטאָן און צוריקציען זיך מיט זיין אַרמיי און פלאָט קיין ענגלאַנד.

די ניי־ענגלאַנדער קאָלאָניעס האָבן אַלע גלייך געענטפערט אויף דעם רוף פון מאַסאַטשוסעטס. די קאָנעטיקוט־מיליץ האָט זיך אָרגאַניזירט אונטער דער קאָמאַנדע פון איזראַעל פּאָטנעם און איז דעם נעקסטן טאָג געווען אין קאָנקאָרד זיך אָנצושליסן אין די פּאַטריאָטישע טרופּן, וואָס האָבן זיך גענומען קאָנצענטרירן אין קעמברידזש. פון ניו־העמשיר איז געקומען אַן אָפּטיילונג מיליץ מיט דזשאָן סטאַרק אין דער שפּיץ. בענעדיקט אַרנאָלד איז געקומען מיט אַ גרופּע פון ניו היייווען. דעם גאַנצן חודש מאַי האָבן געהאַלטן אין אָנקומען נייע גרופּעס — פאַרמער פריש פון אַקער, באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן פאַרמאַכט זייערע שעפּער — זיך אָנצושליסן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. דעם 10טן יוני זיינען אַרום באָסטאָן געווען פאַרזאַמלט אַרום אַכט טויזנט מאַן, לויז־אָרגאַניזירטע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן אָפּגעשניטן די ענגלישע אַרמיי אונטער גענעראַל געידזש פון הויפּט־לאַנד, פאַרמירנדיק אַ גרויסן האַלבן קרייז אַרום דער שטאָט.

די אנדערע קאָלאָניעס, אויסער ניי־ענגלאַנד, האָבן פון אָנהויב קיין טרופּן ניט געשיקט. זיי האָבן אָבער געטאָן עטוואָס, וואָס איז געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַר די פּאַטריאָטן, וואָס האָבן באַלאַגערט באָסטאָן. אין ניו יאָרק זיינען די פּאַטריאָטן באַפאַלן דעם ארסענאַל, זיך באַוואָפנט און פאַרכאַפּט די טאַמאַזשנע און פאַרהאַלטן אַלע שיפן, וואָס האָבן געפירט זאַפּאַסן צו גענעראַל געידזש; די זעלביקע זאַך האָבן די פּאַטריאָטן דורכגעפירט אין פילאַדעלפיע און מערילענד; אין ניו דזשוירזי האָבן די פּאַטריאָטן פאַרכאַפּט די קאַסע פון דער קאָלאָניע — 20 טויזנט פונט; אין סאַוט קאַראָליינאַ איז דער ארסענאַל פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פּאַטריאָטן און אין ווירדזשיניע האָט דער גאָווערנאָר געראַטעוועט דעם אַרסענאַל בלויז דורך טראַנספּערירן די מיליטערישע זאַפּאַסן אַף אַן ענגלישער קריגס־שיף. ער מוז זיך נאָך איצט קראַצן אין קבר פון די קללות, וואָס די פּאַטריאָטן האָבן אין אים אַריינגעשאָטן פאַר דעם דאָזיקן איינפאַל, ווייל געווער און אַמוניציע איז געווען די הויפּט־זאַך, וואָס האָט געפעלט די פּאַטריאָטן אַרום באָסטאָן אַריינצוטרייבן גענעראַל געידזש און זיינע 4־5 טויזנט ענגלישע סאָלדאַטן אין ים אַריין.

גענעראַל געידזש איז געווען הילפלאָז. ער האָט געקאָנט האַלטן די שטאָט אין זיינע הענט, ער האָט אָבער ניט געוואַגט אונטערצונעמען אַ שלאַכט מיט דער פּאַטריאָטישער אַרמיי, וואָס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און האָט אין מיטן זומער שוין געציילט 17 טויזנט מאַן. די רעוואָלוציאָנערן, ווידער, האָבן ניט געוואָגט אַטאַקירן די ענגלישע אַרמיי. אפשר איז אין דעם געווען שולדיק דער קאָמאַנדיר, וואָס דער פּראָווינציעלער קאָנגרעס האָט באַשטימט פאַר דער דאָזיקער אַרמיי, גענעראַל אַרטעמאַס וואַרד, וועלכער איז געווען אַ מענטש אַ קראַנקער און ניט־אַנטשלאָסענער, אָדער אפשר האָט ער אויסגערעכנט, אַז מיט הוילע הענט קאָן מען אפילו די ענגלישע סאָלדאַטן ניט שלאָגן.

דער גאַנצער זומער איז דעריבער פאַרבייגעגאַנגען אין קליינע, אומבאַטייטנדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די „רעגולערס", ווי מען האָט גערופן די ענגלישע סאָלדאַטן, און די פּאַטריאָטישע טרופּן. די לאַגע האָט זיך אָבער ניט געענדערט. דערפאַר האָט אַ גרופּע פּאַטריאָטן אונטער דער פירערשאַפט פון אַלען און בענעדיקט אַרנאָלד געמאַכט אַ צוג, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון דער רעוואָלוציע געגעבן דער רעוואָלוציאָנערער

אַרמיי אַ שטאַרקע סטראַטעגישע פּאָזיציע אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט פון דער מלחמה מיט ענגלאַנד.

דער האָדסאָן איז דעמאָלט געווען פאַררעכנט אַלס די הויפּט סטראַ־טעגישע פּאָזיציע אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. דער האָדסאָן האָט אָפּ־געטיילט די צפון־קאָלאָניעס פון די מיטל־קאָלאָניעס, דורך אַ נאַטירלעכן וואַסער־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַטלאַנטיק ביז לעיק דזשאָרדזש און לעיק שאַמפּלעין און ווייטער צום צפון מיטן רישעליו ריווער ביז קאַנאַדע. ווען אַט־דער וואַסער־וועג געפינט זיך אין די הענט פון ענגלאַנד, וואָלט זי גע־ווען אומשטאַנד אָפּצושניידן ניי־ענגלאַנד פון די מיטל־ און דרום־קאָלאָניעס. די אָפיצערן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער זיבן יאָריקער מלחמה, האָבן דאָס גוט געוואוסט. שוין דעמאָלט האָבן די ענגלענדער געשענקט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט איינצוהאַלטן אין זייערע הענט די צוויי עק־פּונקטן פון אַט דער סטראַטעגישער פּאָזיציע — ניו יאָרק און פאָרט טיקאַנדעראָגאַ. די טיקאַנדעראָגאַ־פעסטונג איז געלעגן אויף אַ שמאָלן פּאַס לאַנד, בײַ דער פאַר־אייניקונג פון לעיק דזשאָרדזש מיט לעיק שעמפּלעין; די האַרמאַטן פון דער פעסטונג האָבן געקאָנט באַהערשן די נאַוויגאַציע צווישן לעיק דזשאָרדזש און קאַנאַדע. און די שטעלונג פון קאַנאַדע איז צו יענער צייט נאָך ניט געווען איינגאַנצן קלאָר; זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן דעלעגאַטן צום קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס; די פּאַטריאָטן האָבן געהאַט אַלע אורזאַכן צו גלויבן, אַז ענגלאַנד וועט רעקרוטירן אַן אַרמיי אין קאַנאַדע, וואָס זי האָט טאַקע שפּעטער געפּרובירט טאָן, צו אַטאַקירן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי. די טיקאַנדעראָגאַ־פעסטונג איז דעריבער געווען נאָך פון גרעסערער סטראַ־טעגישער וויכטיקייט פאַר די קאָלאָניסטן; דער באַזיץ פון דער פעסטונג האָט געקאָנט אָפּשטעלן דעם טראַנספּאָרט פון מיליטער פון קאַנאַדע איבער דעם וואַסער־וועג — לעיק שאַמפּלעין ־ לעיק דזשאָרדזש ־ האָדסאָן.

ווען מען געדאַנק ס׳איז געווען צו אַטאַקירן די טיקאַנדעראָגאַ־פעסטונג, איז ניט פעסטגעשטעלט; מען גלויבט, אַז בענעדיקט אַרנאָלד, וועלכער האָט שפּעטער פאַרראַטן די רעוואָלוציע, איז געווען דער מאָרך פון דער אונטער־נעמונג. ער איז געווען באַקאַנט מיט דער פעסטונג און אויף זיין וועג קיין באָסטאָן האָט ער פאַרגעשלאָגן דעם פּלאַן צו פאַרנעמען טיקאַנדעראָגאַ צו געוויסע פּערזאָנען אין דער פירערשאַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־

ווענונג. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער איבערצייגט אין דעם דעם קאָמאַנדיר פון זיין אָפּטיילונג, אַלען. און די צוויי, מיט אַ גרופּע פון בלויז 83 מאַן, האָבן דעם 10טן מאַי, 1775, באַנאַכט אַטאַקירט די פעסטונג. די אַטאַקע איז געווען אַזאַ גרויסע איבעראַשונג פאַר דעם קליינעם גאַרניזאָן פון 49 ענגלישע סאָלדאַטן אונטער דער קאָמאַנדע פון דע לאַ פּליים, אַז זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן אָן אַ קאַמף.

די פּאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער געוואַגטער שטיקל אַרבעט, דערציילן, אַז דע לאַ פּליים איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען פרעגן, אין וועמענס נאָמען זיי פאָדערן פון אים זיך אונטערצוגעבן. אַגב אָבער איז דאָס פאַר זיי געווען אַ קיצלדיקע פראַגע, וואָרים קיינער האָט זיי ניט באַפולמעכטיקט צו מאַכן די אַטאַקע. אַלען האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן און האָט מיט גרויס פּאָמפּ געענטפערט: „אין נאָמען פון גרויסן גאָט און פון קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס."

דאָס פאַרכאַפּן טיקאַנדעראָגאַ איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש. ווען די נייס האָט דערגרייכט דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט דעם זעלביקן טאָג, וואָס די פעסטונג איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערן, האָבן די דעלעגאַטן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ענדלעך האָבן זיי אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט אינסטרואירט די פּאַטריאָטן צו נעמען אינווענטאַר פון אַלץ, וואָס געפינט זיך אין דער פעסטונג, כדי מען זאָל דאָס קאָנען אומקערן, „ווען ס'וועט איינגעשטעלט ווערן די פריערדיקע האַרמאָניע צווישן גרויס-בריטאַניע און די קאָלאָניעס, וואָס די לעצטע ווינטשן אַזוי פלאַמיק".

די פריערדיקע „האַרמאָניע" איז אָבער ניט געקומען. דעם 23טן אויגוסט, 1775, האָט קעניג דזשאָרדזש דער דריטער אַרויסגעגעבן זיין אָפיציעלע דער־קלערונג, אַז די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס האָבן רעוואָלטירט און האָט אויפ־געפאָדערט זיינע „געטרייע אונטערטאַנען צו ברענגען די רעבעלן צו גערעכטיקייט".

דער קאָנגרעס האָט אויפגעהערט זיך שפּילן אין פּעטיציעס און איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַן אַרמיי זיך צו פאַרטיידיקן. אָבער נאָך פריער איז דער איינפלוס פונעם לינקן פליגל, די אָנהענגער פון אומאָפּהענגיקייט, פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די געשעענישן אַרום באָסטאָן.

באַנקער היל

סוף מאַי, 1775, האָט גענעראַל געידזש געקראָגן פאַרשטאַרקונג פון ענגלאַנד. די רעגירונג האָט אים געשיקט צו הילף דריי פּיאַיקע, דערפאַרענע גענעראַלן, וויליאַם האַו, הענרי קלינטאָן און דזשאָן בוירגאָין, מיט אַרום 5-6 טויזנט נייע סאָלדאַטן. געידזש איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר און ער האָט געקראָגן אינסטרוקציעס צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד אין מאַסאַטשוסעטס. ער האָט איצט געהאַט אַן אַרמיי פון אַרום 10 טויזנט מאַן, גרויס גענוג צו קאָנען נעמען אַנטשיידנדיקע שריט קעגן די פּאַטריאָטן, וואָס האָבן באַלאַגערט די שטאָט. זיין ערשטע אַרבעט איז געווען זיך נעמען באַפעסטיקן באָנקער היל און דאָרטשעסטער האַיטס, אין דרום־זייט פון באָסטאָן. די דאָזיקע צוויי פּונקטן זיינען געווען פון סטראַטעגישער וויכטיקייט אין פאַרטיידיקן די שטאָט.

דער שטאַב פון דער פּאַטריאָטישער אַרמיי, וואָס האָט באַלאַגערט באָסטאָן, האָט זיך באַצייטנס דערוואוסט וועגן די פּלענער פון גענעראַל געידזש, אַז ער גרייט זיך פאַרנעמען באָנקער היל דעם 18טן יוני באַנאַכט. די פירער האָבן באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן אָט דעם סטראַטעגישן פּונקט, איידער געידזש וועט דאָס טאָן. דער פּראָווינציעלער קאָנגרעס פון מאַסאַטשוסעטס האָט דעם 16טן יוני אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג צו קוירנעל וויליאַם פּרעסקאָט, אַז ער זאָל פאַרנעמען באָנקער היל און זיך דאָרטן באַפעסטיקן. אַן אַרמיי פון טויזנט מאַן איז אים געשטעלט געוואָרן צו דינסט דורכצופירן אָט די אויפגאַבע.

אונטערן סאַמע נאָז פון די ענגלישע קריגס־שיפן אין טשאַרלס ריווער האָט פּרעסקאָט אין דער נאַכט פון 16טן יוני זיך באַפעסטיקט אויףברידס היל, וואָס האָט אים געגעבן אַ בעסערע מעגלעכקייט, ווי ער האָט געגלויבט, צו באַפעסטיקן באָנקער היל. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די פאַרמער געאַרבעט ווי די בינען אויפצובויען אַ באַריקאַדע פון ערד, היי, שטיינער און פאַרקאַנס, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו שלעפּן פון די אַרומיקע פאַרמס. אינדערפרי, דעם 17טן יוני, איז ניט נאָר די באַריקאַדע געווען פאַרטיק, נאָר פּרעסקאָט האָט שוין געהאַלטן אין באַפעסטיקן באָנקער היל.

גענעראַל געידזש האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו עפענען פייער אויף די פּאַטריאָטן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן איינע פון די באַרימטע שלאַכטן פון

דער אמעריקאנער רעוואלוציע. מיר וועלן זיך ניט אריינלאזן אין א באַשרייבונג פון דער דאזיקער שלאכט. די אמעריקאנער רעוואלוציאנערן האבן פארלארן די שלאכט בלויז צוליב דעם, וואס זיי האט אויסגעפעלט אמוניציע. זיי האבן אבער באוויזן, אז זיי קאנען באגעגענען די ענגלישע רעגולערס אין אן אפענעם קאמף און ארויסקומען די זיגער. ווארים כאטש פרעסקאט איז געווען געצוואונגען אפצוטרעטן, האבן די ענגלענדער טייער באצאלט פאר דעם. זיי האבן פארלארן אין דער שלאכט 1,054 מענטשן, גע׳הרג׳עטע און פארוואונדעטע; די אמעריקאנער — בלויז 450. און דאס איז ניט געווען לעקסינגטאן, וואו די פארמער האבן געשאסן פון באהעלטענישן; דאס איז געווען א פראנט־אטאקע, וואו מען האט געגלויבט, אז דאס ענגלישע מיליטער איז אומבאזיגבאר.

באנקער היל ברענגט גרויסע רעזולטאטן

די שלאכט בא באנקער היל האט שטארק אויפגעהויבן דעם פרעסטיזש פון די רעוואלוציאנערן; זיי האבן באוויזן, אז זיי קאנען זיך באגעגענען מיט דער ענגלישער ארמיי אפן שלאכטפעלד, ווי גלייכע. דער קלאפ פאר דעם פרעסטיזש פון דער ענגלישער ארמיי איז געווען אזוי גרויס, אז גענעראל געידזש איז אראפגעזעצט געווארן פון זיין אמט אלס הויפט פון דער ענגלישער ארמיי אין אמעריקע, און אף זיין פלאץ איז באשטימט געווארן גענעראל וויליאם האו.

די דאזיקע ענדערונג, ווי מיר וועלן שפעטער זען, האט קיין סך גוטעס ניט געבראכט דער ענגלישער רעגירונג. גענעראל האו איז געווען א וויג; ער איז ניט געווען איינשטימיק מיט דער פאליטיק פון דער רעגירונג און האט זי אפן אטאקירט אין פארלאמענט; ער איז געווען אבסאלוט קעגן אונטערדריקן די קאלאניעס מיט מיליטערישער מאכט און האט וועגן דעם קיין סוד ניט געמאכט; ער האט געגלויבט, אז די אמעריקאנער רעוואלוציאנערן זיינען גערעכט און זיינען בארעכטיקט צו א זיג אין דעם קאמף מיט דער טארי־רעגירונג. מיט אנדערע ווערטער, די ארבעט פון אונטערדריקן דעם אויפשטאנד איז אנפארטרויט געווארן א מענטשן, וואס האט ניט געוואלט, אז ער זאל אונטערדריקט ווערן. מאנכע מאדערנע היסטאריקער שרייבן צו דעם זיג פון דער רעוואלוציע צו דעם פאקט, וואס האו האט גע־

גענעראַל האָו

שטעלט זיינע פּאַרטיי־אינטערעסן העכער, ווי די פאַרפליכטונגען צו זיין אמט. דאָס שיינט צו זיין אַ היפּש ביסל איבערטריבן, כאָטש זיין טאַקטיק, ספּעציעל אין די ערשטע חדשים פון קאַמף, האָט זיכער געהאָלפן די רעוואָ־לוציאָנערן און זיי געגעבן אַ געלעגנהייט זיך בעסער צו אָרגאַניזירן.

דער אויסגאַנג פון דער באַנקער היל שלאַכט האָט געגעבן אַ שטויס דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס צו מאַכן אַ וויטערדיקן שריט אין דער ריכטונג פון אומאָפּהענגיקייט. כאָטש דער קאָנגרעס האָט נאָך פריער געהאַט באַ־שלאָסן צו באַוויליקן די פאָדערונג פון מאַסאַטשוסעטס איבערצונעמען די אָנפירונג מיט דער פּאַטריאָטישער אַרמיי אַרום באָסטאָן, און האָט באַשטימט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר, האָט אָבער די אמת'ע אַרבעט צו אָרגאַניזירן אַ נאַציאָנאַלע אַרמיי זיך אָנגעהויבן נאָך דער דאָזיקער שלאַכט. די נויטיקייט פון אַ נאַציאָנאַלער אַרמיי איז פאַר די דעלעגאַטן געוואָרן קלאָר, ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן די פּראָקלאַמאַציע פון דזשאָרדזש דעם דריטן.

דער נייער קאָמאַנדיר איז געווען איינער פון די רייכסטע לאַנד־אייגנ־טימער אין די קאָלאָניעס. אַף וויפיל פּערזענלעכע אינטערעסן האָבן אַן איינ־פלוס — און זיכער האָבן זיי — איז ער פּערזענלעך געווען פאַראינטערעסירט אין דער רעוואָלוציע. דער קוויבעק־אַקט וואָלט אים באַרויבט פון 30 טויזנט אַקער לאַנד אין דער טעריטאָריע, וואָס איז אַוועקגעגעבן געוואָרן צו דער קאַנאַדע־פּראָווינץ. מיט דעם מיינען מיר ניט צו זאָגן, אַז וואַשינגטאָן איז צוליב דעם געוואָרן אַ פּאַטריאָט. ער איז דערוויילט געוואָרן פון די פּאַטריאָטן פון ווירדזשיניע אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס און איז געווען איינער פון די טיפּישע פירער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע—גרויסע לאַנד־אייגנטימער, גרויסע סוחרים, וועמעס עקאָנאָמישע אינטערעסן האָבן זיכער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען.

זיינע קוואַליפיקאַציעס און נאָמען אַלס מיליטערישער פירער האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן זיך דערוואָרבן אין דער זיבן־יאָריקער מלחמה, וואו די מערסטע אַנדערע גענעראַלן און אָפיצערן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי האָבן געקראָגן זייער מיליטערישע דערפאַרונג. די דאָזיקע קוואַלי־פיקאַציעס, ווי בכלל זיין מיליטערישע דערציאונג און דערפאַרונג, זיינען ניט געווען אויסערגעוויינטלעכע, אין פאַרגלייך מיט די קוואַליפיקאַציעס פון אַ גענעראַל האַו, אָדער אַ גענעראַל קלינטאָן. אָבער קיין אַנדער אַמעריקאַנער האָט ניט געהאַט קיין בעסערע קוואַליפיקאַציעס. דער נעקסטער

קאַנדידאַט איז געווען דזשאָן העַנקאָק, וועלכער האָט געהאַט די אַמביציע צו ווערן דער הויפּט־פירער פון דער אַרמיי; ער איז אָבער געווען ווייניקער קוואַליפיצירט ווי וואַשינגטאָן.

אין וואַשינגטאָנ׳ס באַשטימונג פאַר דעם הויפּט פון דער אַרמיי זיינען אויך אַריין אַנדערע אויסרעכענונגען. די סאַוט איז געווען אַ סך ווייניקער פאַראינטערעסירט אין די אישום פונעם קאַמף מיט ענגלאַנד, ווי ניי־ענגלאַנד און טיילווייז די מיטל־קאָלאָניעס. די גרויסע לאַנד־אייגנטימער זיינען ניט געווען צופרידן מיט דעם קוויבעק־אַקט און די מערסטע פּלאַנטאַטאָרס האָבן געהאַט אַ שטאַרקן חשק פּטור צו ווערן פון די גרויסע חובות, וואָס זיי זיינען געווען שולדיק ענגלישע סוחרים און באַנקירן. אין דער סאַוט אָבער האָט געפעלט דער גרויסער עקאָנאָמישער מאָטיוו, וואָס האָט געמאַכט ניי־ענגלאַנד דאָס וויגעלע פון דער רעוואָלוציע.

ווען דזשאָן אַדאַמס האָט פאָרגעשלאָגן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי, האָט ער געהאַט אין זינען צו פאַרוויקלען ווירדזשיניע, וואָס איז נאָך מאַסאַטשוסעטס געווען די שטאַרקסטע קאָלאָניע, טיפער אין דעם קאַמף. די מאַסאַטשוסעטסער דעלעגאַטן האָבן דעריבער שטאַרק געשטיצט וואַשינגטאָנ׳ס קאַנדידאַטור.

וואַשינגטאָן האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי דעם 3טן יולי, 1775, און ער האָט זיך גענומען פאַרוואַנדלען דעם ערב רב, וואָס האָט באַלאַגערט באָסטאָן — אָן ביקסן, אָן אַמוניציע, אָן גענוג שפּייז אַפילו — אין אַ דיסציפּלינירטער אַרמיי, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט די „רעגולערס” פון גענעראַל האַו.

דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט. גאָר אַ גרויסע צאָל פּאַטריאָטן האָט באַטראַכט די דינסט אין דער אַרמיי, ווי אַ זייטיקע אַרבעט. זיי פלעגן אין די הונדערטער אַוועקגיין באַזאָרגן זייערע פאַרמס און זייערע געשעפטן און זיך אומקערן, ווען זיי האָבן געהאַט צייט. דער האַרבסט פון 1775 און דער ווינטער פון 1776 זיינען דעריבער געווען אויסערגעוויינטלעך שווערע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. גענעראַל האַו וואָלט צו יעדער צייט אין משך פון ווינטער געקאָנט צעטרייבן דעם אומבאַוואָפנטן ערב רב און מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער רעוואָלוציע. ער איז אָבער געזעסן אין באָסטאָן און אַפילו ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו שטערן וואַשינגטאָנ׳ען אין זיין אַרבעט פון אָרגאַניזירן די פאַרמערס אין עטוואָס ענלעכעס צו אַ קעמפנדיקער



וואשינגטאן נעמט איבער די קאמאנדע איבער דער רעוואלוציאנערער ארמיי

ארמיי. האו האט אפילו ניט געמאכט קיין פארזוך צו באפעסטיקן דאר־טשעסטער האיטס, דעם שליסל צו באסטאן, וואס גענעראל גערדיש האט געזוכט צו באפעסטיקן.

די דאזיקע ניט־אקטיוויטעט האו׳ס האט זיך געבעטן, אויב זי איז ניט

געווען א דירעקטע אַנצוהערעניש, אז די רעוואָלוציאָנערן זאָלן עטוואָס טאָן. סוף ווינטער האָט וואַשינגטאָן ענדלעך אריינגעקראָגן א צאָל האַרמאַטן, וואָס די פאַרמער האָבן אַף שליטנס געבראַכט פון דער טיקאָנדעראָגא־פעסטונג. און וואַשינגטאָן האָט זיך גענומען באַפעסטיקן אַף דאָרטשעסטער הײַטס.

האָו האָט גלייך באַשלאָסן, אז זיין ארמיי געפינט זיך אין געפאַר. אין באָסטאָנער האַפן האָט ער געהאַט גענוג שיפן; און די ארטילעריע פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי האָט, ווייזט אויס, אים גאַנץ ווייניק געשראָקן. אָבער האָו איז אָנהויב פרילינג אָפּגעפאָרן מיט זיין גאַנצער ארמיי פון באָסטאָן קיין האַליפאַקס. ער האָט איבערגעלאָזן הינטער זיך 200 האַרמאַטן, עטלעכע טאָן פולווער און א גרויסן זאַפּאַס אַנדערע געווער און אַמוניציע. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן א גרעסערע דינסט, וואָס האָו האָט געקאָנט ברענגען דער רעוואָלוציע, אחוץ איינגאַנצן זיך אונטערגעבן. די פּאַטריאָטן האָבן געקראָגן א מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם און צו שענקען אויפמערקזאַמקייט דעם אינערלעכן שונא — די לאָיאַליסטן, וואָס זיינען געווען ניט קיין קלענערע געפאַר, ווי די ענגלישע ארמיי.

דער קאַמף מיט די אַמעריקאַנער טאָרים

די לאָיאַליסטן האָבן פון אָנהויב געלאַכט פון דעם אומבאַוואָפנטן המון, ווי זיי האָבן גערופן די רעוואָלוציאָנערע ארמיי, וואָס גלייבט, אז מען קאָן געווינען אומאָפּהענגיקייט פון דער בריטישער אימפּעריע. זיי האָבן זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז ס'איז מעגלעך זיך צו פאַרמעסטן מיט דער בריטישער ארמיי און אַפילו קאָנען טרוימען וועגן א זיג. קאָנקאָרד און באַנקער היל האָבן א ביסל צעשטערט זייערע גרויסע אילוזיעס, אָבער די דאָזיקע פּאַטריאָטישע זיגן האָבן זיי בלויז נאָך מער פאַרביטערט. א סך פון זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. מיר לייענען וועגן דריי טויזנט, וואָס האָבן פאַרלאָזן איין פּלאַץ, פיר טויזנט א צווייטן פּלאַץ און אַפילו וועגן הונדערט טויזנט, וואָס, מען זאָגט, האָבן פאַרלאָזן ניו יאָרק, ווען קאַרלטאָן האָט עוואַקוּאירט די שטאָט נאָך דעם פאַריזער פרידן.

די לאָיאַליסטן זיינען געווען א גרויסע געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע. וועגן דער דאָזיקער געפאַר שרייבט פישער:

„די לאיאליסטן זיינען געווען אזוי צאלרייך, אז די פאטריאטן האבן געמוזט אננעמען די שטרענגסטע מיטלען זיי צו אונטערדריקן. די דאזיקע מיטלען האבן פארגעשטעלט א צווייטע מלחמה, וואס וואלט פארנומען פונקט אזויפיל פלאץ אין דער געשיכטע, ווי די מלחמה מיט דער בריטישער ארמיי, ווען מען זאל זי באשרייבן אין דעטאלן. אבער די דעטאלן פון דער מלחמה מיט די לאיאליסטן זיינען אזוי שוידערלעך און אומאנגענעם, אז מען האט זיי געוויינטלעך אינגאנצן דורכגעלאזן.

„די לאיאליסטן זיינען געווען צאלרייכער, ווי די בריטישע ארמיי איז ווען געווארן. מען האט זיי געקאנט טרעפן אין יעדער קאונטי און דערפל און אין מאנכע פלעצער אפט אין אן אנטשיידענער מאיאריטעט. אין מאנכע טיילן פון לאנד איז געווען נויטיק, אז די פאטריאטישע מיליץ זאל פארבלייבן אין דער היים, כדי ארויפצואווארפן א שרעק אף די לאיאליסטן און ניט דערלאזן זיי קריגן דעם קאנטראל. אין טיילן פון מערילענד און דעלאווער, אין מאנמוט קאונטי, ניו דזשוירזי, און אין פארשיידענע טיילן פון ניו יארק, ווי אין וועסטשעסטער קאונטי, לאנג איילאנד און די געגנט ארום אלבאני, האבן זיי צייטנווייז געהאט דעם קאנטראל; און אין די קאראליינאס און דזשארדזשיע זיינען זיי געווען נאך צאלרייכער, האבן מאטעריעל געהאלפן די ענגלענדער אין אונטערדריקן, און זיינען געווען מער מערדעריש אין זייערע האנדלונגען מיט די פאטריאטן.

„אין יעדן טייל פון לאנד האבן זיי געוואוסט פון אלע טעטיקייטן פון די פאטריאטן, אלע באוועגונגען פון די פאטריאטישע ארמייען און האבן געמאכט די בריטישע שפיאנאזש-סיסטעם און געהיים-דינסט ווייט-גרייכנדיק און פולשטענדיק. זיי פלעגן גנב'ענען פולווער פון די פאטריאטישע מאגאזינען, פלעגן פארניכטן זאפאסן זאלץ, און פערד און פי פלעגן זיי פארטרייבן צו די בריטישע פאזיציעס און פארקויפן. זיי האבן באזארגט די בריטישע ארמיי מיט זאפאסן שפייז ווי אויך מיט אינפארמאציע; און זיינען געווען באזונדערס נוצלעך אין אראפדריקן דעם ווערט פון קאנטינענטאלן פאפיר-געלט. די בריטישע ארמיי האט געהאט דרוק-מאשינען פאר פעלשן און דרוקן דאס פאפיר-געלט, וואס מען פלעגט געבן די לאיאליסטן אין א גרויסער צאל, און זיי פלעגן דאס געלט צירקולירן; וואס מער פאלשע געלט עס האט צירקולירט, אלץ מער האט עס אפגעשוואכט די זאך פון די פאטריאטן. זיי פלעגן זיך אנשליסן אין דינסט פון דער פאטריאטישער ארמיי, באקומען זייער דינסט-געלט און דעזערטירן צו דער בריטישער ארמיי. וואשינגטאן האט אפט געפונען, אז זיין ארמיי איז אומצופרידן א דאנק אט די מעטאדן פון די לאיאליסטן, און ס'איז געווען א וואונדער, אז ער איז געווען אומשטאנד צו האלטן זי צוזאמען." *)

*) פישער, קאמף פאר אמעריקאנער אומאפהענגיקייט, באנד 1, זז. 256-255.

די פירער פון די לאָיאַליסטן האָבן ביזן סוף ניט אויפגעהערט צו קאָנ־ספּירירן קעגן דער רעוואָלוציע. די דאָזיקע קאָנספּיראַציעס זיינען אָפט גע־גאַנגען אַזוי ווייט, ווי דער פּלאַן, וואָס גאַלאָוויי האָט אויסגעאַרבעט צו קידנעפּן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אָדער די „היקאָרי"־פאַרשווערונג אין ניו יאָרק אים צו דערמאָרדן. אין ניו יאָרק האָבן די לאָיאַליסטן אויך געפּלאַנע־ווען צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער רעוואָלוציע דורך אויפרייסן דעם אַרסענאַל פון דער פּאַטריאָטישער אַרמיי און אַרעסטירן דעם גענעראַל־שטאַב. אין מאַנכע טיילן פון לאַנד האָבן זיי זייערע פּלענער פון קידנעפּעריי, מאָרד און פאַרניכטונג פון מיליטערישע זאַפּאַסן מיילוויז דורכגעפירט; צום גליק, קיינמאָל ניט אויף אַ מאַסשטאַב, וואָס זאָל געבן אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ דער רעוואָלוציע.

כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע פון די היימישע שונאים, איז דעריבער געווען נויטיק אָנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען. אין פרילינג, 1776, האָט דער צווייטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס אָנגענומען אַ באַשלוס צו אַנט־וואָפענען אַלע פּערזאָנען, וואָס זיינען „אַלגעמיין באַקאַנט מיט זייער אומ־פריינטלעכקייט צו דער זאַך פון אַמעריקע". דער דאָזיקער באַשלוס איז דורכ־געפירט געוואָרן שנעל און ענערגיש. דאָס אַנטוואָפענען די לאָיאַליסטן און צעשמעטערן זייערע אָרגאַניזאַציעס איז געווען איינע פון די וויכטיקע אַרבעטן פון די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן אין די ערשטע חדשים פון אויפשטאַנד. און אָט די אַרבעט האָט אפשר געהאַט מער ווירקונג אויף דעם ענדגילטיקן רעזול־טאַט פון דער רעוואָלוציע, ווי די באַרימטסטע שלאַכטן פון דער רעוואָ־לוציע. אַנטוואָפענונג־גרופּעס זיינען אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און האָבן אַוועקגענומען אַלע לאָיאַליסטישע וואָפן. דאָס האָט צעבראָכן זייער אייניקייט און אָרגאַניזאַציע און האָט זיי ניט דערלאָזן אויסנוצן דעם פאָרצוג פון זייער גרויסער צאָל. דאָס איז געווען דער יסוד פון אַלע אַנדערע מיטלען. אָן אָט דער אַנטוואָפענונג וואָלטן אַלע אַנדערע מיטלען געווען אומזיסט, ווייל די לאָיאַליסטן וואָלטן געווען אומשטאַנד זיך צו שטעלן קעגן זיי.*)

דאָס אַנטוואָפענען די לאָיאַליסטן איז אָבער ניט געווען גענוג צו באַ־גענענען די געפאַר, וואָס האָט געדראָעט דער רעוואָלוציע פון אָט דעם ווינקל.

*) פישער, קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זז. 258-259.

די פאטריאָטן האָבן דאָס גוט פארשטאַנען און האָבן אף אַ מינוט ניט אויפ־געגעבן זייער וואכזאַמקייט. ס'איז ניט אַוועק אַ טאָג פון 1774 ביז 1783, ווען די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן האָבן זיך געקאָנט פארגינען צו באַ־האַנדלען די לאָיאַליסטן אַנדערש ווי די ערגסטע, ביטערסטע שונאים, וואָס מען דארף פארניכטן, אויסרייסן ביזן וואָרצל. „אַ לאָיאַליסט", איז געגאַנגען אַ ווערטל בא די פאטריאָטן, „איז אַ זאַך, וועמעס קאָפ איז אין ענגלאַנד, וועמעס קערפּער איז אין אַמעריקע, און וועמעס נאַקן מען דארף צעברעכן."

און די פאטריאָטן האָבן געבראַכן די נאַקנס פון די לאָיאַליסטן. די מיטלען זיינען געווען פארשיידענע. אָט איז אַ באַשרייבונג פון איינעם פון די מיטלען:

„געכטן אָוונט האָט דער האַרמאַטן-אָנלאָדער פון פאָרט דזשאָנסאָן (איי-נער אַ וואָקער) געקראָגן אַ אָנשטענדיקע דאָזע פעך און פעדערן פאַר אַ חוצפה'דיקער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן. ס'איז קוים פאראַן אַ גאָס, דורך וועלכער מען האָט מיט אים ניט פּאַראַדירט — אָדער אַ הויז פון אַ טאָרי, וואו מען האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט — באַזונדערס בא די הייזער פון די אינגס, סימ-סאָן, רעג, מיליגען, אוירוווינג, א. אַז. וו., א. אַז. וו., א. אַז. וו. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ בול'ן פאַר אַ טרונק שנאַפּס; האָבן געהאַט אַ שנאַפּס און געצוואונגען וואָקער'ן צו פארדאַמען בול'ן. האָבן אַריינגעוואָרפן אַ זאַק פעדערן אַפן באַלקאָן — האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אף דעם ביז זיין רייִ וועט קומען, און אַז ער זאָל פארשרייבן דעם שנאַפּס אַפן חשבון פון לאָרד נאָרט. ענדלעך, האָט מען דעם שופט אָפּגעלאָזן באַ מוליגאַנ'ס טיר. דאָס פאָלק איז געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז ס'איז קוים געווען איינער, וועלכער זאָל ניט ציטערן, און וועלס האָט פארשלאָסן זיין געשעפט." *)

דער מעטאָד פון אויסשמירן די לאָיאַליסטן מיט פעך און פעדערן און פאַראַדירן זיי איבער די גאַסן, אָנצואוואַרפן אַ שרעק אף די איבעריקע לאָיאַליסטן, איז געווען איינער פון די מיטלען; אַ צווייטער מיטל איז געווען צווינגען די לאָיאַליסטן עפנטלעך חרטה צו האָבן און זיך שלאָגן על חטא פאַר זייערע זינד.

„לאָיאַליסטן" — שרייבט פישער — „פלעגן אָפט פאַר אַ צייט אַרויס-ווייזן אַ ווידערשטאַנד, איידער זיי פלעגן זיך אונטערוואַרפן דער שאַנד פון אָפּזאָגן זיך פון זייערע מיינונגען. אין איין פאַל האָט די מיליץ אַרומגעפירט

*) פישער, קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 265.

29 לאָיאַליסטן פון שטאָט צו שטאָט. מען האָט זיי געזאָגט, אַז מען וועט זיי פאַרשיקן אין די סימסבורי מינען, וואָס זיינען געוועזן פייכטע אונטער-ערדישע דורכגאַנגען פון די קופער-מינען אין קאָנעטיקוט, ניט ווייט פון האַרטפאָרד. די דאָזיקע מינען זיינען אָפט באַנוצט געוואָרן צו טעראָריזירן לאָיאַליסטן. די 29 זיינען פאַראַדירט און געמאַטערט געוואָרן, ביז דער לעצ-טער פון זיי האָט זיך דערנידעריקט דורך אַן אָפענער ווידוי און אַפּאָלאָגיע, איידער זיי האָבן דערגרייכט די מינען. מיט דער צייט זיינען געוועזן פאַר-העלטניסמעסיק געציילטע, וואָס האָבן זיך ניט אַנטשולדיקט אין דער עפנט-לעכקייט, ווען זיי זיינען באַזוכט געוואָרן פון המון; זיי האָבן געוואוסט, אַז כאָטש דאָס איז שלעכט געגוג, איז אָבער פאַראַן די פיל ערגערע מאַטערניש פון פעך און פעדערן.״ *)

די רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלן האָבן בייגעטראָגן זייער חלק צו העלפן דערשטיקן די לאָיאַליסטישע פאַרשווערונגען און אויסרייסן זיי מיטן וואָרצל. די דאָזיקע טריבונאַלן האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, משפּטנ׳דיק לאָיאַליסטן. די באַשולדיקונגען אין לאָיאַליזם האָבן ארומגענומען יעדן אויסדרוק פון קעגנערשאַפט צו דער רעוואָלוציע.

„לאָיאַליסטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן פאַר באַוואָפענען זיך צו שטיצן אָדער העלפן דעם שונא אַף וועלכן ניט איז אופן; פאַר באַהאַלטן אָדער פאַר-קערן מיט טאָרים; רעקרוטירן סאָלדאַטן, אָפּזאָגן זיך פון מושטירן זיך; קאָרעספּאָנדירן מיט לאָיאַליסטן, אָדער מיט ענגלענדער; אָפּזאָגן זיך אונטער-צושרייבן די „אַסאָציאַציע״, אָדער פאַרברעכן קעגן אירע פונקטן; פאַר פאַרדאַמען, אָדער זיך אָפּזאָגן אויסצופאָלגן דעם קאָנגרעס און קאָמיטעטן; פאַר שרייבן, אָדער ריידן קעגן דער זאַך פון די אַמעריקאַנער; אָפּזאָגן זיך אָנצונעמען קאָנטינענטאַלע געלט; אָפּזאָגן זיך אָפּצוגעבן וואָפן; געבן אַ טאָסט פאַרן קעניג׳ס געזונט; פּלאַנירן, אָדער באַטייליקן זיך אין טאָרי-פאַרשווערונגען און רייאָטן; זיין אַ קעניגלעכער באַאַמטער; און אַפילו פאַר סטאַרען זיך בלייבן נייטראַל. בלויז אַ פאַרדאַכט איז געווען גענוג צו אַרעסטירן, און דאָס ווינציקסטע, וואָס אַזאַ פאַרדאַכט האָט געמיינט, איז געווען טורמע. אַרום אָט דער ברייטער דעפיניציע פון לאָיאַליזם זיינען הונדערטער אַרעסטירט געוואָרן און אין גיכן זיינען אַלע טורמעס געווען איבערגעפּאַקט.״ **)

די שטראָף, ווען עמיצער איז געפונען געוואָרן שולדיק אין לאָיאַליזם, איז געווען אַ שווערע. פאַרברעכער בכלל פלעגן דעמאָלט באַהאַנדלט ווערן

*) פישער, קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זז. 266-267.
**) פליק, לאָיאַליזם אין ניו יאָרק, זייט 83.

מיט גרויס אכזריות און די לאָיאַליסטן האָט מען אוודאי ניט באהאנדלט מיט ייִדענע הענטשקעס.

„אין ווערמאָנט, אין יאַנואַר, 1778, האָט דער אויפזעער איבער די אָרעסטירטע לאָיאַליסטן געקראָגן אַ פאַראָרדענונג, אַרויסצופירן זיי פאַר דריי טעג אין די „גרין מאָונטיינס" צו „מאַרשירן און אויסטרעטן די שניי אויף דעם אָנגערופענעם וועג אין דער געהעריקער ברייט פאַר אַ שליטן און געשפּאַן פון פערד". נאָך דער שלאַכט פון בענינגטאָן, האָט מען די לאָיאַליסטן גע־בונדן פּאָרווייז און צוגעבונדן מיט לייצעס צו פערד, וואָס זיינען אין מאַנכע פאַלן אָנגעטריבן געוואָרן פון נעגערן. דאָס אַלץ איז באַטראַכט געוואָרן אַלס נויטיק, כדי צו אונטערדריקן די דאָזיקע שונאים פון אומאָפּהענגיקייט און באַשטראָפן זיי פאַר העלפן די ענגלענדער." *)

קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס און לאַנד פון לאָיאַליסטן איז געווען אַ צוגאָב צו אַ טורמע־שטראָף. דאָס לאַנד און פאַרמעגנס זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן אויך פון די לאָיאַליסטן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון לאַנד. די קאָנפיסקאַציעס זיינען אָנגעגאַנגען אַ היפּשע צייט אפילו נאָך דער שליסונג פון פרידנס־אָפּמאַך מיט ענגלאַנד. דער אויספאַרקויף פון די קאָנפיסקירטע לאָיאַליסטישע לאַנד און פאַרמעגנס האָבן אָנגעהאַלטן ביז 1819. אַ העלפט פונעם לאַנד אין דעם איצטיקן שטאַט ניו יאָרק איז געווען דאָס אייגנטום פון לאָיאַליסטן. די פאַרמער זיינען געווען באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין אַט די קאָנ־פיסקאַציעס. זיי זיינען אָבער אָפּגענאַרט געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע, ווען דאָס לאַנד איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ספּעקולאַנטן.

איבעריק צו זאָגן, אַז די גאַנצע לאָיאַליסטישע פּרעסע איז אונטערדריקט געוואָרן און די לאָיאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַלע פאַרמאַכט געוואָרן באַלד באַם אָנהויב פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אַ מלחמה ביזן ביטערן סוף, אַ בלוטיקער בירגער־קריג, וואו איין צד האָט ניט געשאַנעוועט דעם צווייטן.

די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט

האָו'ס צוריקטריט פון באָסטאָן האָט ניט נאָר געגעבן די פּאַטריאָטן אַ מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם און אָננעמען געהעריקע מיטלען קעגן די לאָיאַליסטן, נאָר האָט אויך געגעבן דעם לינקן פליגל אַ געלעגנהייט צו

*) פישער, קאַמף פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, באַנד 1, זייט 264.

מאַכן דעם לעצטן שריט אין זיין לאַנג־יאָריקן קאַמף פאַר דער אידייע פון אומאָפּהענגיקייט — פּראָקלאַמירן די קאָלאָניעס אַלס אַ סאָוועריניקט, פריי און אומאָפּהענגיק לאַנד.

דער געדאַנק וועגן פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד האָט געהאַלטן אין געווינען אַלץ מער אָנהענגער אין די פּאַטריאָטישע רייען. דער לינקער פליגל פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט אַרויסצורוקן בא יעדער געלעגנהייט אין קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס די דאָזיקע פאָדערונג. די זעלביקע זאַך איז געטאָן געוואָרן אַף די זיצונגען פון די אַסעמבלים, אין צייטונגען און פּאַמפלעטן און אַף מאַסן־פאַרזאַמלונגען.

אין פרילינג פון 1776 האָבן די ראַדיקאַלן אין קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס אָנגעהויבן אַלץ אָפטער אַרויסקומען מיט דער פאָדערונג פאַר אומאָפּהענגיקייט. זייערע אַרגומענטן האָבן איצט געהאַט אַ סך וואָג: די בריטישע מאַכט האָט צוזאַמענגעבראָכן אין די קאָלאָניעס; די גאָווערנאָרס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן, אָדער האָבן זיך אַליין אָפּגעטראָגן; יעדע קאָלאָניע איז רעגירט געוואָרן דורך אַ „זיכערקייט"־קאָמיטעט, דורך אַ קאָנווענשאָן, אָדער אַן אַנדער פאָרם פון זעלבסט־רעגירונג, וואָס איז אין די לעצטע זעקס חדשים געשאַפן געוואָרן. די קאָלאָניעס האָבן איצט געהאַט אַן אַלגעמיינע רעגירונג, דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס, וואָס אָרגאַניזירט אַ נאַציאָנאַלע אַרמיי, גיט אַרויס אייגענע געלט, האָט אַוועקגעשיקט אַגענטן אין אייראָפּע איינצושטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט אַנדערע מלוכות. אַפילו אַן איינגענעם פּלאַט האָט שוין דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס געהאַט — פינף באַוואָפנטע שיפן אונטער דער קאָמאַנדע פון קאָמאַנדיר האָפּקינס, מיט וועלכע די קאָלאָניסטן זיינען געווען באַזונדערס שטאָלץ. פאַרוואָס ניט דערקלערן זיך אומאָפּהענגיק פון ענגלאַנד? האָבן די קאָלאָניסטן ניט באַוויזן אין די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט דער ענגלישער אַרמיי, אַז זיי זיינען בכח צו באַגעגענען די ענגלענדער, ווי גלייכע מיט גלייכע? איז גענעראַל האָו ניט געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די קאָלאָניעס זיינען איצט פריי פון ענגלישן מיליטער?

די אַרגומענטן זיינען געווען איבערצייגנדיק גענוג פאַר די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס. די קאָלאָניעס האָבן באמת שוין געפירט אַן אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. די פירער פון לינקן פליגל האָבן זיך אָבער ניט פאַרלאָזן בלויז אַף אַרגומענטן; זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ גרויסן דרוק אַפן

קאנגרעס פון אונטן. די פאטריאטן פון פארשיידענע טיילן פון לאנד האבן אנגעהויבן ארייושיקן אינסטרוקציעס צו זייערע דעלעגאטן פארצושלאגן און צו שטימען פאר אומאפהענגיקייט.

אין פעברואר, 1776, האט גאדסדען, איינער פון די רעוואלוציאנערע פירער פון סאוט קאראליינא, פארגעשלאגן אין דער לאקאלער אסעמבלי, אז די קאלאניע זאל אננעמען א נייע קאנסטיטוציע, וואס זאל זיך באזירן אף איר אומאפהענגיקייט פון ענגלאנד. די אסעמבלי איז אזוי ווייט ניט גע־גאנגען; זי האט אבער באשלאסן אויסצוארבעטן א פלאן פאר פולשטענדיקער זעלבסט־פארוואלטונג. א ביסל שפעטער, דעם 12טן אפריל, האט די שכנה׳שע קאלאניע, נארט קאראליינא, באשלאסן צו באפולמעכטיקן אירע דעלעגאטן אין קאנטינענטאלן קאנגרעס, אז זיי זאלן צוזאמען מיט די דעלעגאטן פון די אנדערע קאלאניעס ארבעטן פאר דער פולשטענדיקער אומאפהענגיקייט פון די קאלאניעס. מאסאטשוסעטס און ראוד איילאנד, די צוויי קאלאניעס, וועלכע זיינען געווען אין אפענעם רעוואלט, האבן אוודאי געהאלטן אין מונטערן זייערע דעלעגאטן און דעם קאנגרעס צו נעמען שנעלע שריט צו דערקלערן די אומאפהענגיקייט פון די קאלאניעס.

דער אנטשיידנדיקער פאקטאר איז געווען די שטעלונג פון ווירדזשיניע. די ענגלישע רעגירונג האט געגעבן אנצוהערעניש, אז זי איז גרייט צו מאכן הנחות צו ווירדזשיניע אין דער פראגע פון קוויבעק־אקט. כאטש וואשינגטאן איז שוין געווען דער הויפט־קאמאנדיר פון דער ארמיי און דזשעפערסאן האט אנגעהויבן שפילן א וויכטיקע ראל אין קאנגרעס, האט מען נאך אין וויר־דזשיניע באהאנדלט די טאריס מיט אנזען; און די לעצטע האבן געקעמפט מיט ציין און נעגל קעגן דעם, אז ווירדזשיניע זאל זיך דערקלערן פאר אומאפהענגיקייט.

דעם 15טן מאי, איז פארגעקומען די קאנווענשאן פון ווירדזשיניע. די רעוואלוציאנערן האבן געהאט די אויבערהאנט. פעטריק הענרי איז איצט געווען א וועטעראן פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג מיט א גרויסן נאמען אין אלע קאלאניעס. די פראזן פון זיין בארימטער רעדע — „איז לעבן אזוי טייער, אדער פרידן אזוי זיס, אז זיי זאלן געקויפט ווערן מיט דעם פרייז פון קייטן און שקלאפעריי? אויסהיטן זאל אונז דער אלמעכטיקער גאט! איך ווייס ניט וואס פאר א שטעלונג אנדערע וועלן נעמען; אבער וואס איז שייך מיר, גיב מיר פרייהייט, אדער גיב מיר דעם טויט!" — זיינען איצט

געווען באַרימטע לאַזונגען פון דער רעוואָלוציע. קינדער און דערוואַקסענע האָבן איצט איבערגע'חזר'ט אָט די נשמה־אַפּעלירנדיקע ווערטער און זיינען געווען גרייט אוועקצוגעבן זייערע לעבנס פאַר פרייהייט. פּעטריק הענרי איז געווען דער פירער פון דער דאָזיקער קאָנווענשאַן. צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. און הענרי האָט געהערט צו די עקסטרעמע פּאַטריאָטן. די קאָנווענשאַן האָט אונטער זיין פירערשאַפט דורכגעפירט דעם פאָרשלאָג צו



דאָס הויז, וואו דזשעפערסאָן האָט געשריבן די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט.

אינסטרואירן אירע דעלעגאַטן אין קאָנגרעס ניט נאָר צו אַגיטירן פאַר אומ־אָפּהענגיקייט, נאָר צו מאַכן אַזאַ פאָרשלאָג אין קאָנגרעס.

די רעזאָלוציע, וואָס די ווירדזשיניע־קאָנווענשאַן האָט אָנגענומען דעם 22טן מאַי, איז דורך אַ ספּעציעלן שליח, קוירנעל נעלסאָן, אָפּגעשיקט געוואָרן צום קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע; און דעם 7טן יוני, 1776, האָט איינער פון די ווירדזשיניע־דעלעגאַטן, ריטשאַרד הענרי לי, אַריינגעבראַכט אין קאָנגרעס די באַרימטע רעזאָלוציע, „אַז די דאָזיקע פאַראייניקטע קאָלאָניעס זיינען מיט רעכט, און דאַרפן זיין, פריי און אומאָפּהענגיקע שטאַטן; אַז זיי זיינען באַ־

פרייט פון טרייהייט צו דער בריטישער קרוין, און אז יעדע פאליטישע פאר־בינדונג צווישן זיי און דער מלוכה פון גרויס־בריטאניע איז, און דארף זיין, אינגאנצן אויפגעלייזט."

די רעזאלוציע פון דער ווירדזשיניע־דעלעגאציע איז איבערגעגעבן געווארן צו א קאמיטע, וואס האט באפולמעכטיקט טאמאס דזשעפערסאן, וועלכער איז געווען באקאנט אלס פייאיקער שרייבער, אנצושרייבן א רעזא־לוציע, אדער דעקלאראציע, וואס זאל אינקארפארירן דעם פארשלאג. דזשעפערסאן האט געארבעט 18 טעג אף דעם דאזיקן וועלט־בארימטן דאקומענט. ער האט געשריבן און איבערגעשריבן יעדע פראזע, ער האט געפיילט און איבערגעפיילט יעדעס ווארט. ענדלעך האט ער פאר־ענדיקט דעם דאקומענט און די קאמיטע האט אים אנגענומען, מיט אייניקע אויסבעסערונגען, וואס בענדזשאמין פרענקלין און דזשאן אדאמס האבן אריינגעבראכט. טאמאס דזשעפערסאן איז ניט געווען שטארק צופרידן מיט די דאזיקע אויסבעסערונגען; ער האט אבער ענדלעך צוגעשטימט צום דאקומענט, ווי מיר האבן אים אין זיין איצטיקער פארם אלס די בארימטע דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט.

די דעקלאראציע באשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל איז אן אלגעמיינע פארמולירונג וועגן מענטשלעכע רעכטן און דאס רעכט פון א פאלק אף אומאפהענגיקייט. אין אט דעם טייל האט דזשעפערסאן פאר־קערפערט דעם פאליטישן אידעאל פון דער בורזשואזיע, וואס האט געקעמפט פאר פאליטישער מאכט. ער גיט אונז א מייסטערהאפטע פארמולירונג פון די רעוואלוציאנערע אידייען פון דער בורזשואזיע אין דעם פעריאד פון איר קאמף קעגן פעאדאליזם. ער פראקלאמירט דאס רעכט אף רעוואלוציע אין די פאלגנדיקע ווערטער: „רעגירונגען קריגן זייער גערעכטע מאכט דורך דער צושטימונג פון די רעגירטע; ווען נאר א פארם פון רעגירונג דינט ניט מער די דאזיקע צילן, איז עס דאס רעכט פון פאלק זי צו ענדערן, אדער אפשאפן און שאפן א נייע רעגירונג, לייגנדיק איר פונדאמענט אף אזעלכע פרינציפן און ארגאניזירנדיק איר מאכט אין אזא פארם, וואס אים שיינט צו זיין דער ווארשיינלעכסטער צו פארווירקלעכן זיין זיכערקייט און גליק."

מיר ברענגען דא אינגאנצן אט דעם טייל פון דער דעקלאראציע:

„ווען אינעם לויף פון מענטשלעכע געשעענישן, ווערט עס נויטיק פאר איין פאלק אויפצולייזן דעם פאליטישן בונד, וואס האט אים פארבונדן מיט

אַן אַנדערן, און צו פאַרנעמען צווישן די מאַכטן פון דער ערד דעם באַזונדערן און גלייכן פּלאַץ, צו וועלכן די געזעצן פון דער נאַטור און פון נאַטור'ס גאָט האָבן אים באַרעכטיקט, פאָדערט אַן אָנשטענדיקע אַכטונג פאַר די מיינונגען פון דער מענטשהייט, אַז עס זאָל דערקלערן די סיבות, וואָס צווינגען אים צו דער צעשיידונג.

„מיר האַלטן אָט די אמתן צו זיין באַשיינפּערלעכע, אַז אַלע מענטשן זיינען געשאַפן געוואָרן גלייך, אַז זיי זיינען געבענטשט דורך זייער שעפער מיט געוויסע אומאָפּנעמבאַרע רעכטן, אַז צווישן זיי זיינען לעבן, פרייהייט און דאָס שטרעבן צו גליק. אַז צו פאַרזיכערן די דאָזיקע רעכטן, זיינען רעגירונגען אינסטיטואירט צווישן מענטשן, קריגנדיק זייער גערעכטע מאַכט דורך דער צושטימונג פון די רעגירטע, אַז ווען נאָר אַ פאָרם פון רעגירונג דינט מער ניט די דאָזיקע צילן, איז עס דאָס רעכט פון פאָלק זי צו ענדערן אָדער אָפּשאַפן, און צו אינסטיטואירן אַ נייע רעגירונג, לייגנדיק איר פונדאַמענט אַף אַזעלכע פּרינציפּן, און אָרגאַניזירנדיק איר מאַכט אין אַזאַ פאָרם, וואָס אים שיינט צו זיין דער וואַרשיינלעכסטער צו פאַרווירקלעכן זיין זיכערקייט און גליק. פאָרזיכטיקייט, ווירקלעך, וועט דיקטירן, אַז רעגירונגען, לאַנגעטאַבלירטע, זאָלן ניט געענדערט ווערן צוליב לייכטע און פאַרבייגייענדיקע סיבות; און אין איינקלאַנג מיט דעם האָט די דערפאַרונג באַוויזן, אַז די מענטשהייט איז מער גענייגט צו ליידן, כל זמן איבלען זיינען צו דערליידן, איידער פאַרטיידיקן זיך דורך אָפּשאַפן די פאָרמען, צו וועלכע זיי זיינען צוגעוואוינט. אָבער ווען אַ לאַנגע קייט פון שלעכטע באַהאַנדלונגען און אוזורפּאַציעס, וואָס פאַרפאָלגט שטענדיק דעם זעלביקן צוועק, באַווייזט אַ פאַרלאַנג צו רעדוצירן זיי אונטער אַבסאָלוטן דעספּאָטיזם, איז עס זייער רעכט, זייער פליכט אַראָפּצוואַרפן אַזאַ רעגירונג, און צו אָנגעמען פאָרזיכט-מיטלען פאַר זייער ווייטערדיקער זיכערקייט. . . ."

די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע זוכט איצט צו פאַרגעסן איר אַמאָליקן אידעאַל, וואָס ווערט פּראָקלאַמירט אין דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. די בורזשואַזיע האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל. דער טרעגער פון דעם אידעאַל פון רעכט אַף „לעבן, פרייהייט און שטרעבן צו גליק" איז היינט צו טאָג דער מאָדערנער רעוואָלוציאָנערער קלאַס — דער אַרבעטער־קלאַס.

דער צווייטער טייל פון דער דעקלאַראַציע רעכנט אויס אַלע קריוודעס, וואָס די פּאַטריאָטן האָבן געהאַט צו דער רעגירונג פון דזשאָרדזש דעם דריטן. דורכלייענענדיק די דאָזיקע קריוודעס, ווערט אונז זייער קלאָר, אַז

דאָס זיינען די קריוודעס פון אַ באַשטימטן קלאַס. די אָרעמע מאַסן פון אַמעריקע אין יענער צייט, די ווייסע און שוואַרצע שקלאַפן, די פּיאָנערן אויף די גרענעצן, די אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, וואָלטן דעמאָלט געקאָנט צו־שטעלן דעם קאָנגרעס אַ צעטל קריוודעס, וואָס וואָלט געווען אַ גרעסערער באַשולדיקונג־אַקט, ווי דער, וואָס טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט אָנגעשריבן קעגן דזשאָרדזש דעם דריטן און זיין רעגירונג.

אין קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס האָט די דעקלאַראַציע ניט געקראָגן די באַגייסטערטע איינשטימיקע אינדאָרסירונג, ווי דאָס ווערט באַשריבן אין די שול־ביכער. פאַרקערט, אַרום דער דעקלאַראַציע האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקער קאַמף אין קאָנגרעס. דער וואָרט־פירער פון די קעגנער פון דער דעקלאַראַציע איז געווען דיקינסאָן פון פּענסילווייניע.

דיקינסאָן האָט אַרגומענטירט, אַז די פּראָקלאַמירונג פון אומאָפּהענגי־קייט איז פּריציייטיק. דערמיט וואָס דער קאָנגרעס וועט דערקלערן, אַז די קאָלאָניעס זיינען אומאָפּהענגיק פון ענגלאַנד, האָט ער גע'טענה'ט, וועט עס אויף קיין האָר ניט פאַרשטאַרקן די רעסורסן פון לאַנד. דאָס וועט ניט געבן קיין איין נייעם רעגימענט סאָלדאַטן, קיין איין פעסל פּולווער. פון דער אַנדער זייט אָבער וועט אַזאַ דעקלאַראַציע אינגאַנצן פאַרמאַכן די טירן פאַר וועלכער עס איז פאַרשטענדעניש מיט ענגלאַנד.

ער האָט אויסגעלאַכט די רעדנער, וואָס האָבן געלייגט האָפענונגען אויף פראַנקרייך און שפּאַניע, און וועלכע האָבן גע'טענה'ט, אַז די פּראָקלאַמירונג פון אומאָפּהענגיקייט וועט מאַכן מעגלעך צו קריגן הילף פון די דאָזיקע צוויי לענדער. איידער מען מאַכט אַזאַ שריט, האָט ער גע'טענה'ט, קריגט פריער אַ פאַרזיכערונג, אַז איר וועט די דאָזיקע הילף קריגן. אַ חוץ דעם, האָט ער אָנגעוויזן, זיינען נאָך ניט אַלע קאָלאָניעס איינשטימיק צו פאַראייניקן זיך אין אַן אומאָפּהענגיקער מלוכה.

ווען די פראַגע איז צום ערשטן מאָל דיסקוטירט געוואָרן אין יוני, ווען די ווירדזשיניע־דעלעגאַציע האָט אַריינגעבראַכט דעם פאָרשלאָג, זיינען די דעלעגאַטן פון זעקס קאָלאָניעס, פּענסילווייניע, ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, מערי־לענד, דעלאַווער און סאַוט קאַראָליינאַ, געווען קעגן דעם פאָרשלאָג. מיט דער צייט האָבן די אָנהענגער פון דער דעקלאַראַציע איבערגעוואונען די דעלעגאַטן פון צוויי קאָלאָניעס אויף זייער זייט. באַ דער ערשטער אָפּשטימונג

די אונטערשרייבער פון דער דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט

פון דער פארגעשלאגענער דעקלאראציע האבן די דעלעגאטן פון ניין קאלאניעס געשטימט פאר אננעמען זי. די דעלעגאציע פון פענסילוויניע איז געווען צעטיילט—4 דעלעגאטן זיינען געווען קעגן און 3 פאר דער דעקלאראציע; פון סאוט קאראליינא איז די גאנצע דעלעגאציע געווען קעגן; די דעלאווער־דעלעגאציע איז געווען צעטיילט, איינער פאר און איינער קעגן; די ניו יארקער דעלעגאציע האט זיך אפגעהאלטן פון שטימען, דערפאר וואס זי האט ניט געהאט קיין אינסטרוקציעס.

אף מארגן אבער, דעם 2טן יולי, איז די אפשטימונג געענדערט געווארן. דיקינסאן און מארים פון פענסילוויניע זיינען ניט געקומען צו דער זיצונג און די גאנצע דעלעגאציע האט געשטימט פאר דער דעקלאראציע; דעלאווער האט איבערנאכט צוגעקראגן איר דריטן דעלעגאט און האט מיט א מערהייט געשטימט פאר; סאוט קאראליינא האט געענדערט איר אפשטימונג, כדי צו מאכן די זאך איינשטימיק. דעם 4טן יולי, 1776, איז די דעקלאראציע פארמעל אנגענומען געווארן פון קאנגרעס.

די דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט, להיפוך די מעשיות וואס ווערן דערציילט אויך, אז די טרופן האבן אויפגענומען די דעקלאראציע אן א באַוואוסטן פון די מאסן, איז אבער באמת אויפגענומען געווארן מיט א גלייכגילטיקייט סיי פון די אנהענגער, סיי פון די קעגנער פון דער רעוואלוציע. קיין גלאקן אין די קירכן האבן ניט געקלונגען און קיין פאלקס־פאראדן האט מען ניט געמאכט. אלע האבן שוין געוואוסט, אז ס'האנדלט זיך מער ניט וועגן רעזאלוציעס און דעקלאראציעס. מרס. דעבארא לאגאן, וועלכע האט געוואוינט קעגנאיבער קארפענטערס האל, האט פון איר פענצטער געהערט ווי ס'איז פארגעלעזן און דיקוסירט געווארן די דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט. זי דערציילט אין איר טאג־בוך, אז זייער ווייניק מענטשן זיינען געווען ארום דער געביידע, ווען די דיסקוסיע און די אפשטימונג איז פארגעקומען.

אין דער ארמיי איז די דעקלאראציע פארמעל פארגעלייענט געווארן אף מיליטערישע פאראדן, ווי א סך אנדערע אינסטרוקציעס און רעזאלוציעס פון קאנגרעס. קאפיטאן גרעידאן, וועלכער האט געדינט אין וואשינגטאנ'ס ארמיי, דערציילט אויך, אז די טרופן האבן אויפגענומען די דעקלאראציע אן א באַזונדערן ענטוזיאזם. די אפיצערן האבן באטראכט די דעקלאראציע אלס א

וויכטיקן און קלוגן שריט מצד דעם קאָנגרעס, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו דער ניט־אַנטשלאָסנקייט און די קאָמפּראָמיסן, וואָס זיינען געווען שעדלעך פאַר דער נייער, יונגער ארמיי.

די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט האָט פאַרענדיקט דעם גרעסטן, וויכטיקסטן קאַפּיטל פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. דער הויפּט־ציל פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין אַמעריקע איז געווען דערגרייכט. די אויפגאַבע פון די פּאַטריאָטן איז איצט געווען צו באַפעסטיקן די דאָזיקע דערגרייכונג.

פערטער קאפיטל

די מלחמה מיט ענגלאַנד

די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווי די דרייצן קאָלאָניעס האָבן זיך איצט גערופן, האָבן געדאַרפט באַווייזן, אַז די דעקלאַראַציע פון אומ־אָפּהענגיקייט איז ניט אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז ניט ווערט דאָס טינט, מיט וועלכן זי איז געשריבן; זיי האָבן געדאַרפט באַווייזן, אַז זיי ווילן און קאָנען פאַרטיידיקן זייער נאַציאָנאַלע איינהייט און אומאָפּהענגיקייט. וואָלטן די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס געקאָנט אַזוי שנעל און גוט אָנבערעכן ענגלאַנד די ביינער און פאַרטריבן איר אַרמיי פון אַמעריקע, ווי זיי האָבן געקאָנט שרייבן רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס, וואָלט דער קאַמף מיט ענגלאַנד געווען געענדיקט אין גאָר אַ קורצער צייט. ענגלאַנד האָט אָבער אַזוי גיך ניט גע־וואָלט אויפגעבן איר הערשאַפט אין אַמעריקע. לאָרד נאָרט האָט געענטפערט אויף דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער וועט אַריינשיקן אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס אַן אַרמיי פון 50־60 טויזנט מאַן, וואָס וועט מאַכן אַ תל פון די אַמעריקאַנער „רעבעלן". דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט איצט געמוזט אַריבערגיין פון ווערטער צו מעשים — אָרגאַני־זירן אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג, אַן אמת'ע אַרמיי, איינשטעלן דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע מלוכות, שאַפן אַ מלוכה־קאַסע, פירן מלחמה — קורץ, טאָן די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע די פּאַטריאָטן האָבן גערעדט, אַז זיי האָבן זיי שוין, נאָר וואָס מען האָט נאָך באמת געדאַרפט שאַפן.

נאָכדעם ווי די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט איז אָנגענומען גע־וואָרן, האָט דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס באַשטימט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל צוגרייטן אַ פּלאַן פאַר אַ ליגע פון די דרייצן קאָלאָניעס, אָדער אַן אַלגעמיינע רעגירונג פאַר די קאָלאָניעס. נאָך אַ פּאָר יאָר אַרבעט האָט די דאָזיקע קאָמיטע צוגעגרייט די ערשטע קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז באַקאַנט אַלס די אַרטיקלען פון קאָנפעדעראַציע („די אַרטיקלס אָוו קאָנ־פעדערייש אָן").

דער קאָנגרעס האָט אויך באַשטימט אַ צווייטע קאָמיטע, אַ מין מיניס־טעריום פאַר אויסערלעכע ענינים, וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ פּלאַן

ווענן פארהאנדלען און שליסן אָפּמאכן מיט אויסלענדישע רעגירונגען, מיט וועלכע די פאראייניקטע שטאטן וועלן איצט דארפן האנדלען, ווי א זעלבסט־שטענדיקע מלוכה.

אָבער די הויפּט־אויפגאבע, וואָס דער קאָנגרעס האָט געהאַט, איז געווען די פאַרטיידיקונג פון לאַנד — די מלחמה מיט ענגלאַנד.

לאָמיר זיך איצט אָפּשטעלן אויף די הויפּט־פּאסירונגען פון דער דאָזיקער מלחמה, וואָס האָט געדויערט גאַנצע זיבן יאָר.

די אונטערהאַנדלונגען צווישן אדמיראל האָו און דזשאָרדזש וואשינגטאָן

אין דער צייט, וואָס אין קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס איז דיסקוסירט געוואָרן די פראַגע ווענן ארויסגעבן, אָדער ניט ארויסגעבן די דעקלאַראַציע פון אומ־אָפּהענגיקייט, האָט גענעראל האָו מיט זיין גאַנצער ארמיי זיך אומגעקערט אין די קאָלאָניעס און פארנומען סטעטן איילאַנד, ניט באַגעגענענדיק דעם מינדסטן ווידערשטאנד פון וואשינגטאָנ'ס ארמיי. אויף וועג קיין אמעריקע האָט זיך געפונען א מעכטיקע ענגלישע ארמיי צו פארשטאַרקן די קרעפטן פון גענעראל האָו. כאָטש לאָרד נאָרט האָט ניט באוויזן דורכצופירן זיין סטראשונאָק און ארייגשיקן 50־60 טויזנט סאָלדאטן אין אמעריקע, האָט אָבער גענעראל האָו אליין צוגעגעבן שפּעטער אין זיין פארטיידיקונג פאר א קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט, אז זיין ארמיי האָט געציילט ארום 34,600 מאַן.

אָבער דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער ענגלישער ארמיי איז ווידער־אמאָל באַגאַנגען א טעות. דאָס מאָל איז אָבער דער טעות געווען א רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג. די ענגלישע רעגירונג האָט געהאָפט, אז די גרויסע ארמיי, וואָס זי האָט ארייגעשיקט אין די קאָלאָניעס, וועט אָנוואַרפן א מורא אויף די רעוואָלוציאָנערן און זיי וועלן זיך אונטער־געבן אָן א ווייטערדיקן קאמף. די ענגלישע רעגירונג האָט איצט געזוכט אויס־צומיידן אן אָפענע מלחמה; זי האָט מורא געהאַט פאר דער שטעלונג פון פראַנקרייך צו דער נייער מלוכה.

עס איז געווען כמעט זיכער, אז פראַנקרייך וועט העלפן די רעוואָלוציאָ־נערן. אין דעם קאמף צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך פאר עקאָנאָמישער וועלט־הערשאַפט, איז געווען אין די אינטערעסן פון פראַנקרייך, אז ענגלאַנד

זאל פארלירן דעם קאנטראל איבער צפון־אמעריקע, וואס וועט אויך שטעלן אין געפאר איר הערשאפט אין אינדיע. די אמעריקאנער רעוואלוציאנערן האבן פון סאמע אנהויב געבויט אף פראנצויזישער הילף. די ענגלישע רעגירונג האט געציטערט פאר דעם און געזוכט מיט אלע מיטלען, ערשטנס, צו ווירקן אף פראנקרייך, אז זי זאל ניט שטיצן די אמעריקאנער רעוואלוציע, און, צווייטנס, מאכן וואס גיכער א סוף צו דעם קאמף — אן אויסגלייך מיט די קאלאניעס איז נאך אלץ געווען ניט אויסגעשלאסן.

די ענגלישע רעגירונג האט דעריבער באפולמעכטיקט אדמיראל האו, גענעראל האו׳ס א ברודער, צו פירן פארהאנדלונגען מיט די רעוואלוציאנערן, שטיצנדיק זיך אף דעם באשלוס פון פארלאמענט, אז יעדע קאלאניע, וואס וועט דערקלערן איר לאיאליטעט צו ענגלאנד, וועט צוריקקריגן אלע אירע קאלאניאלע רעכטן און וועט ניט באשטראפט ווערן.

ווען גענעראל האו האט דעם 28טן יוני פארנומען סטעטן איילאנד, איז ער ניט צוגעטראטן תיכף צו אטאקירן די רעוואלוציאנערע ארמיי, וואס האט זיך געפונען אין ניו יארק. די דאזיקע ארמיי איז געווען שוואך און ניט גרייט פאר א קאמף מיט דער ריזיקער ארמיי, וואס גענעראל האו האט געהאט אונטער זיין קאמאנדע. אנשטאט אן אטאקע, האבן גענעראל האו און זיין ברודער געזוכט צו מאכן א קאמפראמיס מיט די רעוואלוציאנערן.

באלד נאך זייער אנקומען אין סטעטן איילאנד, האבן די האוס צוגעגרייט א בריוו צו די קאלאניסטן, פארשלאגנדיק אמנעסטיע פאר לאיאליטעט; דער דאזיקער בריוו איז ארויסגעשיקט געווארן אף אן אופן, וואס האט פארזיכערט, אז ער וועט ארייכפאלן צו וואשינגטאנ׳ען אין די הענט. וואשינגטאן האט טאקע דעם בריוו באקומען און אים איבערגעשיקט צום קאנטינענטאלן קאנ־גרעס. דער קאנגרעס האט באפולמעכטיקט בענדזשאמין פרענקלין צו ענטפערן אף דעם דאזיקן בריוו און פרענקלין האט אנגעשריבן זיין בארימטן סארקאסטישן ענטפער צו גענעראל האו אף זיינע פארשלאגן.

אדמיראל האו האט דעמאלט אדרעסירט א בריוו דירעקט צו דזשארדזש וואשינגטאן. דעם 17טן יולי האט אדמיראל האו איבערגעשיקט דעם דאזיקן בריוו צו וואשינגטאנ׳ען דורך א ספעציעלן שליח, אונטער א פרידנס־פאן. וואשינגטאנ׳ס פארטרעטער, גענעראל ריד, האט זיך אפגעזאגט דעם בריוו צו צונעמען. אדמיראל האו האט אבער נאך געמאכט א דריטן ניט־געלונגענעם פארזוך זיך צו שטעלן אין פארבינדונג מיט וואשינגטאנ׳ען.

אין זיין בריוו צום קאָנגרעס וועגן אָט די פאַרזוכן פון אַדמיראַל האַו זיך צו שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג, שרייבט וואַשינגטאָן:

„איך קאָן אינגאַנצן ניט פאַרשטיין די מאָטיוון און סיבות, וואָס צווינגען לאָרד האַו אַזוי צו האַנדלען דווקא איצט, און פאַרוואָס ער האָט פריער ניט געמאַכט קיין שום פאַרזוך פאַרצולייגן אַ פּלאַן פון פאַרהאַנדלונגען." וואַשינגטאָן דערקלערט עס מיט דעם, וואָס „אַ טייל פון די העסיאַנער זיינען נאָך ניט אָנגעקומען, אָדער וואָס גענעראַל בורגאָין האָט ניט געמאַכט דעם פּראָגרעס, וואָס מען האָט דערוואַרט, צו פאַראייניקן די צוויי אַרמייען".

גענעראַל וואַשינגטאָן האָט בעסער ווי עמיצער אַנדערש פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט די מורא פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וואָס באַוועגט לאָרד האַו צו זוכן פאַרהאַנדלונגען. וועגן אָט דער אַרמיי האָט לאַפאַיעט געשריבן מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1777, ווען ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע זיך שטעלן אין דינסט פון דער רעוואָלוציע: „אַרום 11 טויזנט מאַן, שלעכט באַוואָפנט און נאָך ערגער באַקליידעט, האָבן פאָרגעשטעלט אַ מערקווירדיקע סצענע. זייערע קליידער זיינען געווען פאַרשיידנפאַרביק, און די, וואָס זיינען שוין געווען גוט באַקליידעט, האָבן געטראָגן יאַכט־העמדער און לאַנגע לייוונטענע מאַנטלען". ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס וואַשינגטאָן האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס גענעראַל האַו איז אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין פירן מיט אים פאַרהאַנדלונגען.

די שלאַכט אויף לאָנג איילאַנד

גענעראַל האַו האָט לענגער ניט געקאָנט פאַרבלייבן זיצן מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט, פאַרשפּאַרט מיט זיין גרויסער אַרמיי אויף סטעטן איילאַנד. דעם 22טן אויגוסט האָט גענעראַל האַו אַרויסגעזעצט אַן אַרמיי פון 15 טויזנט מאַן אויף דעם מערב־ברעג פון לאָנג איילאַנד און געמאַכט פאַרברייטונגען אָנצוהויבן אַ מאַרש אויף ניו יאָרק, וואו וואַשינגטאָן האָט געהאַט קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אַרמיי.

די שלאַכט פון לאָנג איילאַנד איז אויף אַזוי פיל וויכטיק, אויף וויפיל זי ווייזט, אַז גענעראַל האַו האָט גרינג געקאָנט באַזיגן וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי אויפן שלאַכטפעלד; ער האָט אָבער שטענדיק געגעבן וואַשינגטאָנ'ען גענוג צייט צו רעאָרגאַניזירן זיינע כחות און אָנפירן ווייטער דעם קאַמף.

פונקט ווי דאָרטשעסטער האַיטס און באָנקער היל זיינען געווען דער שליסל צו באָסטאָן, אזוי איז ברוקלין האַיטס געווען דער שליסל צו ניו יאָרק.

וואשינגטאָן, דערוויסנדיק זיך, אז האָו האָט געלאַנדעט מיט אן ארמיי אין לאָנג איילאַנד, האָט באַשטימט גענעראַל פּאַטנעם אלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון אינזל, און האָט אים געגעבן אן ארמיי פון ארום 8 טויזנט מענטשן אָפּ־צושטעלן האָו'ס מאַרש אף ניו יאָרק. די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס פּאַטנעם האָט געהאַט, איז געווען צו היטן די דורכגאַנגען, וואָס האָבן געפירט פון לאָנג איילאַנד קיין ברוקלין. ארום 2500 מאַן זיינען באַשטימט געוואָרן צו היטן אָט די דורכגענגען.

דעם 26טן אויגוסט האָט די ענגלישע ארמיי אָנגעהויבן איר מאַרש אונטער דער הויפּט־קאָמאַנדע פון גענעראַל קלינטאָן און לאָרד קאָרנוואַליס. עס איז געווען קלאָר, אז זייער פּלאַן איז געווען צו אַטאַקירן די אַמעריקאַנער ארמיי פון הינטן און אָפּשניידן זי פון א צוריקטריט קיין מאַנהעטן. דריי אַזייגער אין דער פרי, דעם 27טן אויגוסט, האָט גענעראַל פּאַטנעם זיך דער־וואוסט, אז דער אַוואַנגאַרד פון דער ענגלישער ארמיי געפינט זיך שוין אף דעם פּלאַץ, וואָס איז געווען באַקאַנט אלס דער „נידעריקער דורכגאַנג" (ארום גרינוואוד סעמעטערי). ער האָט באַלד געשיקט גענעראַל סטוירלינג מיט א צאָל סאָלדאַטן צו פאַרטרייבן די ענגלענדער.

גענעראַל סטוירלינג האָט באַגעגנט אן ארמיי, וואָס איז געווען א סך שטאַרקער ווי זיין אייגענע; אין דער זעלביקער צייט האָבן די דייטשע סאָלדאַטן אונטער גענעראַל דע הייסטער פאַרנומען דעם פּלאַץ, וואָס איז איצט פּראָספּעקט פּאַרק, און קלינטאָן און קאָרנוואַליס האָבן מיט דער הויפּט־ארמיי מאַרשירט דורך די בעדפאָרד־ און דזשאַמייקא־וועגן אָפּצושניידן די אַמעריקאַנער פון הינטן.

אַנשטאָט צו פאַראָרדענען גענעראַל סטוירלינג אָפּצוטרעטן פון א זיכערער פּאָסטקע, האָט גענעראַל פּאַטנעם ארויסגעשיקט א קליינע אָפּטיילונג מיליטער אונטער גענעראַל סאָליוואַן אָפּצושטעלן דעם מאַרש פון די דייטשן דורך פּראָספּעקט פּאַרק. דער רעזולטאַט איז געווען, אז אין דער צייט, וואָס סאָליוואַן האָט מיט זיין הייפל סאָלדאַטן געפירט א פאַר'עקשנ'טן קאַמף מיט די דייטשן, איז קלינטאָן אָנגעקומען מיט זיין ארמיי און אים אַטאַקירט פון הינטן. סאָליוואַן איז געווען ארומגערינגלט פון צוויי זייטן; ער האָט פאַר־אָרדנט זיינע סאָלדאַטן זיך צו ראַטעווען, ווי ווער עס וועט קאָנען; אליין

האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ קאָרנפעלד, וואו קלינטאָנ'ס סאָלדאַטן האָבן אים שפּעטער געפונען און גענומען אין פּלען.

אין דער צייט, וואָס סאָליוואַן האָט געפירט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף באַ פּראָספּעקט פּאַרק, איז גענעראַל סטוירלינג אָפּגעטראָטן מיט זיין אַרמיי אין דער ריכטונג פון דעם גאָוואַנוס־טייכל, וואָס איז איצט באַוואוסט אַלס גאָוואַנוס קאַנאַל. דער בריק איבערן טייכל איז געווען אין פלאַמען, און

דזשאָן סאָליוואַן

סטוירלינג האָט פאַראָרדנט זיינע סאָלדאַטן איבערצובראָדזשען דאָס בלאָטיקע טייכל. אַ טייל פון זיינע סאָלדאַטן האָט עס באַוויזן צו טאָן. די דייטשע אָפּטיילונגען זיינען אָבער באַלד אָנגעקומען און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שלאַכט, אין וועלכער גענעראַל סטוירלינג איז גענומען געוואָרן אַלס געפאַנגענער.

די ענגלענדער האָבן איצט געהאַט אַן אָפענעם וועג צו פאַרניכטן וואַשינגטאָנ'ס הויפּט־אַרמיי, וואָס האָט זיך געפונען אויפן אינזל. אָבער פּונקט ווי אין די שלאַכטן אַרום באָסטאָן דעם פריערדיקן פרילינג, האָט האַו ניט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַרלאַנג אײַנגאַנצן צו פאַרניכטן די רעוואָלוציאָנערע

ארמיי. די אמעריקאנער האבן פארלארן אין דער שלאכט ארום א טויזנט מאן, א העלפט פון וועלכע זיינען גענומען געווארן אין פלען. די הויפט־ארמיי אונטער גענעראל פאטנעם האט אבער באוויזן זיך אריבערצוכאפן איבערן איסט ריווער און זיך פאראייניקן מיט וואשינגטאנ׳ס ארמיי אין ניו יארק.

א פרוי, א טארי, וואס האט געוואוינט לעבן דעם פלאץ, וואו די אמערי־קאנער זיינען איבערגעגאנגען דעם איסט ריווער, האט געשיקט איר נעגער־שקלאף אינפארמירן די ענגלענדער, אז די אמעריקאנער אנטלויפן פון אינזל. דער נעגער האט באגעגנט א דייטשן פאטרול, וואס האט ניט פארשטאנען קיין ווארט, וואס דער נעגער האט דערציילט; זיי האבן אים אבער ווייטער ניט געלאזט גיין, און האבן אפשר אף אזא אופן געראטעוועט גענעראל האו פון ניט קיין אנגענעמער לאגע.

די שלאכט פון לאנג איילאנד איז ניט געווען די לעצטע, אין וועלכער גענעראל האו האט געגעבן וואשינגטאנ׳ען א מעגלעכקייט צו ראטעווען זיין ארמיי פון פארניכטונג.

ניט אומזיסט איז גענעראל האו געווען דער אנערקענטסטער גענעראל אין דער רעוואלוציאנערער ארמיי, פאר וועלכן וואשינגטאנ׳ס אפיצערן און סאל־דאטן פלעגן געבן טאסטן.

גענעראל האו נעמט זיך פארהאנדלען מיטן קאנטינענטאלן קאנגרעס

וואשינגטאנ׳ס דורכפאל און צוריקטריט פון ברוקלין האבן געלאזן אפן פאר גענעראל האו דעם וועג צו ניו יארק. ער האט זיך אבער ניט געאיילט אויסצונוצן זיין נצחון און איז אין משך פון צוויי וואכן געזעסן מיט פאר־לייגטע הענט אף לאנג איילאנד, ניט מאכנדיק דעם מינדסטן פרווו צו פארנעמען די שטאט. זיין דערקלערונג, וואס ער האט שפעטער געמאכט אין זיין פארטיידיקונג פאר דער פארלאמענטארישער קאמיסיע, איז געווען, אז ער האט דורכגעפירט די פאליטיק פון דער רעגירונג צו יענער צייט. די דאזיקע פאליטיק האט, לויט האו׳ס דערקלערונג, געדארפט באשטיין בלויז אין אנ־ווארפן א מורא אף די קאלאניעס און אויסמיידן אן אפענעם קאמף. ער האט דעריבער געגעבן זיין ברודער, אדמיראל האו, וועלכער איז געווען באפול־

מעכטיקט פון דער ענגלישער רעגירונג אַנצופירן פאַרהאַנדלונגען מיט די קאָלאָניסטן, נאָך אַ געלעגנהייט אָנצוגיין מיט די פאַרהאַנדלונגען.

גענעראַל סאָליוואַן, וועלכער איז גענומען געוואָרן אין פּלען אין דער שלאַכט פון לאָנג איילאַנד, איז באַפרייט געוואָרן אַף זיין אייגענעם פּאַראָל, און האָט געטראָגן די מיסיע איבערצוגעבן דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס אדמיראַל האַו'ס אַ שליחות, אַז ער, האַו, וועט זיין צופרידן צו האָבן אַ ניט־פאָרמעלע קאָנפערענץ מיט אַ קאָמיטע פון קאָנגרעס. סאָליוואַן האָט אַליין אָנגעשריבן די מינדלעכע שליחות, וואָס אדמיראַל האַו האָט אים געגעבן, און האָט עס איבערגעגעבן דעם קאָנגרעס. ווי סאָליוואַן האָט פאָרמולירט אדמיראַל האַו'ס מעסעדזש צום קאָנגרעס, האָט עס אויסגעזען, אַז ער מאַכט אַן ערנסטן פּאַרזוך צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט די רעוואָלוציאָנערן. לויט סאָליוואַנ'ס ווערטער זאָל אדמיראַל האַו האָבן דערקלערט,

„אַז ער, צוזאַמען מיט גענעראַל האַו, האָבן די פולמאַכט צו מאַכן אַ קאָמפּראָמיס אין דער מחלוקה צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע אַף באַדינגונגען, וואָס זאָלן ברענגען נוצן ביידע צדדים. אַז ער איז פאַרבליבן אין ענגלאַנד צוויי חדשים לענגער צו קריגן אָט די פולמאַכט, און איז צוליב דעם ניט געקומען אין אַמעריקע איידער די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט איז אונטערגעשריבן געוואָרן.

„אַז ער וויל, אַז אַן אָפּמאַך זאָל געמאַכט ווערן איצט, איידער איינער פון די צדדים האָט געליטן אַן אַנטשיידענעם דורכפאַל, וואָס וועט אויסגעטייטשט ווערן, אַז דער אָפּמאַך איז אַ געצוואונגענער.

„אַז אין פאַל דער קאָנגרעס וועט איינשטימען צו פאַרהאַנדלען, וועלן פיל זאַכן, וואָס זיי האָבן נאָך ניט געפאָדערט, באַוויליקט ווערן; און אויב עס זאָל קומען צו אַן אָפּמאַך, מוז די אויטאָריטעט פון קאָנגרעס שפּעטער אַנערקענט ווערן, ווען ניט וועט דער אָפּמאַך ניט זיין גילטיק.“

אדמיראַל האַו, אין זיין באַריכט צו דער ענגלישער רעגירונג, באַשרייבט זיין מעסעדזש אַ ביסל אַנדערש, ווי סאָליוואַן האָט עס איבערגעגעבן. ער לייקנט אָפּ, אַז ער האָט דערקלערט, אַז די אויטאָריטעט פון קאָנגרעס וועט מעגלעך אַנערקענט ווערן. ער גיט אָבער צו, אַז ער האָט געזאָגט סאָליוואַנ'ען, אַז ס'איז אַ טעות צו גלויבן, אַז זיין פרידנס־מיסיע באַשטייט בלויז אין אַרויסגעבן באַגנאַדיקונגען; אַז „דער פאָטערלעכער ווונטש פון זיין מאַיעסטעט איז צו מאַכן זיינע אַמעריקאַנער אונטערטאַנען גליקלעך“, און אַז ער און דער גענעראַל „זיינען וויליק צו פאַרהאַנדלען מיט איינפלוסרייכע

פערזאָנען, און דער רעזולטאט וועט מעגלעך זיין אַן אויסגלייך און אייניקייט".

דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט מורא געהאַט, אַז די קלאַנגען וועגן דער ווילִיקייט פון די האָוס אָנצופירן שלום־פארהאַנדלונגען וועלן באאיינפלוסן פיל פון די וואַקלדיקע עלעמענטן אין אַמעריקע, און ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו באַשטימען אַ געהיימע קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסגעפינען פון אדמיראַל האָו, וואָס פאַר אַ באַדינגונגען ער האָט פאָרצושלאָגן, און צי איז ער בכלל באַפולמעכטיקט פאָרצולייגן וועלכע עס איז באַדינגונגען. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון בענדזשאַמין פרענקלין, דזשאָן אַדאַמס און רוטלעדזש.

די באַשטימונג פון דער דאָזיקער קאָמיסיע האָט אין געוויסע קרייזן אַרויסגערופן גרויסע האָפענונגען. אייניקע האָבן אַפילו געגלויבט, אַז ס'וועט קומען צו אַ פולשטענדיקן אָפּמאַך, און אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי וועט פאַנאַנדערגעלאָזן ווערן. דזשאָן אַדאַמס, וועלכער האָט געגעבן אַ גראַפישן באַריכט וועגן די פאַרהאַנדלונגען פון דער קאָמיסיע, דערציילט, אַז באַזונדערס האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער קאָמיסיע די אָפיצערן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, אַזוי אַז די קאָמיסיע איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, אַז דער אויסגאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען זאָל זיך ניט אָפּרופן שלעכט אויף דער מאָראַל פון דער אַרמיי.

דעם 11טן סעפּטעמבער, 1776, איז די קאָמיסיע אָנגעקומען אין סטעטן איילאַנד, וואו אַדמיראַל האָו האָט געהאַט זיין הויפּט־קוואַרטיר. אַדמיראַל האָו האָט פּערזענלעך באַגעגנט די קאָמיסיע באַם ברעג און האָט זי באַגלייט צו דעם פּלאַץ, וואו די פאַרהאַנדלונגען האָבן געדאַרפט פאָרקומען.

„מיר זיינען געגאַנגען" — דערציילט אַדאַמס — „צווישן רייען גרענאַדערן, וועלכע האָבן אויסגעקוקט שרעקלעך ווי צען טייוואָלים; זיי האָבן געמאַכט פאַרשיידענע גרימאַסן און באַוועגונגען מיט זייערע ביקסן, וואָס מיליטערישע עטיקעט, ווי איך שטעל זיך פאָר, פאָדערט. מיר האָבן עס אָבער ניט פאַרשטאַנען, און אונז האָט עס ניט געקימערט. זיין לאָרדשיפּ האָט צוגעגרייט אַ גרויסן שיינעם צימער, וועלכן ער האָט באַצירט מיט אַ טעפּיך פון מאָך און גרינע צווייגן, אַזוי אַז דער צימער האָט אויסגעזען אַפילו עלעגאַנט; און ער האָט אונז אונטערהאַלטן מיט קלאַרעט־ווײַן, גוטן ברויט און קאַלטן העם און צונג."

אדמיראַל האָו איז געווען שטאַרק דיפּלאָמאַטיש און האָט גערעדט וועגן זיין גרויסער פריינטשאַפט צו אַמעריקע, אַז אויב אַמעריקע זאָל דורכפאַלן,

וואָלט עס אים געקרענקט פּונקט ווי דער דורכפאַל פון אַן אייגענעם ברודער. פרענקלין האָט פאַרזיכערט האָו'ן, אַז די אַמעריקאַנער וועלן זען ניט צו פאַרשאַפן זיין לאָרדשיפ אַזא עגמת נפש. ווען ס'איז אָבער געקומען צו קלאָרע דבורים וועגן די פאָרשלאָגן, וואָס ער האָט צו מאַכן און זיין פולמאַכט פאַר דעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די איינציקע זאַך, וואָס ער קאָן טאָן, איז אויסהערן, וואָס פאַר אַ באַדינגונגען די קאָמיסיע וועט פאָרשלאָגן און באַריכטן צו זיין רעגירונג, אָבער קודם כל מוזן די קאָלאָניעס אויפגעבן זייער קאַמף קעגן ענגלאַנד; ער איז איבערצייגט, אַז דעמאָלט וועלן געוויסע פאָדערונגען פון די קאָלאָניסטן נאָכגעגעבן ווערן. פון דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע איז געוואָרן קלאָר, אַז וויכטיקע פאַרהאַנדלונגען וועלן צו גאָרניט ברענגען, און דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן מער ניט צו פירן מיט די האָוס קיין פאַרהאַנדלונגען.

די צוויי וואָכן, וואָס די פאַרהאַנדלונגען האָבן געדויערט, האָבן אָבער געגעבן וואַשינגטאָנ'ען און זיינע אָפיצערן גענוג צייט צו באַטראַכטן די לאַגע און מאַכן פאָרבאַרייטונגען פאַר אַ נייעם קאַמף. עס איז געווען קלאָר, אַז אויב גענעראַל האָו באַנוצט זיך ניט מיט זיין פּאָזיציע אויף ברוקלין הייטס צו אַטאַקירן ניו יאָרק, וועט ער מסתמא מאַכן אַ פאַרזוך צו לאַנדן זיין אַרמיי אין דעם העכערן טייל פון מאַנהעטן, און אויף אַזא אופן אָפּשניידן פאַר וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי די מעגלעכקייט פון אַ צוריקטריט. וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי, אַנטמוטיקט פון דעם לעצטן דורכפאַל און אָפּגעשוואַכט פון דעם, וואָס אייניקע רעגימענטן האָבן פּשוט פאַרלאָזן די אַרמיי און זיך אומגעקערט צו זייערע היימען, האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג פון מאַנהעטן, ביז קינגס ברידזש, אַ שטח פון אַרום 14 מייל, גרייט אויסצומאַנעווורירן יעדן פאַרזוך, וואָס האָו וועט מאַכן אָפּשצונײַדן אַ צוריקטריט.

וואַשינגטאָן איז געווען געצוווּנגען פון אָנהויב צו באַשיצן ניו יאָרק. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי האָט דערוואַרטעט אַז ניו יאָרק וועט ניט אָפּגעגעבן ווערן אָן אַ שלאַכט, מורא האָבנדיק פאַר דעם איינדרוק, וואָס עס וועט מאַכן אויף דער באַפעלקערונג, אויב אַזא וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט וועט אָפּגעגעבן ווערן אָן שום ווידערשטאַנד. וואַשינגטאָן האָט אָבער געמוזט צו־געבן, אַז מיט זיין אַרמיי וועט ער ניט קאָנען איינהאַלטן די שטאָט. די מיינונג פון זיינע אָפיצערן איז געווען צעטיילט: אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר ניו יאָרק ניט אויפגעבן, אַ צווייטער טייל, און הויפּטזאַכלעך

גענעראל גרין, האט געהאלטן, אז ניט בלויז דארף מען אויפגעבן ניו יארק, נאר מען דארף די שטאט אונטערצינדן, כדי דער שונא זאל ניט האבן קיין באקוועמע ווינטער־קווארטיר. דזשאן דזשיי איז אפילו געגאנגען אזוי ווייט ווי פארצושלאגן, אז מען זאל פארניכטן די גאנצע געגנט ארום ניו יארק ביז וועסט פאינט, און אז די ארמיי זאל צוריקטרעטן צו וועסט פאינט, וואס זאל געמאכט ווערן ניט־צוגאנגבאר דורך דעם, וואס דער הודסאן זאל פארבאריקאדירט ווערן מיט שטיינער פון די ארומיקע בערג.

די שלאכט פון הארלעם

דער קאנגרעס, צוזאמען מיט א קריגס־ראט, וואס איז גערופן געווארן, האט אבער באשלאסן, אז די ארמיי זאל פארלאזן ניו יארק און לאזן די שטאט ניט באריררט. דעם 1טן סעפטעמבער, ווען האו האט ענדלעך אנגעהויבן מאכן פארבארייטונגען צו פארנעמען ניו יארק, האט וואשינגטאן שוין געהאט ארויסגעפירט דעם גרעסטן טייל פון די מיליטערישע סקלאדן. די ארמיי, מיט דער אויסנאם פון ארום 4 טויזנט סאלדאטן אונטער גענעראל פאטנעם, האט זיך צוריקגעצויגן צו דעם אויבערשטן טייל פון דעם מאנהעטן אינזל, אין הארלעם.

קיין סך שוועריקייטן האט גענעראל האו ניט געהאט אין פארנעמען די שטאט. ער האט אויסגעקליבן די געגנט, וואס איז געווען באקענט אלס מאריי־היל, ארום דער איצטיקער 33טער גאס, צו לאנדן זיין ארמיי. פינף קריגס־שיפן זיינען זונטיק, דעם 15טן סעפטעמבער, אריינגעפארן אין איסט ריווער און געעפנט א קאנאנאדע אף דער פאזיציע פון גענעראל דאוגלאס, וועלכער האט זיך מיט דריי רעגימענטן געפונען אין דער געגנט. אין דער זעלביקער צייט האבן דריי ענגלישע קריגס־שיפן, וואס זיינען געקומען קעגנאיבער פון דער מערב־זייט, אין הודסאן, אויך געעפנט פייער. די אמעריקאנער סאלדאטן זיינען ארויסגעטריבן געווארן פון זייערע פאזיציעס און די ענגלענדער האבן אונטערן שוץ פון די קריגס־שיפן געלאנדעט, ניט פארלירנדיק קיין איין איינציקן מענטש.

די אמעריקאנער סאלדאטן זיינען אריינגעפאלן אין א פאניק, מורא האבנדיק אז די ענגלענדער וועלן אפשניידן דעם וועג פאר א צוריקטריט. וואשינגטאן, וועלכער איז אין דעם מאמענט אנגעקומען אפן פלאץ, האט גע־

מאַכט אַ פאַרזוך אָפּצושטעלן דעם דיסאָרגאַניזירטן געלאַף פון די סאָלדאַטן. דאָס אָבער האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. די פּאַניק האָט זיך איבערגעטראָגן צו די אַנדערע רעגימענטן, וואָס זיינען אונטערגעקומען צו פאַרשטאַרקן דאָוגלאַס׳עס אָפּטיילונג, און ווי אַ סטאַדע דערשראָקענע שעפּסן זיינען זיי אַנטלאָפן פון דער פּאָזיציע.

גענעראַל מוירסער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ פּאָזיציע אויף דער מערב־זייט פון אינזל, לעבן האַדסאָן, איז אָפּגעטראָטן אין אַ בעסערער אָרדענונג און זיך פאַראייניקט מיט דער הויפּט־אַרמיי אין האַרלעם. גענעראַל פּאַטנעם מיט זיינע 4 טויזנט סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין שטאָט, איז געווען אין אַ געפאַר אריינצופאַלן צו די ענגלענדער אין פּלען. גענעראַל האַו האָט זיך אָבער ניט געאיילט אים אָפּצושניידן דעם וועג פאַר אַ צוריקטריט. אַנשטאָט גלייך צו פאַרנעמען די שטאָט, האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג פון מאַדאַם מאַריי פאַר פרישטיק, און אין דער צייט וואָס ער מיט זיינע אָפיצערן האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין בא די מאַריים אין הויז, האָט פּאַטנעם באַוויזן זיך אָפּצוטראָגן פון שטאָט.

מאַדאַם מאַריי איז ניט געווען קיין טאָרי. און אַ שיינע מעשה ווערט דערציילט, אַז זי האָט בכיון איינגעלאַדן גענעראַל האַו צו פרישטיק, כדי אים צו פאַרהאַלטן און געבן פּאַטנעמ׳ען אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך מיט זיינע סאָלדאַטן פון אריינפאַלן אין האַו׳ס הענט. עס לייגט זיך אָבער קוים אויפן שכל, אַז האַו און זיינע אָפיצערן זאָלן זיך אַזוי גרינג לאָזן אָפּנאַרן. מען קאָן גיכער גלויבן, אַז האַו האָט עס געטאָן אויסגערעכנטערהייט, אין איינקלאַנג מיט זיין פּאָליטיק ניט צו פאַרניכטן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי.

די גרויסע שרפה אין ניו יאָרק

האַו האָט דעם נעקסטן טאָג, דעם 16טן סעפּטעמבער, פאָרמעל פאַרנומען ניו יאָרק, צו דער גרויסער צופרידנהייט פון די טאָריס. ניו יאָרק איז פאַר־בליבן די הויפּט־קוואַרטיר פון די ענגלענדער ביזן סוף פון דער מלחמה. אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי די ענגלענדער האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָט אַ צאָל פייערן אויסגעבראָכן גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. צי דאָס האָבן געטאָן פּשוט׳ע אונטערצינדער, אָדער די רעוואָלוציאָנערן אין ניו יאָרק האָבן געוואָלט די שטאָט פאַרניכטן, איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן.

א שטורעם־ווינט האט געבושעוועט די נאכט, ווען די פייערן האבן אויסגעבראכן, און די גאנצע שטאט איז באלד געווען אין פלאמען. די ענגלישע סאלדאטן האבן געמוזט ארבעטן זייער שווער אויסצולעשן די שריפה. שרעקלעכע מעשיות זיינען נאכדעם דערציילט געווארן וועגן די גרויזאמקייטן פון די ענגלישע סאלדאטן אין יענער נאכט. זיי האבן געשאסן יעדן איינעם, וועמען זיי האבן פארדעכטיקט אלס אונטערצינדער; א צאל האבן זיי ארייג־געווארפן אין די פלאמען, ארום 600 זיינען ארעסטירט געווארן אף דעם חשד, אז זיי זיינען געווען די אונטערצינדער. א פערט־חלק פון די הייזער פון שטאט איז אין דער שריפה פארברענט געווארן.

די רעוואלוציאנערע ארמיי, וואס האט זיך איצט געפונען אין הארלעם, האט געליטן פון דער געוויינלעכער דעמאראליזאציע, וואס קומט נאך א דורכפאל. וואשינגטאן האט באריכטעט צום קאנגרעס וועגן דעם „צוריקטריט פון טרוסן". די רעגימענטן פון ניי־ענגלאנד, וועגן וועלכע דאס איז באריכטעט געווארן, זיינען געווען שטארק אויפגעבראכט, וואס וואשינגטאן האט זיי אנגערופן טרוסן, ספעציעל ווען די זעלביקע סאלדאטן האבן דעם נעקסטן טאג ארויסגעוויזן, אז זיי זיינען ווייט פון זיין טרוסן. א קליינע אפטיילונג פון ארום 125 מענטשן, אונטער קאפיטאן ניועלטאן, וואס וואשינגטאן האט דעם 16טן סעפטעמבער געשיקט אויסצופארשן וועגן די באוועגונגען פון דער ענגלישער ארמיי, האט אין דעם צפון־טייל פון סענטראל פארק זיך באגעגנט מיט א שטארקער אפטיילונג פון ענגלישער אינפאנטעריע. אין דער שלאכט, וואס האט אויסגעבראכן, איז ניועלטאן געפאלן טויט און די סאלדאטן האבן ארויסגעוויזן אזויפיל מוט און געוואגטקייט, וואס האט זיכער אויסגעקויפט זייער אייליקן צוריקטריט פון מארריי־היל, דעם טאג פריער. די דאזיקע קליינע גרופע האט צוריקגעשטויסן די אטאקעס פון די ענגלענדער, ביז וואנען זי האט באקומען פארשטארקונג און פארטריבן די ענגלענדער פון דער געגנט. די דאזיקע שלאכט איז באקענט אין דער אמעריקאנער געשיכטע אלס דער „נצחון פון הארלעם". די רעוואלוציאנערן האבן די דאזיקע שלאכט שטארק אויסגענוצט צו שטארקן די פאלנדיקע מאראל פון דער ארמיי.

וואשינגטאן'ס טעות

דער צוזאמענשטויס צווישן אן אפטיילונג פון האו'ס אינפאנטעריע און דער רעוואלוציאנערער ארמיי אין הארלעם איז געווען געגנוג פאר גענעראל האו

ניט צו אונטערנעמען קיין שום מיליטערישע מאַנעווורעס אין משך פֿון א גאַנצן חודש; די דאָזיקע שלאַכט איז געווען פֿאַר אים גענוג צו שרייבן א בריוו דער ענגלישער רעגירונג, אַז די לאַגע פֿון זיין אַרמיי „שיינט צו זיין ניט זיכער", און אַז ער קאָן מער גאַרנישט טאָן ביז וואַנען ער וועט קריגן פֿאַרשטאַרקונג.

דער אמת איז, אַז גענעראַל האַו האָט פֿאַרגעזעצט זיין פּאָליטיק, דורך וועלכער ער האָט געהאָפֿט צו ברענגען צו אַ קאָמפּראָמיס. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט דעם צושטאַנד פֿון וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי, די מחלוקות, וואָס קומען דאָרט פֿאַר, און אַז מיט אַן ענערגישער קאַמפּאַניע קאָן ער מאַכן אַ סוף צו די עטלעכע טויזנט פֿאַרמערס, וואָס זיינען געווען שלעכט באַפֿעסטיקט אין האַרלעם.

א גאַנצן חודש האָט האַו זיך געשלאָגן מיט דער דעה וואָס צו טאָן. ניט אַנטשלאָסן איז אויך געווען וואַשינגטאָן. די הערשנדיקע מיינונג אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי איז געווען, אַז האַרלעם קאָן ווערן אַ צווייטע באַנקער היל און די פֿאַר טויזנט רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן וועלן קאָנען פֿאַר־שפּאַרן די ענגלישע אַרמיי אין ניו יאָרק, ווי זיי האָבן עס געטאָן דעם פֿריער־דיקן ווינטער אין באָסטאָן. די מער פּראַקטישע גענעראַלן, ספּעציעל גענעראַל לי, האָבן איינגעזען, אַז די לאַגע פֿון דער אַרמיי אין האַרלעם איז ניט קיין זיכערע און אַז גענעראַל האַו קאָן מיט זיין פּלאַן אָפּשניידן דעם וועג פֿון אַ צוריקטריט. גענעראַל לי האָט דעריבער געראָטן אָפּצוטרעטן קיין ווהייט פּליינס, פֿון וואַנען עס וועט זיין גרינגער צו מאַכן אַ צוריקטריט.

וואַשינגטאָן האָט געוואַרט ביז דעם 12טן אָקטאָבער, ווען האַו האָט אָנ־געהויבן באמת מאַנעווורירן אַריינצוכאַפּן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי אין אַ פֿאַסטקע. האַו'ס מאַנעווורעס זיינען אָבער געווען זייער לאַנגזאַמע. דער „לאַנגזאַמער גענעראַל" איז געווען דער צונאָמען, וואָס האַו האָט געקראָגן אין אַמעריקע. ער איז געווען לאַנגזאַם גענוג צו געבן וואַשינגטאָנ'ען אַ מעג־לעכקייט צוריקצוטרעטן פֿון האַרלעם, און אַ שטיקל נצחון, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן דעם 28טן אָקטאָבער איבער אַ טייל פֿון וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי אין ווהייט פּליינס, בײַ טשאַטערטאָן היל, האָט אים אינגאַנצן צופֿרידנ־געשטעלט און ער האָט געלאָזן וואַשינגטאָנ'ען אַריבערגיין דעם האָדסאָן מיט אַ טייל פֿון דער אַרמיי, איבערלאָזנדיק גענעראַל לי מיט 7 טויזנט סאָלדאַטן איינצוהאַלטן די הויפּט־ליניע פֿון פֿאַרטיידיקונג.

די אמעריקאנער טאָריס האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מאַכט ניט קיין סוף צו וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי. גענעראַל האָו פלעגט אַף דעם ענטפערן, אַז ער וויל ניט צופיל ריזיקירן. פאַר דער אונטערזוכונג־קאָמיסיע פון פאַרלאַמענט האָט ער אָבער דערקלערט, אַז עס זיינען געווען „פּאָליטישע סיבות", פאַרוואָס ער האָט ניט פאַרניכטעט וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי. די דאָזיקע מיסטעריעזע „פּאָליטישע סיבות", האָט ער ווייטער דערקלערט, זיינען געווען ניט אין ענגלאַנד, נאָר אין אַמעריקע. אין קיין ווייטערדיקע דערקלערונגען האָט ער זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן. דער אויספיר ווערט דעריבער געמאַכט, אַז האָו האָט מיט דער דאָזיקער טאַקטיק אָדער געהאָפּט צו ברענגען צו אַ קאָמ־פּראָמיס, אָדער ער האָט ניט געוואָלט אָפּהאַלטן קיין ענדגילטיקן נצחון צו באַווייזן, אַז די שטעלונג פון זיין פּאַרטיי, אַז מען קאָן די רעוואָלוציע ניט אונטערדריקן, איז אַ ריכטיקע.

צוויי וואָכן נאָך דער שלאַכט בא טשאַטערטאָן היל אין ווהייט פליינס, האָט האָו פאַרנומען פאָרט וואַשינגטאָן, אַ פעסטונג אַפן האָדסאָן, וואו די רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַרלאָרן 3 טויזנט מאַן אין גע'הרג'עטע און גע־פאַנגענע. דאָס וואָס וואַשינגטאָן האָט איבערגעלאָזן אַזאַ גרויסע אַרמיי אין דער דאָזיקער פעסטונג איז געווען איינער פון די גרויסע טעות'ן, וואָס ער איז באַגאַנגען. די פעסטונג זעלבסט איז ניט געווען פון גרויסער וויכטיקייט. גענעראַל גרין איז אָבער באַשטאַנען אַף דעם, אַז די פעסטונג זאָל ניט אָפּ־געליידיקט ווערן. ער האָט געגלויבט, אַז די דאָזיקע פעסטונג אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן וועט שטאַרק ערגערן דעם שונא, און וואַשינגטאָן האָט צוגעשטימט, האָפנדיק, אַז אין ערגסטן פאַל וועט די אַרמיי באַווייזן איבערצוגיין דעם האָדסאָן און זיך אָנשליסן אָן דער הויפּט־אַרמיי.

שפּעטער האָט וואַשינגטאָן שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס ער האָט די דאָזיקע גרויסע אַרמיי מקריב געווען.

דעם 15טן נאָוועמבער האָט גענעראַל האָו אויפגעפאָדערט דעם קאָמאַנ־דיר פון דער פעסטונג, קוירנעל מאַגאָ, זיך אונטערצוגעבן. ער האָט אים געגעבן אַ טאָג צייט אָנצונעמען די באַדינגונגען, וואָס ער האָט אים פאָר־געשלאָגן. דעם נעקסטן טאָג אין דער פרי האָט האָו אָנגעהויבן די אַטאַקע. וואַשינגטאָן האָט פון דער אַנדער זייט פון האָדסאָן זיך צוגעקוקט צו דער שלאַכט. פאַר אַ שטיקל צייט האָט אויסגעזען, אַז מאַגאָ וועט זיין בכח איינ־צוהאַלטן די פעסטונג ביז אָוונט; וואַשינגטאָן האָט געהאָפּט דורכצופירן דעם

אָריגינעלן פּלאַן און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אריבערפירן דעם גאַרניזאָן אויף דער אַנדער זייט האָדסאָן. באַלד איז אָבער געוואָרן קלאָר, אַז דער גאַרניזאָן וועט לאַנג ניט אויסהאַלטן די אַטאַקע. די ענגלענדער זיינען געווען מער אין צאָל, בעסער באַוואָפנט און, ווי יעדעס מאָל, ווען האָו'ס אַרמיי האָט זיך באַגעגנט אין אָפענער שלאַכט מיט די אַמעריקאַנער, האָט זי אָפּגעהאַלטן אַ גרינגן נצחון. מאַגאָאַ האָט זיך אונטערגעגעבן מיט זיינע דריי טויזנט אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע סאָלדאַטן.

גרעידאַן, איינער פון די געפאַנגענע, גיט אַן אינטערעסאַנטע און לעבעדיקע באַשרייבונג פון די סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער פעסטונג, ווען די ענגלענדער האָבן זי פאַרנומען. די ענגלענדער האָבן געדראָעט די געפאַנגענע מיט די פריקלאַדן פון זייערע ביקסן, זיי מודיע געווען, אַז מען וועט זיי אַלעמען אויפהענגען, געשאָלטן זיי און געזידלט זיי אַלס „פאַרדאַמטע רעבעלן".

דער פאַרלוסט פון די 3 טויזנט מענטשן אין פאָרט וואַשינגטאָן איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. ביידע, אי וואַשינגטאָן, אי מאַגאָאַ, זיינען שטאַרק פאַרדאַמט געוואָרן. די סאָלדאַטן פון ניי־ענגלאַנד האָבן איצט געהאַט די געלעגנהייט אָפּצוצאָלן די אַריסטאָקראַטן פון דער סאַוט מיט דער זעלביקער מטבע, מיט וועלכער אָט די אַריסטאָקראַטן האָבן זיי געצאָלט צוליב דעם צוריקטריט, ווען האָו האָט פאַרנומען ניו יאָרק. דער גאַרניזאָן פון פאָרט וואַשינגטאָן איז באַשטאַנען פון סאָלדאַטן פון דער סאַוט, און די ניי־ענגלענדער סאָלדאַטן האָבן זיך ניט געשעמט צו דערקלערן אָפן, אַז זיי זיינען שטאַרק צופרידן, וואָס די אַריסטאָקראַטן האָבן געליטן אַ מפּלה.

וואַשינגטאָנ'ס רעפּוטאַציע איז שטאַרק געפאַלן אפילו צווישן זיינע פריינט. ער האָט אַרויסגעוויזן אומאַנטשלאָסנקייט און קורציזיכטיקייט. ער אַליין האָט שטאַרק געפילט דעם אומגליק, וואָס די דאָזיקע מפּלה האָט געמיינט פאַר דער רעוואָלוציע. ס'איז איצט געווען קלאָר, אַז האָו וועט מאַכן אַ פאַרזוך צו פאַרנעמען פאָרט לי, די פעסטונג אויף דער אַנדער זייט פון האָדסאָן, קעגנאיבער פאָרט וואַשינגטאָן. וואַשינגטאָן האָט איצט שוין לאַנג ניט געטראַכט און האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער פעסטונג. ער האָט דאָס געטאָן פונקט אין צייט. דעם אָוונט נאָכדעם ווי פאָרט וואַשינגטאָן איז געפאַלן, איז

גענעראל קאָרנוואליס אריבערגעגאנגען מיט א גרויסער ארמיי דעם האָדסאָן און זיך געפונען הינטער די סאמע ווענט פון דער פעסטונג.

אין זיין באריכט צו דער ענגלישער רעגירונג האָט האָו געשריבן, אז קאָרנוואליס האָט שיר ניט פארכאפט נייע 2 טויזנט מאן אין פאָרט לי. ווי די זאך זאָל ניט זיין, א פאקט איז, אז אין דעם האסטיקן צוריקטריט האָט וואשינגטאָן פארלאָרן א סך קאנאָנען און אמוניציע, וואָס ער האָט ניט באוויזן ארויסצופירן פון דער פעסטונג.

דער צוריקטריט איבער ניו דזשוירזי

וואשינגטאָן האָט איצט אָנגעהויבן זיין בארימטן צוריקטריט איבער ניו דזשוירזי. דער פלאן פון די ענגלענדער איז געווען אים צו פארשפארן אין דעם שמאָלן פאס לאנד צווישן דעם האָדסאָן און דעם העקנסעק ריווער. וואשינגטאָן האָט אָבער באוויזן זיך ארויסצוכאפן אין צייט פון דער פאסטקע, אריבערגיין דעם פאסעיק ריווער און אָפטרעטן אין דער ריכטונג פון נוארק.

ווען האָו וואָלט געשיקט אן ארמיי דורך פאָרט עמבאָי, וואָלט זי גרינג געקאָנט אָפשניידן וואשינגטאָנ׳ען דעם וועג קיין נוארק. האָו האָט עס ניט געטאָן, און גענעראל קאָרנוואליס איז אויך ניט געווען אין קיין צו גרויסער איילעניש נאָכצויאָגן וואשינגטאָנ׳ען מיט זיין כלומרשטדיקער ארמיי.

וואשינגטאָן האָט געהאט א וואָך צייט זיך אָפצורוען אין נוארק; און ווען קאָרנוואליס איז ענדלעך אָנגעקומען אין נוארק, איז וואשינגטאָן שוין געווען אפן וועג קיין ניו בראָנזוויק. קאָרנוואליס האָט אים נאָכגעפאָלגט קיין ניו בראָנזוויק און ווייטער איז ער ניט געגאנגען. וואשינגטאָן האָט געהאט גענוג צייט, ניט געאיילטערהייט אָפצוטרעטן קיין פרינסטאָן.

פון פרינסטאָן איז וואשינגטאָן מיט דעם גרעסטן טייל פון זיין ארמיי אָפגעטראָטן דעם 2טן דעצעמבער קיין טרענטאָן, איבערלאָזנדיק אן אָפטיילונג פון 12 הונדערט מאן אין פרינסטאָן, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען אכטונג צו געבן אף די באוועגונגען פון די ענגלענדער און צו באריכטן אין פאל קאָרנוואליס זאָל אָנהויבן אף דאָס ניי צו פארפאָלגן די אָפטרעטנדיקע ארמיי.

וואשינגטאָן אָבער האָט געקאָנט זיין רואיק. דער פאקט איז, אז האָו האָט ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, אז קאָרנוואליס זאָל ווייטער פון ניו

בראַנזוויק ניט נאָכפאָלגן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי. פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי פּאַרזיכטיק, איז ווידער אַ זאַך, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט דערקלערט. און עס וואָלט פאַר אים געווען שווער צו דערקלערן, פאַרוואָס אַ זיגרייכע אַרמיי פון 34 טויזנט מאַן האָט ניט געקאָנט מאַכן אַ סוף און פאַרניכטן די אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג, וואָס האָט אין מיליטערישע ציפערן זיך אויסגעדריקט אין אַ וואַנדערנדיקער האַלב־נאַקעטער, שלעכט־באַוואָפנטער גרופּע פון אַרום דריי און אַ האַלב טויזנט מענטשן.

דריי אָדער פיר טעג נאָכדעם, ווי קאָרנוואָליס איז אָנגעקומען אין ניו בראַנזוויק, איז האָו אַליין אַריבערגעקומען מיט פרישע אָפּטיילונגען מיליטער און איבערגענומען די קאָמאַנדע. מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט האָט די גאַנצע אַרמיי אַוועקגעמאַרשירט קיין פּרינסטאָן, וואו זי האָט זיך אָפּגערוט גאַנצע 17 שעה; און ערשט דעם 12טן דעצעמבער האָט האָו אָנגעהויבן זיין מאַרש אַף טרענטאָן, וואו וואַשינגטאָן האָט זיך געפונען מיט די רעשטלעך פון זיין אַרמיי. דער מאַרש פון די 12 מייל פון פּרינסטאָן קיין טרענטאָן האָט אים גענומען גאַנצע 7 שעה. וואַשינגטאָן האָט אין אָט דער צייט באַוויזן אַריבערצוגיין דעם דעלאַווער ריווער און אָפּטרעטן אין דער ריכטונג פון פילאַדעלפיע.

די ראָל פון טאָמאָס פּעין

דער ענגלישער גענעראַל האָו האָט, ווי מיר האָבן געזען, געראַטעוועט די רעוואָלוציע אין אַ מאָמענט, ווען מיט אַ פּאָר האַרמאַטן־שאָסן וואָלט ער געקאָנט מאַכן צו איר אַ סוף. אַ צווייטער ענגלענדער, טאָמאָס פּעין, איז אין דער זעלביקער צייט געקומען צו הילף דער רעוואָלוציע מיט זיין לײדנשאַפטלעכער, פייערדיקער פּען.

טאָמאָס פּעין ווערט מיט רעכט באַטראַכט אַלס דער אידעאָלאָג פון דער אַמעריקאַנער באַוועגונג פאַר אומאָפּהענגיקייט. דער קאַמף אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס קעגן דער הערשאַפט פון דער ענגלישער מאָנאַרכיע איז געווען אַ טייל פון דעם אַלוועלטלעכן קאַמף פון דעם יונגן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס קעגן די רעשטלעך פון פעאָדאַליזם, און טאָמאָס פּעין איז איינער פון די שענסטע אידעאָלאָגישע פאַרטרעטער פון דעם דאָזיקן קאַמף. ער איז דער אומפאַרגלייכלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך געווען יונג און רעוואָלוציאָנער.

טאמאס פעין איז געבארן געווארן אין טעטפארד, ענגלאנד, דעם 29טן יאנואר, 1737 ; זיין פאטער איז געווען א קארסעטן־מאכער און דער יונגער פעין האט נאך אלס אינגל געמוזט אנהויבן ארבעטן. ער האט א שטיקל צייט געדינט אלס מאטראז, געארבעט אין לאנדאן בא פארשיידענע פאכן און האט ענדלעך זיך גענומען צו זיין פאטער׳ס ארבעט, קארסעטן־מאכעריי.



טאמאס פעין

די בילדונג, וואס פעין האט באקומען אין זיין יוגנט, איז געווען זייער א מאגערע. פעין האט אבער א סך געלעזן און איז געווען א שטענדיקער באזוכער פון וויסנשאפטלעכע לעקציעס. זיין פאליטישע דערציאונג האט ער באקומען אין א וויג־קלוב. אין די דעבאטן אף די מיטינגען פון דעם דאזיקן קלוב איז פעין געווען איינער פון די לײדנשאפטלעכסטע אנטיילנעמער.

טאמאס פעין האט זיך באקענט אין לאנדאן מיט בענדזשאמין פרענקלין. די דאזיקע באקאנטשאפט האט געהאט זייער א גרויסע ווירקונג אף זיין ווייטערדיקן לעבן. פרענקלין האט אים באוועגט צו פארן קיין אמעריקע, וואו דער קאמף צווישן די אמעריקאנער קאלאניעס און דער ענגלישער רע־

גירונג האָט געהאַלטן אין אַנטוויקלען זיך און אָננעמען די פאָרם פון אַן אָפענער מלחמה.

אין 1774 איז פעין אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און ער האָט געלאַנדעט אין פילאַדעלפיע אין דעצעמבער, אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי דער ערשטער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט געשלאָסן זיין סעסיע. פרענקלינ׳ס רעקאָמענדאַציע־בריוו האָט געעפנט פאַר פעינ׳ען די טירן פון די פירער פון דער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג אין פענסילווייניע. פרענקלינ׳ס איידעם, ריטשאַרד באַק, האָט פאַרגעשטעלט פעינ׳ען פאַר ריטשאַרד אייטקין און די צוויי האָבן געגרינדעט אַ זשורנאַל, פענסילווייניאַ מעגעזין, פון וועלכן פעין איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר.

אין יאַנואַר 1776, ווען די אויסזיכטן פון דער רעוואָלוציע זיינען געווען זייער טרויעריקע, ווען די אַמעריקאַנער טאָריס האָבן אַטאַקירט די רעוואָ־לוציאָנערן אין עדיטאָריעלס, פּאַמפלעטן און אפילו אין לידער, איז טאָמאַס פעין אַרויסגעקומען מיט זיין באַרימטן פּאַמפלעט קאָמאָן סענס (פשוט׳ער שכל). דער דאָזיקער פּאַמפלעט, האָט וואַשינגטאָן שפּעטער געזאָגט, האָט „געמאַכט אַן ענדערונג אין די מיינונגען פון אַ גרויסער צאָל מענטשן".

אין דעם פּאַמפלעט מאַכט פעין אַ לײדנשאַפטלעכע אַטאַקע אויף דער ענגלישער מאָנאַרכיע און אויף דעם מאָנאַרכיזם אַלס פּאָליטישע סיסטעם; ער גיט־אויף די שפּראַך פון אפיל צום ענגלישן קעניג אין נאָמען פון דער ענגלישער קאָנסטיטוציע. ער מאַכט חוזק פון די דאָזיקע אַפּילס צום קעניג. „עס איז אַ דאַנק דער פאָלקס־קאָנסטיטוציע און ניט דער רעגירונגס קאָנ־סטיטוציע, וואָס די קרוין איז ניט פּונקט אַזוי טיראַניש אין ענגלאַנד, ווי אין טערקיי" — פאַרזיכערט פעין.

ער אַרגומענטירט פאַר באַלדיקער אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד. ער באַווייזט, אַז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג פאַר די אַמעריקאַנער קאָ־לאָניעס. די קאָלאָניעס האָבן ניט קיין שום פּראַקטישע אינטערעסן צו זיין פאַרבונדן מיט ענגלאַנד. פאַרקערט, די פאַרבינדונג מיט ענגלאַנד איז די סיבה פון אַלע צרות, וואָס די קאָלאָניעס האָבן געהאַט, פון די אַלע מלחמות, אין וועלכע די קאָלאָניעס זיינען געווען פאַרוויקלט.

האָבן די קאָלאָניעס וועלכן עס איז פאַרצוג פאַר זייער אונטערטעניקייט צו דער ענגלישער קרוין? פרעגט פעין. און ער ענטפערט: „אונזער קאָרן וועט ברענגען דעם פּרייז אין יעדן מאַרק אין אייראָפּע, און פאַר אונזערע

אימפארטירטע סחורות מוזן מיר צאלן, וואו מיר זאלן זיי ניט קויפן.״ ענגלאנד, ארגומענטירט ווייטער פעין, קען ניט רעגירן די אמעריקאנער קאָ־לאָניעס. די פּראָבלעמען פון אמעריקע וועלן באלד זיין צו פארוויקלט, אז זיי זאלן קאָנען געלייזט ווערן דורך א מאכט, וואס „איז אזוי ווייט פון אונז און ווייס אזוי ווייניק וועגן אונז״.

און פעין פירט אונטער א סך־הכל צו זיינע ארגומענטן און קומט צום אויספיר:

„אלץ וואס איז גערעכט, אדער נאטירלעך, ארגומענטירט פאר אומאפּ־הענגיקייט. די בלוט פון די גע׳הרג׳עטע, די שטים פון דער נאטור שרייט — ס׳איז צייט זיך אפּצוטיילן . . . וואפן מוזן אנטשיידן דעם דאזיקן שטרייט. דאס איז געווען דער אויסוואל פון קעניג און דער קאנטינענט האט אנגענומען זיין טשאלענדזש . . . עס איז ניט די זאך פון א שטאט, א קאונטי, א פּראָווינץ אדער א קעניגרייך, נאר פון א קאנטינענט. ס׳איז ניט די זאך פון א טאג, א יאר אדער א דור. די צוקונפטיקע דורות זיינען פארוויקלט אין דעם דאזיקן קאמף און זיי וועלן מער אדער ווייניקער אף אייביק אנגערירט ווערן פון די איצטיקע געשעענישן. א, איר, וואס ליבט די מענטשהייט! איר, וואס וואגט זיך שטעלן ניט בלויז קעגן טיראניי, נאר קעגן טיראנען, שטעלט זיך אין די פאדערשטע רייען . . . זאלן די נעמען וויג און טארי פארשוואונדן ווערן, זאל קיין אנדער נאמען ניט געהערט ווערן צווישן אונז, ווי דער נאמען, א גוטער בירגער, אן אפענער און אנטשלאסענער פריינט, א שטיצער פון די רעכטן פון דער מענטשהייט און פון די פרייע און אומאפּהענגיקע שטאטן פון אמעריקע.״

דער דאזיקער פאמפלעט האט ווי א באמבע געטראפן דעם לאגער פון די קעגנער פון אומאפּהענגיקייט. די פירער פון דעם ניו יארקער קאנגרעס, וואס זיינען געווען קעגן דער רעוואלוציע, האבן באטראכט די פראגע צי עס איז ניט ראטזאם צו ענטפערן אף דעם פאמפלעט. זיי זיינען אבער געקומען צום שלוס, אז ס׳איז אוממעגלעך צו ענטפערן אף פעינ׳ס ארגומענטן. דער פאמפלעט איז פארשפרייט געווארן אין 100 טויזנט עקזעמפּלארן איבערן גאנצן לאנד. אין די שווערע טעג פון ווינטער 1776 איז פעינ׳ס פאמפלעט געווען דער שטארקסטער וואפן אין די הענט פון די רעוואלוציאנערן. דער דאזיקער פאמפלעט האט געשפילט א הויפּט־ראל אין אריבערגעווינען די וואקלענדיקע דעלעגאטן פון קאנטינענטאלן קאנגרעס פאר דער דעקלאראציע פון אומאפּהענגיקייט.

פּעין האָט די גאַנצע צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה ניט געלאָזט רוען זיין פּען. יעדעס מאָל, ווען די זאַך פון דער רעוואָלוציע איז געשטאַנען אין געפאַר, איז ער צו געקומען צו הילף. זיין מעכטיקע פעדער און זיין רוף צו שטיצן די רעוואָלוציע האָט שטענדיק געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג סיי אין דער אַרמיי, סיי צווישן די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַדיוטאַנט אין וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי און איז געווען מיט דער אַרמיי, ווען זי איז אָפּגעטראָטן סוף הארבסט 1776 פון פאָרט לי. פּעין האָט גוט געוואוסט די ווירקונג, וואָס די נידערלאַגע בא פאָרט לי וועט האָבן אויף דער אַרמיי און אויף דעם ברייטן עולם, און אין דעצעמבער 1776 איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ נייעם רוף צו שטיצן די רעוואָלוציע.

דער ערשטער טייל פון דעם באַרימטן פּאַמפלעט, דער קריזיס, איז געשריבן געוואָרן, ווען אַרום האָט געהערשט אַ כאַאָס און דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט געשיינט צו זיין אומפאַרמיידלעך.

„איצט איז די צייט, ווען מענטשלעכע נשמות ווערן געשטעלט צו פּראָבע“, איז די באַרימטע פראַזע, מיט וועלכער פּעין הויבט אָן זיין אַפּיל פאַר דער ווייטערדיקער שטיצע פון דער רעוואָלוציע. און ער זעצט פאָר: „דער זומער־סאָלדאַט, דער פּאַטריאָט פון זון־שיין, וועט אין דעם דאָזיקן קריזיס אַנטלויפן פון דינסט פאַר זיין לאַנד, אָבער דער וואָס פאַרבלייבט איצט אין דינסט פון זיין לאַנד וועט פאַרדינען די ליבע און דעם דאַנק פון מאַן און פרוי.“

און פּעין שמייסט ווי מיט בייטשן די אַמעריקאַנער טאָריס, וועלכע זיינען געווען די אמת׳ע געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע. ער אַטאַקירט זיי אין די שאַרפסטע ווערטער. ער זשאַלעוועט ניט קיין עפּיטעטן צו באַצייכענען די קעגנער פון דער רעוואָלוציע, אָנרופנדיק זיי טרוסן, „געמיינע שקלאַפן“, וואָס ציטערן פאַר זייער פעל. אויפצוהאַלטן דעם מאָראַל פון דער אַרמיי, מאַכט ער צו קליינגעלט דעם צוריקטריט פון ניו דזשוירזי און זאָגט־צו אַ גיכן נצחון. „מיט אויסדויער און מוט“ — שליסט ער זיין רוף — „האָבן מיר די אויסזיכטן פון אַ גלאָררייכן זיג; אונטערגעבנדיק זיך — דעם טרויעריקן אויסוואַל פון פאַרשיידנאַרטיקע אומגליקן, אַ רואינירט לאַנד, פאַרניכטעטע שטעט, וואוינונגען אָן זיכערקייט און שקלאַפעריי אָן האָפענונג — קוקט זיך צו צו אָט דעם בילד און קלאָגט איבער דעם.“

פּעין איז ניט מיד געוואָרן צו אַרבעטן פאַר דעם דערפאָלג פון דער

רעוואָלוציע. אין נאָוועמבער 1779 איז ער באשטימט געוואָרן אלס קלוירק פון דער לעגיסלאטור פון פענסילוויינִיע. דערהאלטנדיק א בריוו פון וואשינג־טאָנ'ען וועגן דער מעגלעכקייט פון אן אויפשטאנד אין דער ארמיי צוליב די שרעקלעכע באדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אוים די סאָלדאטן צו לעבן, האָט ער דעם בריוו פאָרגעלייענט פאר דער אסעמבלי. די אסעמבלי האָט ניט געקאָנט געפינען קיין מיטלען צו העלפן אין דער לאגע. ער האָט דאן אָנ־געשריבן א בריוו צו א פילאדעלפיער סוחר, בלעיר מעקלעניגאן, איינשליסנ־דיק זיין אייגענע נדבה פון 500 דאָלאר, אלס אן אנהויב פאר א זאמלונג צו העלפן דער ארמיי. א מאסמיטינג איז באלד גערופן געוואָרן אין פילא־דעלפיע און די סומע פון 300 טויזנט פונט איז גאָר גיך געזאמלט געוואָרן. מיט אָט דעם קאפיטאל איז געגרינדעט געוואָרן א באנק (שפעטער די באנק פון נאָרט אמעריקע) פאר דער רעליף פון דער ארמיי.

טאָמאס פעין איז געווען איינער פון די ליכטיקע גייסטער פון זיין צייט. זיין אידעאל, די בורזשואזע דעמאָקראטיע, איז אין יענער צייט געווען דער אויסדרוק פון פראָגרעס, אין איינקלאנג מיט דער אנטוויקלונג פון די פראָדוק־טיווע כחות אין אלע לענדער, וואו דער קאפיטאליזם האָט זיך אָנגעהויבן באפעסטיקן. און וואו נאָר קאפיטאל האָט געקעמפט קעגן פעאָדאליזם אונטער די לאָזונגען פון „דעמאָקראטישער גלייכהייט און ברידערלעכקייט" איז פעין געווען אפן פלאץ. פריער אין ענגלאנד, נאָכדעם אין אמעריקע און שפעטער אין פראנקרייך, אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

„אויסלענדער" אין דער אמעריקאנער רעוואָלוציע

טאָמאס פעין איז ניט געווען דער איינציקער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אריבערגעקומען פון אייראָפע העלפן דער אמעריקאנער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע פון די קאָלאָניעס קעגן ענגלאנד האָט אָנגעצונדן די פאנטאזיעס און ארויסגערופן האָפענונגען פאר דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט בא די פראָגרעסיווע מענטשן פון דער גאנצער וועלט. פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן פון פיל לענדער זיינען געלאָפן העלפן דער יונגער אמעריקאנער רעפובליק, אין וועמעס קאמף ס'זיינען געווען פארקערפערט זייערע אידעאלן.

א סך זיינען געקומען פון דייטשלאנד. צווישן זיי דער בארימטער פאָן סטויבען. ער איז געקומען אין דער טרויעריקסטער צייט פון דער מלחמה,

ווען וואַשינגטאָן און זיין אַרמיי האָבן זיך געפונען אין וואַלי פאָרדזש. ער איז געוואָרן דער דריל-מייסטער פון דער אַרמיי. דע קאַלב, אַ צווייטער פּראָמינענטער אויסלענדישער רעוואָלוציאָנער, איז געקומען פון באַוואַריע. ער איז טויטלעך פאַרוואונדעט געוואָרן אין איינער פון די שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע.

פון דער ווייטער ליטע איז געקומען דער פּוילישער רעוואָלוציאָנער טאַדעאוס קאָשציוסקאָ, וועלכער האָט געהאָלפן בויען די פעסטונגען פון די קאָלאָניעס. קאַזימיר פּולאַסקי, אַ צווייטער פּוילישער רעוואָלוציאָנער, איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַ באַרימטן פּאָלק, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, און וואָס איז באַשטאַנען פון ניט-אַמעריקאַנער פרייוויליקע. אויך פּולאַסקי איז טויטלעך פאַרוואונדעט געוואָרן אין איינער פון די שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע. צווישן אַנדערע פּוילישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, זיינען געווען באַרימט בעניאַווסקי, זיעלינסקי, ראַגאָווסקי און ליטאָווסקי.

אַלע ווייסן די ראָלע פון לאַפּאַיעט'ן אין דער רעוואָלוציע. אָבער צווישן די אויסלענדישע אָפיצערן אין וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי געפינען מיר אויך די נעמען פון האָלענדער און שווערן, ווי קאַרל ראַאַב, אַקסעל פאָן פערזען, פאָן סטעדינג א. אז. וו. אַ חוץ אָט די פירער, זיינען גאַנצע רעגימענטן פון וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי באַשטאַנען פון „אויסלענדער", וועלכע זיינען געקומען זיך באַטייליקן אין קאַמף קעגן רעאַקציע און פאַר פּראָגרעס.

צווישן די „אויסלענדער", וואָס זיינען געקומען העלפן דער רעוואָלוציע, האָבן זיך אויך געפונען אַ סך אידן. אידן האָבן בייגעטראָגן אַ חלק אין דער רעוואָלוציע, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן אין אָפיציעלע דאָקומענטן פון דער צייט:

> „ס'איז גוט באַקענט פאַר די בירגער פון די דרייצן פאַראייניקטע שטאַטן, אַז די אידן זיינען געווען געטרייע און איבערגעגעבענע ווינגס און אין משך פון דעם לעצטן געראַנגל זיינען זיי געווען פּראָמינענט אין העלפן די שטאַטן מיט זייערע לעבנס און פאַרמעגנס. זיי האָבן געשטיצט אונזער זאַך, האָבן בראַוו געקעמפט און געבלוטיקט פאַר פרייהייט, וואָס זיי קאָנען געניסן."

אַזוי שרייבט דזשאָנאַס פיליפּס צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע וועגן באַשטימען סיי דעם נייעם, סיי דעם אַלטן טעסטאַמענט אַלס אַ טייל פון דער נייער קאָנסטיטוציע.

צווישן די אידן, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע פֿאַרמעגנס פֿאַר דער רעוואָלוציע, איז בארימט חיים סאַלאָמאָן, אַ פּוילישער איד, וועלכער איז געווען ראַבערט מאָרים'עס רעכטע האַנט אין קריגן פֿינאַנציעלע מיטלען פֿאַר דער רעוואָלוציע. אין דעם רייסטער פֿון די אָפֿיצערן פֿון דער רעוואָלוציע געפֿינען מיר די נעמען פֿון מאַיאָר בענדזשאַמין נאָנעס, אַ איד פֿון באָרדאָ, פֿראַנקרייך, וועלכער איז אַריבערגעקומען אין 1777 זיך אָנצושליסן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי; די נעמען פֿון דייוויד סאַליסבורי פֿרענקס און קוירנעל אייזיק פֿרענקס. די נעמען פֿון הונדערטער און הונדערטער אידן, וועלכע האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס פֿאַר דער רעוואָלוציע, געפֿינען מיר אין די רייסטערס פֿון דער אַרמיי און פֿון דער לאָקאַלער מיליץ אין יעדער קאָלאָניע.

די רעוואָלוציע אויפֿן שוועל פֿון אַ דורכפֿאַל

וואַשינגטאָנ'ס צוריקטריט אויף דער אַנדער זייט פֿון דעלאַווער איז געווען גענוג פֿאַר גענעראַל האַו זיך אָפּצושטעלן אין טרענטאָן און ווייטער זיך ניט רירן פֿון אָרט. איידער וואַשינגטאָן איז אַריבערגעגאַנגען דעם דעלאַווער ריווער, האָט ער פֿאַרכאַפּט מיט זיך אַלע שיפֿן אין דער געגנט אויף אַ שטח פֿון אַרום 70 מייל. און דאָס איז געווען דער תירוץ, וואָס האַו האָט געגעבן פֿאַר ניט נאָכפֿאָלגן וואַשינגטאָנ'ען אין פּענסילווייניע. אמת, אַרום זיינען געווען גענוג וועלדער און אונטער זיין נאָז, אין טרענטאָן, גענוג פּאַרטיקע געהילץ צו בויען שיפֿן און פֿליטן אַריבערצופֿירן זיין אַרמיי אויף דער אַנדער זייט פֿון טייך; ער האָט אָבער ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק דאָס צו טאָן.

וואַשינגטאָן אַליין שרייבט וועגן זיין לאַגע אין יענעם מאָמענט: „ס'איז געווען די גרינגסטע זאַך פֿאַר זיי מיט אַ ביסל אונטערנעמונגס־גייסט און ענערגיע צו פֿאַרניכטן די איבערגעבליבענע קליינע אַרמיי, וואָס האָט נאָך אַלץ אויפֿגעהאַלטן באַם לעבן אונזער פֿאַרשווינדנדיקע אָפּאָזיציע.‟ און וואַשינגטאָן האָט טאַקע דערוואַרט, אַז דער נעקסטער שריט פֿון גענעראַל האַו וועט זיין צו פֿאַרנעמען פֿילאַדעלפֿיע.

דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט דעם 12טן דעצעמבער פֿאַרלאָזן פֿילאַדעלפֿיע און איז אַנטלאָפֿן קיין באַלטימאָר. פֿאַר פֿיל וואָכן איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַנדערנדיקן קאָנגרעס, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן

זיינע זיצונגען אין לאַנקסעטער, יאָרק, און אין אַנדערע פּלעצער, וואו די דעלעגאַטן האָבן זיך געפילט זיכער.

דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט געשיינט צו זיין פולשטענדיק און טויזנטער איינוואוינער פון ניו יאָרק און ניו דזשוירזי האָבן זיך געאיילט צו שווערן טריישאַפט צו ענגלאַנד און קריגן אַ באַשטעטיקונג, וואָס זאָל זיי געבן אַמנעסטיע אונטערן „פּראָהיביטאָרי־אַקט", וואָס האָט באַפולמעכטיקט די האָוס אַרויסצוגעבן אַזעלכע סערטיפיקאַטן.



הויז פון קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס אין באַלטימאָר

אָט דער געלאַף פון די רייען פון די רעוואָלוציאָנערן האָט שיר ניט געמאַכט אַ סוף צו דער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג. „מיר האָבן געקוקט אַף דעם קאַמף ווי פאַרלאָרן, און האָבן זיך באַטראַכט אַלס באַזיגטע. די יונגע לייט, וואָס זיינען אַנוועזנד געווען, זיינען געווען אַנטשלאָסן צו עמיגרירן און זוכן אַ פּלאַץ, וואו זיי וועלן זיין פריי, און וואוהין די האַנט פון דער ענגלישער טיראַניי וועט אונז ניט דערגרייכן." (דערינערונגען פון עלקאָנאַ וואַטסאָן.)

„עס האָט באמת אויסגעזען" — שרייבט פישער — „אַז דער אייגנאַרטיקער מעטאָד פון די האָוס ווערט געקרוינט מיט דערפאָלג, אַז דער וויגגענעראַל וועט ברענגען צו דעם, אַז די קאָלאָניסטן זאָל זיך פרייוויליק אונטער-

> געבן; אז די קאלאניעס וועלן אנערקענען די אויבערהערשאפט פון פארלאמענט, און אז די אמעריקאנער אידייען וועגן זעלבסט-רעגירונג און אומאפהענגיקייט פון נאטירלעך אפגעזונדערטע פעלקער וועט ווערן בלויז אן אנאכראניזם." *)

בלויז א הייפל אנטשלאסענע רעוואלוציאנערן האט יענעם שווערן ווינטער פון 1777 געראטעוועט די רעוואלוציע מיט זייער איינגע'עקשנ'טקייט און אנטשלאסנקייט צו קעמפן ביזן סוף. א דאנק זיי האט דער קאנטינענטאלער קאנגרעס זיך ניט אויפגעלייזט, ער האט אויך ניט געמאכט קיין פארשלאגן וועגן א קאמפראמיס. פאר זיי איז געלעגן אפן א קאנטינענט. די באוואוסטזיניקע פירער האבן געוואוסט, אז זיי קעמפן פאר דעם באזיץ פון אט דעם קאנטינענט און זיי זיינען געווען גרייט אפצוטרעטן ווייטער וועסט, אף דער אנדער זייט פון די אלעגהייני־בערג.

דזשארדזש וואשינגטאן האט פארלארן יעדן סימן פון פרעסטיזש סיי אין קאנגרעס, סיי אין דער ארמיי. זיין ניט־אנטשלאסנקייט, זיין געוואוינהייט זיך צו האלטן אין איין בעראטן וועגן יעדער קלייניקייט איז שטארק קריטיקירט געווארן אפילו פון זיינע בעסטע פריינט. די פירער פון דער באוועגונג האבן געגלויבט, אז ס'איז נויטיק אים אראפצוזעצן און באשטימען אף זיין פלאץ גענעראל לי, וועלכער איז באטראכט געווארן אלס מער דערפארן און פיאיק. א בריוו, וואס וואשינגטאנ'ס אינטימער פריינט, גענעראל ריד, האט געשריבן אין יענער צייט צו גענעראל לי, דריקט אוים די שטימונג, וואס האט געהערשט בנוגע וואשינגטאנ'ען:

> „א גענעראל" — שרייבט ריד אין זיין בריוו צו גענעראל לי — „אן אומאנטשלאסענע פערזאן איז דער גרעסטער אומגליק, וואס אן ארמיי קאן האבן. ווי אפט האב איך עס באדויערט אין דער קאמפאניע. . . .
>
> „די אפיצערן און סאלדאטן האבן צו אייך צוטרוי — דער שונא זוכט שטענדיק אויסצוגעפינען, וואו איר געפינט זיך. . ."

אבער אויך אין גענעראל לי האבן די רעוואלוציאנערן זיך באלד אנטוישט נאך מער, ווי אין גענעראל וואשינגטאן.

מיר האבן שוין דערמאנט, אז ווען וואשינגטאן איז אריבער דעם האדסאן און האט אנגעהויבן זיין צוריקטריט איבער ניו דזשוירזי, איז גענעראל לי

---

*) פישער, קאמף פאר אמעריקאנער אומאפהענגיקייט, באנד 1, זז. 539-540.

פאַרבליבן אין דער הויפּט פון 7 טויזנט סאָלדאַטן צו פאַרטיידיקן די ליניע אויף דער ניו יאָרקער זייט פון האָדסאָן. וואַשינגטאָן האָט געשריבן צו גענעראַל לי, אַז ער, לי, זאָל מאַכן אַ פאַרזוך צו קומען צו הילף דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי. אָבער גענעראַל לי האָט זיך ניט געאײַלט דורכצופירן דעם באַפעל, גלויבנדיק, אַז אים וועט זיך אײַנגעבן אָפּצושנײַדן אַן ענגלישע דיוויזיע פון דער הויפּט־קוואַרטיר אין ניו יאָרק; ווען ער איז ענדלעך אַריבער דעם האָדסאָן אויף דער ניו דזשוירזי זייט, האָט ער אַלץ אָפּגעלייגט זיך צו פאַראייניקן מיט וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי. ער האָט געפּלאַנעוועט אָנצופאַלן אויף קאָרנוואַליס׳עס אַרמיי פון הינטן און זי פאַרניכטן.

דעם 13טן דעצעמבער האָט גענעראַל לי אויף אַ נאַכלעסיקן אופן פאַרלאָזן זײַן אַרמיי צו פאַרברענגען די נאַכט אין אַ קרעטשמע, לעבן באַסקענרידזש, עטלעכע מייל אויסער דער ליניע פון זײַן אַרמיי. די לאָיאַליסטן אין דער געגנט האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם און האָבן מודיע געווען דעם ענגלישן קוירנעל האַרקורט, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער געגנט.

האַרקורט איז באַפאַלן די קרעטשמע, אַרעסטירט גענעראַל לי און אים אויף שנעל אָפּגעשיקט צו גענעראַל האַו. קלאַנגען זײַנען פאַרשפּרייט געוואָרן, אַז לי האָט זיך געהאַלטן ווי אַ טרוס, האָט געבעטן מען זאָל אים שענקען דאָס לעבן און דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו שווערן טרייהייט צו ענגלאַנד. די דאָזיקע קלאַנגען זײַנען אָפּגעלייקנט געוואָרן פון די פּאַטריאָטן; און דער קאָנגרעס און וואַשינגטאָן האָבן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אים צו באַפרײַען, פאַרשלאָגנדיק אַן אויסטויש פון געפאַנגענע.

מען זאָגט, אַז אַ פּאָר חדשים נאָכדעם ווי גענעראַל לי איז גענומען געוואָרן אין פּלען, האָט ער דערקלערט פאַר גענעראַל האַו, אַז ער איז ניט איינשטימיק מיט דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט און גלויבט, אַז דער סכסוך וועט קאָנען געלייזט ווערן דורך אַ קאָמפּראָמיס. ער האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש צו שרייבן אַ בריוו צום קאָנגרעס, אין וועלכן ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט זייער וויכטיקע פאָרשלאָגן צו מאַכן און האָט געבעטן, אַז דער קאָנגרעס זאָל באַשטימען אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג.

וואַשינגטאָן, ראָבערט מאָריס, און אַ צאָל אַנדערע זײַנען געווען פאַר דעם, אַז אַזאַ קאָמיטעט זאָל באַשטימט ווערן. נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקער דיסקוסיע האָט אָבער דער קאָנגרעס צוריקגעוויזן דעם פאָרלאַנג, הויפּטזאַכלעך

צוליב דיפּלאָמאַטישע מאָטיוון: די שטענדיקע פאַרהאַנדלונגען מיט די האָום האָבן אין פראַנקרייך געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די פירער פון דער רעוואָלוציע זיינען וויליק צו מאַכן אַ קאָמפּראָמיס, אָנשטאָט צו קעמפן פאַר אומאָפּהענגיקייט.

לי האָט אין 1778 דערקלערט, אַז ער האָט געוואָלט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן קאָנגרעס דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעפונען דעם פּלאַן פון דער ענגלישער קאָמפּאַניע און האָט דעם דאָזיקן פּלאַן געוואָלט איבערגעבן דער קאָמיטע. איצט אָבער ווייסן מיר, אַז אַרום דער זעלביקער צייט, וואָס לי האָט געזוכט זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן קאָנגרעס, האָט ער געהאַט אויסגעאַרבעט אַ מיליטערישן פּלאַן, וואָס האָט באַוויזן, אַז דער בעסטער וועג צו באַזיגן דעם אויפשטאַנד, איז צו פאַרנעמען אַלעקסאַנדריע און אַנאַפּאָלים און אַריבערטראָגן די קאָמפּאַניע אין די דרום'דיקע קאָלאָניעס. דאָס איז אָבער באַקאַנט געוואָרן ערשט מיט אַ יאָר הונדערט שפּעטער, ווען דער דאָזיקער פּלאַן, אין לי'ס אייגענער האַנטשריפט, איז געפונען געוואָרן צווישן די פּאַפּירן פון האָו'ס פּריוואַטן סעקרעטאַר.

די נידערלאַגעס פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אָבער מיט דעם ניט געענדיקט. ווען אַלען און אַרנאָלד האָבן פאַרנומען פאָרט טיקאָנדעראָגאַ, זיינען זיי צוגעטראָטן בויען אַ פלאָט, וואָס זאָל זיי געבן אַ מעגלעכקייט אָפּצושניידן די ענגלישע אַרמיי פון קאַנאַדע זיך צו פאַראייניקן מיט האָו'ס אַרמיי.

דער זומער פון 1776 איז דורכגעגאַנגען אין פאַרבאַרייטונגען צו אַ קאַמף פאַר דעם באַזיץ פון דער אָזערע. אַרנאָלד — אויף איין זייט פון דער אָזערע, און דער פירער פון דער קאַנאַדער ענגלישער אַרמיי, קאַרלטאָן — אויף דער צווייטער זייט, האָבן געבויט באַוואָפנטע קליינע שיפלעך און באַרדזשעס פאַר אַן אַנטשיידענעם קאַמף.

צווישן אַרנאָלד'ן און די צוויי אַנדערע אַמעריקאַנער גענעראַלן אין טיקאָנדעראָגאַ, געיטס און סקיילער, איז אָנגעגאַנגען אַ פּערזענלעכער קאַמף. סקיילער האָט אַפילו געוואָלט רעזיגנירן און פאַרעפנטלעכן אַ דערקלערונג וועגן דער מיספאַרוואַלטונג, אומגעהאַרכזאַמקייט און דעם מיש־מאַש, וואָס הערשט אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג פון דער אַרמיי. וואַשינגטאָן און דער קאָנגרעס האָבן געווירקט אויף אים, ער זאָל ניט רעזיגנירן; זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם איינדרוק, וואָס די רעזיגנאַציע, ספּעציעל די דערקלערונג,

וועט מאַכן אַף דער באַפעלקערונג בכלל און אַף דער אַרמיי בפרט. די רייסערייען אין טיקאַנדעראָגאַ זיינען אָבער אָנגעגאַנגען, ווי פריער.

דעם 16טן סעפטעמבער, 1776, האָט אַרנאָלד זיך דערוואוסט פון זיינעם אַ שפּיאָן, אַז קאַרלטאָן וועט באַלד האָבן אַ גרעסערן פלאָט, ווי זיין אייגענער. די דאָזיקע אינפאָרמאַציע איז אים ניט געווען צום האַרצן, און ער האָט דעם שפּיאָן, געשמידט אין קייטן, אַוועקגעשיקט צו גענעראַל גייטס. אַליין האָט ער מיט זיין פלאָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפגעמען אַן אָפענעם קאַמף מיט קאַרל־טאָנ׳ס פלאָט. ער האָט דאָס געטאָן קעגן די אינסטרוקציעס פון גענעראַל גייטס, האָפנדיק זיך אויסצוצייכענען אין דער דאָזיקער שלאַכט.

דעם 11טן אָקטאָבער האָבן די צוויי פלאָטן זיך באַגעגנט. די ענגלענדער האָבן געהאַט אַ סך אַ גרעסערן פלאָט, ווי די אַמעריקאַנער, און האָבן אָפּ־געהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון איבער גענעראַל אַרנאָלד. צוויי טעג האָט אָנגעהאַלטן דער קאַמף, און דער אַמעריקאַנער פלאָט איז אינגאַנצן פאַר־ניכטעט געוואָרן. די אַמעריקאַנער האָבן פאַרלאָרן אַ גרויסע צאָל אין טויטע, פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע. אַרנאָלד איז מיט די רעשטלעך פון זיין אַרמיי אַנטלאָפן מיט דער יבשה קיין טיקאַנדעראָגאַ.

קאַרלטאָן האָט איצט געקאָנט אַטאַקירן טיקאַנדעראָגאַ און מאַכן אַ פאַרזוך צו דערגרייכן אָלבאַני, מיטן האַדסאָן, און זיך פאַראייניקן מיט האָו׳ס אַרמיי. קאַרלטאָן האָט אָבער געהאַט זיינע פּאָליטישע חשבונות מיט האָו׳ן. ער איז געווען ברוגז אַף דער ענגלישער רעגירונג, וואָס זייענדיק עלטער אין דינסט, איז האָו, און ניט ער, באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט פון דער אַרמיי אין אַמעריקע. ער האָט, גלויבט מען, דעריבער זיך באַפרידיקט בלויז מיט טאָן זיין פליכט אין באַשיצן קאַנאַדע פון אַ מעגלעכער אַטאַקע פון די רעוואָלוציאָנערן.

די פאַרניכטונג פון דעם אַמעריקאַנער פלאָט אין לעיק שאַמפּלעי׳ן האָט פאַרשטאַרקט די שטימונג פון דורכפאַל, וואָס האָט אין האַרבסט פון 1776 און ווינטער פון 1777 געהערשט אין דער נייער רעפּובליק.

טרענטאָן

די טעג פון דער רעוואָלוציע האָבן סוף האַרבסט 1776 געשיינט צו זיין געציילטע. אין דער לאַנגער קאַמפּאַניע, וואָס וואַשינגטאָן האָט אָנגעפירט יענעם זומער און האַרבסט, האָט ער געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער.

אין זיין דערקלערונג פאַר דער קאָמיסיע פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, האָט גענעראַל האָו געזאָגט, אַז זיין דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז די קאָלאָניעס וועלן זיך אונטערגעבן אָן איבעריקער בלוט־פאַרגיסונג. די אַמעריקאַנער טאָריס האָבן אָבער מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז דער פאַקט, וואָס ער האָט דערלויבט אָנצוהאַלטן אַ באַוואָפנטע אַרמיי, האָט בלויז דערמוטיקט די רעוואָלוציאָנערן און זיי געגעבן צייט אָנצוזאַמלען נייע כחות פאַר אַ נייעם קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט.



FAC-SIMILE OF CONTINENTAL BILLS.
פּאַפּיר־געלט פון קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס

ווען דער קאָנגרעס איז דעם 12טן דעצעמבער 1776 אַנטלאָפן פון פילאַ־דעלפיע, האָט אַפילו קיין רייד ניט געקאָנט זיין פון פאַרטיידיקן די שטאָט. אין וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי זיינען פאַרבליבן אַרום 4 טויזנט מענטשן, אין דער צייט ווען האָו האָט געהאַט אַ ריזיקע אַרמיי פון 35 טויזנט מאַן, וואָס ער האָט צו יעדער צייט געקאָנט אַריבערברענגען פון ניו יאָרק. די איינציקע זאַך, וואָס דער קאָנגרעס האָט געטאָן, איז געווען איבערצולאָזן גענעראַל פּאַטנעם אַלס דעם מיליטערישן קאָמאַנדיר, וואָס זאָל זען האַלטן אין צוים די לאָיאַליסטן, און באַשטימען אַ קאָמיטע פון דריי, מיט ראָבערט מאָריס אין דער שפּיץ, וואָס זאָל פאַרטרעטן די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

די קאָמיטע האָט אָבער ניט געהאַט פאַר וועמען צו פאַרטרעטן די נייע רעגירונג. די באַפעלקערונג האָט געהאַלטן אין אַנטלויפן פון שטאָט, ווי פון אַ מגפה. פאַרבליבן זיינען בלויז די קוויקערס און די קראַנקע סאָלדאַטן אין די שפּיטאָלן. די אַנדערע צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיטע האָבן אויך איינגיכן פאַרלאָזן די שטאָט, און מאָריס איז פאַרבליבן דער איינציקער, וועלכער האָט אין פאַרלויף פון די נעקסטע עטלעכע חדשים אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט פון באַזאָרגן די רעשטלעך פון דער אַרמיי מיט אַמוניציע און פּראָוויאַנט; ער האָט אויך פאַרגעזעצט די אַרבעט פון בויען קריגס־שיפן, און האָט געטאָן די אַנדערע אַרבעטן פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אונטער דער נאָז פון גענעראַל האָו.

גענעראַל האָו האָט איבערגע׳חזר׳ט די טאַקטיק פון פאַריקן יאָר — ניט אונטערצונעמען קיין קאַמפּאַניעס קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אין די ווינטער־חדשים. אין זיין הויפּט־קוואַרטיר אין ניו יאָרק, אין דער געזעלשאַפט פון מאַדאַם לאָרינג, זיין געליבטע, באַם קאָרטן־טיש און אין פאַרוויילונגען, איז געווען אַ סך אָנגענעמער צו פאַרברענגען אַ ווינטער אין דער ווילדער אַמעריקע, ווי אַף די שלעכטע בלאָטיקע וועגן פון ניו דזשוירזי און פּענסילווייניע, יאָגנדיק זיך נאָך וואַשינגטאָנ׳ס אָפּגעריסענע פאַרמערס, וועלכע האָבן אפילו ניט געוואוסט דעם אלף בית פון דער מיליטערישער תורה. זיין גרויסע אַרמיי פון 30 טויזנט מאַן, וואָס האָט זיך געפונען אין ניו יאָרק, איז געווען גרעסער, ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער שטאָט. די סאָלדאַטן האָבן איבערגעפילט די הייזער, די קירכן, די געזעלשאַפטלעכע געביידעס פון שטאָט, אַרויסוואַרפנדיק פון זייערע היימען סיי פּאַטריאָטן, סיי לאָיאַליסטן, און פאַרשאַרפנדיק דורך דעם די אָפּאָזיציע־שטימונג פון דער באַפעלקערונג.

ווען האָו האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי איבער ניו דזשוירזי, האָט ער געפונען פאַר נויטיק אָוועקצושיקן אַ קליינע אָפּטיילונג פון אומגעפער 6 טויזנט מאַן, אונטער גענעראַל קלינטאָן, קיין ניופּאָרט, ראָוד איילאַנד, צו פאַרנעמען די שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן האַפן, וואו ענגלישע שיפן וועלן זיך קאָנען אָפּשטעלן. ער האָט אויך געזוכט זיך צו באַזאָרגן, אַז דער קאָנטראָל איבער ניו דזשוירזי, פון וואַנען ער האָט נאָר וואָס פאַריאָגט די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, זאָל פאַרבלייבן אין זיינע הענט. פאַר אָט דעם צוועק האָט ער באַשטימט עטלעכע אָפּטיילונגען פון זיין אַרמיי, וואָס זאָלן פאַרנעמען אַ ליניע פון סטעטן איילאַנד ביז טרענטאָן. איין אָפּטיילונג האָט זיך

געפונען אין עמבאי, לעבן סטעטן איילאנד, א צווייטע אפטיילונג אין ניו בראנזוויק, א דריטע אין פרינסטאן, און צוויי אפטיילונגען פון 15 הונדערט מאן יעדע, האבן פארנומען טרענטאן און בארדענטאון, באם דעלאווער ריווער. די אפטיילונגען אין טרענטאן און בארדענטאון האבן זיך געפונען זעקס מייל איינע פון דער צווייטער; טרענטאן איז 12 מייל פון פרינסטאן און ניו בראנזוויק — 18 מייל פון פרינסטאן.

טרענטאן איז דעמאלט געווען א קליין דערפל, וואס איז באשטאנען פון אומגעפער 100 הייזער. די 1500 העסישע סאלדאטן, וואס זיינען אוועק־געשטעלט געווארן אף דעם דאזיקן פאסטן, האבן זיך געפונען אונטער דער קאמאנדע פון קוירנעל ראל, א העסישער אפיצער, וועלכער האט געקוקט מיט פאראכטונג אף וואשינגטאנ׳ען מיט זיין דילעטאנטישער ארמיי. ראל האט זיך געפילט אזוי זיכער, אז מיט זיין קליינער אפטיילונג וועט ער קאנען שלאגן וואשינגטאנ׳ס ארמיי, אז ער האט אפט גערעדט וועגן דעם, אז אזוי גיך ווי דער דעלאווער וועט פארפרוירן ווערן, וועט ער איבערגיין דעם טייך און פארנעמען פילאדעלפיע.

גענעראל האו ווערט שטארק קריטיקירט פון מיליטער־מענטשן, דערפאר וואס, האבנדיק אזא גרויסע ארמיי אין זיין רשות, האט ער באשטימט צו קליינע אפטיילונגען אף די פאסטנס, וואס האבן געדארפט איינהאלטן זיין ליניע אין ניו דזשוירזי. דער ענטפער פון גענעראל קארנוואליס, אז די אפ־טיילונג איז געווען גרוים גענוג איינצוהאלטן דעם פאסט, אויב ראל וואלט זיך ניט געפילט אזוי זיכער און וואלט זיך באפעסטיקט אין שטאט, שיינט צו זיין גערעכט.

וואשינגטאנ׳ס ערשטער גרויסער זיג

די רעוואלוציאנערן האבן געמוזט עטוואס אונטערנעמען אום זיך צו רעאביליטירן אין די אויגן פון דער באפעלקערונג. מיר האבן שוין דערמאנט, אז טויזנטער האבן זיך באנוצט מיט האו׳ס אנבאט מוחל צו זיין די, וואס וועלן דערקלערן זייער טריישאפט צו ענגלאנד, און האבן זיך אפגעזאגט פון ווייטערדיקן קאמף. די פירער פון דער רעוואלוציע האבן גוט געוואוסט, אז אונטער אזעלכע אומשטענדן איז עס בלויז א פראגע פון א ביסל מער צייט.

ווען דער גאַנצער קאַמף וועט מוזן אויפגעגעבן ווערן. וואַשינגטאָן האָט אָנ־געשטרענגט אַלע כחות צונויפצוקלייבן די רעשטלעך פון לי'ס אַרמיי, און צו־זאַמען מיט די רעשטלעך פון זיין אייגענער אַרמיי און דער פאַרשטאַרקונג, וואָס ער האָט געקראָגן פון דער אָפּטיילונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וואָס האָט זיך געפונען בײַ לעיק שאַמפּלעין, האָט ער צוזאַמענגעקליבן אַרום 6 טויזנט מאַן. מיט אָט די 6 טויזנט מאַן האָבן די רעוואָלוציאָנערן געדאַרפט באַווייזן, אַז די רעוואָלוציע איז נאָך ניט טויט, אַז די רעוואָלוציאָ־נערן זעצן פאָר דעם קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט. וואַשינגטאָן איז אויפ־געפאָדערט געוואָרן עטוואָס צו טאָן, און טאָן עס שנעל, „אָדער אויפגעבן די זאַך", ווי גענעראַל ריד דריקט זיך אויס. וואַשינגטאָן האָט באַשלאָסן צו אַטאַקירן ראַל'ס אָפּטיילונג אין טרענטאָן.

ס'איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס וואַשינגטאָן האָט באַשלאָסן צו אַטאַקירן טרענטאָן. כאָטש האַו איז געבליבן שטיין בײַ דער אַנדער זייט פון דעלאַווער און האָט ווייטער ניט פאַרפאָלגט די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, האָט אָבער געשיינט אומגלויבלעך, אַז ער זאָל ניט פאָרזעצן זיין מאַרש און ניט מאַכן קיין פאַרזוך צו פאַרנעמען פילאַדעלפיע. וואַשינגטאָן האָט געגלויבט, אַז ער האָט זיכערע אינפאָרמאַציע, אַז האַו וועט אַטאַקירן פילאַדעלפיע אַזוי גיך ווי דער אויבערשטער טייל פון דעלאַווער וועט פאַרפרוירן ווערן און האַו וועט קאָנען אַריבערפירן אַן אַרמיי איבער דעם פאַרפרוירענעם טייך. וואַשינג־טאָן האָט דעריבער געגלויבט, אַז אויב אים וועט זיך איינגעבן צו מאַכן אַ דערפאָלגרייכע אַטאַקע אויף טרענטאָן, וועט עס פאַר אַ שטיקל צייט אָפּלייגן די אַטאַקע אויף פילאַדעלפיע, וואו ראָבערט מאָרים האָט געהאַלטן אין שאַפן געלט און איינקויפן זאַפּאַסן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

וואַשינגטאָן איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דער גרויס פון די ענג־לישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אין טרענטאָן און באָרדענטאָון. ער האָט געוואוסט, אַז אויב די אָפּטיילונג אין באָרדענטאָון זאָל באַווייזן צו קומען אין צייט צו הילף דער אָפּטיילונג אין טרענטאָן, וועט ער דורכפאַלן. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אויב ער זאָל אויך דאָס מאָל דורכפאַלן, וועט עס מיינען דער ענדגילטיקער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע. ער האָט אָבער געמוזט עטוואָס טאָן. „נויט, די פּשוט'ע נויט וועט, ניין, מוז באַרעכטיקן די אַטאַקע," האָט ער געשריבן צו גענעראַל ריד.

די אַטאַקע איז באַשטימט געוואָרן פאַר קריסטמעס נאַכט 1776. וואַ־

שינגטאן האט איינגעטיילט זיין ארמיי אין דריי טיילן, יואס האבן געדארפט גלייכצייטיק אריבערגיין דעם דעלאווער אין דריי פארשיידענע פונקטן. איין אפטיילונג פון 18 הונדערט מאן אונטער גענעראל קאדוואלאדער האט גע־דארפט אטאקירן בארדענטאון, כדי ניט צו דערלאזן די דאזיקע אפטיילונג צו קומען צו הילף קוירנעל ראל; די צווייטע אפטיילונג פון ארום 11 הונ־דערט מאן, אונטער יואינג׳ס קאמאנדע, האט געדארפט אריבערגיין דעם טייך א ביסל צו דער דרום־זייט פון טרענטאן און אפשניידן דעם וועג, אויב ראל זאל מאכן א פארזוך צוריקצוטרעטן. וואשינגטאן אליין מיט 25 הונדערט פון די בעסטע סאלדאטן אין דער רעוואלוציאנערער ארמיי האט געדארפט מאכן די הויפט־אטאקע. דער ווייטערדיקער פלאן איז געווען, אז אויב וואשינגטאן וועט זיין דערפאלגרייך מיט זיין אטאקע אף טרענטאן און קאד־וואלאדער אף בארדענטאון, וועלן די דריי טיילן זיך פאראייניקן און אטאקירן פרינסטאן און ניו בראנזוויק.

עס איז געווען א פינצטערע קאלטע נאכט, די נאכט פון קריסטמעס 1776. ארום 11 אזייגער אין אוונט האט אויסגעבראכן א שניי־שטורעם. די שלעכט־געקליידעטע אמעריקאנער סאלדאטן האבן שטארק געליטן פון קעלט, מאכנדיק זיך א וועג אין דעם אייז, וואס האט אנגעהויבן צוצודעקן דעם טייך. דערמוטיקט פון די בעסטע און באליבטסטע גענעראלן פון דער רעוואלוציע, גרין, נאקס, סאליוואן, לארד סטוירלינג, האבן די סאלדאטן געארבעט שווער אריבערצופירן זייער ארטילעריע און אמוניציע אף דער אנדער זייט טייך. די אנדערע צוויי אפטיילונגען האבן בכלל ניט באוויזן אריבערצוגיין דעם טייך.

וואשינגטאן האט געפלאנעוועט דורכצופירן די אטאקע אין דער פינצטער. אבער מיט זייער גאנצער שווערער ארבעט, האבן די סאלדאטן ניט באוויזן אריבערצופירן זייערע הארמאטן און אמוניציע ביז דריי אזייגער אין דער פרי. דער פונקט, וואו זיי האבן געלאנדעט, איז געווען א שטיק וועג פון טרענטאן און דער פלאן צו אטאקירן אין דער פינצטער האט זיך אף אזא אופן ניט איינגעגעבן. עס איז געווען גרויסער טאג, 8 אזייגער אין דער פרי, ווען וואשינגטאן איז אנגעקומען אין טרענטאן מיט זיין ארמיי.

די אטאקע איז געווען אינגאנצן אומדערווארטעט פאר דעם שונא. ראל האט פארבראכט די גאנצע נאכט באם ווייך און קארטן־טיש און האט פאר־נאכלעסיקט אפילו אוועקצושטעלן א גענוגנדיקע וואך צו היטן די באוועגונגען

פון די רעוואָלוציאָנערן אַף דער אַנדער זייט טייך. אַ לאָיאַליסט האָט אים יאָ צוגעשיקט אַ צעטעלע מיט אַ וואָרנונג, אַז וואַשינגטאָן גרייט צו אַן אַטאַקע. ער האָט אָבער אַזויפיל מאָל געקראָגן אַזעלכע צעטעלעך, אַז ער האָט זיי מער ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט.

די שלאַכט איז געווען קורץ און שאַרף. די העסישע סאָלדאַטן זיינען אַזוי צעטומלט געוואָרן פון דער אומגעריכטער אַטאַקע, אַז זיי האָבן אַפילו ניט באַוויזן צו געבן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד. די גאַנצע שלאַכט איז געווען פאַריבער אין 35—40 מינוטן. ראַל, וועלכער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאַרזאַמלען זיינע סאָלדאַטן און אָנהויבן אַ קעגן־אַטאַקע, איז געטראָפן געוואָרן פון צוויי קוילן און איז אַ ביסל שפּעטער געשטאָרבן. דער זיג איז געווען פולשטענדיק, די גאַנצע אָפּטיילונג פון 15 הונדערט מאַן האָט זיך אונטערגעגעבן און איז גענומען געוואָרן אין פלען.

דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרער זיג פאַר דער רעוואָלוציע. די גע־פאַנגענע סאָלדאַטן זיינען געבראַכט געוואָרן אין פילאַדעלפיע, וואו מען האָט מיט זיי פאַראַדירט איבער די גאַסן צו דערמוטיקן די פּאַטריאָטן און אָנוואַרפן אַ מורא אַף די לאָיאַליסטן. אַ מאָדנע סצענע האָט פאַרגעשטעלט דער דאָזיקער פאַראַד. פּאַטריאָטישע פרויען האָבן אָנגעפילט די גאַסן מיט קוויטשערייען. פיל פון זיי האָבן זיך געוואָרפן ווערגן די געפאַנגענע סאָלדאַטן. די פאַר־ביטערטקייט פון די פרויען איז נאָך געווען שטאַרקער צוליב דעם קאָנטראַסט צווישן די סאָלדאַטן פון דעם שונא און זייערע אייגענע רעוואָלוציאָנערע קעמפער. די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען געווען וואַרעם אָנגעטאָן אין גוטע קליידער און שיך. זייערע אייגענע סאָלדאַטן זיינען געווען אָפּגעריסן און פיל פון זיי האָבן מאַרשירט באָרוועסערהייט אין יענעם קאַלטן ווינטער־טאָג.

די שלאַכט פון טרענטאָן איז אַ ווענד־פּונקט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. דער דאָזיקער זיג האָט אויפגעלעבט די רעוואָלוציע, ווען זי איז שוין געווען כמעט טויט; ער האָט אויפגעלעבט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי און איר גלויבן אין דער רעוואָלוציע. דער דאָזיקער זיג האָט אויך געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף די דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען אין פראַנקרייך. ער האָט איבערצייגט די פראַנצויזן, אַז די רעוואָלוציאָנערן זיינען ערנסט מיט זייער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, און אַז וואַשינגטאָן ווייס ווי אויס־צונוצן אַ געלעגנהייט, ווען ער קריגט זי.

וואשינגטאן פארנעמט צוריק א העלפט פון ניו דזשוירזי

נאך דעם זיג אין טרענטאן האט וואשינגטאן זיך באלד אומגעקערט אף דער אנדער זייט פון דעלאווער, מורא־האבנדיק, אז גענעראל האו וועט שיקן א שטארקע ארמיי זיך אפצורעכענען פאר דעם פארלוסט, וואס די ענגלענדער האבן געליטן אין טרענטאן. ווען ס׳איז אבער געווארן קלאר, אז האו איילט זיך נים שיקן קיין נייע ארמיי צו פארנעמען טרענטאן, און ווען קאדוואלאדער איז אף מארגן נאך דער שלאכט אין טרענטאן אריבערגעגאנגען מיט זיין אפטיילונג דעם טייך בא בוירלינגטאן און אויסגעפונען, אז די ענגלענדער זיינען אפגעטראטן אויך פון באָרדענטאון — האט וואשינגטאן באשלאסן זיך אומצוקערן אף דער ניו דזשוירזי זייט פון דעלאווער און פארנעמען טרענטאן.

דער דאזיקער באשלוס איז געווען זייער א געוואגטער. וואשינגטאן׳ס ארמיי איז מיט יעדן טאג געווארן אלץ קלענער. דער טערמין פון דינסט פון די עלטערע סאלדאטן האט זיך געדארפט ענדיקן דעם ערשטן יאנואר און וואשינגטאן און די אנדערע ארמיי־אפיצערן האבן געהאלטן אין בארגן געלט צו קענען געבן די דאזיקע סאלדאטן א באנוס פון 10 דאלאר, כדי זיי זאלן פארבלייבן אין דער ארמיי. ראבערט מאריס האט צוגעשיקט פאר דעם צוועק 50 טויזנט דאלאר, וואס ער האט געבארגט פערזענלעך פון פריינט. אבער אפילו מיט אט דער הילף האבן די סאלדאטן אין די הונדערטער זיך אפ־געזאגט פון ווייטערדיקער דינסט און ס׳איז געווען קלאר, אז א העלפט פון דער קליינער ארמיי וועט זיך צעקריכן.

וואשינגטאן, גענעראל נאקס און גענעראל מיפלין, איינער פון די בעסטע רעדנער, וואס די ארמיי האט פארמאגט, האבן געהאלטן אפעלירנדיקע רעדעס פאר די וועטעראנען — 14 הונדערט אלטע סאלדאטן האבן ענדלעך צו־געשטימט צו פארבלייבן ווייטער אין דינסט. צוזאמען מיט די נייע רעקרוטן, האט וואשינגטאן צוזאמענגעקליבן ארום 5 טויזנט סאלדאטן, מיט וועלכע ער האט פארנומען טרענטאן.

די לאגע פון דער דאזיקער קליינער ארמיי איז פון מיליטערישן שטאנד־פונקט געווען א געפערלעכע און וואשינגטאן איז שטארק קריטיקירט געווארן פאר ריזיקירן אריינצופאלן מיט זיין גאנצער ארמיי אין די הענט פון דעם

שונא. עס ווייזט אָבער אויס, אַז וואַשינגטאָן האָט געהאַט באַשלאָסן אויס־צונוצן זיין זיג אין טרענטאָן, אָדער אומקומען אין דעם פּאַרזוך.

גענעראַל קאָרנוואַלים האָט מיט אַן אַרמיי פון 8 טויזנט מאַן פאַרלאָזן ניו יאָרק צו פאַרשטאַרקן די אָפּטיילונגען, וואָס האָו האָט איבערגעלאָזן צו פאַרטיידיקן ניו דזשוירזי, און אַרויסצוטרייבן וואַשינגטאָנ׳ען פון טרענטאָן. דערוויסנדיק זיך וועגן די באַוועגונגען פון קאָרנוואַליס׳עס אַרמיי, האָט וואַ־שינגטאָן פאַרלאָזן טרענטאָן און פאַרנומען אַ פּאָזיציע צו דרום פון שטאָט, אויף דער אַנדער זייט פון אַסאַנפּינק טייכל.

דעם 2טן יאַנואַר 1777 האָט קאָרנוואַליס מיט אַן אַרמיי פון אַרום 55 הונדערט מאַן פאַרלאָזן פּרינסטאָן אויפן וועג קיין טרענטאָן. צו מאַכן פאַר קאָרנוואַליס׳ן דעם דאָזיקן מאַרש אַזוי שווער ווי מעגלעך, האָט וואַשינגטאָן מיט אַ טאָג פריער פאַרבאַהאַלטן אין די אַרומיקע וועלדער עטלעכע קליינע אָפּטיילונגען, וועלכע זאָלן שטערן קאָרנוואַליס׳ן אויף וויפיל דאָס וועט זיי זיין מעגלעך. צוליב דעם גאַרילאַ־קאַמף פון אָט די קליינע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט צו שיסן אויף זיין אַרמיי פון זייערע פאַר־באָרגענע פּלעצער הינטערביימער און בערגלעך, האָט קאָרנוואַליס׳ן גענומען אַ גאַנצן טאָג צו מאַכן די 12 מייל פון פּרינסטאָן קיין טרענטאָן. אין טרענטאָן איז ער אָנגעקומען, ווען ס׳איז געווען פינצטערלעך און מער ווי איבערשיסן זיך מיט וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי, האָט ער גאָרנישט באַוויזן צו טאָן.

וואַשינגטאָן האָט איצט געדאַרפט באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן. אַריבערגיין אויף דער אַנדער זייט פון דעלאַווער אין דער אָנוועזנהייט פון קאָרנוואַליס׳ן איז געווען אוממעגלעך. ער האָט, אמת, געקאָנט אָפּטרעטן ווייטער צו דרום־צו אויף דער ניו דזשוירזי זייט פון דעלאַווער און מאַכן אַ פּאַרזוך אַריבערצוגיין ערגעץ־וואו דעם טייך. אָבער דאָס וואָלט ווידער אַמאָל געמיינט אַ דורכפאַל פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. וועגן אויפ־נעמען אַן אָפענעם קאַמף מיט דער גרעסערער און בעסער דיסציפּלינירטער ענגלישער אַרמיי האָט אויך קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

וואַשינגטאָנ׳ען צו הילף איז געקומען די שטענדיקע לאַנגזאַמקייט פון די ענגלישע קאָמאַנדירן. קאָרנוואַליס איז געווען אַזוי זיכער, אַז וואַשינגטאָן וועט זיך ניט אַרויסדרייען פון זיינע הענט, אַז ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו דער עצה פון אייניקע פון זיינע אָפיצערן, אַז מען זאָל תיכף אויפ־נעמען אַ שלאַכט מיט וואַשינגטאָנ׳ען און אים אָדער אַריינטרייבן אין דעלאַ־

ווער, אדער צווינגען זיך אונטערגעבן. „אויב וואשינגטאן איז דער גענעראל, וואס איך גלויב ער איז," האט גע'טענה'ט איינער פון קארנוואליס'עס אפיצערן, סער וויליאם ערסקין, „וועלן מיר אים אינדערפרי דא מער ניט טרעפן." אבער קארנוואליס און א צאל אנדערע אפיצערן האבן געהאלטן, אז ס'איז דא גענוג צייט, אז וואשינגטאן האט ניט קיין מעגלעכקייט אפצוטרעטן, און ס'לוינט זיך דעריבער ניט קיין באנאכטיקע שלאכט. קארנוואליס האט אפילו ניט געפונען פאר נויטיק ארויסצושיקן אויסשפירער, וואס זאלן אכטונג געבן אף וואשינגטאנ'ס באוועגונגען.

אט דעם טעות, וואס קארנוואליס האט געמאכט, האט וואשינגטאן אויסגענוצט אף א גלענצענדן אופן. אין אוונט האט וואשינגטאן צוזאמענגערופן א מיליטערישע בעראטונג פון זיינע אפיצערן און אף אט דער בעראטונג האט גענעראל סט. קלעיר פארגעלייגט א פלאן, וואס וואשינגטאן האט גלייך אנגענומען. איבערלאזנדיק די לאגער־פייערן ניט אויסגעלאשן און א פאר הונדערט מענטשן, וואס האבן געמאכט א טומל פונקט ווי זיי וואלטן פלייסיק געארבעט אף איינצוגראבן זיך, האט וואשינגטאן דורכגעפירט די מאנעווורע, וואס ווערט באטראכט אלס נאפאלעאניש אין איר פארנעם און אריגינעלקייט. אף דעם וועג, וואס קארנוואליס האט איבערגעלאזן אומבאוואכט, איז וואשינגטאן אפגעטראטן אין דער ריכטונג פון פרינסטאן, איבערלאזנדיק קארנוואליס'ן פון הינטן און אפשניידנדיק זיינע פארבינדונגען מיט ניו יארק.

דער וועטער האט אין פארלויף פון אוונט זיך געענדערט. א פרעסטל האט אויסגעטריקנט דעם בלאטיקן וועג, וואס האט דעם טאג פריער אזוי שטארק געשטערט דעם מארש פון קארנוואליס'עס ארמיי. די רעוואלוציאנערע ארמיי האט מארשירט שנעל, באפארבנדיק מיט דעם בלוט פון די בארוועסע פיס פון די סאלדאטן דעם וועג. מיט די ערשטע שטראלן פון פרימארגן זיינען זיי אנגעקומען אין פרינסטאן, פונקט ווען דריי רעגימענטן האבן אנגעהויבן פארלאזן די שטאט צו פארשטארקן קארנוואליס'עס ארמיי אין טרענטאן.

די באגעגעניש מיט וואשינגטאנ'ען איז געווען פאר זיי, ווי א דונער פון א קלארן הימל. פונקט ווי מיט א וואך פריער אין טרענטאן, איז די איבערראשונג געווען אזוי גרויס, אז די ענגלענדער האבן ניט באוויזן אפילו צו ארגאניזירן זיך פאר א שלאכט. דער קאמף האט געדויערט ארום 20 מינוט.

די 2 טויזנט ענגלענדער האבן זיך ניט געקאנט פארמעסטן מיט די 5 טויזנט אמעריקאנער און זיי האבן זיך באלד אונטערגעגעבן.

ווען קארנוואליס האט דעם נעקסטן אינדערפרי אויסגעפונען, אז וואשינגטאן האט אים אויסגעמאנעווירט און אים אפגעשניטן די פארבינדונגען מיט ניו יארק, איז ער „ארייגעפאלן אין שוויס", ווי זיינע שונאים האבן זיך אויסגעדריקט. ער האט זיך הויפטזאכלעך געשראקן, אז וואשינגטאן וועט פארכאפן די 70 טויזנט פונט סטירלינג פון דער מיליטערישער קאסע, וואס האט זיך געפונען אין ניו בראנזוויק. ער האט איצט שוין ניט געמאכט קיין לאנגע שהיות און זיך אוועקגעלאזן מיט זיין גאנצער ארמיי קיין ניו בראנזוויק צו ראטעווען די קאסע, איידער וואשינגטאן וועט באווייזן זי צו פארכאפן.

מיט א חודש פריער, ווען האו האט זיך נאכגעיאגט נאך וואשינגטאנ'ס צעשלאגענער ארמיי, האט אים גענומען דער מארש פון ניו בראנזוויק ביז טרענטאן העכער 2 טעג. איצט האט קארנוואליס דורכגעמאכט דעם זעלביקן וועג אין ווייניקער ווי א טאג. וואשינגטאן האט געגלויבט, אז גענעראל לי געפינט זיך אין געפאנגענשאפט אין ניו בראנזוויק, און אויב אים זאל זיך איינגעבן צו באפרייען גענעראל לי און פארכאפן די מיליטערישע קאסע, וואלט עס געקאנט מיינען דער סוף פון דער מלחמה. ער האט דעריבער אויך ניט געזשאלעוועט זיינע סאלדאטן אין דעם געלאף אנצוקומען אין ניי בראנזוויק פריער ווי קארנוואליס; ער האט פארניכטעט הינטער זיך בריקן און געמאכט אלערליי שוועריקייטן פאר קארנוואליס'עס ארמיי צו קאנען שנעל דורכמאכן דעם וועג.

ס'איז אבער פאראן א גרענעץ צו מענטשלעכן אויסדויער. וואשינגטאנ'ס סאלדאטן האבן אין משך פון 48 שעה צייט געהאלטן אין איין קעמפן און מארשירן און זיינען פשוט געפאלן פון די פיס. וואשינגטאנ'ען האט זיך שטארק ניט געוואלט פארלירן דעם פארצוג, וואס ער האט געהאט איבער קארנוואליס'ן; ער האט זיך אבער געמוזט רעכענען מיט דעם צושטאנד פון זיינע סאלדאטן. אף א בארוטונג מיט זיינע אפיצערן איז באשלאסן געווארן אויפצוגעבן דעם פארזוך צו פארנעמען ניו בראנזוויק.

וואשינגטאן האט פון אנהויב געוואלט זיך אומקערן מיט דעם קירצסטן וועג צום דעלאווער און אריבערגיין אף דער פענסילווייניע זייט פון טייך. איינער פון זיינע אפיצערן האט אבער פארגעשלאגן צו פארנעמען די

בארגיקע געגנט ארום מאריסטאון, העלפט וועג צווישן ניו יארק און דעם דעלאווער. דער דאזיקער פארשלאג איז אנגענומען געווארן און וואשינגטאן האט פארנומען מאריסטאון, וואו ער איז פארבליבן רואיק דעם גאנצן ווינטער.

קארנוואליס איז איצט שוין געווען צופרידן וואס ער האט באוויזן צו פארהיטן די מיליטערישע קאסע און האט ניט געמאכט קיין ווייטערדיקע פארזוכן צו פארפירן א קאמף מיט דער רעוואלוציאנערער ארמיי. ער האט שטארקער באפעסטיקט ניו בראנזוויק און עמבאי — דעם איבעריקן טייל פון ניו דזשוירזי האט ער איבערגעלאזן אין די הענט פון דער רעוואלוציא־נערער ארמיי.

אין א וואך צייט האט וואשינגטאן באוויזן אפצוהאלטן צוויי זיגן איבער די ענגלענדער, ארויסטרייבן זיי פון דריי פאסטנס און צוריק פארנעמען דעם גרעסטן טייל פון ניו דזשוירזי. דאס איז געווען אזא אומדערווארטעטער נצחון, אז די גאנצע אומאפהענגיקייט־באוועגונג האט אויפגעלעבט. דער קאנגרעס האט זיך אומגעקערט קיין פילאדעלפיע און מיט נייעם מוט זיך גענומען אנפירן די רעוואלוציע.

ס'איז איבעריק צו זאגן, אז די רעוואלוציאנערן האבן זיך געפילט אפן זיבעטן הימל. דערפאר אבער האבן די אמעריקאנער לאיאליסטן שטארק ארומגעלאזן די נעזער. זיי האבן זיך איצט אין ערגעץ ניט געפילט זיכער, א חוץ אין ניו יארק, און מחנות־ווייז האבן זיי געהאלטן אין אנקומען אין שטאט.

„אייניקע אנשטענדיקע פאמיליעס" — שרייבט אן ענגלישער אפיצער אין א בריוו פון ניו יארק — „וועלכע זיינען רואינירט געווארן פון זייער ארמיי, קומען צו אונז טעגלעך און בעטן מיר זאלן זיי באשיצן . . . א סך פון די ארעמע פרויען האבן קוים אן אונטערקליידל אפן לייב. יעדע זאך, פון וואס מען האט נאר געקאנט מאכן א העמד אדער א פאר הויזן פאר א יענקי־סאלדאט, איז צוגענומען געווארן."

דער איינציקער, וועמען די אלע געשעענישן האבן געשיינט ווייניק אנ־צורירן, איז געווען גענעראל האו. ער האט געלעבט א גוטן טאג אין ניו יארק, און האט געשיינט זיך ווייניק צו קימערן וועגן דעם, וואס וואשינגטאן האט איצט שוין מער ניט געטראכט וועגן אפטרעטן אין דער ווייטער וועסט. פאר די נעקסטע אנדערהאלבן יאר, וואס האו איז פארבליבן אלס דער הויפט פון דער ענגלישער ארמיי, פלעגט וואשינגטאן, ניט געקוקט אף אלע נידערלאגן,

פאַרבלייבן אונטער דער סאַמע נאָז פון האָו'ס אַרמיי, זייענדיק זיכער, אַז האָו וועט זיין אַרמיי ניט פאַרניכטן.

וואַשינגטאָן האָט דערוואַרט, אַז אין פרילינג וועט האָו זיכער אונטער־נעמען עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל אויפהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער ענגלישער אַרמיי אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג נאָך די דורכפאַלן, וואָס זי האָט געליטן אין טרענטאָן און פּרינסטאָן. און וואַשינגטאָן האָט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. אין פאַרלויף פון מערץ איז די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי כמעט אינגאַנצן זיך צעקראָכן. דער גרעסטער טייל סאָלדאַטן איז אַוועק אהיים און אין וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי זיינען פאַרבליבן ווייניקער פון 3 טויזנט מענטשן. אָט די דאָזיקע קליינע אַרמיי האָט וואַשינגטאָן אויסגעשפּרייט אַף מיילן ווייט. ער האָט איינגעקוואַרטירט צוויי־דריי סאָלדאַטן אין יעדן הויז אַף די הויפּט־וועגן, וואָס האָבן געפירט צו מאָריסטאַון, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט דענקען, אַז ער האָט אין זיין רשות אַ גאַר גרויסע אַרמיי. וואַשינגטאָנ'ס אַדיוטאַנט האָט אפילו איינגעלאַדן צו זיך אַ פּערזאָן, וואָס איז געווען באַוואוסט אַלס ענגלישער שפּיאָן, און האָט איבערגעלאָזט אַפן טיש אַ צעטל פון 12 טויזנט נעמען, וואָס האָט כלומרשט געדאַרפט זיין דער רייסטער פון די סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אין מאָריס־טאַון. ער איז געווען זיכער, אַז דער שפּיאָן וועט ניט פאַרפעלן אַריינצוקוקן אין דעם רייסטער און אינפאָרמירן האָו'ן.

אויב האָו האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן דורך אָט די מאַנעוורעס איז אַ גרויסע פראַגע. ער האָט געהאַט געגוג מיטלען אויסצוגעפינען דעם אמת'ן צושטאַנד פון וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי. די אַמעריקאַנער לאָיאַליסטן האָבן גוט געוואוסט וויפיל סאָלדאַטן עס געפינען זיך אין און אַרום מאָריסטאַון און האָבן אָפן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט מיט דעם, וואָס האָו לאָזט וואַשינגטאָנ'ען צו־רו און מאַכט ניט אַ סוף צו דער גאַנצער רעוואָלוציע.

ס'איז אַוועק דער גאַנצער חודש מאַי און האָו האָט ניט באַוויזן קיין סימן פון לעבן. ס'איז געווען דער 13טער יוני, ווען האָו האָט אַריבערגעשיקט אַן אַרמיי פון אַרום 11 טויזנט מאַן פון ניו יאָרק קיין ניו דזשוירזי. די דאָזיקע אַרמיי האָט מיטגעפירט מיט זיך שיפלעך און עס האָט אויסגעזען, ווי האָו האַלט זיך אין גרייטן צו פאַרנעמען פילאַדעלפיע. ווייטער פון ניו בראַנזוויק איז אָבער האָו ניט פאַרגאַנגען. דאָ האָט ער איבערגעלאָזן אַלע שיפן און דעם

שווערן באגאזש און האט פארנומען א פאזיציע א פאר מייל הינטער דער שטאט.

וואשינגטאן האט נאך אין מאי פארלאזן מאריסטאון און פארנומען א שטארקע פאזיציע אין מידלברוק, ארום 10 מייל פון ניו בראנזוויק. איצט איז וואשינגטאן געווען זיכער, אז האו איז געקומען אין ניו דזשוירזי פארניכטן זיין ארמיי און דעמאלט מארשירן קיין פילאדעלפיע. און כאטש די מערסטע סאלדאטן זיינע האבן זיך שוין געהאט אומגעקערט פון זייערע ניט־געבעטענע וואקאציעס און זיין ארמיי איז שוין באשטאנען פון ארום זיבן טויזנט מאן, האט וואשינגטאן אבער ניט געקאנט האפן, אז ער וועט ארויס דער זיגער אין אן אפענער שלאכט מיט האו'ס ארמיי, וואס איז געווען אי גרעסער אין צאל, אי בעסער דיסציפלינירט און באוואפנט.

האו האט אבער אפילו ניט געטראכט צו אטאקירן וואשינגטאנ'ען. אין זיין דערקלערונג צו דער פארלאמענטארישער קאמיסיע זאגט ער, אז ער האט בלויז געוואלט זען, אויב אים וועט זיך איינגעבן ארייניציען וואשינגטאנ'ען אין שלאכט, זען „אויב דער שונא וועט פארלאזן זיין פאזיציע, כדי צו פארטיידיקן דעם דורכגאנג צום דעלאווער, גלויבנדיק, אז איך קלייב זיך איבערגיין דעם טייך".

פארוואס עס האט זיך האו'ן געלוינט ארויסצופירן אן ארמיי פון 11 טויזנט מאן קיין ניו דזשוירזי, כדי אויסצוגעפינען אויב וואשינגטאן וועט אים אטאקירן; פארוואס ער האט געגלויבט, אז וואשינגטאן וועט זיין אזוי נאריש און ניט פארזיכטיק און אים אטאקירן, איז ניט קלאר, פונקט ווי עס זיינען ניט קלאר אלע דערקלערונגען, וואס האו האט געגעבן וועגן זיין קאמפאניע.

צוויי וואכן איז האו פארבליבן אף דער פאזיציע, וואס ער האט פארנומען לעבן ניו בראנזוויק. און פונקט ווי ס'איז ניט קלאר צוליב וואס ער איז געקומען, אזוי איז אויך ניט קלאר, פארוואס ער האט די פאזיציע פארלאזן און זיך אומגעקערט קיין ניו יארק.

אין ענגלאנד האט מען נאך ווייניקער ווי אין אמעריקע געקאנט פארשטיין האו'ס האנדלונגען. די ענגלישע דיפלאמאטן האבן געוואוסט, וואס פאר אן איינדרוק וואשינגטאנ'ס דערפאלגן אין טרענטאן און אין פרינסטאן האבן געמאכט אין פראנקרייך, אין שפאניע און אין האלאנד. זיי האבן אויך געוואוסט, אז פרענקלין איז אנגעקומען אין פראנקרייך, און אז אין געהיים

העלפט פראַנקרייך די רעוואָלוציאָנערן. אין ענגלאַנד האָט מען דעריבער דערוואַרט, אַז אין פרילינג און זומער וועט האָו אָנפירן אַן אַנטשלאָסענע קאַמפּאַניע און זוכן צו פאַרריכטן די פעלערן, וואָס ער איז באַגאַנגען דעם פריערדיקן יאָר.

די שלאַכט בײַ ברענדיווײַן

די ענגלישע רעגירונג האָט געפּלאַנעוועט צו פאַרשטאַרקן איר אַרמיי אין אַמעריקע דורך אַ פאַראייניקונג פון האָו'ס אַרמיי מיט אַ טייל פון דער ענגלישער אַרמיי אין קאַנאַדע. דער פּלאַן איז געווען צו שיקן פון קאַנאַדע צוויי עקספּעדיציעס. איין עקספּעדיציע, אונטער גענעראַל בורגאָין, האָט געדאַרפט מיטן וועג פון לעיק שאַמפּלעין און דעם האָדסאָן אַראָפּקומען אין אָלבאַני און דאָרט זיך פאַראייניקן מיט האָו'ען, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרכאַפּן דעם האָדסאָן ביז אָלבאַני. די צווייטע עקספּעדיציע, אונטער גענעראַל סט. לעדזשער, האָט געדאַרפט מיט דעם סט. לאָורענס ריווער און לעיק אָנטאַריאָ דערגרייכן אָסוועגאָ, פאַרכאַפּן פאָרט סטאַנוויקס און דורך דעם מאָהאָק טאָל קומען קיין אָלבאַני און פאַרשטאַרקן באָירגאָינ'ען. דער פּלאַן איז אויף אַזאַ אופן געווען צו פאַרכאַפּן די גאַנצע ניו יאָרק קאָלאָניע, און האָבנדיק אין די הענט דעם האָדסאָן, אָפּשנײַדן די רעבעלירנדיקע נײַ־ענגלאַנד קאָלאָניעס פון די מיטל־ און דרום־קאָלאָניעס.

האָו האָט געוואוסט וועגן אָט דעם פּלאַן און איז געווען אײַנפאַרשטאַנען מיט אים. ער האָט נאָך אין 1776 געשריבן צום קאָלאָניאַל־סעקרעטאַר, אַז דאָס דאַרף זײַן דער „הויפּט־ציל" אין דער קאַמפּאַניע. עס איז געווען קלאָר, אַז ער וועט דאַרפן דורכפירן זײַן טייל פון דעם פּלאַן, אָדער די ענגלישע אַרמיי וועט לײַדן אַ שטאַרקן קלאַפּ, וואָס וועט שטאַרק דערמוטיקן די רעוואָלוציאָנערן. אין נאָוועמבער 1776 האָט נאָך האָו געשריבן קיין ענגלאַנד וועגן דעם, וואָס ער גרייט זיך טאָן, כּדי צו העלפן דורכפירן דעם פּלאַן. ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט שיקן 10 טויזנט מאַן צו אַטאַקירן נײַ־ענגלאַנד, 10 טויזנט מאַן צו פאַראייניקן זיך מיט בורגאָינ'ען אין אָלבאַני און אַכט טויזנט מאַן וועלן מאַכן אַ פאַרזוך צו פאַרנעמען פילאַדעלפיע.

מיטאַמאָל אָבער האָט האָו זיך געכאַפּט, אַז ער האָט ניט קיין גענוג קרעפטן דורכצופירן אָט דעם פּלאַן, וואָס ער האָט אָנגעמערקט אין זײַן בריוו

צו דער ענגלישער רעגירונג; ער האָט דעריבער געשריבן צו גענעראַל קאַרלטאָן, דעם הויפּט פון דער אַרמיי אין קאַנאַדע, אַז ער וועט ניט העלפן בוירגאַינ'ען, דערפאַר וואָס דאָס וועט אים שטערן דורכפירן זיינע אַנדערע פּלענער, אַז אין דער צייט, ווען בוירגאַין וועט מאַרשירן קיין אָלבאַני, וועט ער מיט זיין אַרמיי זיך געפינען אין פּענסילווייניע.

אַ קאָפּיע פון דעם בריוו צו קאַרלטאָנ'ען האָט האָו געשיקט צו דער ענגלישער רעגירונג. די רעגירונג האָט אָבער אַרויסגעשיקט אינסטרוקציעס צו קאַרלטאָנ'ען דורכצופירן דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן און „טוענדיק דאָס, ניט פאַרגעסן, אַז די הויפּט־אויפגאַבע איז צו פאַראייניקן זיך מיט סער וויליאַם האָו". האָו האָט געקראָגן אַ קאָפּיע פון אָט דער אינסטרוקציע צו קאַרלטאָנ'ען דעם 5טן יולי. עס איז דעריבער געווען זיין פליכט, אַלס דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, דורכצופירן די אינסטרוקציעס פון זיין רעגירונג. ער האָט אָבער קאַרלטאָנ'ען אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו קאָאָפּערירן מיט בוירגאָינ'ען.

ווען קאַרלטאָן האָט באַקומען אָט דעם בריוו פון האָו'ן, איז שוין באָירגאַין מיט זיין אַרמיי געווען אויפן וועג קיין אָלבאַני. די סטראַטעגישע וויכטיקייט פון דער מאַנעוורע צו פאַרכאַפּן דעם האָדסאָן טאָל און אָפּשניידן ניי־ענגלאַנד פון די אַנדערע קאָלאָניעס איז געווען אַן אָנגענומענע זאַך, סיי אין אַמעריקע, סיי אין ענגלאַנד. מען האָט דעריבער געגלויבט, אַז האָו האָט אויפגעגעבן זיין פּאָזיציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ניו דזשוירזי, לעבן ניו בראָנזוויק, כדי צו העלפן דורכפירן דעם מער־וויכטיקן פּלאַן פון העלפן בוירגאָינ'ען פאַרנעמען אָלבאַני.

דעם ערשטן יולי האָט האָו אָנגעהויבן אַרויפזעצן זיינע סאָלדאַטן אויף די טראַנספּאָרט־שיפן, גרייט צו פאַרלאָזן ניו יאָרק. די פראַגע איז געווען, וואוהין ער פירט זיין אַרמיי. וואַשינגטאָן, וועלכער האָט דעם 2טן יולי באַקומען ידיעות, אַז באָירגאַין געפינט זיך אויפן וועג פון קאַנאַדע קיין אָלבאַני און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אַז ער האָט שוין פאַרנומען טיקאַנדעראָגאַ, דעם שליסל צום האָדסאָן און צו אָלבאַני, איז געווען זיכער, אַז האָו גרייט זיך קומען צו הילף באָירגאַינ'ען.

האָו האָט אָבער געהאַלטן זיינע סאָלדאַטן אויף די שיפן און בלויז מאַנעווּרירט צווישן ניו יאָרק און סענדי־הוק. דאָס אַליין אָבער איז פאַר וואַשינגטאָנ'ען געווען אַ באַווייז, אַז האָו פאָרט קיין אָלבאַני, און אַז די מאַנעווּרעס

זיינען בלויז אַ מיטל צו באַהאַלטן זיין אמת'ע כונה צו פאַראייניקן זיך מיט בווירגאינ'ען. וואַשינגטאָן, וועלכער האָט געהאַט צעטיילט זיין אַרמיי אין אַ צאָל קלענערע אָפּטיילונגען, וואָס זאָלן זיך שנעל קאָנען באַוועגן, האָט איצט פאַרזאַמלט זיין גאַנצע אַרמיי באַם דעלאַווער, ניט ווייט פון טרענטאָן, גרייט צו מאַכן אַ שנעלן מאַרש אָדער צום האָדסאָן, אָדער קיין פילאַדעלפיע, ווי די לאַגע וועט פאָדערן.

דעם 24טן יולי האָט האָו אויפגעגעבן זיינע מאַנעווורעס אין דעם ניו יאָרקער האַפן און מיט 300 שיפן און 18 טויזנט סאָלדאַטן זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פונעם אָפענעם ים. אין ניו יאָרק האָט ער איבערגעלאָזן גענעראַל קלינטאָן מיט אַן אַרמיי פון אַרום זעקס טויזנט מאַן, אַן אַרמיי, וואָס איז ניט געווען גרויס גענוג צו פאַרטיידיקן די שטאָט און אין דער זעלביקער צייט העלפן באַירגאינ'ען. אין פאַרלויף פון אַ וואָך צייט איז פון האָו'ן און זיין אַרמיי קיין סימן ניט געווען. אַ צייטונג אין קאָנעטיקוט האָט אַפילו אַנאָנסירט אַ באַלוינונג, וואָס זי וועט געבן פאַר אינפאָרמאַציע וועגן „אַ פאַרלוירענעם גענעראַל". דעם 30טן יולי אָבער האָט דער „פאַרלוירענער גענעראַל" מיט זיין אַרמיי זיך באַוויזן באַם אַריינגאַנג פון דעם דעלאַווער ים־אויסגוס. דאָס אומגלויבלעכע איז געוואָרן קלאָר: האָו האָט געמאַכט אַ ים־רייזע פון אַרום 100 מייל, כדי זיך צו געפינען אין אַ פּלאַץ, פון וואַנען עס וועט זיין פאַר אים אוממעגלעך צו קומען צו הילף בווירגאינ'ען.

וואַשינגטאָן איז אויף שנעל אַריבער דעם דעלאַווער און פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין צפון זייט פון שטאָט, צווישן פילאַדעלפיע און דזשווירמענטאַון, גלויבנדיק, אַז האָו וועט לאַנדן ערגעץ־וואו אין דער געגנט. האָו האָט אָבער ניט געלאַנדעט און אין אַ פּאָר טעג האָט ער פאַרלאָזן דעם דעלאַווער ים־אויסגוס און איז ווידעראַמאָל געפאָרן אין דער ריכטונג פון ים. ער האָט שפּעטער דערקלערט, אַז ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'וועט זיין ניט גינסטיק צו אַטאַקירן פילאַדעלפיע פון צפון־זייט. ער האָט דעריבער זיך פאַרנומען ווייטער צו דרום, אין טשעסאַפּיק בעי, וואו ער האָט געלאַנדעט באַם מויל פון עלק ריווער, לעבן דערפל, וואָס איז איצט באַקאַנט אַלס עלקטאָן.

די דאָזיקע מאַנעווורע האָו'ס איז געווען אַן איבערראַשונג פאַר יעדן. ער האָט זיך איצט געפונען אַרום 50 מייל פון פילאַדעלפיע, אַ ביסל ווייטער, ווי ווען ער איז געווען אין ניו בראַנזוויק. און אין דער צייט, וואָס ער איז

ארומגעפארן מיט זיין גרויסער ארמיי איבערן ים, אנליינגנדיק א פאר הונדערט מייל, האט בוירגאין געהאט זיין ערשטן דורכפאל און פארלוירן די שלאכט בא בענינגטאן.

וואשינגטאן האט פארשטאנען, אז ס'וואלט געווען א סך בעסער אויפ־צוגעבן פילאדעלפיע אן א שלאכט; ער האט זיך אבער געשראקן פאר דער ווירקונג, וואס דאס וועט האבן אף דער ארמיי און אף דער באפעלקערונג. ער האט דעריבער געמוזט טאן אלץ וואס איז מעגלעך צו פארטיידיקן די שטאט.

מיט זיין ארמיי, וואס איז איצט שוין באשטאנען פון ארום 11 טויזנט מאן, האט ער זיך געאיילט צו פארנעמען א פאזיציע צווישן פילאדעלפיע און דעם שונא. דאו האט געמוזט איבערגיין צוויי טייכלעך, די בראנדיוויין און סקייקיל טייכן, כדי צוצוקומען צו פילאדעלפיע. וואשינגטאן האט גוט פארשטאנען, אז אויב ער האט וועלכע עס איז אויסזיכטן צו זיין דערפאלג־רייך, איז אויפצונעמען א קאמף מיט האו'ן, ווען ער וועט האלטן אין אריבער־גיין די דאזיקע טייכלעך.

דעם 8טן סעפטעמבער האט האו אנגעהויבן זיין מארש אף פילאדעלפיע. ער האט געזוכט אויסצומיידן א שלאכט מיט וואשינגטאנ'ען. ער האט זיך אבער ניט געקאנט העלפן, און דעם 11טן סעפטעמבער איז אויסגעפאכטן געווארן די בארימטע שלאכט בא בראנדיוויין, אין וועלכער די אמעריקאנער האבן פארלארן 1200 מאן אין טויטע, פארוואונדעטע און געפאנגענע. די פארלוסטן פון די ענגלענדער זיינען געווען 99 גע'הרג'עטע און 488 פאר־וואונדעטע.

די אמעריקאנער ארמיי איז געווען געצוואונגען אפצוטרעטן. האו האט נאכאמאל באוויזן, אז ער קאן לייכט אפהאלטן א נצחון איבער וואשינג־טאנ'ען, ווען ער וויל עס נאר. אבער אויך דאס מאל האט ער זיך באנוגנט בלויז מיט דעם נצחון און מיט דער מעגלעכקייט פארצוזעצן זיין מארש. ער האט דערלאזן וואשינגטאנ'ען מיט זיין ארמיי אפטרעטן קיין טשעסטער.

איינע פון וואשינגטאנ'ס גרעסטע מעלות איז געווען זיין פייאיקייט צוזאמענצוהאלטן זיין ארמיי נאך א דורכפאל און זי אינספירירן צו נייע קאמפן. פארשטענדלעך, אז אין גרונט איז דאס געווען דער אידעאל פון דער רעוואלוציע, פאר וועלכן די הארעפאשניקעס און פארמערס פון די קאלאניעס

האָבן געבלוטיקט און געקעמפט. וואַשינגטאָן אָבער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי איבערצוזעצן דעם דאָזיקן אידעאַל אין דער שפּראַך פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט אַזוי, אַז זיינע סאָלדאַטן האָבן נאָכאַמאָל און נאָכ־אַמאָל זיך געוואָרפן אין שלאַכט קעגן דעם מעכטיקן און שטאַרקערן שונא.

די פּאַאָלי־שחיטה

נאָך דעם דורכפאַל באַם בראַנדיוויין האָט וואַשינגטאָן געמאַכט אַ נייעם פּאַרזוך אָפּצושטעלן גענעראַל האַו און ניט דערלאָזן אים פאַרנעמען פילאַ־דעלפיע. ער האָט צונויפגעקליבן די רעשטלעך פון זיין צעשלאָגענער אַרמיי און האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויף דער אַנדער זייט פון סקייקיל ריווער, אין דזשוירמענטאַון, 7 מייל צו צפון פון פילאַדעלפיע.

וואַשינגטאָן איז איצט ווידער געווען אין אַ לאַגע ניט צו דערלאָזן די ענגלענדער אַריבערצוגיין דעם סקייקיל, וואָס איז אַ טיפערער טייך, ווי דער בראַנדיוויין, און האָט אין יענער געגנט אַ באַרגיקן ברעג — אַ זייער ערנסטע שטערונג פאַר אַן אַרמיי, וואָס האָט צו דערוואַרטן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע פון אַ שונא. האַו האָט זיך טאַקע דעריבער ניט געאיילט און איז פאַרבליבן אויף זיין אַלטער פּאָזיציע לעבן בראַנדיוויין. דאָ האָט אָבער וואַשינג־טאָן געמאַכט איינעם פון די גרעסטע טעות'ן אין זיין קאַריערע אַלס פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. אַנשטאָט צו וואַרטן, אַז האַו זאָל מאַכן דעם ערשטן שריט, האָט ער איבערגעלאָזן עטלעכע קליינע אָפּטיילונגען, וואָס זאָלן היטן די פאַרשידענע פלאַכע פלעצער פון סקייקיל, אַז האַו זאָל ניט קאָנען דורכ'גנב'ענען דורך זיי זיין אַרמיי, און מיט זיין הויפּט־אַרמיי איז ער איבערגעגאַנגען דעם טייך צו באַגעגענען האַו'ן.

ס'איז שווער צו דערקלערן, פאַרוואָס וואַשינגטאָן האָט געמאַכט דעם דאָזיקן שריט. מעגלעך, אַז ער האָט מורא געהאַט, אַז האַו וועט מאַכן אַ פּאַר־זוך צו פאַרכאַפּן די מיליטערישע זאַפּאַסן פון זיין אַרמיי. וואַשינגטאָן האָט אַ דאַנק אַט־דער מאַנעווער פאַרלאָרן 15 הונדערט מאַן, וועלכע ער האָט געשיקט מיט גענעראַל וועין אין דער שפּיץ צו היטן האַו'ס באַוועגונגען. די דאָזיקע 15 הונדערט מאַן האָבן זיך געפונען לעבן דער פּאַאָלי קרעטשמע. אין דער נאַכט פון 20טן סעפּטעמבער האָט אַן אָפּטיילונג פון דער ענגלישער אַרמיי אַטאַקירט אָט די קליינע אַרמיי אונטער גענעראַל וועין און זי אינגאַנצן

פארניכטעט. 60 סאלדאטן זיינען גע'הרג'עט געווארן, ארום 200 זיינען פאר־וואונדעט געווארן און די איבעריקע זיינען ארייגעפאלן אין פלען. אין דער אמעריקאנער געשיכטע איז די דאזיקע שלאכט באקאנט אלס די פאאָלי־שחיטה.

גענעראל האו פארנעמט פילאדעלפיע

דער פארלוסט פון 1500 מאן איז געווען א שטארקער קלאפ פאר דער אמעריקאנער ארמיי, וואס איז אזוי אויך געווען קליין אין צאל אין פארגלייך מיט האו'ס ארמיי. א חוץ אט דעם פארלוסט האט אבער וואשינגטאן מיט דער דאזיקער מאנעווערע דערגרייכט פונקט דעם היפוך פון דעם, וואס ער האט דערוואַרטעט. וויסנדיק, אז וואשינגטאן מיט זיין הויפט־ארמיי געפינט זיך אף דער אנדער זייט טייך, און אז ער וועט אים איצט ניט קאנען מאכן קיין ערנסטע שטערונגען, האט האו, באלד נאך דער פאאָלי־שחיטה, אנגעהויבן צו מאכן פארבארייטונגען אריבערצוגיין דעם סקייקיל.

וואשינגטאן האט ווידעראמאל צוזאמענגערופן א ראט פון זיינע אפיצערן צו באשליסן די ווייטערדיקע טאקטיק. גענעראל גרין האט געמאכט א פאר־שלאג צו פארבלייבן אף דער זעלביקער זייט טייך און אטאקירן האו'ן, ווען ער וועט מאכן א פארזוך אריבערצוגיין דעם טייך. דער מלחמה־ראט האט אבער באשלאסן איבערצו'חזר'ן די טאקטיק, וואס איז באנוצט געווארן בא ברענדיוויין און שטערן האו'ס אריבערגאנג פון דער פילאדעלפיער זייט פון טייך. אין איינקלאנג מיט אט דעם באשלוס איז וואשינגטאנ'ס ארמיי אריבער־געגאנגען דעם טייך, בראדזשענדיק ביזן האלז אין וואסער, און נאסע און דורכגעקעלטערטע האבן זיי א גאנצע נאכט מארשירט צו זייערע פארשיידענע פאזיציעס. האו אבער האט געזוכט אויסצומיידן א שלאכט מיט וואשינג־טאנ'ען, ווען יענער האט געהאט איבער אים אזא גרויסן פארצוג, און דורך א קלוגער מאנעווערע האט ער אפגענארט וואשינגטאנ'ען און אריבער־געגאנגען דעם טייך, ניט פארלירנדיק קיין איין סאלדאט, קיין איין שאס פולווער: אנשטאט אריבערצוגיין גלייך דעם טייך, ווי ער האט עס געטאן באם ברענדיוויין, האט ער אנגעהויבן מארשירן אין דער ריכטונג פון רעדינג. וואשינגטאן האט אים תיכף נאכגעפאלגט אף דער אנדער זייט פון טייך. האו האט מיטאמאל און אומדערווארטעט דורכגעפירט א מאנעווערע ריקווערטס,

און איידער וואַשינגטאָן האָט זיך אַרומגעקוקט איז ער מיט זיין אַרמיי שוין געווען אַף דער פילאַדעלפיער זייט פון טייך.

פילאַדעלפיע איז געווען פאַרלאָרן פאַר די רעוואָלוציאָנערן. דער קאָנגרעס איז ווידעראַמאָל אַנטלאָפן, און דעם 26טן סעפּטעמבער 1777 האָט גענעראַל קאָרנוואַליס אַריינגעמאַרשירט מיט גרויס פּאַראַד אין שטאָט. האָו אַליין האָט מיט אַ שטאַרקער מיליטערישער אָפּטיילונג פאַרנומען דזשוירמענטאַון, כדי, ווי ער האָט שפּעטער דערקלערט, צו קאָנטראָלירן די הויפּט־וועגן, וואָס האָבן געפירט צו דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און אַף אַזאַ אופן ניט דערלאָזן וואַשינגטאָן׳ען אַטאַקירן אַ דריטע ענגלישע אָפּטיילונג, וואָס האָו האָט געשיקט אַטאַקירן די פעסטונגען אַפן דעלאַווער הינטער פילאַדעלפיע.

וואַשינגטאָן האָט באַשלאָסן זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט, וואָס דעם שונא׳ס אַרמיי איז געווען צעטיילט אין דריי טיילן, און אַטאַקירן האָו׳ס פּאָזיציע אין דזשוירמענטאַון. אָבער אויך דאָס מאָל איז ער שטאַרק דורכגעפאַלן, פאַרלירנדיק אַרום טויזנט מאַן אין גע׳הרג׳עטע, פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע.

פונקט ווי מיט אַ יאָר צוריק, איז האָו געווען דערפאָלגרייך, ניט אויסנוצנדיק זיין דערפאָלג צו פאַרניכטן וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי, און פונקט ווי מיט אַ יאָר צוריק איז דער פּרעסטיזש פון דער רעוואָלוציע נידעריק געפאַלן, און נאָך נידעריקער איז געפאַלן וואַשינגטאָנ׳ס פּרעסטיזש אַלס מיליטערישער אָנפירער. וואַשינגטאָנ׳ס דורכפאַלן האָבן זיך אָבער ניט געענדיקט מיט דזשוירמענטאַון.

האָו איז ניט געווען זיכער מיט זיין אַרמיי אין פילאַדעלפיע. די ענגלישע אַרמיי האָט געמוזט אָנקומען צו ענגלאַנד פאַר איר שפּייז־ און מיליטערישע זאַפּאַסן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן דריי טויזנט מייל איבערן ים. ס׳איז אמת, אַז אַ טייל פון זייערע שפּייז־זאַפּאַסן פלעגן די ענגלענדער רעקווירירן פון דער באַפעלקערונג. אינגאַנצן אָבער פאַרלאָזן זיך אַף דעם האָבן זיי ניט געקאָנט, און דערפאַר טאַקע פלעגן זיי מורא האָבן אַריינצודרינגען טיף אין לאַנד. פילאַדעלפיע, וואָס געפינט זיך 90 מייל ווייט פון ים, אַף אַ טייך, וואָס איז שווערלעך צו נאַוויגירן, איז דעריבער געווען אַ סכנה פאַר דער ענגלישער אַרמיי. ס׳איז געווען קלאָר, אַז האָו וועט לאַנג ניט קאָנען פאַרבלייבן אין פילאַדעלפיע, אויב ער וועט ניט האָבן דעם פולשטענדיקן קאָנטראָל איבער דעם דעלאַווער ביזן דעלאַווער־ים־אויסגוס.

נאָך אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע האָבן די רעוואָלוציאָנערן פון פענסילווייניע זיך גענומען באַשיצן פילאַדעלפיע פון דעם ענגלישן פלאָט דורך פאַרבאַריקאַדירן דעם טייך. פרענקלין האָט פאַר דעם דאָזיקן צוועק דערפונדן אַ מין באַריקאַדע, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „שאַוואַ דע פריז". די דאָזיקע „שאַוואַ דע פריזעס" האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ ווירקזאַמער מיטל קעגן דעם ענגלישן פלאָט, און מיט זיי האָבן די רעוואָלוציאָנערן פאַרבלאָקאַדירט דעם דעלאַווער צווישן פאָרט מיפלין אַף דער פענסילווייניע זייט פון טייך און פאָרט מוירסער, לעבן רעד בענק, אַף דער ניו דזשוירזי זייט. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן צו בויען אַ פעסטונג נאָך נידעריקער אַפן דעלאַווער, לעבן בילינגס־פאָרט. צו פאַרניכטן די דאָזיקע פעסטונג האָט עכ גענעראַל האָו אַוועקגעשיקט אַן אָפּטיילונג פון זיין אַרמיי, באַלד ווי ער האָט פאַרנומען פילאַדעלפיע און אַליין זיך באַפעסטיקט אין דזשוירמענטאַון, כדי זיך צו באַשיצן פון וואַשינגטאָנ'ס אַן אַטאַקע. די פעסטונג לעבן בילינגס־פאָרט איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט און די רעוואָלוציאָנערן האָבן זי ניט געקאָנט פאַרטיידיקן. זיי האָבן דעריבער די פעסטונג פאַרברענט און זיינען אַנטלאָפן קיין רעד בענק.

דער פאַרלוסט פון דער בילינגספאָרט פעסטונג האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די מיפלין און מוירסער פעסטונגען. אָבער דער גאַנצער אויסגאַנג פון האָו'ס מאַנעווערס אין פענסילווייניע איז אָפּגעהאַנגען פון דעם, צי די רעוואָלוציאָנערן וועלן קאָנען איינהאַלטן אָט די פעסטונגען און אַף אַזאַ אופן אָפּשניידן האָו'ן פון ים — פון דעם קוואַל פון זיינע זאַפּאַסן. וואָלט זיך וואַשינגטאָנ'ען איינגעגעבן די דאָזיקע פעסטונגען איינצוהאַלטן, וואָלט פילאַדעלפיע געוואָרן אַ טויט־פאַסטקע פאַר האָו'ן און זיין אַרמיי. האָו האָט עס גוט געוואוסט און האָט ניט געזשאַלעוועט די לעבנס פון די געדונגענע דייטשן אַרויסצוזעצן די רעוואָלוציאָנערן פון די דאָזיקע פעסטונגען. לעבן פאָרט מוירסער איז אויסגעקעמפט געוואָרן איינע פון די בלוטיקסטע שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע. די ענגלענדער האָבן אין איין טאָג פאַרלאָרן אין דער אַטאַקע לעבן רעד בענק 400 מאַן אין גע'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע; זיי האָבן אויך געליטן שטאַרקע פאַרלוסטן אין זייערע אַטאַקעס אַף פאָרט מיפלין. מיט זיין גרעסערער און שטאַרקערער אַרמיי האָט אָבער האָו זיין צוועק דערגרייכט. וואַשינגטאָן האָט געמוזט אויפגעבן די צוויי פעסטונגען. האָו האָט געקראָגן דעם פולן קאָנטראָל איבערן דעלאַווער, פון פילאַדעלפיע ביזן ים.

האָט איז איצט געווען זיכער אין פילאַדעלפיע. איידער אָבער ער האָט געשלאָסן זיין קאַמפּאַניע אין פּענסילווייניע, האָט ער אונטערגענומען איינע פון זיינע פּרוכטלאָזע עקספּעדיציעס, וואָס האָט, ווי די עקספּעדיציע זיינע לעבן ניו בראָנזוויק, אַרויסגערופן די שטאַרקסטע קריטיק און דעם גרעסטן צאָרן אין ענגלאַנד. וואַשינגטאָן האָט געהאַט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין ווהייט מאַרש, 15 מייל צום צפון פון פילאַדעלפיע. אין דער נאַכט פון 4טן דעצעמבער האָט האָו אין דער שפּיץ פון אַן אַרמיי פון 15 טויזנט מאַן אַרויסגעמאַרשירט פון פילאַדעלפיע אין דער ריכטונג פון ווהייט מאַרש. סיי די לאָיאַליסטן, סיי די פּאַטריאָטן זיינען געווען זיכער, אַז האָו וועט איצט מאַכן אַ סוף צו וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי. עטלעכע טעג האָט ער געהאַלטן אין איין מאַנעווורירן אַרום וואַשינגטאָנ׳ס פּאָזיציע. ער האָט אָבער ניט אַטאַקירט די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי און זיך אומגעקערט קיין פילאַדעלפיע.

דאָס איז זיכער געווען איינע פון די נאַרישסטע עקספּעדיציעס און נאָך נאַרישער איז האָו׳ס דערקלערונג, אַז ער האָט אונטערגענומען די דאָזיקע עקספּעדיציע, כדי אויסצוגעפינען ווי שטאַרק וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי איז, פּונקט ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין גענויע אינפאָרמאַציע פון די לאָיאַליסטן וועגן דער גרויס פון וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי; אָדער פּונקט ווי ס׳וואָלט נויטיק געווען אַן אַרמיי פון 15 טויזנט מאַן, אונטער זיין פּערזענלעכער קאָמאַנדע, דאָס אויסצוגעפינען. די דאָזיקע עקספּעדיציע, ווי די אַנדערע עקספּעדיציעס פון דעם מין, האָט האָו אפילו ניט געזוכט לאָגיש צו דערקלערן.

וואַלי פאָרדזש

נאָך דעם דאָזיקן פאַראַד, האָט האָו זיך באַקוועם איינגעאָרדנט איבערצו־ווינטערן אין פילאַדעלפיע. וואַשינגטאָן האָט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, דעם 19טן דעצעמבער 1777, אויך פאַרנומען זיין ווינטער־קוואַרטיר, אויף אַ הויכן באַרג, צו וועלכן מען האָט כמעט ניט געקאָנט צוקומען, אין וואַלי פאָרדזש.

דאָס איז געווען אַ העלדישע, אָבער אַ הונגעריקע, אָפּגעריסענע און אָפּ־געשליסענע אַרמיי, וואָס האָט געגראָבן די טרענטשעס און געבויטביידלעך אויף דעם באַרג אין וואַלי פאָרדזש. אַ העלפט פון די סאָלדאַטן, האָט גענעראַל גרין באַריכטעט, האָט ניט געהאַט ניט קיין הויזן, ניט קיין שיך און זאָקן.

טויזנטער האָבן ניט געהאַט קיין קאָלדרעס און דער װינטער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהױבן.

דער שרעקלעכער װינטער אין װאַלי פאָרדזש איז איינע פון די העראָאישע בלעטער, װאָס די אַמעריקאַנער רעװאָלוציאָנערע אַרמיי האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון רעװאָלוציעס. די איצטיקע „הונדערט פּראָצענטיקע" דערציילן װעגן דער העלדישקייט פון אָט דער אַרמיי. זיי פאַרגעסן



װאַשינגטאָנ'ס הויפּט-קװאַרטיר אין װאַלי פאָרדזש

אָבער צו דערציילן, ווי אַזוי דער הערשנדיקער קלאַס האָט שפּעטער אָפּגעצאָלט אַז די פּאַרמערס, וואָס האָבן זיך געבלוטיקט פאַר דער רעוואָלוציע; ווי אַזוי זיי זיינען אין די טויזנטער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די טורמעס פאַר ניט צאָלן זייערע חובות; ווי אַזוי זיי זיינען אין די הונדערטער געשאָסן געוואָרן, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך צו רעבעלירן.

די באַוועגונג אַרונטערצוזעצן וואַשינגטאָנ'ען אַלס פירער פון דער אַרמיי

וואַשינגטאָן איז איצט געוואָרן אַ שטורעם־צענטער, אַרום וועלכן ס'זיינען געפירט געוואָרן גרויסע און ביטערע פראַקציאָנעלע קאַמפן אין דער רעוואָ־לוציאָנערער פּאַרטיי. די דאָזיקע קאַמפן זיינען אין זייער תוך געווען באַזירט אויף די קעגנזאַצן צווישן די האַלב־פעאָדאַלע דרום־שטאַטן און דער אינ־דוסטריעלער ניי־ענגלאַנד. אַ געמיינזאַמער אַנטאַגאָניזם צו ענגלאַנד האָט זיי פאַראייניקט אין דער רעוואָלוציע. אין דער רעוואָלוציע האָבן אָבער די צוויי טיילן פון די קאָלאָניעס געזוכט באַזונדערע ענד־צילן און ס'איז דעריבער געווען אומפאַרמיידלעך, אַז אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און אין קאָנ־גרעס זאָלן זיך ניט גרינדן גרופּירונגען און פראַקציעס.

וואַשינגטאָנ'ס דורכפאַלן בּאַ ברענדיווין, באַ מיפלין און רעד בענק, דער קלאָגלעכער צושטאַנד פון זיין אַרמיי, זיינען געווען גענוג גרונט פאַר אַ שטאַרקער אומצופרידנקייט סיי אין דער אַרמיי, סיי אין די רייען פון די פּאַטריאָטן.

וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי אין וואַלי פאָרדזש איז איצט באַשטאַנען נאָמינעל פון אַרום 9,000 מאַן. די סאָלדאַטן זיינען געווען האַלב נאַקעט. זיי האָבן, ווי געזאָגט, ניט געהאַט ניט קיין מאַנטלען, ניט קיין העמדער און ניט קיין שיך, אַפילו ניט קיין וואַרעמע קאָלדרעס זיך צוצודעקן. אָפּט פלעגן זיי טעג גאַנצע אַרומגיין הונגעריק. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זיי פלעגן מאַסנ־ווייז אָדער דעזערטירן צו די ענגלענדער, אָדער פשוט פאַרלאָזן זייערע ביידלעך און זיך אומקערן צו זייערע היימען.

אין אַ באַריכט צו דער רעגירונג דעם 14טן אַפּריל, 1778, דערציילט האָו וועגן דער לאַגע פון וואַשינגטאָנ'ס אַרמיי:

„די פּאָזיציע פון דעם שונא איז נאָך אַלץ אין וואַלי פאָרדזש און אין ווילמינגטאָן. אין פאַרלויף פון דעם ווינטער איז די פיינטלעכע אַרמיי פאַרקלענערט געוואָרן צוליב דעם, וואָס אַ סך האָבן דעזערטירט, אָדער זיינען אַנטלאָפן. דאָס וואָס מיר פעלט פרישע שפּייזן דערלויבט מיר נאָך ניט אָנצוהויבן אַן אַטאַקע און זייער פּאָזיציע איז צו שטאַרק איצט אונטערצונעמען אַן אַטאַקע, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם אויפשטאַנד.“

אין מערץ, 1778, האָט וואַשינגטאָן געהאַט פּאַקטיש בלויז 4 טויזנט אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע מענטשן, וועלכע זיינען ניט געווען פּייאיק פאַר וועלכן עס איז קאַמף. וואַשינגטאָן אַליין דערציילט גאַנץ אָפן, אַז ער איז ניט געווען בכח צו פאַרטיידיקן זיין פּאָזיציע, אויב האָו וואָלט אים אַטאַקירט. ער דערקלערט אַפילו, אַז ס'וואָלט געווען פאַר אים אוממעגלעך אָפּצוטרעטן, דערפאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין טראַנס־פּאָרט־מיטלען. האָו האָט אים אָבער ניט אַטאַקירט. האָו איז פאַרבליבן דעם גאַנצן ווינטער אין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט געלעבט אַ גוטן טאָג, דערקלערנ־דיק, אַז „די לאַגע האָט ניט באַרעכטיקט קיין אַטאַקע אַף אַט דער שטאַרקער פּאָזיציע אין שלעכטן ווינטער־וועטער“. און ווען פרילינג איז געקומען האָט ער וואַשינגטאָנ'ען ניט אַטאַקירט, ווי ער האָט דערקלערט, דערפאַר וואָס „האָבנדיק גענויע אינפאָרמאַציע, אַז דער שונא האָט באַפעסטיקט זיין פּאָזיציע, און זייענדיק זיכער אַז איך וועל אים אַרויסטרייבן פון דאָרט, ווען די קאַמפּאַניע וועט זיך אָנהויבן, האָב איך אויפגעגעבן יעדן געדאַנק אים צו אַטאַקירן“.

די דאָזיקע דערקלערונג דערקלערט גאָרניט פאַרוואָס האָו מיט אַן אַרמיי פון 20 טויזנט מאַן האָט געלאָזן צורו אַ שונא, וואָס האָט בלויז געהאַט 4־5 טויזנט מאַן זיך צו פאַרטיידיקן. מיר האָבן שוין אָבער גענוג אָנגעוויזן אַף האָו'ס מעטאָדן און מיר ווייסן, אַז זיין טאַקטיק אין פילאַדעלפיע איז געווען די זעלביקע ווי אין באָסטאָן, ווי אין ניו יאָרק: ניט צו אַטאַקירן די רעוואָ־לוציאָנערע אַרמיי און ניט צו מאַכן קיין סוף צו דער רעוואָלוציע.

דער צושטאַנד פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי האָט אָבער געגעבן גענוג מאַטעריאַל פאַר אַן אַגיטאַציע קעגן וואַשינגטאָנ'ס פירערשאַפט. וואַשינג־טאָנ'ס קעגנער האָבן אַפילו פאַרשפּרייט אַן אַנאָנימע פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער זיי האָבן אַטאַקירט ניט בלויז זיינע פּייאיקייטן אַלס פירער, נאָר

האָבן געזוכט אונטערצוגראָבן זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די מאַסן. די דאָזיקע פּאָפּולאַריטעט, האָבן זיי געשריבן, פאַרפירט די מאַסן און מאַכט מעגלעך צו האַלטן אַ ניט־קאָמפּעטענטן מענטשן אַלס דעם פירער פון דער אַרמיי.

סעמועל אַדאַמס, מ. פלין, ריטשאַרד הענרי לי, דר. ראַש און אַ צאָל אַנדערע פירער אין קאָנגרעס האָבן אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן פּלענער, ווי אַזוי אַרונטערצוזעצן וואַשינגטאָנ׳ען און באַשטימען אויף זיין פּלאַץ גענעראַל געיטס, וועלכער איז איצט, נאָך זיין גלענצנדיקן נצחון איבער גענעראַל בוירגאַין, וואָס מיר וועלן שפּעטער דערציילן, געווען דער העלד פון דער רעוואָלוציע. געיטס האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און איז געווען גרייט איבערצונעמען דעם אַמט פון הויפּט־קאָמאַנדיר. ער אַליין האָט אָנגעהויבן הויך קריטיקירן וואַשינגטאָנ׳ס פּלענער.

דער גאַנצער פּלאַן פון דער אָפּאָזיציע איז אָבער באַקאַנט געוואָרן צו פרי, און איז דעריבער דורכגעפאַלן. פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם דורכפאַל איז געווען הויפּטזאַכלעך אַן אירלענדישער אָפיצער, קאָנווויי, וועלכער האָט געדינט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אַגיטאַטאָרן אין דער אַרמיי קעגן וואַשינגטאָנ׳ען און פאַר געיטס׳ן. קאָנוויי׳ס אַגיטאַציע האָט געיטס׳ן געבראַכט בלויז שאָדן. אַ פראַזע, וואָס קאָנוויי האָט באַנוצט אין זיינעם אַ בריוו צו געיטס׳ן — „דער הימל איז אַנטשלאָסן צו ראַטעווען אייער לאַנד, אָבער אַ שוואַכער גענעראַל האָט עס רואינירט” — האָט אָנגעהויבן אַזוי פּאָפּולער צו ווערן אין דער אַרמיי, אַז וואַשינגטאָן האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, און וואַשינגטאָן האָט באַלד געהאַנדלט. ער האָט דערקלערט, אַז ער איז וויליק צו רעזיגנירן, אויב דאָס זאָל באמת זיין די פאָדערונג פון דער מערהייט אין קאָנגרעס — ער וועט אָבער ניט רעזיגנירן צוליב דער אַגיטאַציע פון אַ פראַקציע.

אין קאָנגרעס האָט די פראַקציע נאָך ניט געהאַט קיין מערהייט, און איז דעריבער ניט געווען בכח אויפצונעמען אַן אָפענעם קאַמף מיט וואַשינגטאָנ׳ען. דערווייל איז אָנגעקומען די נייַעס וועגן דעם אָפּמאַך מיט פראַנקרייך. דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט שטאַרק געשלאָגן אָט די פראַקציע, וואָס האָט געקוקט מיט אומצוטרוי אויף די פאַרהאַנדלונגען מיט לואי דעם 16טן. דער פאַרזוך אַרונטערצוזעצן וואַשינגטאָנ׳ען איז אויפגעגעבן געוואָרן.

די דיפלאָמאַטן פון דער רעוואָלוציע

אויב צווישן די פירער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָבן זיך געפונען אָפּטימיסטן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן מיט די אייגענע כחות געווינען אין אַן אָפענער שלאַכט מיט דער ענגלישער קעניגלעכער אַרמיי, האָבן די שלאַכטן פון לאָנג־איילאַנד, און שפּעטער פון האַרלעם זיי באַוויזן, אַז אָן אויסערלעכער הילף איז די רעוואָלוציע פאַרלאָרן. די דאָזיקע הילף האָבן די רעוואָלוציאָנערן געהאָפט צו קריגן פון פראַנקרייך. באַם אָננעמען די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט האָט די פראַגע וועגן דער שטעלונג פון פראַנקרייך, ווי מיר האָבן געזען, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל.

נאָך אין מערץ 1776, האָט דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס אַוועקגעשיקט אַ שליח, סיילעס דיען פון קאָנעטיקוט, קיין פּאַריז; דער קאָנגרעס האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ פאָרם פון אַן אָפּמאַך, וואָס אַמעריקאַנער פאַרטרעטער זאָלן פאָרשלאָגן די אייראָפּייאישע רעגירונגען. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט דער קאָנגרעס אויסגעקליבן די פּיאיקסטע דיפּלאָמאַטן, וואָס אַמעריקע האָט דעמאָלט פאַרמאָגט. בענדזשאַמין פרענקלין, אַרטור לי, דזשאַן דזשיי, דזשאַן אַדאַמס האָבן געפירט „אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע" אין פּאַריז, בערלין, ווין, מאַדריד און אַנדערע אייראָפּייאישע שטעט.

דער העלד פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער דיפּלאָמאַטיע איז געווען בענדזשאַמין פרענקלין.

בענדזשאַמין פרענקלין איז אין פיל הינזיכטן געווען אַ מערקווירדיקער מענטש. אין דער ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער וועלט איז ער געווען באַקאַנט אַלס פּיאיקער ליטעראַט, וויסנשאַפטסמאַן און פילאָזאָף. ער איז אָבער אויך געווען דער טיפּישער פאַרטרעטער פון דעם יונגן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. צו „פאַרדינען אַן ערלעכן גראָשן", צו באַנוצן זיך מיט פרענקלינ׳ס פראַזע („אוירנינג אַן אַנעסט פּעני"), האָט ער ניט שטאַרק מקפּיד געווען אויף די מיטלען. זיין פאַרמעגן האָט ער געמאַכט ניט פון זיין באַרימטן אַלמאַנאַך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, ניט פון זיינע וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן אין עלעקטריציטעט, נאָר פון ספּעקולירן אין קאָנטראַקטן פון ווייסע שקלאַפן, וועלכע פלעגן געבראַכט ווערן פון אייראָפּע צו דינען פאַר לאַנגע יאָרן, אונטער די ערגסטע באַדינגונגען, אויף די אַמעריקאַנער פאַרמס. ביז היינט־

צו־טאָג ווערט פרענקלין באַטראַכט אַלס איינער פון די גרויסע נביאים פון ביזנעס.

צוליב זיין פּאָפּולאַריטעט אַלס וויסנשאַפטסמאַן און ליטעראַט האָט דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס אים אויסגעקליבן אַלס הויפּט פון דער קאָמיסיע,

בענדזשאַמין פרענקלין

וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך זוכן הילף פאַר דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון פראַנצויזישן קעניג, לואי דעם זעכצנטן, וועלכער האָט מיט 16 יאָר שפּעטער אַליין באַצאָלט מיט זיין קאָפּ אין דער גרויסער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע. לואי דער 16טער האָט פיינט געהאַט רעוואָלוציאָנערן באַ

זיך אין פראנקרייך און די באסטיל איז בא אים שטענדיק געווען איבערפילט מיט פראנצויזישע קעמפער, וואס האבן געוואגט צו געבן א פיפס קעגן זיין טיראניי. אמעריקאנער רעוואלוציאנערן, וואס האבן געקעמפט קעגן זיין בלוטיקן שונא, דזשארדזש דעם דריטן פון ענגלאנד, זיינען בא אים געווען אנגעלייגטע געסט. זיין אויסלענדישער מיניסטער, גראף דע ווערזשען, האט נאך פריער געפירט אונטערהאנדלונגען מיט סיילעס דיען און ארגאנזשירט אין געהיים צו שיקן געלט, קליידער, פולווער און אנדערע מיליטערישע זאפאסן צו די קעמפנדיקע אמעריקאנער קאלאניעס. אפיציעל אבער איז פראנקרייך געווען נייטראל; אפיציעל האט די פראנצויזישע רעגירונג זיך אפגעזאגט אריינצומישן אין דעם קאמף.

ווען פרענקלין איז אנגעקומען אין פאריז, אין הארבסט 1776, האט אים דע ווערזשען אויפגענומען פריוואט, אבער גאנץ פראנקרייך האט געוואוסט, אז „אונזער טייערער רעפובליקאנער", ווי די קעניגין, מאריע אנטאנעט, האט פרענקלינ׳ען גערופן, איז אן אנגעלייגטער גאסט אין פראנקרייך און ווערט שטארק דערמוטיקט אין אפיציעלע קרייזן. ער האט דעריבער זיך ניט געדארפט באקלאגן, ווי דער אמעריקאנער פארטרעטער, וואס איז געשיקט געווארן קיין רוסלאנד, און וועלכער האט דארט פארבראכט „צוויי פרוכטלאזע יארן, איגנארירט פון קעניגלעכן הויף, לעבנדיק אומבאוואוסט, און באגעגנדיק בלויז בזיונות און דורכפאלן".

פרענקלינ׳ס אנוועזנהייט אין פראנקרייך איז אבער געווען אן ערנסטע פראגע פאר דער פראנצויזישער רעגירונג. די ענגלישע רעגירונג האט שטארק פראטעסטירט קעגן דעם, וואס זי, די פראנצויזישע רעגירונג, טאלערירט דעם דאזיקן „פאררעטער" בא זיך אין לאנד; און די פראנצויזישע רעגירונג האט שטארק מורא געהאט אריינגעשלעפט צו ווערן אין אן אפענער מלחמה מיט ענגלאנד. די לאגע פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע סוף הארבסט 1776 און אנהויב ווינטער 1777 איז געווען אזא, אז מען האט ניט געקאנט זיין זיכער, אז אין א שיינעם טאג וועט די ענגלישע ארמיי ניט אויסראטן וואשינגטאנ׳ס רעוואלוציאנערן און מאכן א סוף צום גאנצן אויפשטאנד; און די פראנצויזישע רעגירונג האט ניט געוואלט ווערן דער טשעמפיאן פון א דורכגעפאלענעם אויפשטאנד, כאטש זי האט שטארק געוואלט ברענגען ענגלאנד אזוי פיל שאדן וויפיל זי וועט נאר קאנען, כדי צו ברעכן איר עקאנאמישע איבערהערשאפט.

אָבער ווידעראַמאָל איז גענעראַל האַו געקומען דער רעוואָלוציע צו הילף. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן אין צייט פאַרשטאַרקונג צו גענעראַל בוירגאַין, וועלכער האָט מאַרשירט מיט זיין ארמיי פון קאַנאַדע דורך דעם הארץ פון ניו יאָרק, אָפּשניידנדיק ניי־ענגלאַנד פון די איבעריקע קאָלאָניעס. מען טאָר ניט פאַרקלענערן וואשינגטאָנ'ס פּיאַיקייטן אלס מיליטערישער פירער. ער האָט שטענדיק אויסגענוצט יעדע שוואַכקייט פון גענעראַל האַו אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. ער האָט אויך אויסגענוצט די לאַגע פון גענעראַל באַירגאַין, וועלכער איז געווען ווייט פון זיין באַזע און האָט געהאַט אַ סך אַ קלענערע ארמיי, ווי די אַמעריקאַנער. די רעוואָלוציאָנערע ארמיי האָט באַירגאַינ'ען ארומגערינגלט פון אַלע זייטן און אָפּגעהאַלטן איבער אים אַן אנטשיידענעם זיג.

דער זיג איבער גענעראַל באַירגאַין איז געווען די געלעגנהייט צו קריגן די אָנערקענונג פון פראַנקרייך.

אין פעברואַר 1778, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אונטערגעשריבן אַ האנדלס־אָפּמאַך און געשלאָסן אַ מיליטערישן בונד מיט דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָנערקענט די אומאָפּהענגיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און האָט גאַראַנטירט די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייט. פראַנקרייך האָט אויך צוגעשטימט צו אַ פאַראייניקטער מיליטערישער קאַמפּאַניע קעגן ענגלאַנד און לויט דער 16טער האָט פאָרמעל דערקלערט מלחמה קעגן ענגלאַנד.

דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף שפּאַניע און האָלאַנד. שפּאַניע האָט געהאָפט, אַז איר וועט זיך איצט איינגעבן ארויסצוטרייבן ענגלאַנד פון גיבראַלטאַר און האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין דעם מיליטערישן בונד פון פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן קעגן ענגלאַנד. האָלאַנד, וואָס איז געווען ענגלאַנד'ס אַ האנדלס־קאָנקורענט און געטאָן גוטע געשעפטן מיט אַמעריקע, האָט געהאַלטן אין איין פּראָטעסטירן קעגן די אונטערזוכונגען, וואָס דער ענגלישער פלאָט מאַכט אַף שיפן אין מיטן ים; זי האָט איצט געזען די געלעגנהייט אינגאַנצן צוצונעמען פון ענגלאַנד דעם האנדל מיט די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס און האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דעם מיליטערישן בונד. ענגלאַנד איז אַף אַזאַ אופן ווידעראַמאָל אויסגעקומען צו פירן אַ מלחמה ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אייראָפּע; אַ חוץ

דעם איז נאך פאר איר געשטאנען די געפאר צו פארלירן אירלאנד, וואס האט געדראעט מיט א רעוואלט.

לארד נארט האט שוין איינגעזען, אז דער רעוואלט פון די אמעריקאנער קאלאניעס ווערט פארוואנדלט אין א וועלט־מלחמה, און ער האט געזוכט צו מאכן א צוריקטריט. אין פעברואר 1778, האט ער דורכגעפירט א רעזאלוציע אין פארלאמענט, וואס זאגט־צו די קאלאניסטן, אז ענגלאנד וועט מער ניט מאכן קיין פארזוך ארויפצולייגן שטייערן אף די קאלאניעס. אין דער זעל־ביקער צייט האט דער פארלאמענט באפולמעכטיקט די רעגירונג צו שיקן קיין אמעריקע ספעציעלע פארטרעטער, וואס זאלן אנהויבן פארהאנדלונגען וועגן מאכן א סוף צום קאמף. די ענגלישע רעגירונג האט צוגעזאגט שליסן א וואפנשטילשטאנד און געבן אמנעסטיע, אפשאפן די ניט־געווינטשטע גע־זעצן און צוריקשטעלן די אלטע קאנסטיטוציעס, וואס זיינען געווען אין קראפט איידער דער קאמף האט זיך אנגעהויבן. די דאזיקע הנחות זיינען אבער איצט געווען צו שפעט. א רעוואלוציע האט אירע אייגענע געזעצן, און די ענגלישע רעגירונג האט מער ניט געקאנט טרייבן צוריק די כוואליעס פון דער רעוואלוציע.

דער אפמאך מיט פראנקרייך באצייכנט די צווייטע פאזע, אין וועלכער די אמעריקאנער רעוואלוציע איז אריינגעטראטן. די נייעס וועגן אפמאך מיט פראנקרייך האט ארויסגערופן גרויס פרייד און דערמוטיקונג אין די קאלאניעס. דעם 6טן מאי האט וואשינגטאן פארמעל אנאנסירט פאר דער ארמיי, אז פראנקרייך קומט צו הילף דער רעוואלוציאנערער ארמיי און די אויס־געמאטערטע סאלדאטן האבן די נייס אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאזם. דער טאג איז דערקלערט געווארן פאר א יום־טוב און דעם גאנצן טאג האבן די סאלדאטן פאראדירט און געשאסן לכבוד דער גרויסער געשעעניש.

און אין דער זעלבער צייט האבן אויך די ענגלישע סאלדאטן אין פילא־דעלפיע געפייערט א גרויסע געשעעניש. די ענגלישע רעגירונג האט אנגענומען די רעזיגנאציע פון גענעראל האו און באשלאסן אים דערלויבן זיך אומצוקערן קיין ענגלאנד. זיין רעזיגנאציע האט האו אריינגעגעבן נאך דעם 22טן אקטא־בער, באלד נאך דער שלאכט פון דזשוירמענטאון.

האו צוריקגערופן פון אמעריקע

אין דעם בריוו, אין וועלכן האו בעט מען זאל אים באפרייען פון וויטער־דיקער דינסט, שרייבט ער, אז ער האט געהערט קלאנגען, אז בוירגאין האט

זיך אונטערגעגעבן צו די רעוואָלוציאָנערן, אָבער ער גלויבט ניט די דאָזיקע קלאַנגען. ער וואונדערט זיך שטאַרק — שרייבט ער ווייטער — צו הערן, אַז באַירגאַין האָט זיך באַקלאָגט אַף דעם, וואָס ער האָט מיט אים ניט קאָאָפּערירט ווען עס איז געווען, ווי ער גלויבט, קלאָר פאַרשטאַנען פון זיינע בריוו צו קאַרלטאָנ׳ען, אַז די דרום־אַרמיי וועט באַירגאַינ׳ען ניט קאָנען געבן קיין דירעקטע הילף. און ער פאַרענדיקט, אַז אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן צו אַלע זיינע רעקאָמענדאַציעס, אַז ער וואָלט וועלן מען זאָל אים דערלויבן צו רעזיגנירן פון „אַט־דער זייער אַנגעשטרענגטער דינסט, אין וועלכער איך האָב ניט דעם גוטן מזל צו האָבן דעם נויטיקן צוטרוי פון מיינע העכערע באַאַמטע".

האָו׳ס רעזיגנאַציע איז אָבער געקומען צו־שפּעט פאַר ענגלאַנד צו קאָנען ענדערן די לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די קאָלאָניעס אַ דאַנק האָו׳ס פירערשאַפט.

פינפטער קאפיטל

אפן וועג צום זיג

דער אפמאך מיט פראנקרייך און דאס צוריקרופן פון גענעראל האו פון אמעריקע שאפן היסטאריש און כראנאלאגיש אן איבערברוך אין דער מלחמה פאר דער אומאפהענגיקייט פון די פאראייניקטע שטאטן. די מלחמה איז נאך ווייט ניט געווען געענדיקט; ניט איין מאל זיינען די פאר־אייניקטע שטאטן געשטאנען באם שוועל פון דורכפאל; ניט וויניק מענטש־לעכע לעבנס און מענטשלעכע פראצע האבן זיי נאך געדארפט אוועקלייגן, איידער די ענגלישע טארי־רעגירונג איז געשלאגן געווארן ניט נאר פון די פאטריאטן אין אמעריקע, נאר אויך פון די וויגס אין ענגלאנד. אין דער הינזיכט איז דער זיג פון די פאראייניקטע שטאטן געווען ענג פארבונדן מיט דעם זיג פון די וויגס אין ענגלאנד, וואס זיינען ביידע געווען היסטאריש א טייל פון דעם זיג פון דעם אויפקומענדיקן קאפיטאליסטישן קלאס איבערן פעאדאליזם.

דער איבערברוך אין דער מלחמה איז געקומען מיט דעם דורכפאל פון דער קאנאדער עקספעדיציע, ווען דער פירער פון דער עקספעדיציע, גענעראל בוירגאין, האט זיך אונטערגעגעבן צו די רעוואלוציאנערן. דער דאזיקער דורכפאל האט אין א געוויסער מאס באשטימט דעם גאנצן אויסגאנג פון דעם קאמף.

דער סטראטעגישער פלאן פון ענגלאנד

מיר האבן געזען, אז באם סאמע אויסברוך פון דער מלחמה האבן די פאטריאטן פארשטאנען די סטראטעגישע וויכטיקייט פון דעם האדסאן־טאל און דעם וואסער־וועג, וואס פירט פון ניו יארק צו קאנאדע. אטען אלען און בענעדיקט ארנאלד האבן געהאלטן אין זייערע הענט דעם צפון־ענד פון דעם דאזיקן וואסער־וועג — פארט טיקאנדעראגא, וואס האט אפגעשניטן קאנאדע פון די אמעריקאנער קאלאניעס. דער פלאן פון דער ענגלישער רעגירונג, ווי מיר ווייסן שוין, איז געווען צו פארכאפן די גאנצע געגנט ביז אלבאני, פאר־

אייניקן די קאַנאַדער אַרמיי מיט דער אַרמיי פון גענעראַל האַו און אַף אַזאַ אופן אָפּשניידן די רעבעלירנדיקע ניי־ענגלאַנדער פון דער רעשט פון לאַנד.

גענעראַל באָירגאָין, דער קאָמאַנדיר פון אָט־דער קאַנאַדער עקספּעדיציע, איז געווען אַ ליבלינג פון ענגלישן קעניגלעכן הויף; ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אָט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אַ דאַנק זיין גרויסן איינפלוס אין די ענגלישע אַריסטאָקראַטישע קרייזן. אין אַמעריקע האָט מען געגלויבט, אַז ער איז אַ פּייאיקער מענטש, כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין שום דערפאַרונג אין פירן מלחמה אין אַ האַלב־ווילדן לאַנד.

דער אַלגעמיינער פּלאַן פון דער עקספּעדיציע איז געווען, אַז גענעראַל באָירגאָין מיט דעם גרעסטן טייל פון דער אַרמיי, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות, זאָל זוכן צוצוקומען צום האָדסאָן אַפּן וועג פון לעיק שעמפּלעין און לעיק דזשאָרדזש. אין דער זעלביקער צייט זאָל אַ קלענערע עקספּעדיציע זיך אַוועקלאָזן מיט דעם סט. לאָורענס צו אָסוועגאָ בײַ לעיק אָנטאַריאָ, פאַרכאַפּן פאָרט סטאַנוויקס, און אַף אַזאַ אופן אָפּשניידן דעם וועג פאַר אַן אַרמיי, וואָס וואַשינגטאָן וואָלט געקאָנט שיקן צו הילף דער אַמעריקאַנער צפון־אַרמיי. דער קאָמאַנדיר פון דער קלענערער עקספּעדיציע איז געווען סט. לעדזשער, וועלכער האָט געהאַט אין זיין רשות אַרום 800 מאַן. באָירגאָינ'ס אַרמיי איז באַשטאַנען פון אַרום 7 טויזנט מאַן.

דעם 17טן יוני 1777, ווען האַו האָט זיך „נאַריש געמאַכט" אין ניו דזשוירזי, האָט באָירגאָין אָנגעהויבן זיין מאַרש זיך אויסצוקעמפן אַ וועג קיין אָלבאַני.

ביז טיקאָנדעראָגאַ האָט באָירגאָין געהאַט אַ פרייען וועג. אין קראַון פּאָינט האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ מלחמה־ראַט מיט די אינדיאַנער, וועלכע די ענגלענדער האָבן איבערגערעדט זיך צו באַטייליקן אין דער מלחמה אַף זייער זייט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע און זיי דערקלערט, אַז זיי טאָרן ניט הרג'ענען קיין געפאַנגענע, ספּעציעל אַלטע מענער, פרויען און קינדער; אַז זיי טאָרן ניט סקאַלפּירן קיין פאַרוואונדעטע, א. אז. וו. מיט דער דאָזיקער רעדע פאַר די אינדיאַנער האָט באָירגאָין באַצוועקט צו געווינען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון די אַמעריקאַנער פאַרמערס פון דער געגנט, וואָס זיינען געווען נייטראַל אין דער מלחמה, וועלכע זיינען אָבער אויפגעבראַכט געוואָרן אַף די ענגלענדער פאַר באַנוצן זיך מיט די ווילדע אינדיאַנער אין דער מלחמה.

דעם 2טן יולי, דערנעענטערנדיק זיך צו טיקאנדעראגא, האט בוירגאין ארויסגעגעבן א הויך־קלינגענדיקע פראקלאמאציע, אין וועלכער ער האט אויפגעפאדערט די רעבעלן זיך אונטערצוגעבן. ער האט גערעדט וועגן די גרויסע חסדים פון דער ענגלישער קרוין, וואס האט געשיקט איר ארמיי באפרייען די קאלאניסטן פון דעם טראר פון די רעוואלוציאנערע קאמיטעטן און איינפירן צוריק די רעכטן פון פאלק אונטער דער בריטישער קאנסטיטוציע. די הויכע פראזן פון דער דאזיקער פראקלאמאציע האבן ארויסגערופן פיל שפאס צווישן די אמעריקאנער, און אין ניכן האבן אין דער פרעסע זיך באוויזן זייער וויציקע פאראדיעס אף בוירגאנ׳ס פראקלאמאציע.

די רעוואלוציאנערע ארמיי, די אזוי־גערופענע צפון־ארמיי, וואס האט געדארפט פארטיידיקן דעם האדסאן־טאל פון אן אנגריף פון דער קאנאדער זייט, האט זיך געפונען אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל סקיילער. ער איז אבער געווען בלויז דער גענעראל־פארוואלטער פון דער צפון־ארמיי. די אקטיווע פירערשאפט פון דער ארמיי האט זיך געפונען אין די הענט פון גענעראל גײטס. די דאזיקע צוויי האבן איצט געהאט די אויפגאבע זיך צו שטעלן קעגן דער גרויסער עקספעדיציע פון קאנאדע, וואס האט אין משך פון זומער, 1777, געדארפט פארכאפן די גאנצע געגנט ביז אלבאני.

די ערשטע לייכטע זיגן פון די ענגלענדער

אין טיקאנדעראגא זעלבסט האט זיך געפונען א גארניזאן, אונטער דער פירערשאפט פון גענעראל סט. קלעיר, וואס איז באשטאנען פון 2,500 רעגולערע סאלדאטן און 900 מיליציאנטן. נאך מיט וואכן פריער האט סט. קלעיר אויסגעפונען, אז אין באפעסטיקן טיקאנדעראגא האבן די אינזשענערן געמאכט א טעות, וואס מאכט גרינג פאר די ענגלענדער צו פארניכטן דעם גאנצן גארניזאן. א בארעטונג פון די אפיצערן האט באשלאסן, אז מען זאל די פעסטונג אויפגעבן און ראטעווען דעם גארניזאן, וואס וועט נאך אלץ קאנען שטערן דעם מארש פון בוירגאינ׳ען מיט זיין ארמיי קיין אלבאני.

דער דאזיקער באשלוס האט ארויסגערופן גרויס אויפרעגונג אין די רייען פון די רעוואלוציאנערן. אלע באריכטן, וואס וואשינגטאן האט געקראגן פון גענעראל סקיילער, האבן דערקלערט, אז טיקאנדעראגא איז אומבאזיגבאר. סט. קלעיר איז פארדאמט געווארן אלס א טרוס, וואס האט זיך דערשראקן פאר

די ענגלענדער. אַלע זיינע טענות האָבן ניט געהאָלפן און ער איז ענדלעך געשטעלט געוואָרן צו אַ קריגס־געריכט. דער געריכט האָט אים אָבער פריי־געשפּראָכן פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פאַרקערט, די דערפאַרונג מיט 3 יאָר שפּעטער, ווען גענעראַל לינקאָלן האָט זיך געפונען אין אַן ענלעכער לאַגע אין טשאַרלסטאָן און האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצן גאַרניזאָן, האָט באַוויזן, אַז סט. קלעיר האָט געהאַנדלט ריכטיק.

אינמיטן נאַכט, דעם 5טן יולי, האָט סט. קלעיר שטילערהייט פאַרלאָזן טיקאָנדעראָגאַ. דער צוריקטריט איז געמאַכט געוואָרן אין פולער אָרדענונג, כאָטש די אַמעריקאַנער זיינען געווען געצוואונגען איבערצולאָזן אין דער פעס־טונג גרויסע זאַפּאַסן שפּייז און אַמוניציע. אַ שעה שפּעטער, פאַרלאָזנדיק איינע פון די פעסטונגען, האָט גענעראַל פּוירסי אונטערגעצונדן זיין הויז. דער פייער האָט באַלויכטן די גאַנצע געגנט און די ענגלענדער האָבן אַזוי־אַרום אַנטדעקט דעם צוריקטריט פון די אַמעריקאַנער.

זעענדיק, אַז דער שונא האָט אויסגעפונען וועגן זייער צוריקטריט, האָט צווישן די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אויסגעבראָכן אַ פּאַניק און מיט גרויס שוועריקייטן האָט זיך סט. קלעיר'ן איינגעגעבן איינצושטעלן אָרדענונג. 30 מייל האָט סט. קלעיר'ס אַרמיי יענעם טאָג מאַרשירט. אַ קליינע אָפּטיילונג אונטער קוירנעל וואַרנער איז איבערגעבליבן פון הינטן אָפּצושטעלן די ענג־לענדער, אין פאַל זיי וועלן מאַכן אַ פּרוּוו נאָכצויאָגן די אָפּטרעטנדיקע אַרמיי. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט זיך באַפעסטיקט אין היובערטאָן.

דעם נעקסטן טאָג האָט בוירגאָין אַרויסגעשיקט אַן אָפּטיילונג אונטער גענעראַל פרייזער צו אַטאַקירן די פּאָזיציע פון די אַמעריקאַנער. קוירנעל וואַרנער האָט געהאַט בלויז 700 מאַן צו פאַרטיידיקן די פּאָזיציע און די דאָזיקע קליינע אָפּטיילונג האָט בראַוו און מוטיק געקעמפט קעגן די ענג־לענדער, וואָס זיינען געווען אַ סך מער אין צאָל. סט. קלעיר האָט פאַראָרדנט צוויי רעגימענטן מיליץ, וואָס זיינען געווען נאָענט צום שלאַכטפעלד, צו קומען וואַרנער'ן צו הילף. די רעגימענטן האָבן אָבער די פאַראָרדענונג ניט אויסגעפאָלגט און וואַרנער מיט זיין אָפּטיילונג איז אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. בוירגאָין האָט שפּעטער געהאַלטן, אַז די דאָזיקע שלאַכט איז געווען איינע פון די גרויסע נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן אין זיין קאַמפּאַניע.

גענעראַל פרייזער האָט פאַרגעזעצט זיך נאָכצויאָגן נאָך סט. קלעיר'ס אַרמיי מיט דער יבשה, און אין דער זעלביקער צייט האָט בוירגאָין אָפּגע־

רייניקט דעם שמאָלן קאנאַל בא טיקאנדעראָגא פון די באַריקאַדן, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן דאָרט געהאַט אויפגעשטעלט און האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיטן וואַסער אַפּצושניידן דעם וועג פון די אַמעריקאַנער.

ביז איצט האָט בוירגאָין געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. ער האָט אָן שוועריקייטן פאַרנומען די גרויסע צפון־פעסטונג, וואָס איז אויך אין ענגלאַנד באַטראַכט געוואָרן ווי אומבאַזיגבאַר; ער האָט אַריינגעדרונגען ווייט אין לאַנד און געהאַלטן אין טרייבן דעם שונא אַלץ ווייטער צו דרום. סט. קלעיר איז אָפּגעטראָטן ביז פאָרט עדוואַרד, וואו ער האָט זיך פאַראייניקט מיט גענעראַל סקיילער. צוזאַמען האָבן זיי געהאַט בלויז 4,400 מאַן. באָירגאָין האָט געהאַט 7,000 מאַן גוט באַוואָפנט און דיסציפּלינירט.

באָירגאָין האָט איצט געהאַט דעם אויסוואַל פון צוויי וועגן, מיט וועלכע ער האָט געקאָנט קומען אין אָלבאַני: ער האָט געקאָנט זיך אומקערן קיין טיקאַנדעראָגאַ, אַריבערפירן זיין אַרמיי אויף שיפן דורך לעיק דזשאָרדזש און פון דאָרט אַריבערשלעפן די שיפן איבער דעם שמאָלן פאַס לאַנד ביז פאָרט עדוואַרד און אין פיר טעג צייט קומען מיטן האָדסאָן קיין אָלבאַני. אָנשטאָט אָבער צו פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם וועג, האָט ער אָנגעהויבן בויען אַ וועג דורך די געדיכטע ווילדער צווישן סקענעסבאָראָ, באַם פוס פון לעיק שעמפּלעין, וואו זיין פּלאַט האָט זיך געפונען, און פאָרט עדוואַרד. דעם דאָזיקן וועג איז אים אויסגעקומען צו בויען אין אַ ווילדער געגנט און אַ חוץ דעם האָט ער אויך געמוזט בויען אַרום 40 נייע בריקן און פאַרריכטן די אַלטע, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן פאַרניכטעט.

בוירגאָינ'ס שונאים האָבן שפּעטער אָנגעוויזן, אַז דאָס בויען פון אָט־דעם וועג איז געווען דער הויפּט־טעות, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער קאַמפּאַניע; ער האָט אויסגעמאַטערט זיינע סאָלדאַטן און זיינע פערד און האָט זיך פאַרזאַמט דריי וואָכן צייט, ווען יעדער טאָג איז געווען טייער. מען האָט גערעדט, אַז באָירגאָין האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון אַ געוויסן סקין, וועלכער האָט פאַרמאָגט גרויסע שטרעקעס לאַנד אין דער דאָזיקער געגנט. דער דאָזיקער סקין זאָל אים האָבן איינגערעדט צו בויען אָט־דעם וועג, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם ווערט פון זיין לאַנד אויף טויזנטער פונט.

אין זיינע דערקלערונגען פאַר דער פאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע האָט אָבער באָירגאָן באַוויזן, אַז די אַלע רייד וועגן דעם, אַז מיט לעיק דזשאָרדזש

און מיט דעם האָדסאָן וואָלט ער אין 4 טעג אָנגעקומען אין אָלבאַני, זיינען ניט ריכטיק. ער האָט באַוויזן, אַז עס וואָלט אים גענומען פּונקט אַזוי לאַנג צו קומען צו פאָרט עדוואַרד מיטן וואַסער, ווי ס'האָט אים גענומען בויענדיק די 40 בריקן, און אַז ער האָט ניט געהאַט קיין שיפן אַריבערצופירן זיין אַרמיי איבער לעיק דזשאָרדזש. די שיפן, וואָס ער האָט געהאַט, האָבן גע־פירט די זאַפּאַסן שפּייז קיין פאָרט עדוואַרד, און עס האָט גענומען די דאָזיקע שיפן פּונקט אַזוי לאַנג צו קומען קיין פאָרט עדוואַרד, ווי אים אָנ־צוקומען מיט דער יבשה.

אין דער זעלביקער צייט איז די אַמעריקאַנער אַרמיי געווען דיסאָרגאַני־זירט, אַ גרויסער טייל האָט דעזערטירט און איז אַוועק אַהיים; דער טייל, וואָס איז פאַרבליבן, האָט פאַרלאָרן דעם מוט, האָט זיך אַרומגעקריגט צווישן זיך און האָט אַפּילו ניט געקאָנט אָפּטרעטן אין אָרדענונג, ווייסנדיק אַז דער שונא געפינט זיך בלויז 20 מייל ווייט.

אינדיאַנער ציען זיך צוריק פון דער מלחמה

אין דער צייט, וואָס בוירגאָין האָט געהאַלטן אין טרייבן די רעוואָלוציאָ־נערע אַרמיי און מאַכן זיך אַ וועג קיין אָלבאַני, האָט דער צווייטער טייל פון דער עקספּעדיציע, וואָס איז באַשטאַנען פון 700 ענגלישע סאָלדאַטן און אַרום אַ טויזנט אינדיאַנער, אונטער דער פירערשאַפט פון סט. לעדזשער, דערגרייכט פאָרט סטאַנוויקס און באַלאַגערט די פעסטונג. די פעסטונג האָט זיך געפונען אונטער דער קאָמאַנדע פון קוירנעל גיינזוואורט, וועלכער האָט געהאַט זייער ווייניק מענטשן זיך צו פאַרטיידיקן.

גענעראַל הוירקימער האָט צוזאַמענגעקליבן אַרום 800 מיליציאָנערן און האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו קומען צו הילף דער באַלאַגערטער פעסטונג. ער איז אָבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אינדיאַנער און איז שווער פאַר־וואונדעט געוואָרן אין אַ שלאַכט מיט זיי. אין דער שלאַכט האָבן אויך די אינדיאַנער געליטן שווערע פאַרלוסטן. אַ חוץ דעם האָט דער גאַרניזאָן פון פאָרט סטאַנוויקס זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט פון דער פעסטונג און פאַר־ניכטעט צוויי אָפּטיילונגען פון סט. לעדזשער'ס אַרמיי, וואָס האָבן באַלאַגערט די פעסטונג. די אינדיאַנער האָבן אין דער שלאַכט פאַרלאָרן אַרום 70 מענטשן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ צאָל פון זייערע אָנ־געזעענסטע פירער.

די אינדיאַנער האָבן באַלד באַשלאָסן, אַז זיי האָבן שוין גענוג געקעמפט, און אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרענדיקן זייער שותפות מיט די ענגלענדער. אגב האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען צווישן די אינדיאַנער, אַז באָירגאָין האָט געליטן אַ גרויסע נידערלאַגע, און אַז אַן אַמעריקאַנער אַרמיי פון דריי טויזנט מאַן געפינט זיך אָפּן וועג צו העלפן דעם באַלאַגערטן גאַרניזאָן. די אינדיאַנער האָבן מער ניט געוואָלט וואַרטן און האָבן אָנגעהויבן זיך צעלויפן. אומזיסט האָט סט. לעדזשער זיך געבעטן בא זיי; ס'האָבן אויך ניט געהאָלפן די קייפלעך שנאַפּס, וואָס ער האָט אין זיי אַריינגעגאָסן. די אינדיאַנער זיינען געווען דערשראָקן אַף טויט און זיי האָבן סט. לעדזשער'ן פאַרלאָזן.

פאַרלירנדיק די אינדיאַנער, האָט סט. לעדזשער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אָפּצוטרעטן. די אינדיאַנער האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער זייערע פאַרבינדעטע מיט דעם, וואָס יעדע פּאָר מייל פלעגט עמיצער פון זיי אויפהויבן אַ געשריי: „זיי קומען, זיי קומען!" און זיי פלעגן זיך אַמוזירן, צוקוקנדיק ווי די ענגלישע סאָלדאַטן שטעלן פיס. די אַמעריקאַנער זיינען אַף אַזאַ אופן פטור געוואָרן פון דעם סט. לעדזשער טייל פון דער קאַנאַדער עקספּעדיציע.

און בוירגאָין האָט דערוויל זיך אויך ניט געקענט רירן פון אָרט. אַ חוץ דעם וועג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין בויען, כדי צו קענען צוקומען צום האָדסאָן, האָט ער אויך געמוזט וואַרטן אַף זאַפּאַסן פון קאַנאַדע. ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאַרכאַפּן די זאַפּאַסן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אין בענינגטאָן. ער האָט אָבער געהאַט אַ מיאוס'ן אָפּשניט. די עקספּעדיציע, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט צו פאַרנעמען די דאָזיקע זאַפּאַסן, איז כמעט אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן פון גענעראַל סטאַרק, וועלכער האָט זיך גע־פונען מיט אַ באַדייטנדיקער אַרמיי אין דער געגנט.

די שלאַכט בא בעמינגטאָן איז געווען בוירגאָין'ס ערשטער דורכפאַל און פון דעמאָלט אָן האָט אים אָנגעהויבן צו גיין מיטן פוטער אַראָפּ. ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט סט. לעדזשער'ן, האָט אַ טייל פון די אינדיאַנער, וועלכע האָבן פאַרלאָרן אַרום הונדערט מענטשן אין דער בעמינגטאָן עקספּעדיציע, זיך דערשראָקן און זיך צוריקגעצויגן פון ווייטער זיך באַטייליקן אין דער מלחמה.

פאַרלירנדיק דעם גרעסטן טייל פון זיינע אינדיאַנער און אַרום פיר הונדערט פון זיינע אייגענע סאָלדאַטן אין דער שלאַכט בא בעמינגטאָן, אַ חוץ

דעם שווערן פאַרלוסט, וואָס ער האָט געליטן אין פערד, וועגנער און אַמוניציע, האָט בוירגאַין ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווי וואַרטן אויף די זאַפּאַסן פון קאַנאַדע. פון 16טן אויגוסט ביז דעם 13טן סעפּטעמבער איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן. און אין דער צייט, דערמוטיקט פון די נצחונות בײַ בעמינגטאָן און פאָרט סטאַנוויקס, און וויסנדיק שוין אויף זיכער, אַז האַו וועט ניט אַטאַקירן ניי־ענגלאַנד, און וועט בכלל ניט קומען צו הילף דער באַירגאַין־אַרמיי, האָט די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי אָנגעהויבן זאַמלען נייע קרעפטן און מאַכן נייע פּלענער אײַנגאַנצן צו פאַרניכטן די באַירגאַין עקספּעדיציע.

די שלאַכט בײַ סאַראַטאָגאַ

באַירגאַינ׳ס פּראָבלעמען זײַנען דערווײַל געוואָרן אַלץ שווערער. ער האָט זיך געפונען אויף דער מזרח־זייט פון האָדסאָן, און אַלבאַני, דער צוועק פון זײַן עקספּעדיציע, איז אויף דעם מערב־זייט פון האָדסאָן. ער האָט זיך געפונען אַרום 50 מייל פון אַלבאַני, און ער האָט געוואוסט, אַז וואָס ווײַטער וועט אים אַלץ זײַן שווערער אַריבערצוגיין דעם טײַך, ספּעציעל ווען די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַלטן אין אָרגאַניזירן אַ גרויסע אַרמיי אויף דער אַנדער זייט פונעם טײַך אים צו באַקעמפן. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַריבערצוגיין אויף דער מערב־זייט פון האָדסאָן לעבן סאַראַטאָגאַ, ניט ווײַט פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט זיך געפונען. די פראַגע פאַר אים איז געווען, ווי אַזוי אײַנצוהאַלטן זײַנע פאַרבינדונגען מיט קאַנאַדע, דעם קוואַל פון זײַנע זאַפּאַסן. גענעראַל ריעדסעל האָט געראַטן איבערצולאָזן אַ גענוגנדיקע וואַך, וואָס זאָל אָפּהיטן די דאָזיקע פאַרבינדונגען. באַירגאַן האָט אָבער מיט אים ניט אײַנגעשטימט, זײַן אַרמיי איז אַזוי שוין אויך געווען קליין גענוג נאָך די פאַרלוסטן, וואָס ער האָט געליטן אין בעמינגטאָן, און אָראָפּרעכענענדיק די טויזנט מענטשן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין טיקאָנדעראָגאַ. אויב ער זאָל איבערלאָזן נאָך מענטשן, וועט אים ניט בלײַבן גענוג פאַר דעם קאַמף, וואָס ער האָט דערוואַרטעט בײַ אַלבאַני. ער האָט דעריבער באַשלאָסן איבערצולאָזן זײַנע פאַרבינדונגען מיט קאַנאַדע אומבאַוואַכט און מיט דער גאַנצער אַרמיי אַריבערגיין אויף דער מערב־זייט פון האָדסאָן.

דעם 13טן סעפּטעמבער איז באַירגאַין אַריבערגעגאַנגען אויף דער מערב־

זייט פון הודסאָן. זיין ארמיי איז אָבער איצט באשטאַנען פון בלויז 4,646 מאַן און מיט אָט דעם הייפל מענטשן האָט ער אָנגעהויבן זיין מאַרש קיין אָלבאַני. ער האָט איצט זיך שוין געדאַרפט רעכענען מיט א שטאַרקער רע־אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער ארמיי, וואָס איז געווען אַנטשלאָסן צו פאַר־טיידיקן יעדן אינטש פון די פופציק מייל, וואָס ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן.

דער הויפּט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי איז איצט געווען גענעראַל גייטס, וועלכער איז דעם 19טן אויגוסט באַשטימט געוואָרן צו פאַרנעמען

גענעראַל געיטס

גענעראַל סקיילער'ס פּלאַץ. די ענערגישע טעטיקייט פון גענעראַל גייטס האָט באַלד געוואונען צוטרוי צווישן די רעוואָלוציאָנערן און די מיליץ פון נייַ־ענגלאַנד האָט באַלד אָנגעהויבן זיך אַנשליסן אין זיין אַרמיי. אין דעם חודש, וואָס בוירגאָין האָט געוואַרט, האָט גייטס צוזאַמענגעקליבן אַן אַרמיי פון אַרום 7,000 מאַן.

אין סטילוואָטער, 12 מייל פון דעם פּלאַץ, וואו בוירגאָין איז אַריבער־געגאַנגען דעם הודסאָן, האָבן זיך די צוויי אַרמייען באַגעגנט. די שלאַכט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן טאָג און ביז

שפעט אין דער נאכט. די דאזיקע שלאכט איז אין דער אמעריקאנער געשיכטע באקאנט אונטער פארשיידענע נעמען: די ערשטע שלאכט פון סאראטאגא, די שלאכט פון בעמיס הייטס, אדער די ערשטע שלאכט פון סטילוואטער. קיינער פון די צוויי צדדים האט ניט געקאנט זיך דערקלערן אלס זיגער, כאטש די ענגלענדער האבן זיך באריִמט, אז מיט זייער לעצטער באגנעט־אטאקע האבן זיי פארטריבן די אמעריקאנער פון שלאכטפעלד. דער פאקט איז, אז ביידע ארמייען זיינען פארבליבן אף זייערע פאזיציעס און פון דעם 20טן סעפטעמבער, ווען די שלאכט איז פארגעקומען, ביז דעם 7טן אקטאבער, זיינען די צוויי ארמייען געשטאנען איינע קעגן דער אנדערער און מורא געהאט אנצוהויבן א נייעם קאמף.

גענעראל געיטס האט אויסגענוצט די צייט צו באפעסטיקן זיך און פארגרעסערן זיין ארמיי. גענעראל לינקאלן, וועלכער האט רעקרוטירט אן ארמיי אין ניי־ענגלאנד, איז אים איצט געקומען צו הילף מיט נייע 2 טויזנט סאלדאטן. פארמערס פון דער ארומיקער געגנט האבן זיך אויך אנגעהויבן אנשליסן אין געיטס' ארמיי. אין א קורצער צייט האט געיטס שוין געהאט אן ארמיי פון 11 טויזנט מאן.

בוירגאין גיט זיך אונטער

בוירגאין, מיט די פאר טויזנט סאלדאטן, וואס זיינען אים איצט געבליבן, האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווי ווארטן. אגב האט ער דעם טאג נאך דער סטילוואטער־שלאכט באקומען א בריוו פון גענעראל קלינטאן פון ניו יארק, וועלכער האט דערקלערט, אז ער וועט מאכן א פארזוך אים צו קומען צו הילף דורך אן אטאקע, וואס ער פלאנעוועט אף וועסט פאינט. די דאזיקע הילף, ווען זי וואלט אפילו געקומען, וואלט אויך געווען צו־שפעט. באירגאין האט עס גוט געוואוסט. ער האט אבער געהאט זיינע אינסטרוקציעס צו זוכן א פאראייניקונג מיט דער דרום־ארמיי. ער האט דעריבער באשלאסן צו שיקן שלוחים צו גענעראל קלינטאן, אויפפאדערנדיק אים, אז די הילף זאל קומען אזוי שנעל ווי מעגלעך, ווען ניט — וועט זיין צו־שפעט.

לאנג האט אבער באירגאין ניט געקאנט ווארטן. זיינע שפייז־זאפאסן זיינען געווארן מיט יעדן טאג אלץ קלענער, און דעם 7טן אקטאבער איז ער געצוואונגען געווען עטוואס צו טאן, כדי צו קריגן שפייז פאר זיין ארמיי.

מיט 1,500 סאָלדאטן האָט ער געמאַכט אַ פּאָרזוך זיך דורכצושלאָגן אַ וועג. אין פאַל פון אַ דורכפאַל האָט ער געפּלאַנעוועט זיך אומצוקערן צו זיין אַלטער פּאָזיציע, אויף דער אַנדער זייט פון האָדסאָן.

די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי איז איצט געווען גרייט אים צו באַגעגענען. די צווייטע שלאַכט פון סאַראַטאָגאַ, ווי די דאָזיקע שלאַכט איז באַקאַנט, האָט געמאַכט אַ סוף צו דער קאַנאַדער עקספּעדיציע. דער העלד פון דער דאָזיקער שלאַכט איז געווען גענעראַל אַרנאָלד, וועלכער האָט שפּעטער די רעוואָ־לוציע פאַרראַטן. די ענגלענדער האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן און זיינען געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן.

בוירגאָין האָט איצט געמאַכט אַ פּאָרזוך אַריבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט פון האָדסאָן. געיטס האָט אים אָבער אָפּגעשניטן דעם וועג פאַר אַ צוריק־טריט. די רעשטלעך פון זיין אַרמיי זיינען געווען אינגאַנצן דעמאָראַליזירט. די אַמעריקאַנער האָבן זיי ניט געגעבן קיין מינוט רו, ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט. דער אומגליקלעכער באָירגאָין האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי זיך אונטערצוגעבן.

דעם 13טן אָקטאָבער האָט ער צוזאַמענגערופן אַ ראַט פון זיינע אָפיצערן. דער ראַט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונטער דעם דונער פון אַן אַמעריקאַנער קאַנאָנאַדע. די ענגלישע אָפיצערן האָבן באַשלאָסן אָנצוהויבן פאַרהאַנדלונגען מיט גענעראַל גייטס וועגן אונטערגעבן זיך, און דעם 16טן אָקטאָבער זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די באַדינגונגען, אויף וועלכע בוירגאָין מיט זיין אַרמיי גיבן זיך אונטער דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. דעם זעלביקן טאָג אָבער האָט אַ דעזערטיר געבראַכט בוירגאָינ׳ען די נייס, אַז קלינטאָן געפינט זיך שוין אויפן וועג קיין אַלבאַני.

בוירגאָין האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, ווי איינער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי. אַזוי ווי דער אָפּמאַך זיך אונטערצוגעבן איז נאָך ניט געווען אונטערגעשריבן, האָט ער פאָרגעשלאָגן זיינע אָפיצערן צו ברעכן דעם אָפּמאַך און פאַרזעצן קעמפן, ביז וואַנען קלינטאָן וועט אונטער־קומען פון הינטן און די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי וועט זיך אויף אַזאַ אופן געפינען צווישן צוויי פייערן. זיינע אָפיצערן האָבן אָבער שוין געהאַט גענוג קאַמף. אַגב זיינען זיי געווען זיכער, אַז דאָס הייפל סאָלדאטן, וואָס איז גע־בליבן, וועט זיך מער ניט שלאָגן; זיי האָבן בכלל ניט שטאַרק געגלויבט אין דער מעשה, וואָס דער דעזערטיר האָט דערציילט. זיי האָבן אַלע געוואוסט,

אַז די לאַגע איז האָפענונגסלאָז. אָבער בוירגאָין איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער קאַמף זאָל פאָרגעזעצט ווערן.

געיטס האָט זיי ניט געלאָזן זיך לאַנג מישב זיין. דעם 17טן אָקטאָבער אין דער פרי האָט ער געלאָזט וויסן בוירגאָין׳ען, אַז אויב ער וועט גלייך ניט אונטערשרייבן דעם אָפמאַך, וועט ער אים אַטאַקירן. בוירגאָין האָט געמוזט אָננעמען די וואָפן.

די באַדינגונגען זיינען געווען זייער גינסטיקע פאַר די ענגלענדער און גייטס איז שפּעטער שטאַרק קריטיקירט געוואָרן פאַר צושטימען צו די דאָזיקע באַדינגונגען. ער האָט זיך אָבער פאַרטיידיקט מיט דעם, וואָס גענעראַל קלינטאָן האָט געדראָעט דעם ארסענאַל אין אַלבאַני, און אויב די באַדינגונגען וואָלטן גלייך ניט אונטערגעשריבן געוואָרן, וואָלט ער געמוזט איבערלאָזן בוירגאָין׳ען און זיך אומקערן קיין אַלבאַני באַשיצן דעם ארסענאַל.

בוירגאָין און זיינע סאָלדאַטן זיינען, ווי מיליטער-געפאַנגענע, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין באָסטאָן, פון וואַנען, לויט די באַדינגונגען פון דעם אָפמאַך, זיי האָבן געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן קיין ענגלאַנד מיט דעם תנאי, אַז זיי וועלן זיך מער אין דער מלחמה ניט באַטייליקן.

ענגלאַנד מאַכט שלום-פאָרזוך און פאַלט דורך

מיר ווייסן שוין, אַז דער באַלדיקער רעזולטאַט פון בוירגאָין׳ס דורכפאַל איז געווען די פאָרמעלע אָנערקענונג, וואָס פראַנקרייך האָט געגעבן דער נייער רעפּובליק. אָבער אויך ענגלאַנד האָט געמאַכט אַ פאָרזוך צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט אירע פאַרלאָרענע קאָלאָניעס.

נאָך איידער האָ׳ס רעזיגנאַציע איז אָנגענומען געוואָרן, אַזוי גיך ווי ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג פירט אָפיציעל אונטער-האַנדלונגען מיט פרענקלין׳ען וועגן אַן אָפמאַך, האָט די ענגלישע רעגירונג געוואָלט פאַרלויפן פראַנקרייך דעם וועג און מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה אין די קאָלאָניעס. דעם 17טן פעברואַר, 11 טעג נאָכדעם ווי דער אָפמאַך צווישן פראַנקרייך און די קאָלאָניעס איז געשלאָסן געוואָרן, האָט לאָרד נאָרט אַריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ-פּראָיעקט, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער שלום-אַקט. דער דאָזיקער געזעץ איז שנעל אָנגענומען געוואָרן פון פּאַרלאַמענט און איז תיכף איבערגעשיקט געוואָרן צום קאָנטינענטאַלן

קאָנגרעס מיט דער אויסרעכענונג, אַז דער קאָנגרעס וועט דעם שלום־פּאָרשלאָג קריגן נאָך איידער דער אָפּמאַך מיט פראַנקרייך וועט באַקאַנט ווערן אין די קאָלאָניעס. אין יעדן פאַל, איידער דער קאָנגרעס וועט דעם אָפּמאַך ראַטיפיצירן.

דער שלום־פּאָרשלאָג הויבט זיך אָן מיט אַ הקדמה, אַז אַזוי ווי זיין מאַיעסטעט׳ס געטרייע קאָלאָניסטן אין אַמעריקע זיינען שטאַרק „אומרואיק" וועגן די שטייערן וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי, כדי צו שאַפן אַן איינקונפט פאַר דער רעגירונג, און וואָס זיי וואָלטן געוועזן צופרידן בייצושטייערן דורך זייערע לאָקאַלע געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן פאַר דער אַלגעמיינער פאַרטיידיקונג פון דער מלוכה — דעריבער וועט דער פּאַרלאַמענט מער ניט אַרויפלייגן קיין אָפּצאָל, אָדער שטייערן אויף דער באַפעלקערונג פון צפון־אַמעריקע אָדער פון די וועסט־אינדיעס, סיידן אַזעלכע אָפּצאָלן וועלן זיין נויטיק צו רעגולירן דעם האַנדל, און וועלן געזאַמלט ווערן פון דער קאָלאָניע זעלבסט.

די דאָזיקע הקדמה צו דעם שלום־פּאָרשלאָג איז געווען כמעט ווערטער־לעך איבערגעשריבן פון דעם אַפּיל, וואָס דער ערשטער קאָנטינענטאַלער קאָנ־גרעס האָט געמאַכט צום פּאַרלאַמענט אין האַרבסט פון 1774. קאָנטיק, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט איצט פּלייסיק שטודירט דעם דאָזיקן דאָקומענט און איז געווען צופרידן אָנצונעמען די פּאָרשלאָגן, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן דעמאָלט געמאַכט, כדי צו שליסן פרידן. דער שלום־אַקט שאַפט אויך אָפּ דעם בארימטן שטייער אויף טיי און דעם געזעץ וועגן ענדערן די רעגירונג פון מאַסאַטשוסעטס; און צום סוף ווערט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון פינף, וואָס זאָל קומען קיין אַמעריקע צו פאַרהאַנדלען וועגן אַ קאָמפּראָמיס אויפן באַזיס פון דעם דאָזיקן שלום־אַקט.

די קאָמיסיע איז באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פאַרהאַנדלען מיט יעדער אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט פון דער באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס. דאָס האָט בלי ספק געמיינט, אַז די קאָמיסיע זאָל אָנערקענען דעם קאָנגרעס און פירן מיט אים אונטערהאַנדלונגען, פונקט ווי מיט דער געזעצגעבנדיקער קער־פּערשאַפט פון יעדער קאָלאָניע, אָדער דיסטריקט, וואָס וועט זיין וויליק אָנ־צונעמען דעם שלום־פּאָרשלאָג פון דער ענגלישער רעגירונג. די קאָמיסיע איז אויך באַפולמעכטיקט געוואָרן צו דערקלערן אַ וואַפנשטילשטאַנד, באַ־שטימען צייטווייליקע גאָווערנאָרס אין די קאָלאָניעס און, וואָס איז וויכטיקער

פון אַלץ, סוספּענדירן יעדן געזעץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט דורכגעפירט אין די קאָלאָניעס זינט 1763, אויב די באַפעלקערונג איז מיט דעם געזעץ ניט צופרידן.

די אינסטרוקציעס, וואָס די קאָמיסיע האָט געקראָגן, זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער ווי דער געזעץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען. די קאָמיסיע האָט געדאַרפט צושטימען, אַז אין די קאָלאָניעס וועט ניט געהאַלטן ווערן קיין שטענדיקע אַרמיי אין צייט פון פרידן, אַז קיין טשאַרטער פון אַ קאָלאָניע קאָן ניט געענדערט ווערן, סיידן די קאָלאָניע שטימט צו דעם צו, אַז די קאָלאָניעס וועט דערלויבט ווערן אַ פאַרטרעטערשאַפט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט; זיי האָבן אויך געדאַרפט געבן אָנצוהערעניש, אַז מיט דער צייט וועט געגעבן ווערן די קאָלאָניסטן דאָס רעכט צו דערוויילן זייערע אייגענע גאָווערנאָרס, וועלכע וועלן בלויז דאַרפן באַשטעטיקט ווערן פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז דער קאָנגרעס וועט פאַרבלייבן עקזיסטירן און אַז די קאָלאָניסטן וועלן זיך פאַרמעל ניט דאַרפן אָפּזאָגן פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּ־הענגיקייט. די ענגלישע רעגירונג, ווי מיר קאָנען זען, איז געווען גרייט איינצוגיין אַף די וויטגייענדיקסטע פאָדערונגען פון די קאָלאָניסטן, חוץ פאָרמעלער אומאָפּהענגיקייט.

די ענגלישע טאָריס זיינען ניט געווען זייער שטאַרק צופרידן מיט די נייע שלום־פאָרשלאָגן פון דער רעגירונג. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן צו שטימען פאַר די דאָזיקע פאָרשלאָגן, כדי, ווי זיי האָבן דערקלערט, אָוועק־צורייסן אַמעריקע פון פראַנקרייך און אַף אַזאַ אופן אויסמיידן אַ בלוטיקע מלחמה אין אייראָפּע. די וויגס זיינען ניט געווען אייניק וועגן די שלום־פאָרשלאָגן פון דער רעגירונג. אייניקע פון זיי האָבן גערעדט, אַז מען דאַרף געבן די קאָלאָניסטן פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט און תיכף שליכטן די פראַגע, ניט אַריינגייענדיק אין ווייטערדיקע ניט־נויטיקע אויסגאַבן. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז אַן אומאָפּהענגיקע אַמעריקע וועט האַנדלען מיט ענגלאַנד פונקט אַזוי פיל ווי די קאָלאָניאַלע אַמעריקע האָט עס געטאָן. דער גרעסטער טייל פון די וויגס אָבער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן די פאָרשלאָגן פון דער רעגירונג. עס האָט זיי בלויז פאַרדראָסן, וואָס די רעגירונג נעמט אַרויס דעם ווינט פון זייערע זעגלען.

אין אַמעריקע איז די נייעס וועגן די נייע שלום־פאָרשלאָגן פון דער ענג־לישער רעגירונג אויפגענומען געוואָרן מיט אַ חשד. די רעוואָלוציאָנערן האָבן

פארדעכטיקט, און אפשר מיט רעכט, אז די ענגלישע רעגירונג מאכט א פאר־זוך אריינצוברענגען רייבונגען און אומאייניקייט אין זייערע רייען. פיל האבן בכלל ניט געגלויבט, אז אזא געזעץ איז אנגענומען געווארן פון פארלאמענט, און ווען קאפיעס פון דעם שלום־אקט האבן אנגעהויבן פארשפרייט צו ווערן צווישן די קאלאניסטן און אין דער ארמיי, האט וואשינגטאן דערקלערט, אז דאס איז א געפעלשטער דאקומענט, ווי א צאל אנדערע געפעלשטע דאקומענטן, וואס ווערן פארשפרייט, כדי אריבערצוציען די וואקלדיקע עלעמענטן אף דער זייט פון די לאיאליסטן.

אין דער קאמיסיע זיינען באשטימט געווארן גאווערנאר דזשאנסטאן, וויליאם אידען און לארד קארלייל — מענטשן וועלכע זיינען געווען אינגאנצן אומבאקאנט. מען זאגט, אז די רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו באַ־שטימען אט די דריי, דערפאר וואס זי האט פשוט ניט געקאנט קריגן קיין פראמינענטע פערזאנען, וועלכע זאלן וועלן אננעמען אין דער קאמיסיע. צו די דאזיקע דריי זיינען צוגעגעבן געווארן גענעראל האו און זיין ברודער, אדמיראל האו, וועלכע זיינען נאך געווען אין אמעריקע און האבן שוין פריער געפירט פארהאנדלונגען מיט די קאלאניסטן און האבן געהאט א גרויסע דער־פארונג אין די „שלום־ און קאמפראמיס"־געשעפטן.

די מיטגלידער פון דער קאמיסיע האבן דעם 21טן אפריל פארלאזן ענג־לאנד און זיינען אנגעקומען אין פילאדעלפיע ארום דעם 6טן יוני. זיי זיינען געווען שטארק איבערראשט אויסצוגעפינען, אז די ענגלענדער גרייטן זיך צו פארלאזן די שטאט אף דער פאראָרדענונג פון דער ענגלישער רעגירונג. זיי האבן ניט געוואוסט, אז א וואך איידער זיי האבן פארלאזן ענגלאנד, האט א סקאדראן פראנצויזישע קריגס־שיפן פארלאזן פראנקרייך און געפינט זיך אפן וועג קיין אמעריקע. די ענגלישע רעגירונג האט מורא געהאט, אז דער דאזיקער פלאט וועט אפשניידן די ענגלישע ארמיי אין פילאדעלפיע פון אירע שפייז־זאפאסן, וואס זי האט געקראגן פון ענגלישע שיפן, און אז ס'איז אגב פאראן א געפאר, אז די פראנצויזן זאלן פארכאפן ניו יארק.

די ארמיי האט זיך גענדארפט צוריקציען פון פילאדעלפיע דעם 18טן יוני. די קאמיסיע האט דעריבער געהאט בלויז 2 וואכן צייט צו מאכן אירע פאר־שלאגן צום קאנגרעס און דאן זיך אפטראגן קיין ניו יארק. אזא לאגע איז זיכער ניט געווען גינסטיק פאר דער קאמיסיע. דזשאנסטאן האט דערקלערט, אז ער וואלט קיינמאל ניט צוגעשטימט צו באטייליקן זיך אין דער קאמיסיע,

ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז מען וועט אים צוגרייטן אַזאַ ברוך־הבא. ער האָט געפאָדערט, אַז קלינטאָן, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער הויפּט־קאָמאַנדיר, זאָל אָפּליגן דעם צוריקטריט. קלינטאָן האָט אָבער דערקלערט, אַז די פאַראָרדענונג, וואָס ער האָט געקראָגן, דערלויבט אים ניט דאָס אָפּ־צוליגן.

קלינטאָן האָט מודיע געווען וואַשינגטאָנ'ען וועגן דעם אָנקום פון דער קאָמיסיע און האָט געבעטן, אַז דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע, רעווערענד דר. פּוירגוסאָן, זאָל קריגן אַ פּאַספּאָרט, כדי צו קאָנען איבערגעבן דעם קאָנגרעס אַ בריוו פון דער קאָמיסיע. דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז צוריק־געוויזן געוואָרן. די קאָמיסיע האָט געקראָגן איר ערשטן פּאַטש אין פּנים. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן דאַן אַוועקגעשיקט צו וואַשינגטאָנ'ען אַ בריוו צוזאַמען מיט קאָפּיעס פון זייערע באַפולמעכטיקונגען און די שלום־פאָרשלאָגן פון דער ענגלישער רעגירונג. די דאָזיקע אַלע דאָקומענטן האָט וואַשינגטאָן איבערגעשיקט צום קאָנגרעס.

די פראַגע וועגן דער שטעלונג צו די שלום־פאָרשלאָגן פון דער ענגלישער רעגירונג האָט ווידער אַרויסגערופן אַ שטאַרקן פראַקציאָנעלן קאַמף אין קאָנגרעס. סעמועל אַדאַמס, העענרי לי און זייערע אָנהענגער, וועלכע זיינען געווען קעגנער פון דעם אָפּמאַך מיט פראַנקרייך, מורא האָבנדיק אַז פראַנקרייך זוכט בלויז צו פאַרכאַפּן אַמעריקע אַלס אַן אייגענע קאָלאָניע, האָבן געזען אין די פאָרשלאָגן אַ מיטל צו ענדיקן די מלחמה מיט ענגלאַנד אויף באַ־דינגונגען, וואָס זיינען גינסטיק פאַר די קאָלאָניעס. די מערהייט פון קאָנגרעס האָט צוריקגעוויזן דעם שלום־אָנבאָט פון ענגלאַנד. דער באַשלוס פון קאָנגרעס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די דיסקוסיע אין די קאָלאָניעס וועגן אַ שלום מיט ענגלאַנד, און דעם גאַנצן זומער פון 1778 האָט די דאָזיקע פראַגע אַרויס־גערופן היים בלוט אין דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי. אויב די ענגלישע רעגירונג איז געווען אויסן אַריינצוברענגען צווייספּיקייטן אין די רייען פון די רעוואָ־לוציאָנערן, האָט זי איר ציל דערגרייכט. גענעראַל לי, וועלכער איז באַפרייט געוואָרן פון ענגלישער מיליטערישער געפאַנגענשאַפט און האָט זיך צוריק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, איז אפילו שפּעטער באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט ניט דורכגעפירט וואַשינגטאָנ'ס פאַראָרדענונג צו אַטאַקירן קלינטאָנ'ען, דערפאַר וואָס ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט שעדיגן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער שלום־קאָמיסיע. לאַפאַיעט דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז

א גרויסע צאָל פון וואשינגטאָנ׳ס אָפיצערן האָט אים, גענעראַל לי, אין דעם ארויסגעהאָלפן.

עס איז איצט איבעריק צו ספּעקולירן וואוהין דער סכסוך אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערן איבער דער דאָזיקער פראגע וואָלט געפירט, ווען א מיטגליד פון דער קאָמיסיע, גאָווערנאָר דזשאָנסטאָן, וואָלט ניט באגאנגען קיין אקט, וואָס האָט דיסקרעדיטירט די גאנצע קאָמיסיע.

דעם 16טן יוני, דעם טאָג איידער דער קאָנגרעס האָט פאָרמעל צוריק־געוויזן די שלום־פאָרשלאָגן פון ענגלאנד, האָט דזשאָנסטאָן געשריבן א בריוו צו ראָבערט מאָריס, אין וועלכן ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אז וואשינג־טאָן און דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס וואָלטן געקראָגן א הויכע באלוינונג פון ענגלאנד, אויב זיי וואָלטן באאיינפלוסט דעם קאָנגרעס איינצוגיין אויף א קאָמפּראָמיס. און דעם זעלביקן טאָג האָט דזשאָנסטאָן אויך געהאט א שמועס מיט דער פרוי פון הענרי פּוירגוסאָן, די פרוי פון א שטארק אָנגעזעענעם לאָיאַליסט, אז זי זאָל אים העלפן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט גענעראַל ריד, כדי אים אריבערצוגעווינען אויף דער זייט פון ענגלאנד.

גענעראַל ריד האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם באלד נאָכדעם, ווי די ענגלישע ארמיי האָט פארלאָזן פילאדעלפיע. ער האָט דעם גאנצן ענין פאָר־געבראכט פארן קאָנגרעס, וואו עס איז אויך באקאנט געוואָרן, אז דזשאָנס־טאָן האָט זיך געווענדעט מיט כאבאר־אָנבאָטן צו נאָך א צאָל אָנגעזעענע פירער פון קאָנגרעס און פון דער רעוואָלוציאָנערער פארטיי. דער קאָנגרעס האָט פארעפנטלעכט די פאקטן און האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט פארדאמט דער דאָזיקער כאבאר־פארזוך און ס׳איז באשלאָסן גע־וואָרן מער מיט דזשאָנסטאָנ׳ען קיין פארהאנדלונגען ניט צו פירן.

די אַנדערע צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן באלד עפנטלעך דערקלערט, אז זיי האָבן גאָרניט געהאט צו טאָן מיט דזשאָנסטאָנ׳ס כאבאר־אָנבאָטן. דזשאָנסטאָן אליין האָט געענטפערט אויף דער רעזאָלוציע פון קאָנ־גרעס, אז זיין פארדאמונג איז פאר אים א כבוד. ער איז אָבער געווען געצוואונגען צו פארלאָזן אמעריקע. די אַנדערע צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זיינען נאָך פארבליבן א שטיקל צייט לענגער. קיין דערפאָלג האָבן זיי אָבער מער ניט געהאט. די פראקציע אין קאָנגרעס, וואָס האָט פון אָנהויב געמאכט א פארזוך צו שטיצן די שלום־פאָרשלאָגן, האָט איצט געשוויגן,

מורא האָבנדיק, אַז מען וועט פאַרדעכטיקן, אַז זיי זיינען אונטערגעקויפט פון ענגלאַנד.

אַזוי איז דורכגעפאַלן דער לעצטער פאַרזוך, וואָס ענגלאַנד האָט געמאַכט צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט די קאָלאָניעס.

גענעראַל קלינטאָן ווערט דער הויפּט פון דער ענגלישער אַרמיי אין אַמעריקע

גענעראַל האָו איז פאַרבליבן אין פילאַדעלפיע ביז דעם 18טן יוני, 1778, דעם טאָג, ווען ס'איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרלאָזן די שטאָט. צוזאַמען מיט דער ענגלישער אַרמיי האָבן פאַרלאָזן די שטאָט אויך הונדערטער לאָיאַליסטן, וועלכע האָבן געוואוסט וואָס זיי דערוואַרט, ווען די פּאַטריאָטן וועלן ווידער זיך אומקערן אין שטאָט. די מער אָנגעזעענע פירער זיינען אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט גענעראַל האָו קיין ענגלאַנד, גלויבנדיק אַז די מלחמה איז געענדיקט. ס'איז כאַראַקטעריסטיש די באַציאונג פון גענעראַל האָו צו די דאָזיקע אַמעריקאַנער ארויסהעלפער זיינע: ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די ענגלישע אַרמיי גרייט זיך פאַרלאָזן די שטאָט, האָט אַ דעלעגאַציע פון לאָיאַליסטן זיך געווענדעט צו אים און געבעטן ער זאָל זיי געבן אַן עצה, וואָס צו טאָן. גענעראַל האָו'ס עצה איז געווען, אַז זיי זאָלן זיך ווענדן צו וואַשינגטאָנ'ען און איבערגעבן זייער גורל אין די הענט פון קאָנגרעס.

אויף דעם פּלאַץ פון גענעראַל האָו אַלס הויפּט פון דער ענגלישער אַרמיי אין אַמעריקע, איז באַשטימט געוואָרן סער הענרי קלינטאָן. קלינטאָן איז געווען אַ סך אינגער פון האָו'ן, מיט אַ סך ווייניקער מיליטערישער דערפאַרונג. ער איז אָבער געווען אַ גוטער טאָרי און האָט געגלויבט, אַז דער אויפשטאַנד אין די קאָלאָניעס דאַרף אונטערדריקט ווערן מיט אַ שטאַרקער האַנט, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דעם אויפשטאַנד אין אירלאַנד. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן אַ נייעם קורס אין דעם קאַמף מיט די רעוואָלוציאָנערן און וואָלט מעגלעך געווען דערפאָלגרייך, ווען ניט די אינטריגעס קעגן אים אין לאָנדאָן. אונז וועט נאָך אויסקומען זיך אָפּצושטעלן אויף דעם קאַמף צווישן קלינטאָנ'ען און קאָרנוואַליס'ן און די ראָל וואָס לאָרד דזשערמיין, דער מיניסטער פון די קאָלאָניעס, האָט געשפּילט אין צונישט מאַכן די אַלע פּלענער וואָס ער, קלינטאָן, האָט פאַרגעשלאָגן.

די ערשטע אויפגאבע, וואס קלינטאן האט געהאט, איז געווען דורכצופירן די אינסטרוקציעס פון דער רעגירונג וועגן עוואקואירן פילאדעלפיע. דאס פארנעמען פון פילאדעלפיע האט בכלל ניט געבראכט קיין נוצן אין דער אנ־פירונג פון דעם קאמף קעגן די רעוואלוציאנערן. דאס ווייטערדיקע איינהאלטן די שטאט איז אבער איצט געווארן געפערלעך צוליב דעם שטארקן

גענעראל הענרי קלינטאן

פראנצויזישן פלאט, וואס האט זיך געפונען אפן וועג קיין אמעריקע. קלינטאן האט איצט זיך געדארפט צואיילן זיך אומצוקערן מיט דער ארמיי קיין ניו יארק. די פראגע איז בלויז געווען ווי אזוי דאס דורכצופירן.

קלינטאן האט מער ניט געהאט די אלע מעגלעכקייטן, וואס האו האט געהאט מיט א יאר פריער, ווען ער האט זיך אוועקגעלאזן מיט זיין גרויסער ארמיי אף דער ים־רייזע קיין פילאדעלפיע. ערשטנס, איז זיין ארמיי געווען אין צאל בלויז א העלפט פון דער ארמיי, וואס האו האט געהאט אין זיין רשות. זינט דעם אפמאך צווישן אמעריקע און פראנקרייך, איז כמעט א

העלפט פון דער ענגלישער אַרמיי צוריקגערופן געוואָרן פאַר דינסט אין אייראָפּע; צווייטנס, די געפאַר פון דעם פראַנצויזישן פלאָט, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ־וואו אויף די ימים און האָט געקאָנט יעדן טאָג אָנקומען און פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי; און דריטנס, די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי איז איצט שוין געווען אַ סך גרעסער, ווי אין דער צייט ווען וואַשינגטאָן איז אָפּגעטראָטן קיין וואַלי פאָרדזש. וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי פלעגט שטענדיק אויסוואַקסן אין פרילינג, ווען די מיליץ און די סאָלדאַטן, וואָס פלעגן ווינטער־צייט זיך פאַנאַנדערקריכן אַהיים, פלעגן זיך אומקערן אין דער אַרמיי. אויך איצט האָט וואַשינגטאָן שוין געהאַט אַרום 11-10 טויזנט מאַן אין זיין אַרמיי און אין צאָל סאָלדאַטן האָט ער זיך געקאָנט מעסטן מיט קלינטאָנ׳ען.

אין ענגלאַנד האָט מען דערוואַרט, אַז די 10 טויזנט ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין פילאַדעלפיע, וועלן טראַנספּאָרטירט ווערן קיין ניו יאָרק אויף דעם זעלביקן אופן, ווי זיי זיינען געקומען אין פילאַדעלפיע — אויף שיפן דורך דעם דעלאַווער ים־אויסגוס און איבערן ים. קלינטאָן האָט זיך אָבער אַרומגעזען, אַז ער האָט ניט גענוג שיפן צו טראַנספּאָרטירן די גאַנצע אַרמיי, און איבערלאָזן אַ טייל אין פילאַדעלפיע האָט ער מורא געהאַט, דער־וואַרטנדיק, אַז וואַשינגטאָן וועט מאַכן אַן אַטאַקע אויף די איבערגעבליבענע סאָלדאַטן און זיי פאַרניכטן. ער האָט דעריבער באַשלאָסן דורכצומאַכן דעם וועג פון פילאַדעלפיע קיין ניו יאָרק מיט דער יבשה. שפּעטער האָט זיך קלינטאָן באַרימט, אַז ער האָט מיט דעם דאָזיקן באַשלוס געראַטעוועט דעם פלאָט און די אַרמיי. ער האָט וואַרשיינלעך געמיינט מיט דעם אָנצוואַווייזן אויף דעם פראַנצויזישן פלאָט, וואָס איז אָנגעקומען צום אַמעריקאַנער ברעג אַ פּאָר טעג נאָכדעם, ווי ער איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק, און וועלכער וואָלט זיכער אַטאַקירט די ענגלענדער, אויב זיי וואָלטן געמאַכט די נסיעה איבערן ים.

קלינטאָנ׳ס צוריקטריט פון פילאַדעלפיע קיין ניו יאָרק איז פאַררעכנט פאַר איינער פון די גרעסטע מיליטערישע מאַנעוורעס פון יענער צייט. אין ענגלאַנד און אין אייראָפּע בכלל האָט מען לאַנג גערעדט וועגן דעם דאָזיקן דערפאָלגרייכן מאַרש און מען האָט אים פאַרגליכן מיט דעם צוריקטריט פון קסענאָפאָן מיט זיינע צען טויזנט גריכישע סאָלדאַטן פון בבל. זיין ערשטער גרויסער דערפאָלג איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט האַלטן געהיים זיינע פּלענער, אַזוי אַז אַ טאָג איידער ער האָט פאַרלאָזן פילאַדעלפיע, האָט קיינער ניט געוואוסט וואָס ער קלייבט זיך טאָן.

וואשינגטאָן און זיינע אָפיצערן האָבן געמוזט טאָפּן אין דער פינצטער און צענדליקער השערות זיינען געמאַכט געוואָרן וועגן קלינטאָנ׳ס פּלענער. וואשינגטאָן איז דעריבער ניט געווען גרייט צו אטאקירן די צוריקטרעטנדיקע אַרמיי, ווען זי האָט דעם 18טן יוני, אַרום דריי אַזייגער אין דער פרי, אַרויס־געמארשירט פון פילאדעלפיע און איז איבערגעגאַנגען דעם דעלאַווער אַף דער ניו דזשוירזי זייט פון טייך.

קלינטאָנ׳ס נעקסטע שוועריקייט איז געווען אויסצוקלייבן אַ וועג. דער קירצסטער מארשרוט וואָלט געווען אַף דעם וועג, וואָס האָט געפירט דורך ניו בראַנזוויק — דער וועג, אַף וועלכן מען פאָרט איצט מיט דער פּענסיל־וויינייע אייזנבאַן־ליניע. אַף אָט דעם וועג האָט אָבער קלינטאָן געדאַרפט דורכמאַכן אַ צאָל טייכן און זומפּן און ער האָט מורא געהאַט, אַז וואשינגטאָן קאָן אים פארשפּאַרן אין דעם דאָזיקן זומפּיקן געגנט, אַז ער זאָל ניט קאָנען ארויסקריכן. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז וואשינגטאָן גרייט זיך טאַקע אים אטאקירן, האָט ער באַלד באַשלאָסן זיך צו פארנעמען מיט דעם לענגערן וועג, וואָס האָט געפירט קיין סענדי הוק.

וואשינגטאָן, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, האָט פון אָנהויב ניט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן. דער גרעסטער טייל פון זיינע אָפיצערן, מיט גענעראַל לי אין דער שפּיץ, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז געווען קעגן אטאקירן קלינטאָנ׳ען צוליב פּאָליטישע מאָטיוון. וואשינגטאָן האָט פון אָנ־הויב אויך געהאַלטן, אַז אַן אטאקע אַף קלינטאָנ׳ען וועט קיין נוצן ניט ברענגען און ער האָט זיך געגרייט מארשירן צום האָדסאָן און זיך באַפעסטיקן אַרום וועסט פּאָינט. אייניקע פון זיינע ראַטגעבער, ווי לאַפאַיעט, האַמילטאָן און וועין, זיינען אָבער געווען אַנטשיידן קעגן דעם דאָזיקן פּלאַן און זיי האָבן ענדלעך איבערגעוואונען וואשינגטאָנ׳ען אַף זייער זייט. וואשינגטאָן האָט פארלאָזן וואַלי פאָרדזש, אַריבער מיט דער אַרמיי דעם דעלאַווער און אָנ־געהויבן מארשירן אין אַ ריכטונג, וואָס זאָל ברענגען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי אַרמייען.

דעם 24טן יוני איז וואשינגטאָן אָנגעקומען אין פּרינסטאָן און דאָרט איז די פראַגע וועגן אַן אטאקע אַף קלינטאָנ׳ען ווידעראַמאָל דיסקוטירט געוואָרן אַף אַ מיליטערישן ראַט. די מיינונגס־פארשיידנהייטן זיינען געווען זייער גרויס צווישן וואשינגטאָנ׳ס אָפיצערן. די מערהייט האָט זיך געהאַלטן בא איר מיינונג, אַז אַן אטאקע אין די געגעבענע אומשטענדן וועט קיין נוצן

ניט ברענגען, און אין פאַל פון אַ דורכפאַל וועט אַזאַ אַטאַקע ברענגען אַ סך שאָדן. ענדלעך איז געמאַכט געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס צווישן די צוויי קעגנערישע צדדים און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַן אָפּטיילונג פון 1,500 מאַן, וואָס זאָל האַנדלען ווי די אומשטענדן וועלן פאָדערן. וואַשינגטאָן האָט תיכּף אַרויסגעשיקט די דאָזיקע אָפּטיילונג און גלייך אָף מאָרגן האָט ער אַרויסגעשיקט אַ פאַרשטאַרקונג פון נאָך 1,000 מאַן אונטער גענעראַל וועין. ער האָט אָנגעבאָטן גענעראַל לי די פירערשאַפט פון אָט דער אָפּטיילונג פון דער אַרמיי. לי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דעם אָנבאָט אָנצונעמען און אַלס קאָמאַנדיר איז באַשטימט געוואָרן לאַפאַיעט. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך לי באַטראַכט, אַז זיין אָפּזאָגן זיך פון וואַשינגטאָנ'ס אָנבאָט וועט שלעכט אויסגעטייטשט ווערן, און ער האָט געבעטן וואַשינגטאָנ'ען ער זאָל אים דערלויבן איצט אָננעמען דעם אָנבאָט. לאַפאַיעט דערציילט, ווי לי האָט זיך בא אים געבעטן ער זאָל אים אָפּטרעטן דעם פּלאַץ און לאַפאַיעט האָט צוגעשטימט. לי איז אָף אַזאַ אופן געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן באַגעגענען קלינטאָנ'ען.

דעם 27טן יוני האָבן די אַמעריקאַנער האַלב־אַרומגערינגלט קלינטאָנ'ס אַרמיי, וואָס האָט זיך געהאַט באַפעסטיקט לעבן דער מאָנמוט געריכט־הויז. לי'ס פאַראָרדענונג איז געווען צו אַטאַקירן די ענגלענדער אַזוי גיך ווי זיי וועלן מאַכן אַ פאַרזוך צו פאַרלאָזן זייער באַפעסטיקטע פּאָזיציע. די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז ניט געווען קיין געשריבענע און לי האָט שפּעטער געלייקנט, אַז ער האָט אַזאַ פאַראָרדענונג באַקומען; פאַרקערט, ער האָט דערקלערט, אַז וואַשינגטאָנ'ס פאַראָרדענונג איז געווען, אַז ער, לי, זאָל האַנדלען ווי ער וועט פאַרשטיין. לי האָט ניט געמאַכט קיין אַלגעמיינע אַטאַקע אָף דעם שונא, ווען ער האָט דעם 28טן יוני אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן פון דער פּאָזיציע. ער איז שפּעטער באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט בכיוון דאָס ניט געטאָן, כּדי ניט צו שטערן די פאַרהאַנדלונגען פון דער ענגלישער פרידנס־קאָמיסיע.

ווען וואַשינגטאָן האָט זיך דערוואוסט, אַז קלינטאָן האַלט אין פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע, האָט ער אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַרקטן מאַרש צום שלאַכטפעלד מיט דער רעשט פון זיין אַרמיי. ווען ער איז אָבער אָנגעקומען אָפן פּלאַץ, האָט ער צו זיין איבעראַשונג אויסגעפונען, אַז אָנשטאָט אַטאַקירן, האַלט לי אין אָפּטרעטן. פיל אַנעקדאָטן ווערן דערציילט וועגן דעם אינטערוויו צווישן וואַשינגטאָן און לי אָפן שלאַכטפעלד אין מאָנמוט. וואַשינגטאָן איז געווען

„ער האָט זיך יענעם טאָג געזידלט ווי אַ מלאך פון הימל"
— וואַשינגטאָן זידלט אוים גענעראַל לי.

מלא חמה און האָט זיך געזידלט, אַזש די ערד האָט געציטערט. גענעראַל סקאַט, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון איינער פון די אַרמיי־אַפּטיילונגען, דערציילט וועגן דער שפּראַך וואָס וואַשינגטאָן האָט באַנוצט:

„ס'איז געווען אין מאָנמוט, אַ טאָג, וואָס האָט יעדן געקאָנט אַרויספירן פון געדולד. יאָ, ער האָט זיך יענעם טאָג געזידלט, אַז די בלעטער האָבן געציטערט אויף די ביימער פון גרויס נחת. קיינמאָל האָב איך אַזוי ניט הנאה געהאַט פון זידלען זיך, ווי יענעם טאָג. ער האָט זיך יענעם טאָג געזידלט ווי אַ מלאך פון הימל."

וואַשינגטאָן האָט גלייך רעפאָרמירט די אָפּטרעטנדיקע אַרמיי פאַר אַן אַטאַקע. דער בעסטער טייל פון טאָג איז שוין אָבער געווען אַריבער. די שלאַכט איז געווען איינע פון די ביטערסטע, וואָס זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן אין דער רעוואָלוציע. לויט די אַמעריקאַנער באַריכטן, האָט קלינטאָן פאַרלאָרן אין דער שלאַכט 300 מאַן אין טויטע און אַ סך אַ גרעסערע צאָל אין פאַרוואונדעטע. וואַשינגטאָן וואָלט מעגלעך אַרויס דער זיגער, ווען עס וואָלט ניט אָנגעקומען די נאַכט און געמאַכט אַ סוף צו דער שלאַכט.

דער קאַמף וואָלט וואַרשיינלעך באַנייט געוואָרן דעם נעקסטן טאָג, ווען עס וואָלט אָפּגעהאַנגען פון וואַשינגטאָנ'ען. קלינטאָן אָבער האָט קיין נייע שלאַכט ניט געוואָלט. ער איז אינמיטן נאַכט אָפּגעטראָטן מיט זיין אַרמיי, פּונקט ווי וואַשיטגטאָן האָט עס געטאָן מיט צוויי יאָר צוריק לעבן טרענטאָן; ווען וואַשינגטאָן האָט עס אויסגעפונען דעם נעקסטן פרימאָרגן, איז ער געווען שטאַרק אַנטוישט. קלינטאָן איז שוין אָבער געווען צו־ווייט צו קאָנען אים נאָכיאָגן.

אין צוויי טעג צייט איז קלינטאָן מיט זיין אַרמיי געווען אין סענדי הוק, וואו די טראַנספּאָרט־שיפן האָבן שוין אויף אים געוואַרט, און דעם 6טן יולי איז די ענגלישע אַרמיי געווען זיכער אין ניו יאָרק. 3 טעג שפּעטער, דעם 9טן יולי, איז דער פראַנצויזישער פלאָט אָנגעקומען אין דעם דעלאַווער ים־אויסגוס.

לאַיאַליסטישע בלוט־בעדער

אויב ערגעץ־וואו האָט קלינטאָנ'ס באַשטימונג אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר אַרויסגערופן גרויס פרייד, איז דאָס געווען בא די אַמעריקאַנער לאָיאַליסטן. גענעראַל האַו האָט זיך געהאַלטן מיט זיי קאָרעקט, ווי אַן ענגלישער באַאַמטער,

וואס דארף טאן זיין פליכט. קלינטאן אבער איז געווען אן אייגענער מענטש, א טארי, וואס האט געהאסט די רעוואלוציאנערן און די רעוואלוציע ניט ווייניקער ווי זיי.

קלינטאן האט, אחוץ זיין פריינטשאפט צו די לאיאליסטן, געזען אין זיי א בעסערן מיטל צו ענדיקן די מלחמה, ווי אין זיין אייגענער ארמיי. אין בירגער־קריג האט ער געזען א שטארקן מיטל צו אונטערדריקן דעם אויפ־שטאנד און ער האט דערמוטיקט די לאיאליסטן זיך צו נעמען צו געווער.

אויב די פאטריאטן האבן פריער, ווען האו איז געווען דער פירער פון דער ענגלישער ארמיי, געמוזט קעמפן קעגן לאיאליסטישע פארשווערונגען, האבן זיי איצט, אונטער דער פירערשאפט פון גענעראל קלינטאן, געהאט צו באגעגענען ארגאניזירטע לאיאליסטישע אויסברוכן אין פארשיידענע טיילן פון לאנד.

דער ערשטער לאיאליסטישער אויסברוך איז פארגעקומען אין ווייאמינג־וואלי, אין צפון־פענסילווייניע, אין יולי 1778, באלד נאכדעם ווי קלינטאן האט איבערגענומען די פירערשאפט; ווען די שלום־קאמיסיע פון ענגלאנד האט נאך געהאלטן אין ארויסגעבן מאניפעסטן, רופנדיק צו שלום. ס'איז ניטא קיין דירעקטע באווייזן, אז קלינטאן, אדער די ענגלישע רעגירונג, איז פאר־אנטווארטלעך פאר אט־דעם ערשטן אויסברוך פון די לאיאליסטן. גיכער פון אלץ האבן די לאיאליסטן אף זייער אייגענער אחריות דורכגעפירט דעם בלוטיקן איבערפאל אף די קאלאניסטן פון ווייאמינג־וואלי. אין דעם איבער־פאל האבן די לאיאליסטן זיך פאראייניקט מיט די אינדיאנער פון יענער געגנט און אין פארלויף פון א יאר צייט האבן זיי טעראריזירט די פאטריאטיש־געשטימטע קאלאניסטן פון דעם צפון־טייל פון פענסילווייניע און פון דעם צפון־טייל פון ניו יארק.

נאך אין פעברואר 1778, האט גענעראל סקיילער, דער הויפט פון דער צפון־ארמיי, מודיע געווען דעם קאנגרעס, אז ער האט באווייזן וועגן לאיאליס־טישע פארשווערונגען, אז די לאיאליסטן האלטן זיך אין ארגאניזירן און אז זיי זוכן צו באוועגן די אינדיאנער שבטים צוזאמען דורכצופירן אן אטאקע אף די פאטריאטן אין ניו יארק, פענסילווייניע און ווירדזשיניע. דער קאנגרעס האט אדער געשענקט ווייניק אויפמערקזאמקייט צו סקיילער'ס אינפארמאציע, אדער, וואס איז גיכער דער פאל, איז פשוט ניט געווען בכח עטוואס צו טאן, כדי אפצושטעלן די געפלאנטע אטאקעס. די לאיאליסטן פון צפון

ניו יארק און צפון פענסילווייניע, וועלכע זיינען געווען מער אדער ווייניקער פאראייניקט, האבן דעריבער געהאט גענוג צייט זיך צוצוגרייטן פאר אן אטאקע פון דעם מין, וואס זיי האבן שטענדיק רעקאמענדירט.

די פאטריאטן פון דער געגנט, די וועלכע האבן ניט געדינט אין דער ארמיי, אלטע לייט און יונגע אינגלעך, האבן געמאכט א פארזוך צו ארגאניזירן א ווידערשטאנד. זיי זיינען אבער בלויז געווען א קליין הייפל; די אטאקירנ־דיקע לאיאליסטן און אינדיאנער האבן זיי גיך בייגעקומען און זיי אויס־געשאכטן אן רחמנות. זיי האבן אונטערגעצונדן די פעסטונג און זיך אמוזירט מיט דעם, וואס זיי האבן געווארפן זייערע געפאנגענע לעבעדיקערהייט אין פייער. ווען דאס איז זיי דערעסן, האבן זיי אויסגעשטעלט די געפאנגענע אין א קרייז און האבן אנגעקוואלן צוקוקנדיק ווי די אינדיאנער האבן זיי כקאלפירט. ווען ס'איז געווארן נאכט האבן זיי אנגעצונדן גרויסע קעמפ־פייערן און געטריבן די איבערגעבליבענע אומגליקלעכע געפאנגענע הין און צוריק דורך די פייערן, ביז זיי פלעגן אויסגעמאטערטע פאלן אין פייער און פארברענט ווערן.

פיל פרויען און קינדער, וואס האבן געמאכט א פארזוך צו אנטלויפן, זיינען אומגעקומען אין די וועלדער און זומפן, וואו זיי האבן זיך באהאלטן. די באנדע האט דורכגענישטערט די גאנצע געגנט און האט פארניכטעט יעדע מענטשלעכע באשעפעניש, וואס זי האט געפונען. די קאלאניסטן פון דער געגנט האבן דערפילט דעם אמת'ן טעם פון א בירגער־קריג.

מיט א פאר חדשים שפעטער, דעם 11טן נאוועמבער, 1778, האט א באנדע לאיאליסטן און אינדיאנער געמאכט אן איבערפאל אף טשערי־וואלי אין אסוועגא קאונטי, ניו יארק. מענער, פרויען און קינדער זיינען אויס־געמארדעט געווארן און דאס שטעטל איז אפגעווישט געווארן פון דער ערד. בלוט האט זיך געגאסן אין דעם גאנצן צפון־טייל פון ניו יארק חדשים־לאנג. ערשט אין 1779 איז וואשינגטאן געווען בכח ארויסצושיקן אן אפ־טייל פון דער ארמיי אונטער גענעראל סאליוואן, וועלכער האט געבראכן דעם ווידערשטאנד פון די לאיאליסטן און אינדיאנער אין יענער געגנט.

די ענגלישע רעגירונג האט אבער איצט געהאפט מיט אט די מיטלען צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד אין די קאלאניעס און האט פארארדנט אירע באאמטע אין קאנאדע, אז זיי זאלן ארגאניזירן די אינדיאנער פון דער וועסט, פון אהייא און פון מיסיסיפי, אז זיי זאלן מאכן איבערפאלן אף די גרענעצן

פון די דרום־קאלאניעס. אין ענגלישן פארלאמענט איז דער נייער קורס פון דער רעגירונג ביטער אטאקירט געווארן פון דער אפאזיציע. בווירק און אנדערע פירער פון די וויגס האבן פארדאמט די פאליטיק פון אויפבלאזן א בירגער־קריג אין די קאלאניעס; זיי זיינען ארויסגעטראטן קעגן באנוצן זיך מיט אינדיאנער אין דער מלחמה אין אמעריקע. די טאריס האבן זיך פאר־טיידיקט מיט דעם גוט־באקאנטן תירוץ, אז דאס איז א מלחמה־נויטווענדיקייט. יעדע אמת'ע מלחמה, האבן זיי גע'טענה'ט, איז פארוויסטונג און פארניכטונג און די שרעקלעכסטע מעטאדן זיינען סוף־כל־סוף די מער בארעמהארציקע, דערפאר וואס זיי ברענגען די מלחמה גיכער צו א סוף. צווישן טאמאהאק (קריגס־האק) פון אן אינדיאנער און דעם באגנעט פון אן ענגלישן סאלדאט איז א גאנץ קליינער אונטערשייד פאר דעם קרבן, האבן זיי ארגומענטירט.

קלינטאנ'ס טעראר־קאמפאניע

טעראר איז געווארן איינער פון קלינטאנ'ס הויפט־מיטלען צו צווינגען די באפעלקערונג פון די קאלאניעס זיך אונטערצוגעבן. א ריי איבערפאלן, וואס קלינטאן האט אין הארבסט 1778 דורכגעפירט אין מאסאטשוסעטס, ניו דזשוירזי און ניו יארק, האבן באצוועקט ארויפצוווארפן א שרעק אף דער באפעלקערונג. קלינטאן האט געהאפט מיט די דאזיקע איבערפאלן צו באווייזן די קאלאניסטן, אז זיי האבן זיך ניט וואס צו פארלאזן אף די רעוואָ־לוציאנערן, און אז די פאטריאטישע ארמיי איז ניט בכח זיי צו באשיצן.

אין מאסאטשוסעטס האט אן אפטיילונג פון ענגלישן פלאט געמאכט אן איבערפאל אף ניו בעדפארד; די ענגלענדער האבן אנגעמאכט אן אמת'ן חורבן אין דער דאזיקער האפן־שטאט. זיי האבן פארניכטעט העכער 70 גרויסע שיפן, פארברענט א גרויסע צאל ווערהייזער, מאגאזינען און פריוואטע וואוינונגען. אפן וועג צוריק קיין ניו יארק איז די דאזיקע אפטיילונג באפאלן מארטאס ווינערד, גאנטאקעט און די עליזאבעט אינזלען, ברענגענדיק מיט זיך פארניכטונג. אין דער דאזיקער עקספעדיציע האבן די ענגלענדער פאר־כאפט 300 אקסן און 10 טויזנט שעפסן, וואס זיי האבן אוועקגעשיקט צו דער ארמיי קיין ניו יארק. זיי האבן אויך געצוואונגען די באפעלקערונג פון די שטעטלעך צו צאלן געלט־קאנטריבוציעס.

א פאר וואכן נאך דעם איבערפאל אף די שטעטלעך אין מאסאטשו־

סעטס, האָט קלינטאָן דורכגעפירט א ריי איבערפאַלן אַף די האַפן־שטעטלעך פון ניו דזשוירזי און די שטעטלעך אַפן ברעג פון האַדסאָן און פון דעם לאָנג־איילאַנד סאַונד. און קלינטאָן, שיינט, האָט שיר ניט דערגרייכט זיין צוועק. ער האָט באַוויזן די קאָלאָניסטן, וואָס עס מיינט א מלחמה אין ערנסט. וואַשינגטאָנ׳ס בריוו פון יענער צייט ווערן אַלץ מער און מער פעסימיסטיש.

די שטימונג פון נצחון, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די פאַטריאָטן מיט דער שליסונג פון דעם פראַנצויזישן אַפמאַך, הויבט אָן צו פאַרשווינדן. וואַשינגטאָן באַזוכט דעם קאָנגרעס, וואו ער מאָלט א טרויעריק בילד פון דעם צושטאַנד פון דער רעוואָלוציע. ס׳איז מער ניט קיין פראַגע, זאָגט ער, אויב ענגלאַנד וועט ווייטער קאָנען אָנפירן די מלחמה, נאָר „צי וועלן מיר קאָנען אויסהאַלטן א סך לענגער?" די באַפעלקערונג און די אַרמיי ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ מער אויסגעמאַטערט פון דעם קאַמף, האָט וואַשינגטאָן פאַרגעזעצט. דער ווערט פון געלט האַלט אין איין פאַלן, אַזוי אַז „א ראַץ אין דער פאָרם פון א פערד קאָן מען ניט קריגן פאַר ווייניקער ווי 200 פונט".

די פירער פון קאָנגרעס זיינען אָבער געווען ווייט פון אָנערקענען, אַז די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן. די פאַרהאַנדלונגען, וואָס די פאַרטרעטער פון קאָנגרעס האָבן געפירט אין שפּאַניע און האָלאַנד, האָבן געשיינט צו זיין גינסטיק און מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז אין גיכן וועט ענגלאַנד דאַרפן פירן א קאַמף ניט בלויז מיט פראַנקרייך און די קאָלאָניעס ,נאָר אויך מיט די דאָזיקע צוויי לענדער.

דער קאַמף אין די דרום־קאָלאָניעס

די דרום־קאָלאָניעס האָבן ביז דעם ווינטער פון 1778-79 גאַנץ ווייניק געליטן פון דער מלחמה. דער הויפּט־קאַמף, ווי מיר האָבן געזען, איז געפירט געוואָרן אין די ניי־ענגלאַנד און מיטל־קאָלאָניעס. די דרום־קאָלאָניעס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם דאָזיקן קאַמף; זיי האָבן געהאַט זייערע רעגימענטן אין וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי און האָבן געהאָלפן שאַפן די מיטלען פאַר דער דאָזיקער אַרמיי. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט דעם שונא אין זייער אייגן לאַנד, בא זייער אייגענעם שוועל.

די לאַגע האָט זיך געענדערט איצט, ווען קלינטאָן האָט אָנגעהויבן אין ערנסט דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. קלינטאָן האָט נאָך אין סאַמע אָנהויב פון דער מלחמה, אין 1776, אויסגעאַרבעט א

פלאן צו פארנעמען די דרום־קאלאניעס. דער דאזיקער פלאן איז געווען אזוי נאטירלעך פאר א דערפאלגרייכער ענגלישער קאמפאניע, אז וואשינגטאן האט שטענדיק דערוואַרט, אז גענעראל האו וועט אים דורכפירן. די ערשטע צוויי פארזוכן, וואס די ענגלענדער האבן געמאכט, זיינען אבער געווען א דורכפאל. קלינטאנ׳ס פארזוך צו פארנעמען טשארלסטאן אין 1776 איז דורכגעפאלן צוליב דעם, וואס די אינדיאנער, אף וועלכע ער האט זיך פארלאזן אים ארויס־צוהעלפן אין דעם קאמף, האבן אין דער לעצטער מינוט חרטה געקראגן און האבן זיך צוריקגעצויגן. דער פארזוך צו פארנעמען דזשארדזשיע איז פון אנהויב געווען מער דערפאלגרייך. די ענגלענדער האבן אבער ניט געהאט גענוג קרעפטן און האבן זיך געמוזט צוריקציען, ווען די קאלאניסטן פון דזשארדזשיע האבן ארגאניזירט א ווידערשטאנד.

גענעראל האו האט מער קיין נייע פארזוכן ניט געמאכט אנצופירן א מלחמה אין דרום. קלינטאן אבער האט זיך גענומען דורכפירן זיין ערשטן פלאן.

דעם 27טן נאוועמבער 1778, האט קלינטאן ארויסגעשיקט אן אפטיילונג פון 2,500 סאלדאטן אונטער דער קאמאנדע פון קוירנעל קעמבעל צו פאר־כאפן סאוואנא. אין דער זעלביקער צייט האט גענעראל פרעוואסט, וועלכער איז געווען דער הויפט פון דער ענגלישער אפטיילונג אין מזרח פלארידא, אנגעהויבן א מארש קיין דזשארדזשיע צו פאראייניקן זיך מיט קעמבעל׳ס אפטיילונג.

קעמבעל האט דעם 29טן דעצעמבער געלאנדעט לעבן סאוואנא און האט אפגעהאלטן א גרינגען נצחון איבער גענעראל ראבערט האו מיט זיינע 800 מיליציאנטן, וועלכע האבן געדארפט פארטיידיקן די שטאט. סאוואנא מיט אלע מיליטערישע זאפאסן, וואס האבן זיך געפונען אין שטאט, איז אריינ־געפאלן אין די הענט פון די ענגלענדער. א ביסל שפעטער איז גענעראל פרעוואסט אנגעקומען אין שטאט און איבערגענומען די קאמאנדע איבער דער דאזיקער דרום־ארמיי. בא די לאיאליסטן פון דרום איז געווען א יום־טוב; זיי זיינען געקומען פון אלע ארומיקע געגנטן צו דערקלערן זייער לאיאליטעט צו ענגלאנד און צו העלפן די ענגלענדער אין דעם קאמף קעגן די פאטריאטן. די פירער פון דער פאטריאטישער פארטיי זיינען אנטלאפן פון דער געגנט.

דער איבערפאל פון די ענגלענדער אף דזשארדזשיע איז געווען איינגאנצן

אומדערוואַרטעט פאַר די פירער פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי אין דרום. ניט בלויז האָבן זיי ניט דערוואַרט קיין אַטאַקע אויף זייערע אייגענע קאָלאָניעס, נאָר זיי האָבן זיך געפילט אַזוי זיכער, אַז זיי האָבן אַליין געפּלאַנעוועט צו אַטאַקירן מזרח פלאָרידאַ; זיי האָבן אַפילו באַוויזן צו איבערצייגן דעם קאָנגרעס, אַז זייער פּלאַן קאָן לייכט דורכגעפירט ווערן און אין סעפּטעמבער איז באַשטימט געוואָרן, אַז גענעראַל לינקאָלן זאָל אָפּפאָרן קיין טשאַרלסטאָן און זאָל איבערנעמען די פירערשאַפט איבער דער עקספּעדיציע קיין מזרח פלאָרידאַ.

לינקאָלן איז אָנגעקומען אין טשאַרלסטאָן אָנהויב דעצעמבער, א פּאָר טעג נאָכדעם ווי די ענגלישע עקספּעדיציע האָט פאַרלאָזן ניו יאָרק. ער האָט רעקרוטירט אַן אַרמיי פון 950 מאַן אין צפון־ און דרום־קאַראָליינאַ און אָנגעהויבן מאַרשירן אין דער ריכטונג פון פלאָרידאַ. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט די פּליטים פון דזשאָרדזשיע און זיך דערוואוסט, אַז די ענגלענדער האָבן פאַרנומען סאַוואַנאַ. זיין אַנטוישונג איז געווען נאָך גרעסער, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז די דעלעגאַטן פון די דרום־קאָלאָניעס אין קאָנגרעס האָבן איבערגעטריבן אין דער אָפּשאַצונג פון זייערע כחות; אַז די צאָל מענטשן, וואָס איז וויליק זיך אָנצושליסן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, איז זייער קליין. מיט גרויסע שוועריקייטן און מיט דער הילף פון גענעראַל אַש, פון דרום־קאַראָליינאַ, האָט זיך אים איינגעגעבן צוזאַמענצוקלייבן אין זיין אַרמיי אַרום 3,000 מאַן. די דאָזיקע אַרמיי איז אָבער געווען אינגאַנצן ניט דיסציפּלינירט. ווען די סאָלדאַטן פלעגן קריגן א פאַראָרדענונג אָנצוהויבן א מאַרש, פלעגן זיי זיך ניט רירן פון אָרט, ביז וואַנען זיי האָבן געקראָגן א קלאָרן ענטפער אויף די פראַגן: „וואוהין גייען מיר, און ווי לאַנג וועלן מיר דאָרט פאַרבלייבן?"

די ענגלענדער האָבן אויף אַזאַ אופן ניט באַגעגנט קיין גרויסע שוועריקייטן אויף זייער וועג און אין א קורצער צייט האָבן זיי פאַרנומען גאַנץ דזשאָרדזשיע און אַחוץ סאַוואַנאַ האָבן זיי זיך באַפעסטיקט אין איבינעזער און אָגאָסטאַ, אין דעם צענטראַל־טייל און דעם דרום־טייל פון דער קאָלאָניע. דזשאָרדזשיע האָט זיך איצט צוריק געפונען אונטער דער ענגלישער פאָן. די אַלטע קאָלאָניאַלע פאָרם פון רעגירונג איז צוריק איינגעפירט געוואָרן און אַלע בא־אַמטע, פון דעם גאָווערנאָר ביז א פּאָליציימאַן, זיינען ווידעראַמאָל באַשטימט געוואָרן דורך דער ענגלישער קרוין.

גענעראל פרעוואסט האט איצט אנגעהויבן פלאנעווען צו פארכאפן אויך סאוט קאראליינא. זיינע ערשטע פארזוכן זיינען אבער דורכגעפאלן: אן אפטיילונג פון ארום 200 מאן, וואס האט געמאכט א פארזוך צו פארכאפן פארט ראיאל, איז צעקלאפט געווארן פון גענעראל מאלטרי, וועלכער האט פארטיידיקט טשארלסטאן קעגן גענעראל קלינטאן אין 1776. די לאיאליסטן פון סאוט קאראליינא, וועלכע האבן זיך ארגאניזירט צו קומען צו הילף די ענגלענדער, האבן געליטן א גרויסע מפלה אין א שלאכט מיט די פאטריאטן אונטער קוירנעל פיקענס. 70 געפאנגענע זיינען גע׳משפט געווארן פאר הויך־פארראט און 5 פון זיי זיינען פאראורטיילט געווארן צום טויט און זיינען הינגעריכטעט געווארן. דאס האט נאך מער אויפגעבלאזן די שנאה צווישן פאטריאטן און לאיאליסטן אין דער קאלאניע.

דער קאמף איז איצט געווען פאר קאנטראל איבער דעם סאוואנא ריווער, וועלכער טיילט אפ סאוט קאראליינא פון דזשארדזשיע. אויב די ענגלענדער וועלן באוויזן איינצוהאלטן דעם קאנטראל איבער דעם סאוואנא ריווער, וועלן זיי זיין זיכער מיט זייער דעראבערונג פון דזשארדזשיע און וועלן מעגלעך אויך קאנען פארנעמען סאוט קאראליינא. לינקאלן האט דעריבער אנגעהויבן איינצושטעלן מיליטערישע פאסטנס באם טייך און האט געשיקט גענעראל אש מיט 1500 מאן ארויסצוזעצן די ענגלענדער פון אגאסטא. קעמבעל, וועלכער האט געהאלטן די שטאט, איז באלד אפגעטראטן. אש האט אים נאכגעפאלגט. אבער דעם 2טן מערץ איז ער לעבן ברייער קריק אומדער־ווארטעט אטאקירט געווארן פון גענעראל פרעוואסט. די ענגלענדער האבן אפגעהאלטן א פולשטענדיקן נצחון. 150 אמעריקאנער זיינען געפאלן אין דער שלאכט; 160 זיינען גענומען געווארן אין פלען פון די ענגלענדער, א גרויסע צאל זיינען דערטרונקען געווארן אין דעם סאוואנא ריווער און די איבעריקע זיינען זיך צעלאפן. די ענגלענדער האבן איצט געהאט דעם פולן קאנטראל איבער דזשארדזשיע און געדראעט סאוט קאראליינא.

די פירער פון די פאטריאטן אין סאוט קאראליינא האבן געמאכט אלע אנשטרענגונגען צו באשיצן זייער קאלאניע. זיי האבן ארגאניזירט זייער מיליץ און געהאלפן גענעראל לינקאלן אונטערצונעמען א נייע עקספעדיציע קיין דזשארדזשיע אין א פארזוך ארויסצוטרייבן דעם שונא. אבער אזוי גיך ווי לינקאלן האט אנגעהויבן זיין מארש, איז גענעראל פרעוואסט אריבער דעם סאוואנא ריווער, און טרייבנדיק פאר זיך גענעראל מאלטרי, האט ער

געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאַרנעמען טשאַרלסטאָן. בלויז אַ פאַרשפּעטיקונג פון 2־3 טעג האָט געגעבן גענעראַל מאָלטרי אַ געלעגנהייט צונויפצוקלייבן אַ ביסל מיליץ און שטאַרק באַפעסטיקן זיך אין שטאָט.

דער גאָווערנאָר פון סאַוט קאַראָליינאַ און די ציווילע באַאַמטע פון שטאָט האָבן דעמאָלט פאַרגעלייגט גענעראַל פּרעוואָסט אַ מאָדנעם סאָרט אָפּמאַך: זיי האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז אויב די ענגלישע אַרמיי וועט פאַרלאָזן סאַוט קאַראָליינאַ וועלן זיי זיך איינגאַנצן צוריקציען פון דער מלחמה און פאַרבלייבן נייטראַל ביזן סוף פון דעם קאַמף, ווען די קאָלאָניע וועט זיין צופרידן צו טיילן דעם גורל פון אירע שכנים. ווען פּרעוואָסט וואָלט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אָנגענומען, וואָלט סאַוט קאַראָליינאַ און מיט איר דזשאָרדזשיע אַרויסגעפאַלן פון דעם קריג. פּרעוואָסט אָבער האָט ניט אָנ־גענומען דעם פאָרשלאָג, דערקלערנדיק, אַז ער האָט ניט די פולמאַכט אָנצונעמען אַזאַ פאָרשלאָג. ער האָט באַלאַגערט די שטאָט און געפאָדערט, אַז די קאָלאָניע זאָל זיך אונטערגעבן אָן תנאים.

דער דאָזיקער טעות, וואָס פּרעוואָסט האָט געמאַכט, האָט געראַטעוועט סאַוט קאַראָליינאַ און דזשאָרדזשיע און מעגלעך אַלע דרום־קאָלאָניעס פאַר דער רעוואָלוציע. גענעראַל לינקאָלן, וועלכער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער באַלאַגערונג פון טשאַרלסטאָן, האָט שנעל אויפגעגעבן זיין עקספּעדיציע אין דזשאָרדזשיע און זיך אומגעקערט קיין סאַוט קאַראָליינאַ. פּרעוואָסט איז געווען געצוואונגען אויפצוגעבן די באַלאַגערונג פון טשאַרלסטאָן און האָט זיך צוריקגעצויגן צו סטאָנאָ פערי, לעבן ים־ברעג. לינקאָלן האָט אים אַטאַקירט בּאַ דעם דאָזיקן פּונקט און געליטן שווערע פאַרלוסטן. די ענגלענדער אָבער האָבן זיך געמוזט צוריקציען קיין דזשאָרדזשיע. טריי צו די נייע מעטאָדן, וואָס קלינטאָן האָט איינגעפירט, האָבן זיי אָף זייער וועג צעשטערט און פאַר־ניכטעט אַלץ וואָס איז זיי נאָר געקומען אונטער־ן האַנט. זיי האָבן פאַר־טריבן די שקלאַפן פון די פּלאַנטאַציעס און זיי מיטגענומען מיט זיך קיין דזשאָרדזשיע, וואו זיי האָבן 3,000 פון זיי פאַרקויפט צו די פּלאַנטאַטאָרס פון וועסט־אינדיע. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלע באַלוינונג, וואָס קלינטאָן האָט געגעבן די אָפיצערן פון דער עקספּעדיציע.

אין דער צייט, וואָס גענעראַל פּרעוואָסט האָט זיך גענומען באַלאַגערן טשאַרלסטאָן, האָט קלינטאָן אַרויסגעשיקט אַ צווייטע עקספּעדיציע קיין דרום. דאָס מאָל קיין ווירדזשיניע. ווירדזשיניע האָט דירעקט אויך ווייניק געליטן

פון דער מלחמה. די גרויסע גוטסבאזיצער פון ווירדזשיניע האבן פאר־געזעצט צו עקספארטירן יעדן יאר מאסן טאבאק קיין אייראפע און מען האט געגלויבט, אז דער עקספארט פון אט־דעם טאבאק איז געווען די הויפט־שטיצע פאר דעם קרעדיט, וואס דער קאנגרעס האט געקראגן אין אייראפע. פון ווירדזשיניע האט די רעוואלוציאנערע ארמיי אויך באקומען אירע הויפט־זאפאסן פון פראוויאנט.

אנהויב מאי 1779, האט קלינטאן ארויסגעשיקט קריגס־שיפן און 2500 מאן אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל מאטיוס צו מאכן אן איבערפאל אף ווירדזשיניע. די עקספעדיציע האט געלאנדעט אין פארטסמוט, איינער פון די גרויסע האנדלס־האפנס פון ווירדזשיניע, און אנגעמאכט א חורבן אין האפן און אין דער ארומיקער געגנט. מען האט געגלויבט, אז דער שאדן, וואס די דאזיקע עקספעדיציע האט אנגעמאכט, האט באטראפן 2 מיליאן פונט, א ריזיקע סומע פאר יענע צייטן. אזוי אומדערווארטעט איז געווען דער איבערפאל, אז די מיליץ פון ווירדזשיניע האט אפילו קיין צייט ניט געהאט ארויסצואווייזן וועלכן עס איז ווידערשטאנד. די אסעמבלי האט בלויז געקאנט פראטעסטירן „קעגן דעם אומדערהערטן אופן פון פירן מלחמה".

אט די דערפאלגן קלינטאנ'ס האבן ארויסגערופן גרויס פרייד אין ענג־לאנד. די טאריס אין ענגלאנד האבן זיך צוריק דערפילט שטארק אין זאטל. די מורא, אז מיט דער הילף פון פראנקרייך וועלן די קאלאניסטן באווייזן צו געווינען פולשטענדיקע אומאפהענגיקייט, האט איצט אויסגעזען ווי א שפאס. די פארלאמענטארישע פירער פון די טאריס האבן אנגעהויבן צו וואונדערן זיך, ווי אזוי זיי האבן גאר געקאנט גלויבן, אז פראנקרייך וועט זיין בכח עטוואס צו טאן פאר די „רעבעלן". זיי האבן זיך געשעמט פאר דער פאניק, אין וועלכער זיי זיינען אריינגעפאלן, ווען דער אפמאך צווישן פראנקרייך און די קאלאניעס איז געשלאסן געווארן, פאר דער שלום־קאמיסיע, וואס זיי האבן געשיקט צו פארהאנדלען מיט די „רעבעלן".

די לאיאליסטן אין אמעריקע האבן צוריק געקראגן מוט און האבן מיט מער ענערגיע זיך גענומען באקעמפן די פאטריאטן. די לעצטע זיינען געווען אנטוישט און דערשלאגן. ארום האט געהערשט א פולשטענדיקע אנארכיע. דער קאנגרעס איז געווען שוואך און נים געקאנט האלטן ארדענונג. פיל פון די פירער זיינען באשולדיקט געווארן אין קארופציע און אייגננוציקייט. אין

פיל הערצער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ צווייפל, צי זיינען די קאָלאָניעס בכלל פּייאיק זיך אַליין צו רעגירן.

די דאָזיקע שטימונג האָט אָבער נאָך מער פאַרביטערט דעם קאַמף צווישן פּאַטריאָטן און לאָיאַליסטן אין די קאָלאָניעס. אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן די פּאַטריאָטן אָנגעהויבן אָנצואווענדן די שאַרפסטע מיטלען אין דעם קאַמף קעגן זייערע היימישע קעגנער. בּאַ די לאָיאַליסטן זיינען אָפּגענומען געוואָרן אַלע בירגער־רעכטן. זיי האָבן ניט געקאָנט אריינברענגען קיין קלאַגעס אין געריכט, איינמאָנען אַ חוב, קויפן אָדער פאַרקויפן לאַנד, אָדער האַלטן וועלכן עס איז אַמט. די דאָזיקע באַציאונג צו די לאָיאַליסטן האָט אָנגעהאַלטן לאַנג נאָכדעם, ווי די רעוואָלוציע האָט געזיגט.

די שלאַכט פון „קינגס מאַונטעין" — דער אָנהויב פונעם סוף פון דער מלחמה

קלינטאָן האָט איצט באַשטימט אַלס הויפּט פון דער דרום־אַרמיי גענעראַל קאָרנוואַליס, וועלכער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט דער קליינער אַרמיי, וואָס ער האָט אין זיין רשות, וועט ער ניט קאָנען פאַרנעמען און איינהאַלטן די גרויסע טעריטאָריע פון די דרום־קאָלאָניעס. קאָרנוואַליס'עס הויפּט־פּלאַן איז דעריבער געווען צו אָרגאַניזירן די לאָיאַליסטן פון די דרום־קאָלאָניעס, העלפן זיי דורכפירן אַן אויפשטאַנד קעגן די פּאַטריאָטישע רעגירונגען פון די דרום־פּראָווינצן און דעמאָלט „באַרואיקן" די טיילן, וואָס וועלן זוכן פאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן דער ענגלישער הערשאַפט. אַ גרונט צו גלויבן, אַז ער וועט דעם דאָזיקן פּלאַן קאָנען דורכפירן, האָבן אים געגעבן די לאָיאַליסטן פון נאָרט קאַראָליינאַ.

אָנהויב זומער 1780, ווען קאָרנוואַליס האָט איבערגענומען די פירער־שאַפט פון דער ענגלישער דרום־אַרמיי אין סאַוט קאַראָליינאַ, האָט ער אָנגעהויבן באַקומען ידיעות פון די לאָיאַליסטן אין נאָרט קאַראָליינאַ, אַז זיי וואַרטן מיט אומגעדולד, אַז ער זאָל קומען זיי באַפרייען פון דער „באַר־באַרישער הערשאַפט פון די אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן", אַז זיי זיינען גרייט זיך אָנשליסן אין זיין אַרמיי און העלפן ברענגען די קאָלאָניע אונטער דער פאָן פון ענגלאַנד. עטלעכע לאָיאַליסטישע אויפשטאַנדן זיינען פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע טיילן פון נאָרט קאַראָליינאַ, אַזוי אַז קאָרנוואַליס האָט גע־



לארד קארנוואליס

גלויבט, אַז די לאָיאַליסטן זיינען אַ מאַכט אין דער קאָלאָניע. די פירער פון די לאָיאַליסטן האָבן שטאַרק איבערשאַצט זייערע כחות, פונקט ווי די פירער פון די פאַטריאָטן האָבן איבערשאַצט די פאַטריאָטישע כחות, ווען זיי האָבן באַוועגט דעם קאָנגרעס אונטערצונעמען אַן עקספּעדיציע קיין פלאָרידאַ.

קאָרנוואַליס איז די ערשטע צייט געווען געבונדן דורך קלינטאָנ'ס אינ־סטרוקציעס צו קאָנצענטרירן זיינע כחות אויף איינצוהאַלטן סאַוט קאַראָליינאַ און דזשאָרדזשיע. ער האָט געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דעם קאַמף, וואָס ער האָט אויפגעהויבן אין ענגלאַנד קעגן קלינטאָנ'ען און זיין פּאָליטיק. ער האָט דעריבער געראָטן די לאָיאַליסטישע פירער צו פאַרבלייבן רואיק. ער האָט זיי דערקלערט, אַז ער האָט ניט קיין גענוג זאַפּאַסן פאַר אַזאַ גרויסער אַרמיי ווי די לאָיאַליסטן קלייבן זיך צו אָרגאַניזירן, און אַז ס'וועט דעריבער זיין בעסער אָפּצוּוואַרטן ביז מען וועט אַראָפּנעמען פון די פעלדער, און דעמאָלט וועט ער זיך פאַראייניקן מיט זיי.

ווען גענעראַל געיטס, וועלכער איז איצט באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט פון דער רעוואָלוציאָנערער דרום־אַרמיי, האָט דעם 16טן אויגוסט 1780 גע־ליטן אַ שווערן דורכפאַל בײַ קעמדען, האָט קאָרנוואַליס באַשלאָסן מער ניט צו רעכענען זיך מיט קלינטאָנ'ס אינסטרוקציעס און אָנהויבן גלייך דורכפירן זיינע אייגענע פּלענער. ער האָט געגלויבט, אַז געיטס' מפּלה האָט געשאַפן די שטימונג פאַר אַ לאָיאַליסטישן אויפשטאַנד. אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז זיין פּלאַן וועט זיך איינגעבן און ער וועט באַוויזן צו פאַרנעמען ניט בלויז נאָרט קאַראָליינאַ, נאָר אויך ווירדזשיניע, אַז ער האָט געשריבן צו קלינטאָנ'ען אַרויס־צושיקן אַן אַרמיי, אַזוי גרויס ווי נאָר מעגלעך, קיין ווירדזשיניע, און אַז די דאָזיקע אַרמיי זאָל אָנהויבן אַ מאַרש איבער ווירדזשיניע, און זיך פאַר־אייניקן מיט אים אין נאָרט קאַראָליינאַ. די פירער פון די לאָיאַליסטן אין נאָרט קאַראָליינאַ האָט ער געלאָזט וויסן, אַז „די שעה פון זייער באַפרייאונג איז געקומען”, און אַז זיי זאָלן אָנהויבן זיך אָרגאַניזירן פאַר אַן אָפענעם קאַמף קעגן די פאַטריאָטן. אַזוי אַרום האָט קאָרנוואַליס געגלויבט, אַז ער וועט מיט איין גרויסן קלאַפּ מאַכן אַ סוף צו דער רעוואָלוציע אין די דרום־קאָלאָניעס.

קאָרנוואַליס'ן האָבן אָבער דערוואַרט גרויסע אַנטוישונגען. זיין ערשטע אַנטוישונג איז געקומען באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין רוף צו די לאָיאַליסטן פון נאָרט קאַראָליינאַ. ניט געקוקט אויף די פאַרזיכערונגען

פון די פירער פון די לאָיאַליסטן, אַז די באַפעלקערונג קוקט אַרויס אַף די ענגלענדער, ווי אַף דערלייזער, האָבן אָבער גאָר ווייניק זיך אָפּגערופן אַף קאָרנוואַליס׳עס רוף זיך צו אָרגאַניזירן פאַר אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון דער פאַטריאָטישער פאַרטיי אין נאָרט קאַראָליינאַ. קאָרנוואַליס האָט געגלויבט, אַז אויב ער וועט אריינשיקן אַן אָפּטיילונג פון דער ענגלישער אַרמיי אין דער פּראָווינץ, וועט עס דערמוטיקן די לאָיאַליסטן. ער האָט דעריבער געגעבן צו וויסן די לאָיאַליסטן, אַז ער קומט מיט דער אַרמיי זיי העלפן באַפרייען זיך פון דעם פאַטריאָטישן יאָך, און דעם 6טן סעפּטעמבער, 1780, האָט ער פאַרנומען שאַרלאָט, אַ שטאָט, וואָס איז געווען פאַטריאָטיש געשטימט. דער אויסוואַל פון אָט־דער שטאָט איז געווען אַ טעות. די גאַנצע אַרומיקע געגנט איז געווען פאַטריאָטיש געשטימט און די באַפעלקערונג האָט באַגעגנט די ענגלענדער ווי שונאים, וואָס זיינען געקומען פאַרכאַפּן זייער לאַנד.

פון קאָרנוואַליס׳עס פּלענער צו אָרגאַניזירן אַ לאָיאַליסטישן אויפשטאַנד אין נאָרט קאַראָליינאַ און מיט דער הילף פון די לאָיאַליסטן פאַרכאַפּן די קאָלאָניע און מעגלעך אויך ווירדזשיניע, האָט זיך אַף אַזאַ אופן גאָרנישט אויסגעלאָזן. קאָרנוואַליס איז אָבער באַגאַנגען נאָך אַ פעלער, וואָס האָט מעגלעך געקאָסט די ענגלענדער זייער הערשאַפט אין די קאָלאָניעס. דער פינף־יאָריקער קאַמף אין די קאָלאָניעס האָט געלערנט די מיליטערישע פירער, סיי די אַמעריקאַנער, סיי די ענגלענדער, אַז איזאָלירטע אַרמיי־אָפּטיילונגען קאָנען לייכט פאַרניכטעט ווערן אין די באַדינגונגען, אין וועלכע די מלחמה ווערט געפירט. דאָס האָט באַוויזן טרענטאָן, ווען וואַשינגטאָן האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג איבער דער איזאָלירטער אָפּטיילונג, וואָס גענעראַל האָו האָט דאָרט איבערגעלאָזן. דאָס האָט באַוויזן די מפּלה פון גענעראַל בוירגאָין; דאָס האָבן באַוויזן די דורכפאַלן פון דער פאַטריאָטישער אַרמיי, ווען די ענגלענדער פלעגן באַפאַלן אַן איזאָלירטן פונקט, וואו ס׳האָט זיך געפונען אַן אָפּטיילונג פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. וואַשינגטאָן האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען זיינע גענעראַלן, אַז זיי זאָלן זען אויסמיידן מאַנעוורעס, וואו טיילן פון דער אַרמיי קאָנען בלייבן איזאָלירט. קאָרנוואַליס אָבער האָט דער־לויבט איינעם פון זיינע בעסטע אָפיצערן, מאַיאָר פוירגוסאָן, מיט אַן אָפּ־טיילונג פון אַרום 1500 מאַן, זיך אויסשפּרייטן איבער אַ גרויסער טעריטאָריע און מיט אַ ניט־גענוגנדיקער מאַכט פאַרנעמען אַן איזאָלירטע פּאָזיציע.

מאַיאָר פּוירגוסאָן איז געווען אַ פּיאַיקער אָרגאַניזאַטאָר, אַ מענטש וועלכער האָט געקאָנט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ פאָלקס־מענטש, געוואוסט ווי צו ווערן גוט־ברודער מיט פאַרשיידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און איבערצייגן זיי וועגן דער גרויסער געפאַר, וואָס דערוואַרט די קאָלאָניעס, ווען זיי זאָלן זיך אָפּרייסן פון ענגלאַנד און ווערן אומאָפּהענגיק. ער האָט באַוויזן צו רעקרוטירן לאָיאַליסטישע באַטאַליאָנען פון אַרום 1500 מאַן, מיט וועלכע ער האָט זיך צעשפּרייט איבער דעם מזרח־טייל פון נאָרט קאַראָליינאַ, און האָט באַפעסטיקט די מאַכט פון ענגלאַנד אין דער געגנט.

די פּאַטריאָטן פון דער קאָלאָניע האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין דעם מערב־טייל פון דער קאָלאָניע, אונטער דער פירערשאַפט פון טשאַרלס מעקדוגעל, וועלכער האָט זיך באַלד געווענדעט נאָך הילף צו די אַזוי־גערופענע בערג־לייט, וואָס האָבן מיט אַ שטיקל צייט פריער זיך באַזעצט אין דער געגנט, וואָס איז איצט מזרח־טענעסי, אויף דער צווייטער זייט פון די נאָרט קאַראָליינאַ בערג. די דאָזיקער איינוואַנדערער, מיט די אַלע מעלות פון הינטער־לאַנד־מענטשן, וועלכע האָבן געוואוסט ווי צו קעמפן מיט אינדיאַנער, און האָבן פאַראייניקט אין זיך דעם יעגער, פאַרמער און מיליציאַנט, וואָלטן גע־קאָנט ברענגען אַ סך נוצן דעם זאַך פון די פּאַטריאָטן, אויב נאָר מען וואָלט געקאָנט איבערצייגן זייערע פירער, אַז זייערע היימען זיינען אין געפאַר פון אַן ענגלישן איבערפאַל. מעקדוגעל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אַפּיל צו די בערג־לייט זיך אָנצושליסן אין דער פּאַטריאָטישער אַרמיי און העלפן פאַרטרייבן די ענגלענדער פון לאַנד. איניקע פון די פירער האָבן זיך באַלד אָנגעשלאָסן אָן מעקדוגעל׳ס אַרמיי. באַלד איז אָבער באַקאַנט געוואָרן די נייס וועגן דער שלאַכט בּאַ קעמדן, וואו גייטס האָט געליטן אַ שווערע נידערלאַגע, און די בערג־לייט האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע היימען.

פּוירגוסאָן אַליין האָט אָבער געגעבן די געלעגנהייט צו איבערצייגן די בערג־לייט, אַז זיי מוזן זיך אַריינוואַרפן אין קאַמף קעגן ענגלאַנד. באַרוישט פון דעם זיג איבער גייטס׳ן און פון זיינע אייגענע דערפאָלגן אין מזרח־טייל פון נאָרט קאַראָליינאַ, האָט פּוירגוסאָן מודיע געווען די פירער פון די בערג־לייט, אַז „אויב זיי וועלן ניט אויפגעבן זייער אָפּאָזיציע צו דער ענגלישער אַרמיי, וועט ער קומען מיט זיין אַרמיי, אויפהענגען די פירער און מיט פייער און שווערד פאַרניכטן זייער לאַנד".

די דאָזיקע וואָרענונג האָט געבראַכט פונקט די קעגנזאַצלעכע רעזולטאַטן,

וואָס פוירגוסאָן האָט דערוואַרטעט. די פירער פון דער גרענעץ־געגנט אין טענעסי האָבן זיך אַלע פאַראייניקט פאַר אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די ענגלענדער, און דעם 25טן סעפּטעמבער, 1780, האָבן זיי זיך אַנגעשלאָסן אין מעקדוגעל'ס פּאַטריאָטישער אַרמיי, וועלכע האָט געפירט דעם קאַמף קעגן פוירגוסאָנ'ען אין מערב־טייל פון נאָרט קאַראָליינאַ.

פוירגוסאָן האָט זיך דערוואוסט וועגן די באַוועגונגען פון די בערג־לייט אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט מעקדוגעל'ן; ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז נאָך צוויי פּאַטריאָטישע אָפּטיילונגען האָבן זיך אָרגאַניזירט אים צו באַקעמפן. ער האָט זיך תיכף געווענדעט נאָך הילף צו קאָרנוואַליס'ן; ער האָט אויך אַרויסגעלאָזן אַ דרינגענדיקן רוף צו זיינע לאָיאַליסטישע אָנהענגער, אַז זיי זאָלן אים קומען צו הילף. קאָרנוואַליס איז אָבער געווען ווייט און די לאָיאַליסטן האָבן זיך ניט שטאַרק געאיילט אָנצוהייבן אַ בירגער־קריג, ניט ווִיסנדיק מיט וואָס אַזאַ מלחמה וועט זיך ענדיקן. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז אויב די פּאַטריאָטן וועלן זיגן, וועלן זיי זיך בלוטיק אָפּרעכענען מיט די לאָיאַליסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם ענגלישן קאַמף קעגן זיי. פוירגוסאָן האָט אָבער דאָך באַוויזן צוזאַמענצושטעלן מיט דער הילף פון די לאָיאַליסטן אַן אַרמיי פון אַרום צוויי טויזנט מאַן. און כדי אָפּצונאַרן די בערג־לייט, וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט, האָט ער באַשלאָסן צו ענדערן זיין מאַרשרוט און האָט געלאָזט וויסן קאָרנוואַליס'ן, אַז ער זאָל צושיקן פאַרשטאַרקונג צו קינגס מאָונטעין, וואו ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן און באַפעסטיקן.

פוירגוסאָנ'ס מאַנעווערע אין ענדערן דעם מאַרשרוט האָט פאַר אַ ווײַלע אָפּגענאַרט די פּאַטריאָטן. זיי האָבן אָבער באַלד אויסגעפונען, אַז פוירגוסאָן האָט זיי אָפּגענאַרט, און האָבן זיך מיט פאַרדאָפּלטער שנעלקייט אַוועקגעלאָזט צו קינגס מאָונטעין. דעם 7טן אָקטאָבער האָבן זיי דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, וואו פוירגוסאָן איז געווען באַפעסטיקט. די שלאַכט איז געווען איינע פון די בלוטיקסטע אין דער רעוואָלוציע. פוירגוסאָן האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און בראַווקייט. די פּאַטריאָטן האָבן אָבער אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אַז קיין מעגלעכקייט אָפּצוטרעטן און ראַטעווען זיין אַרמיי האָט ער ניט געהאַט. פוירגוסאָן איז געפאַלן אין דער דאָזיקער שלאַכט און זיין גאַנצע אַרמיי האָט זיך אונטערגעגעבן נאָך אַן איין־שעה'דיקן קאַמף.

פיל מעשיות ווערן דערציילט וועגן דעם שוידערלעכן אופן, ווי אַזוי די פּאַטריאָטן פון נאָרט קאַראָליינאַ האָבן באַהאַנדלט די געפאַנגענע, ספּעציעל די לאָיאַליסטן. קאָרנוואַליס האָט אַפילו געשיקט אַ פּראָטעסט צו גענעראַל גייטס און געדראָעט, אַז ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט די געפאַנגענע פּאַטריאָטן פאַר די גרויזאַמקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן די לאָיאַליסטן. דער אמת איז, אַז די פּאַטריאָטן האָבן ניט באַהאַנדלט זייערע געפאַנגענע ניט בעסער און ניט ערגער, ווי די ענגלענדער און לאָיאַליסטן האָבן באַהאַנדלט די פּאַטריאָטן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט.

פוירגוסאָנ׳ס מפּלה האָט צונישט געמאַכט קאָרנוואַליס׳עס אַלע פּלענער, באַטש ער אַליין האָט פון אָנהויב באַטראַכט דעם דורכפאַל בלויז אַלס אַן אינצידענט אין דער מלחמה. אַפילו וואַשינגטאָן און די אַנדערע פירער פון דער רעוואָלוציע האָבן אָפּגעשאַצט דעם גאַנצן באַטייט פון דער שלאַכט אויף קינגס מאַונטעין ערשט שפּעטער. פוירגוסאָנ׳ס מפּלה איז אָבער געווען דער אָנהויב פון סוף אין דעם קאַמף פון ענגלאַנד אַרויפצוצווינגען איר הערשאַפט אויף די קאָלאָניעס.

קלינטאָן און קאָרנוואַליס רייסן זיך אַרום פאַר פירערשאַפט

די אַלע שלאַכטן, זיגן און דורכפאַלן פון ביידע צדדים אין דער מלחמה האָבן ניט געגעבן קיינעם פון זיי די אויבערהאַנט. פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט האָט געשיינט, אַז די נייע רעפּובליק וועט סוף כל סוף ניט אויסהאַלטן. די אויסגעמאַטערטקייט פון דער באַפעלקערונג נאָך זעקס יאָר מלחמה און בירגער־קריג, די נייע פּאָליטיק פון אויסראָטונג און פאַרניכטונג, וואָס קלינטאָן האָט איינגעפירט, נייע דורכפאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי — אָט־די אַלע אומשטענדן האָבן געשיינט צו פירן צו דעם דורכפאַל פון דעם „אַמעריקאַנער עקספּערימענט". אמת, די פּאַטריאָטן האָבן אָנגעשטרענגט אַלע כחות, האָבן געקעמפט פאַר זייערע לעבנס, זייער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, אין דער צייט ווען די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען געווען געדונגענע גאַרילאַס און מערדער, וואָס האָבן זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. אָבער די געשעענישן פון די לעצטע צוויי יאָר פון דער רעוואָלוציע און דער ענדגילטיקער זיג פון די פּאַטריאָטן וואָלטן אינגאַנצן פאַרבליבן אומפאַרשטענדלעך, ווען מיר זיינען ניט באַקאַנט מיט דעם אינערלעכן קאַמף,

וואס די ענגלישע גענעראלן און פאליטישנס האבן געפירט צווישן זיך.

דער פאליטישער קאמף צווישן די וויגס און טאריס אין ענגלאנד האט געגעבן די אמעריקאנער פאטריאטן די מעגלעכקייט זיך צו באפעסטיקן און ארגאניזירן זייערע קרעפטן פאר דער מלחמה; דער פערזענלעכער קאמף צווישן קלינטאן, קארנוואלים און לארד דזשערמיין פאר פירערשאפט האט געפירט צו דעם ענדגילטיקן נצחון פון דער רעוואלוציע.

קלינטאנ׳ס פלאן פאר דער וויטערדיקער מלחמה אין די קאלאניעס איז געווען איינצוהאלטן די געווינסן פון די ענגלענדער אין דרום און זיך ניט איילן מיט נייע דעראבערונגען, סיידן די געלעגנהייט וועט זיין באזונדער גינסטיק. ער האט געגלויבט, אז די נעקסטע דעראבערונג, וואס די ענגלענדער וועלן קאנען מאכן, וועט זיין צו פארנעמען די דעלאווער קאלאניע. ער איז אבער געווען איבערצייגט, אז אפילו ניט פארנעמענדיק דעלאווער, בלויז איינ־האלטנדיק דזשארדזשיע, סאוט קאראליינא און די שטאט ניו יארק, וועט ער מיט דער צייט אויסמאטערן די פאטריאטן און זיי צווינגען אויפצוגעבן דעם קאמף.

קארנוואלים אבער האט געקוקט מיט פאראכטונג אף די קאנסערוואַ־טיווע, ווי ער האט זיי גערופן, פאליסים פון זיין הויפט־קאמאנדיר. קודם כל האט ער ניט איינגעשטימט מיט דער טאקטיק פון מאכן פלוצימדיקע איבער־פאלן אף קאלאניעס. „עקספעדיציעס פון טאבאק־גניבות", האט ער אנ־גערופן די דאזיקע איבערפאלן; זיי האבן אים ניט צופרידנגעשטעלט; ער האט געגלויבט, אז די דאזיקע עקספעדיציעס ברענגען ניט קיין רעזולטאטן. ער האט געוואלט אן אפענע מלחמה, שלאכטן, אין וועלכע מען וועט קאנען פארניכטן די רעוואלוציאנערע ארמיי און שנעל מאכן א סוף צו דעם אויפשטאנד.

אז קארנוואלים איז געווען אינגאנצן אומגערעכט, האבן באוויזן די שפעטערדיקע פאסירונגען. נארט קאראליינא איז פון אלע דרום־קאלאניעס געווען די שווערסטע צו בארויקן. ערשטנס, איז דער שטח, וואס דער שטאט פארנעמט, זייער א גרויסער, און די באפעלקערונג איז געווען צעשפרייט אין קליינע דערפלעך אף הונדערטער מייל ווייט. אחוץ דעם פארמאגט ניט נארט קאראליינא קיין צוגענגלעכע האפנס. דער איינציקער האפן פון דער קאלאניע, ווילמינגטאן, איז געווען צו ווייט פון דעם באפעלקערטן טייל פון דער פראווינץ און אין מיליטערישער הינזיכט האט דער דאזיקער האפן אינגאנצן ניט געקאנט

באַנוצט ווערן. דאָס פאַרנעמען פון דעם האַפן האָט אויך ניט געקאָנט שעדיקן דעם האַנדל פון דער קאָלאָניע, וואָס איז הויפּטזאַכלעך געפירט געוואָרן מיט ווירדזשיניע. קאָרנוואַליס האָט אָבער באַטראַכט די קאַמפּאַניע אין נאָרט קאַראָליינאַ אַלס אינצידענט. זיין הויפּט־פּלאַן איז געווען צו פאַרכאַפּן ווירדזשיניע און אויף אַזאַ אופן מאַכן אַ סוף צו דעם אויפשטאַנד אין די דרום־קאָלאָניעס.

אָט די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן קלינטאָנ׳ען און קאָרנוואַליס׳ן האָבן באַשאַפן אַ לאַגע, וואו אַ נידעריקער באַאַמטער האָט ניט בלויז ניט איינגעשטימט מיט די פּלענער און פּאָליטיק פון זיין קאָמאַנדיר, נאָר האָט געקוקט אויף זיי מיט פאַראַכטונג און געזוכט מיטלען זיי דורכצואוואַרפן. וואָלט קאָרנוואַליס ניט געווען קיין איינפלוסרייכע פּערזאָן אין דער ענגלישער פּאָליטיק, וואָלט אפשר זיין ניט־איינשטימיקייט מיט דעם הויפּט־קאָמאַנדיר ווייט ניט געפירט. קאָרנוואַליס איז אָבער געווען איינפלוסרייך און מעכטיק סיי אין דער ענגלישער פּאָליטיק, סיי אַלס אַריסטאָקראַט, וואָס געהערט צו דער אינערלעכער הערשנדיקער גרופּע; ער האָט אַגב געהאַט די מעגלעכקייט דירעקט צו באַריכטן צו דער רעגירונג וועגן זיינע אייגענע פּלענער.

דאָס רעכט דירעקט צו באַריכטן צו דער רעגירונג האָט קאָרנוואַליס געקראָגן פון קלינטאָנ׳ען אַליין. קלינטאָן האָט אים די דאָזיקע רעכט געגעבן, גלויבנדיק, אַז מיט דעם וועט מען שפּאָרן צייט און די רעגירונג וועט וויסן וועגן די געשעענישן אין דרום שנעלער, ווי אונטער דער געוויינטלעכער פּראָצעדור, וואו די באַריכטן וואָלטן פריער געקומען צו אים און ערשט דעמאָלט איבערגעשיקט געוואָרן צו דער ענגלישער רעגירונג. קאָרנוואַליס האָט אָבער אויסגענוצט אָט דאָס רעכט, כדי פּאָפּולער צו מאַכן זיינע אייגענע פּלענער און צונישט צו מאַכן קלינטאָנ׳ס פּאָליטיק. ער האָט אפילו געשיקט אָן קלינטאָנ׳ס וויסן זיינעם אַ לייטענאַנט קיין לאָנדאָן, וועלכער זאָל פאָרברענגען זיינע פּלענער פאַר דער רעגירונג.

דער ענגלישער מיניסטאָרן־קאַבינעט, און ספּעציעל דער קעניג, האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט קאָרנוואַליס׳עס פּלענער. די פירער פון דער רעגירונג האָבן אויך געקוקט אויף ווירדזשיניע ווי אויף דעם שליסל צו די דרום־קאָלאָניעס. דערפאַר וואָס ווירדזשיניע האָט געגעבן איינעקע פון די אָנגעזעענסטע פירער פון דער רעוואָלוציע, איז די דאָזיקע פּראָווינץ באַטראַכט געוואָרן אין לאָנדאָן פון מער וויכטיקייט, ווי זי האָט עס סטראַטעגיש פאַר־

דינט. געדעכט איז אָבער געווען קלינטאָן. טשאַרלסטאָן און ניט ווירדזשיניע איז געווען דער שליסל צו די דרום־קאָלאָניעס. אין זיינע שריפטן מאַכט וואַשינגטאָן קלאָר אָט־דעם גרויסן טעות, וואָס קאָרנוואַליס און מיט אים די פירער פון דער ענגלישער רעגירונג האָבן געמאַכט אין זייער אָפּשאַצונג פון דער וויכטיקייט פון ווירדזשיניע אין דער מלחמה. די ענגלישע רעגירונג האָט אָבער אָנגעהויבן צו קוקן אַף קאָרנוואַליס׳ן ווי אַף דעם מער פייאיקן מיליטערישן פירער און געגומען שטיצן זיינע פּאָליסים.

א סך אַרויסגעהאָלפן אין דעם האָט לאָרד דזשערמיין, דער קאָלאָניאַל־מיניסטער. לאָרד דזשערמיין און קלינטאָן זיינען געווען פּערזענלעכע שונאים. נאָך אין אָנהויב פון דער מלחמה האָט דזשערמיין פאַרעפנטלעכט א באַריכט, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט קלינטאָנ׳ען אין זייער ניט קיין גינסטיקן ליכט. קלינטאָן איז דעמאָלט געפאָרן קיין לאָנדאָן פאָדערן פון דזשערמיינ׳ען, אַז ער זאָל אָדער צוריקציען זיין באַריכט, אָדער האָבן מיט אים א דועל. דזשערמיין האָט זיך דעמאָלט דערשראָקן, און אום אויסצומיידן א דועל האָט ער פאַרגיטיקט קלינטאָנ׳ען מיט דעם, וואָס ער האָט אים געמאַכט פאַר א מיטגליד פון דעם „אָרדער פון בעט“. קיין גרויסער גוטער פריינט איז ער אָבער קלינטאָנ׳ען ניט פאַרבליבן.

ווען קאָרנוואַליס האָט אָנגעהויבן באַקעמפן קלינטאָנ׳ס פּאָליטיק, איז לאָרד דזשערמיין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן שטיצן קאָרנוואַליס׳ן.

די מפּלה, וואָס געיטס האָט געליטן לעבן קעמדן, איז געווען א ווענדפונקט אין דעם דאָזיקן קאַמף. געיטס איז זינט זיין נצחון איבער בוירגאָינ׳ען געווען פאַררעכנט פאַר דעם פייאיקסטן אַמעריקאַנער גענעראַל. מיר האָבן געזען, אַז באַלד נאָך זיין נצחון איבער בוירגאָינ׳ען האָט זיך אַפילו אין אַמעריקע אָנגעהויבן א באַוועגונג, אַז ער זאָל פאַרנעמען וואַשינגטאָנ׳ס פּלאַץ אַלס הויפּט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. דער פאַקט, וואָס קאָרנוואַליס האָט אָפּגעהאַלטן א נצחון איבער געיטס׳ן, איז שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן פון זיינע, קאָרנוואַליס׳עס, פריינט צו באַאיינפלוסן די פירער פון דער רעגירונג צו שטיצן זיינע פּלענער. די רעגירונג האָט באַפולמעכטיקט קאָרנוואַליס׳ן ניט צו רעכענען זיך מיט קלינטאָנ׳ס אינסטרוקציעס און האָט אין דער זעלביקער צייט פאַראָרדנט קלינטאָנ׳ען צו שטיצן קאָרנוואַליס׳ן אין דורכפירן די פּלענער, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט.

קלינטאָן איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט קעגן דער דאָזיקער האַנדלונג פון דער רעגירונג, אַז ער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט זיכער רעזיגנירט, ווען קאָרנוואָליס וואָלט געווען אָפן פּלאַץ איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער דער אַרמיי. ער האָט באַטראַכט די האַנדלונג פון דער רעגירונג אַלס אַנצוהערעניש, אַז ער האָט מער ניט קיין צוטרוי, און אַז ער דאַרף איבערגעבן די פירערשאַפט צו קאָרנוואָליס'ן. קאָרנוואָליס האָט אויך אַזוי באַטראַכט די פולמאַכט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, און אין זיינע ווייטערדיקע האַנדלונגען האָט ער זיך איינגאַנצן מער ניט גערעכנט מיט קלינטאָנ'ען.

דער דאָזיקער זיג פון קאָרנוואָליס'ן איבער קלינטאָנ'ען האָט באַשטימט דעם אויסגאַנג פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

גרין ווערט קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציאָנערער דרום-אַרמיי

די נייעס וועגן דער מפּלה פון פּוירגוסאָנ'ען אין דער שלאַכט בא קינגיס מאַונטעין האָט אַרויסגעוואָרפן אַ פּחד אַף קאָרנוואָליס'ן. ער האָט באמת געגלויבט, אַז די בערג-לייט האָבן רעקרוטירט אַן אַרמיי פון דריי טויזנט מאַן, און אַז זיי וועלן איצט מאַכן אַ פּאַרזוך אים אַרויסצוטרייבן ניט בלויז פון נאָרט קאַראָליינאַ, נאָר אויך פון סאַוט קאַראָליינאַ. ער האָט שוין איינגעזען, אַז זיינע פּלענער וועגן אַ לאָיאַליסטישן אויפשטאַנד אין נאָרט קאַראָליינאַ זיינען אַ פולשטענדיקער דורכפאַל. ער האָט איצט זיך שוין געאיילט צו פאַרלאָזן נאָרט קאַראָליינאַ אַזוי גיך ווי מעגלעך. ער האָט מודיע געווען טאַרלטאָנ'ען, וועמען ער האָט אַרויסגעשיקט מיט אַן אָפּטיילונג צו קומען צו הילף פּוירגוסאָנ'ען, זיך תיכף אומצוקערן, און ניט וואַרטנדיק אפילו אַף דעם צוריקקער פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, האָט ער פאַרלאָזן שאַרלאָט און גענומען זיך צוריקציען קיין סאַוט קאַראָליינאַ.

דער צוריקטריט קיין סאַוט קאַראָליינאַ איז געווען איינער פון די שווערסטע, וואָס אַן אַרמיי האָט ביז דעמאָלט דורכגעמאַכט. די ענגלענדער האָבן ניט געוואוסט די וועגן און ניט געקאָנט די געגנט. קאָרנוואָליס'עס וועג-ווייזער איז געווען אַ פאַרשטעלטער פּאַטריאָט, וועלכער האָט באַוויזן פאַרלאָרן צו ווערן דעם ערשטן טאָג פון צוריקטריט; און קאָרנוואָליס'עס אַרמיי, אָן אַ וועג-ווייזער, אין שרעק יעדע מינוט אַטאַקירט צו ווערן פון די געפערלעכע בערג-לייט, איז זיך צעקראָכן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. עס האָט גענומען

צוויי וואָכן, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, ביז וואַנען קאָרנוואַליס מיט זיין אויסגעמאַטערטער אַרמיי איז אָנגעקומען אין ווינסבאָראָ, סאַוט קאַראָליינאַ.

קאָרנוואַליס אַליין איז אָפט געווען קראַנק געוואָרן און ער האָט זיך געפילט אַזוי פאַרלאָרן און צעבראָכן, אַז ער האָט געבעטן זיין געהילף, לאָרד ראַודאָן, צו שרייבן צו קלינטאָן'ען, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו האָפן אויף אַן אויפשטאַנד פון די לאָיאַליסטן, און כאָטש ער קאָן ניט איינשטימען מיט די דעפענסיווע פּלענער, וואָס קלינטאָן שלאָגט פאָר, איז אָבער פאַר דעם מאָמענט גוטיק זיי פאָרצוזעצן, דערפאַר, ווי ער גיט צו אָפנהאַרציק, וואָס די געפאַר איז אַ סך גרעסער, ווען ער זאָל אונטער די אומשטענדן פּרובירן דורכפירן זיינע אייגענע מער אַגרעסיווע פּלענער.

עס האָט גענומען אַ פּאָר חדשים, ביז וואַנען קאָרנוואַליס האָט געקאָנט אָנהויבן פּלאַנעווען אויף דאָס ניי. זיינע מענטשן זיינען געווען מיד, צעבראָכן און קראַנק פון דעם צוויי־וואָכיקן מאַרש. און אין סאַוט קאַראָליינאַ איז אויך ניט געווען אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג. די פּאַטריאָטן פון סאַוט קאַראָליינאַ, דערמוטיקט פון דעם פּאַטריאָטישן זיג בײַ קינגס מאַונטעין, האָבן זיך ווידעראַמאָל באַוואָפנט און זיינען געווען אין אָפענעם קאַמף קעגן דער ענגלישער הערשאַפט. מען האָט זעלטן געקאָנט געפינען „אַן איינוואוינער צווישן די סאַנטי און דערי טייכן, וואָס זאָלן ניט זיין באַוואָפנט קעגן אונז", האָט קאָרנוואַליס געשריבן וועגן דער לאַגע אין סאַוט קאַראָליינאַ.

ער האָט געדאַרפט אין אַ געוויסער מאָס פירן אַ נייע מלחמה מיט די פּאַטריאָטן אין סאַוט קאַראָליינאַ. סאָמטער, דער פירער פון די אָרטיקע פּאַטריאָטן, וועמעס קליינע אַרמיי איז זיך צעפאַלן באַלד נאָך גייטס' דורכפאַל בײַ קעמדן, האָט איצט ווידער צונויפגעקליבן אַ מאַן 300 „באַנדיטן", ווי קאָרנוואַליס האָט זיי גערופן, און צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַטריאָטישע לידערס, ווי באַונער און קלאַרק, האָבן זיי אָנגעטאָן די לאָיאַליסטן געברענטע צרות. קאָרנוואַליס האָט פאַראָרדנט די מאַיאָרן וועמיס און טאַרלטאָן צו אַטאַקירן און פאַרניכטן סאָמטער'ס „באַנדע". וועמיס איז אין דעם דאָזיקן פאַרזוך אַרייַנגעפאַלן צו סאָמטער'ן אין פּלען און די פּאַטריאָטן האָבן געקראָגן נאָך מער מוט. סאָמטער'ס אַרמיי האָט געהאַלטן אין וואַקסן און ער האָט שוין געהאַט אַרום טויזנט מאַן אין זיין דינסט. טאַרלטאָן האָט זיך איצט ערנסט גענומען מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער אַרמיי. אַ שלאַכט, וועגן וועלכער

מיר האָבן צוויי קעגנזעצלעכע באַריכטן מצד די ענגלענדער און אַמעריקאַנער, איז אויסגעפּאַכטן געוואָרן. די אַמעריקאַנער האָבן זיך באַרימט, אַז טאַרל־טאָן האָט מיאוס פאַרלאָרן און איז געווען געצוואונגען אַפּצוטרעטן. קאָרנ־וואַליס, פאַרקערט, האָט באַריכטעט, אַז אַן אַרמיי פון טויזנט אַמעריקאַנער האָט פאַרלאָרן אין אַ שלאַכט מיט 270 ענגלישע קאַוואַלעריסטן. איין זאַך איז זיכער, אַז סאַמטער איז ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער שלאַכט און די פּאַטריאָטישע אַרמיי איז זיך באַלד צעפאַלן.

קאָרנוואַליס האָט אויף אַזאַ אופן ווידער געוואונען דעם פולן קאָנטראָל איבער סאַוט קאַראָליינאַ. אין נאָרט קאַראָליינאַ האָבן דערפאַר די פּאַטריאָטן געקראָגן די אויבערהאַנט. אויב די לאָיאַליסטן פון נאָרט קאַראָליינאַ האָבן זוען ניט איז גע'חלומ'ט וועגן אַן אויפשטאַנד, זיינען זיי איצט געווען איינ־גאַנצן אַנטמוטיקט. גענעראַל גייטס האָט רעאָרגאַניזירט די מיליציע און דעם 8טן נאָוועמבער האָט ער פאַרנומען סאַליסבורי, וואָס קאָרנוואַליס האָט גע־האַפּט איינצוהאַלטן. גייטס האָט איצט געקאָנט באַריכטן צום קאָנגרעס, אַז נאָרט קאַראָליינאַ איז פריי פון שונא. גייטס האָט אַ סך געלערנט פון זיין דורכפאַל בײַ קעמדן. ער איז איצט געווען פאָרזיכטיק און אויסגערעכנט. ער האָט אָבער מער ניט געקאָנט געווינען דעם צוטרוי פון קאָנגרעס; מען האָט אים ניט געקאָנט מוחל זיין זיין דורכפאַל בײַ קעמדן און זיין צוריקטריט פון שאַרלאָט. דער קאָנגרעס האָט באַשטימט אַ געריכט צו אונטערזוכן זיינע האַנדלונגען און אויף זיין פּלאַץ איז באַשטימט געוואָרן גענעראַל גרין אַלס דער הויפּט פון דער פּאַטריאָטישער דרום־אַרמיי. איידער גרין איז נאָך אָנגעקומען איבערצונעמען די קאָמאַנדע, האָט גייטס באַוויזן צוריק צו פאַרנעמען שאַרלאָט און אויסברייטערן זיינע פּאָזיציעס ווייטער אין דער ריכטונג פון סאַוט קאַראָליינאַ. מאָרגאַן, וועלכער האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט אין פאַר־שיידענע שלאַכטן אין צפון, און האָט ענדלעך געקראָגן דעם לאַנג־פאַרדינטן ראַנג פון גענעראַל, איז איצט געשיקט געוואָרן העלפן אין קאַמף קעגן די ענגלענדער אין דרום. מאָרגאַנ'ס אָנוועזנהייט אין דרום האָט זיך באַלד גע־לאָזט פילן אין אַ צאָל געוואַגטע מאַנעווערס קעגן די ענגלענדער.

גרינ'ס געוואַגטער פּלאַן

גרין איז אָנגעקומען אין שאַרלאָט דעם 2טן דעצעמבער, 1780, און האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער אַרמיי. מיט זיין אָנקומען האָט זיך

געענדיקט גענעראל גייטס׳ דינסט אין דער רעוואלוציע. גענעראל גייטס איז ניט געווען קיין פאפולערער פירער. ער האט אבער גרויסע פארדינסטן פאר דער רעוואלוציע. ער איז געווען א גוטער ארגאניזאטאר און האט מיט זיינע פייאיקייטן א סך אויפגעטאן אין ארגאניזירן סיי די צפון, סיי די דרום־ארמיי. ער האט זיך איצט צוריקגעצויגן צו פריוואטן לעבן אף זיין פארם אין ווירדזשיניע. צו זיין אומגליק פון פארלירן זיין פאזיציע אין דער ארמיי, און דעם צוטרוי פון זיין פארטיי, איז נאך צוגעקומען דער פארלוסט פון זיין זון, וועלכער איז מיט א פאר וואכן פריער געשטארבן. די פירער פן דער ארמיי

גענעראל גרין

האבן געפילט, אז גייטס האט געקראגן א ניט־פארדינטע שטראף. „גייטס האט אונז פארלאזן מיט א שווערער משא", האט דערקלערט גענעראל גרין, „און איך קאן אייך פארזיכערן, אז ער האט דאס ניט פארדינט."

גענעראל גרין, גייטס׳ נאכפאלגער, איז געווען איינער פון די פייאיקסטע פירער, וואס די רעוואלוציאנערע ארמיי האט פארמאגט. אויסער זיין פייאיקייט אלס ארגאניזאטאר, האט ער פארמאגט די מעלה, וואס עס האט געפעלט גייטס׳ן: ער איז געווען א מוטיקער, געוואגטער קאמאנדיר אפן שלאכט־פעלד.

גענעראל גרינ׳ס דרום־ארמיי איז נאמינעל באשטאנען פון 2307 מאן. אבער בלויז ארום 1500 פון זיי זיינען געווען אפן פלאץ; די איבעריקע, ווי

דער מנהג איז געווען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, זיינען זיך צעקראָכן אין זייערע היימען. אין יאַנואַר האָט ער געקראָגן אַ פאַרשטאַרקונג פון נאָך 700 מאַן. זיין אַרמיי איז אַף אַזאַ אופן באַשטאַנען פון אַרום 2000 מאַן, אָבער די דאָזיקע 2000 מאַן זיינען געווען שלעכט באַוואָפנט, שלעכט באַקליידעט און שלעכט געשפייזט, און האָבן געדאַרפט אָנפירן אַ קאַמף קעגן אַ צאָלרייכערער אַרמיי — קאָרנוואַליס'עס אַרמיי איז צו דער צייט באַשטאַנען פון 3000 מאַן — וואָס איז געווען גוט באַוואָפנט און האָט געהאַט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

דער פּלאַן, וואָס גרין האָט אָנגענומען אין קאַמף מיט קאָרנוואַליס'ן, איז געווען דער היפּוך פון גייטס' פּלאַן. גייטס האָט געמאַכט אַ גרויסן פעלער מיט דעם, וואָס ער האָט זיך צופיל געאיילט צו אַטאַקירן. גרין, פאַרקערט, האָט זיך ניט געאיילט אויפצונעמען אַ קאַמף, ווען דאָס האָט זיך אים ניט געלוינט. אין דער הינזיכט האָט ער נאָכגעפאָלגט די קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיק, וואָס וואַשינגטאָן האָט דורכגעפירט אין צפון. ער האָט אָבער געמאַכט איין געוואָגטן שריט, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס די קליגסטע סטראַטעגישע מאַנעווורע פון דער מלחמה. ער האָט צעטיילט זיין אַרמיי אין צוויי אָפּטיילונגען. מיט דער גרעסערער אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרום 1,100 מאַן, האָט ער פאַרנומען אַ פּאָזיציע אַף דער מזרח־זייט פון פּעדי ריווער. די צווייטע אָפּטיילונג, פון וועלכער גענעראַל מאָרגאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס פירער, האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע, וואָס האָט געדראָעט קאָרנוואַליס'עס לינקן פליגל. גרין'ס פּאָזיציע איז געווען 70 מייל פון דעם רעכטן פליגל פון קאָרנוואַליס'עס אַרמיי און מאָרגאַנ'ס — 50 מייל.

גרין האָט געוואָגט צו צעטיילן זיין אַרמיי אין צוויי טיילן, באַטש זי איז געווען קלענער אין צאָל ווי די ענגלישע אַרמיי, ערשטנס דערפאַר, וואָס ער האָט גוט אָפּגעשאַצט זיין קעגנער'ס פעיִקייטן און האָט באַשלאָסן, אַז קאָרנוואַליס וועט ניט וויסן ווי אויסצונוצן זיין שטאַרקערע און גרעסערע אַרמיי צו מאַכן אַ פּלוצימדיקן איבערפאַל אַף איינער פון די אָפּטיילונגען אין זי פאַרניכטן; צווייטנס, האָט ער געזוכט צו פאַרהיטן נאָרט קאַראָליינאַ פון אַ נייעם איבערפאַל פון די ענגלענדער, און דראָענדיק די צוויי פליגלען פון קאָרנוואַליס'עס אַרמיי, האָט עס געמאַכט שווערער פאַר דעם לעצטן אָנצוהויבן אַ נייע אַטאַקע אַף נאָרט קאַראָליינאַ און ניט פאַרלירן צוויי פון זיינע וויכטיקע פּאָסטנס; דריטנס — און דאָס איז געווען זיין הויפּט־מאָטיוו — ער האָט

געפלאנעוועט א גארילא־מלחמה קעגן די ענגלענדער. מארגאנ׳ס אפטיילונג האט זיך געקאנט לייכט און שנעל באוועגן, זי האט געקאנט מאכן פלוצימדיקע איבערפאלן אף אפטיילונגען פון קארנוואליס׳עס ארמיי און זיך שנעל אפ־טראגן אין פאל פון געפאר. אין פאל פון געפאר, האט גרין געגלויבט, וועלן די צוויי אפטיילונגען זיך קאנען גלייך פאראייניקן.

ווי געזאגט, איז דאס געווען א געוואגטע טאקטישע מאנעוורע. די גאנצע ביז־איצטיקע דערפארונג אין דער מלחמה האט באוויזן, אז קליינע איזאלירטע אפטיילונגען קאנען גרינג פארניכטעט ווערן. און מען קאן זיך פארשטעלן, אז א מער פייאיקער מיליטערישער פירער וואלט אויסגענוצט די געלעגנהייט און וואלט איינציקווייז פארניכטעטביידע אפטיילונגען. גרין האט אבער ריכטיק אפגעשאצט זיין קעגנער. קארנוואליס איז ניט געווען פייאיק גענוג דאס דורכצופירן.

גענעראל גרין האט פארנומען זיין פאזיציע אין טשאטהעם, דעם 26טן דעצעמבער, 1780, און וואס מער ער האט געטראכט וועגן זיין פלאן, אלץ בעסער איז ער אים געפעלן געווארן. „איך בין צופרידן מיט דער מאנעוורע", שרייבט גענעראל גרין, „זי דערגרייכט דעם ציל, וואס איך האב געהאט אין זינען. זי האט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו מאכן דעם גרעסטן נוץ פון מיין שוואכערער ארמיי, וואס צווינגט מיין קעגנער צו צעטיילן זיינע קרעפטן און מאכט אים צווייפלען, וואס צו טאן."

דעם 12טן יאנואר, 1781, האט גרין צוגעקראגן א פארשטארקונג פון א קליינעם קאוואלעריע־רעגימענט אונטער דער פירערשאפט פון הערי לי. דער גאנצער רעגימענט איז באשטאנען פון 100 קאוואלעריסטן און 180 מאן אינפאנטעריע. דער פירער פון דעם רעגימענט איז אבער געווען איינער פון די טאלאנטפולסטע מיליטערישע פירער פון דער רעוואלוציע. ער האט ניט לאנג געלאזטווארטן קארנוואליס׳ן אים צו לאזן וויסן, אז ער איז געקומען אים אנטאן אזויפיל צרות, וויפיל ער וועט נאר קאנען. הערי לי האט גוט פארשטאנען זיין גענעראל׳ס פלאן און ער האט געמאכט אזוי אפט איבער־פאלן אף די נאענטע גארניזאנען פון די ענגלענדער, אז זיין נאמען איז געווארן דער שרעק פון די ענגלישע סאלדאטן אין די קלענערע שטעטלעך.

מארגאן מיט זיין אפטיילונג האט דערווייל דורכגעפירט זיין טייל פון דער געפלאנטער מאנעוורע און האט פארנומען א פאזיציע לעבן גרענדאלס פארד בא דעם פאקאלעט ריווער, 45 מייל פון קארנוואליס׳עס וויכטיקער פאזיציע.

גרינ׳ס קלוגע מאנעווערע האָט אַף אַזאַ אופן געאַרבעט אויסגעצייכנט. קאָרנ־וואַליס איז געווען געצוואונגען עטוואָס צו טאָן.

גרינ׳ס צוריקטריט פון נאָרט קאַראָליינאַ

קאָרנוואַליס האָט ניט געקאָנט פאַרבלייבן זיצן גלייכגילטיק און צוקוקן, ווי אַזוי גרין, מאָרגאַן און הערי לי האַלטן אין איין פאַרנעמען איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. די אָפּטע איבערפאַלן פון לי און די אָנווזנהייט פון גרין און מאָרגאַן האָבן אַרויסגעוואָרפן אַ שרעק אַף די לאָיאַליסטן פון נאָרט קאַראָליינאַ און האָבן געדראָעט קאָרנוואַליס׳עס הויפּט־פּלאַן פון דער מלחמה — אַרויסרופן אַ לאָיאַליסטישן אויפשטאַנד אין נאָרט קאַראָליינאַ און מיט דער הילף פון די אָרטיקע לאָיאַליסטן פאַרכאַפּן ווירדזשיניע און מאַכן אַ סוף צו דער רעוואָלוציע אין די דרום־קאָלאָניעס. ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט אויפגעבן זיין טעאָריע, אַז קלינטאָנ׳ס דעפענסיווע טאַקטיק וועט ניט ברענגען קיין רעזולטאַטן, אַז די הערשאַפט פון ענגלאַנד איבער אַמעריקע קאָן גע־ראַטעוועט ווערן בלויז דורך אַן אַגרעסיוון קאַמף, וואָס דאַרף אָנגעפירט ווערן אַזוי גיך ווי מעגלעך, איידער די רעוואָלוציאָנערן קריגן ווייטערע געלעגנהייטן זיך נאָך שטאַרקער צו באַפעסטיקן.

קאָרנוואַליס האָט באַשלאָסן צו האַנדלען און זיין באַשלוס האָט פּונקט געשפּילט אין די הענט פון גענעראַל גרין. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרניכטן מאָרגאַנ׳ס אָפּטיילונג און אין דער זעלביקער צייט מאַכן אַן אַטאַקע אַף גרינ׳ען, זיינע קרעפטן. דאָס האָט געמיינט צעטיילן זיינע קרעפטן. מיר האָבן געזען, אַז גרינ׳ס סטראַטעגישער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער זאָל צווינגען קאָרנוואַליס׳ן צו צעטיילן זיינע קרעפטן. קאָרנוואַליס האָט באַקומען אַ פאַר־שטאַרקונג פון 1500 מאַן פון ווירדזשיניע. מיט אַט דער אַרמיי האָט ער באַשלאָסן אָנצוהייבן מאַרשירן איבער נאָרט קאַראָליינאַ מיט דער אַבזיכט אָפּצושניידן גרינ׳ען דעם צוריקטריט פון דער פּראָווינץ און אים צווינגען אויפצונעמען אַ שלאַכט. אין דער זעלביקער צייט האָט ער אַרויסגעשיקט טאַרלטאָנ׳ען צו מאַכן אַ דירעקטע אַטאַקע אַף מאָרגאַנ׳ען, וואָס זאָל אָדער פאַרניכטן די דאָזיקע אָפּטיילונג, אָדער צווינגען מאָרגאַנ׳ען אָפּצוטרעטן קיין צפון, וואו ער וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון זיין, קאָרנוואַליס׳עס, אַרמיי.

טאַרלטאָן האָט געהאַט אַ קליינע אָפּטיילונג, וואָס איז ניט געווען קיין סך

גרעסער אין צאל ווי די ארמיי, וואס מארגאן האט געהאט. און קארנוואליס מיט דער הויפט־ארמיי איז געווען אזוי ווייט, אז אף זיין הילף האט טארלטאן ניט געהאט וואס צו האפן. קארנוואליס האט אף אזא אופן איבערגע׳חזר׳ט דעם טעות, וואס ער האט געמאכט, ווען ער האט דערלויבט פוירגוסאנ׳ען אפצוטיילן זיך פון דער הויפט־ארמיי. מארגאן, וועלכער האט גענוי געוואוסט די באוועגונגען פון דער ענגלישער ארמיי, איז געווען גרייט אים צו באגעגענען.

דעניעל מארגאן

מארגאן האט פארלאזן זיין פאזיציע בא דעם פאקאלעט ריווער און האט אנגעהויבן אפצוטרעטן אין א צפון־ריכטונג. זיין פלאן איז געווען איבער־צוגיין דעם בראד ריווער און דעם קאטאבא שטראם, אזוי אז ער זאל האבן א פרייען וועג אפצוטרעטן פון קארנוואליס׳עס ארמיי און זיך פאראייניקן מיט גרינ׳ען.

מארגאן האט אבער געענדערט זיין פלאן, ווען ער איז געקומען צום בראד ריווער נאך א צוויי־טאגיקן מארש. טארלטאן האט געהאלטן אין נאכ־יאגן זיך נאך אים און דער אלטער וועטעראן האט פשוט ניט געקאנט פאר־טראגן דעם געדאנק, אז ער אנטלויפט פון א יונגן אומדערפארענעם שנעק, וועלכן, ווי ער איז געווען זיכער, ער קאן לערנען פולווער שמעקן. ער האט זיך

דעריבער אָפּגעשטעלט בא א פּלאַץ, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען קאַופּענס, און האָט באַשלאָסן אויפצונעמען א שלאַכט מיט טאַרלטאָנ׳ען.

דער דאָזיקער באַשלוס איז געווען א געוואַגטער. אַן אָפענע שלאַכט מיט די ענגלענדער איז געווען קעגן די פּלענער פון גענעראַל גרין און קעגן זיינע אינסטרוקציעס. און וואָלט מאָרגאַן דורכגעפאַלן אין דער דאָזיקער שלאַכט, וואָלט ער געשטעלט אין געפאַר גרינ׳ס גאַנצן פּלאַן, און מעגלעך דעם אויסגאַנג פון דעם קאַמף אין דרום. לי דערקלערט מאָרגאַנ׳ס אומדערוואַרטעטן באַשלוס אויפצונעמען אַן אָפענע שלאַכט מיט טאַרלטאָנ׳ען דערמיט, וואָס ער, מאָרגאַן, איז „געווען אין א שלעכטער שטימונג און די דאָזיקע שטימונג האָט איבערגעוואויגן זיין קלאָרן פאַרשטאַנד". דער אויסגאַנג פון דער שלאַכט איז אָבער געווען אזא, אז מען קאָן צווייפלען, צי מאָרגאַנ׳ס האַנדלונג איז בלויז געווען א שטימונגס־זאַך.

דעם 17טן יאַנואַר, 1781, איז אויסגעקעמפט געוואָרן די שלאַכט פון קאַופּענס, וואָס האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דעם קאַמף אין די דרום־קאָלאָניעס און אויף דעם אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע. מאָרגאַנ׳ס זיג איבער טאַרלטאָנ׳ען איז געווען א פולשטענדיקער. טאַרלטאָנ׳ס אַרמיי פון איבער טויזנט מאַן איז אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן און טאַרלטאָן אַליין האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. פאַר קאָרנוואַליס׳ן איז די דאָזיקע נייע מפּלה געווען א בזיון. מיט דריי חדשים פריער האָט ער דערלויבט איינעם פון זיינע בעסטע אָפיצערן, פּוירגוסאָן, זיך צו איזאָלירן און צוליב דעם ליידן א מיאוס׳ן דורכפאַל, און איצט האָט ער איבערגע׳חזר׳ט דעם טעות און האָט אַליין אויסגעפּלאַנעוועט טאַרלטאָנ׳ס מפּלה.

מאָרגאַנ׳ס זיג האָט געהאַט א דערפרישנדיקע ווירקונג אויף דער גאַנצער קאָנטינענטאַלער אַרמיי. דער דאָזיקער זיג האָט אפשר געראַטעוועט וואַשינגטאָנ׳ס הויפּט־אַרמיי פון פאַנאַנדערפאַלן זיך. וואַשינגטאָנ׳ס סאָלדאַטן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און הונגעריקע, האָבן אין משך פון א גאַנצן יאָר ניט געקראָגן קיין שכירות, אפילו ניט אין די ווערטלאָזע קאָנטינענטאַל׳ע פּאַפּיר־געלט. דער טערמין פון די מערסטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי נאָך דער שלאַכט בא סאַראַטאָגאַ פאַר „דריי יאָר אָדער אין משך פון דער מלחמה", האָט זיך איצט געענדיקט. דער אויסדרוק „דריי יאָר אָדער אין משך פון דער מלחמה" האָט געמיינט, אז אויב

די מלחמה וועט זיך ניט ענדיקן אין דריי יאר, וועלן זיי דעמאלט באפרייט ווערן. ווען די מלחמה האט זיך אנגעהויבן צו פארציען, האבן די אפיצערן אנגעהויבן אוועקצושטעלן דעם טראפ אף דעם „משך פון דער מלחמה". די סאלדאטן זיינען אבער איצט באשטאנען אף דעם, אז מען זאל זיי באפרייען און באצאלן פאר זייער דינסט.

דעם ערשטן יאנואר 1787 האט א גאנצער רעגימענט פון 1300 מאן רע־וואלטירט און זיך אוועקגעלאזן פון מאריסטאון קיין פילאדעלפיע צו צווינגען דעם קאנגרעס זיי צו באצאלן. מיט גרויס מאטערניש האט זיך אייגגעגעבן אנפירנדיקע פאטריאטן צו ווירקן אף די סאלדאטן, זיי זאלן אויפגעבן זייער פלאן וועגן ארייגמארשירן אין פילאדעלפיע. די סאלדאטן האבן אבער אויס־געפירט דאס זייעריקע. די 1300 מאן זיינען באפרייט געווארן פון דינסט. א רעוואלט אין א צווייטן רעגימענט איז דערשטיקט געווארן מיט גוואלד און צוויי פון די פירער זיינען געהאנגען געווארן. עס האט געשיינט, אז וואשינגטאנ'ס גאנצע ארמיי האלט אין צעפאלן. מארגאנ'ס זיג איז איצט אויסגענוצט געווארן, פונקט ווי דער זיג בא סאראטאגא, אויפצובלאזן דעם פאטריאטיזם בא די סאלדאטן און די מערסטע פון זיי זיינען פארבליבן אף ווייטער דינען אין דער ארמיי.

מארגאן, כאטש ער האט פארניכטעט טארלטאנ'ען, האט זיך אבער נאך אליין געפונען אין א געפערלעכער לאגע. ער האט יעדן טאג געקאנט אטאקירט ווערן פון קארנוואליס'עס הויפט־ארמיי. ער האט דעריבער ניט פארלארן קיין צייט און דעם זעלבן נאכמיטאג, ווען די שלאכט איז פאר־געקומען, איז ער אריבער דעם בראד ריווער און גלייך אף מארגן האט ער אנגעהויבן א שנעלן מארש צו דערגרייכן דעם קאטאבא שטראם. די וועגן זיינען אבער געווען שלעכט און דערצו נאך האט ער געמוזט אין דער ארומיקער געגנט קריגן שפייז פאר זיינע סאלדאטן, אזוי אז מער ווי 10 מייל א טאג האט ער ניט געקאנט מאכן.

קארנוואליס האט נאך איצט געהאט א געלעגנהייט צו פארניכטן מארגאנ'ס ארמיי, אויב ער וואלט גלייך געמאכט א פארזוך זי אנצויאגן און אויפנעמען א שלאכט. ער האט אבער פארלארן צייט. ער האט געגלויבט, אז מארגאן וועט אזוי שנעל ניט אפטרעטן פון שלאכטפעלד. ווען ער האט אויס־געפונען, אז מארגאן איז אפגעטראטן, האט ער ניט געוואוסט גענוי אין וועלכער ריכטונג. און ווען ער האט שוין ענדלעך אויסגעפונען, אז מארגאן

האָט אָפּגעטראָטן אין דער ריכטונג פון דעם קאַטאַבאַ שטראָם, איז ער אָנ־געקומען צום פּלאַץ צוויי טעג נאָכדעם, ווי מאָרגאַן איז אַריבער דעם טייך און איז געווען זיכער פון ווייטערדיקער פאַרפאָלגונג.

קאָרנוואַליס האָט איצט געקאָנט זען, אַז ער איז אויסגעמאַנעווערירט געוואָרן, און אַז דער בעסטער פּלאַן פאַר אים איז אויסצופאָלגן קלינטאָנ׳ס פאַראָרדענונג און זיך צוריקציען קיין סאַוט קאַראָליינאַ און זען באַפעסטיקן די ענגלישע מאַכט אין די דאָזיקע צוויי קאָלאָניעס. קאָרנוואַליס איז אָבער איצט געווען ווילד פון רציחה. זיין גאַנצער פּרעסטיזש אין דער אַרמיי איז געשטאַנען אין קאָן. ער האָט איצט געמאַכט דעם שריט, וואָס האָט געפירט צו זיין אונטערגעבן זיך מיט 10 חדשים שפּעטער, אין אָקטאָבער 1781, צו דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אַנשטאָט אומצוקערן זיך קיין סאַוט קאַראָליינאַ, ווי ער האָט עס געטאָן נאָך פּוירגוסאָנ׳ס דורכפאַל, האָט ער באַשלאָסן אונטער אַלע אומשטענדן אַרויסצוטרייבן גענעראַל גרין פון נאָרט קאַראָליינאַ.

ער האָט פאַראָרדנט זיין אַרמיי צו פאַרברענען דעם גאַנצן שווערן באַגאַזש כדי זיך צו קאָנען שנעל באַוועגן, און עס הויבט זיך אָן דער מערק־ווירדיקער געיעג צווישן קאָרנוואַליס׳ן און גרינ׳ען איבער די ווילדערנישן פון נאָרט קאַראָליינאַ.

גרין האָט זיך דערוואוסט וועגן דער קאַופּענס־שלאַכט אַ וואָך נאָכדעם ווי זי איז פאָרגעקומען. כאָטש שטאַרק צופרידן מיט מאָרגאַנ׳ס גרויסן נצחון, האָט ער אָבער באַטראַכט די לאַגע אַלס זייער ערנסט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן מער ניט פאַרבלייבן אויף זיין פּאָזיציע, אַז קאָרנוואַליס וועט זיכער מאַכן אַ פאַרזוך זיך אָפּצורעכענען מיט מאָרגאַנ׳ען און אַז ער מוז זיך איילן אים צו ראַטעווען.

ער האָט געמאַכט שנעלע פאַרבאַרייטונגען מעגלעך צו מאַכן פאַר זיין אַרמיי אָפּצוטרעטן אין דער ריכטונג פון דעם דאַן ריווער אויפן גרענעץ פון ווירדזשיניע. אַלס קאָמאַנדיר פון דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי האָט ער באַ־שטימט גענעראַל היוגער און אַליין איז ער מיט אַן אָפּטיילונג קאַוואַלעריע אָפּגעפאָרן זיך אָנצושליסן אין מאָרגאַנ׳ס אָפּטיילונג. מאָרגאַן האָט גע־פּלאַנעוועט צו אַנטלויפן אין די בערג, וואָס איז געווען דער זיכערסטער וועג צו ראַטעווען די אַרמיי־אָפּטיילונג פון קאָרנוואַליס׳עס אַן אַטאַקע. גרין האָט אָבער גלייך געענדערט דעם דאָזיקן פּלאַן. אַ פאַראייניקונג פון די צוויי אָפּ־טיילונגען פון זיין אַרמיי, וואָס זאָל זיין בכח זיך קעגנצושטעלן קאָרנוואַליס׳עס

ארמיי אין פאל פון אן אפענער שלאכט, איז געווען זיין נעקסטע אויפגאבע.

ער האט איצט געהאפט, אז קארנוואלים וועט זיך נאכיאגן נאך די צוויי אפטיילונגען איבער נארט קאראליינא צו דער גרענעץ פון מערב־ווירדזשיניע, און ווען ער האט אויסגעפונען, אז קארנוואלים האט פארברענט זיין באגאזש און טאקע אנגעהויבן א געיעג נאך דער אפטרעטנדיקער ארמיי, איז ער געווען מלא שמחה. „איצט איז ער אונזערער!" האט ער אויסגעשריען.

די פאראייניקונג פון די צוויי אפטיילונגען איז גרינ'ען אבער ניט לייכט אנגעקומען. עס איז געווען אין מיטן ווינטער, א צייט פון יאר, ווען אין נארט קאראליינא רעגנט אפט. די וועגן זיינען געווען שלעכט און די טייכן און טייכלעך ברייט צעגאסן.

קארנוואלים איז געווען די גאנצע צייט בלויז א פאר צענדליק מייל ווייט. דער גאנצער פלאן איז אפגעהאנגען פון דעם, צי די צוויי אפטיילונגען וועלן באוויזן אריבערצוגיין דעם דאן ריווער, איידער קארנוואלים וועט איינע פון זיי אניאגן.

גרין דערציילט, אז ער האט א שטיקל צייט זיך געשלאגן מיט דער דעה, געהאט אין זינען זיך אפצושטעלן און אין אן אפענער שלאכט אויסקעמפן דעם קאנטראל איבער נארט קאראליינא. ער האט אפילו זיך אפגעשטעלט צו באטראכטן א פאסיקע שלאכט־פעלד אויפצונעמען דעם קאמף. ער האט אבער דעם געדאנק געמוזט אויפגעבן. די פארשטארקונג, וואס ער האט דער־ווארט פון ווירדזשיניע, איז ניט געקומען צוליב דעם, וואס דער פאררעטער ארנאלד אין דער שפיץ פון אן ענגלישער ארמיי־אפטיילונג איז איצט באפאלן ווירדזשיניע און די פאטריאטן האבן ניט געקאנט שיקן זייער מיליץ ארויס־צוהעלפן גרינ'ען. אין זיינע צוויי אפטיילונגען האט גרין געהאט בלויז ארום צוויי טויזנט מאן, וועלכע זיינען געווען שטארק אויסגעמאטערט פון די שווערע מארשן. אן אפענער קאמף איז געווען ריזיקאליש. גרין האט ענדלעך באשלאסן אזא ריזיקע ניט צו נעמען.

דאס אפשטעלן זיך צו באטראכטן א פאסיקע שלאכט־פעלד האט אבער דערוויל פארנומען צייט און געגעבן קארנוואלים'ן א געלעגנהייט נאך נענטער צוצוקומען מיט זיין ארמיי. צו געווינען צייט פאר זיין הויפט־ארמיי אריבער־צוגיין דעם דאן ריווער, האט גרין אויסגעטיילט אן אפטיילונג פון 700 מאן פון זיינע בעסטע סאלדאטן אונטער דער קאמאנדע פון אטא וויליאמס, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו פארהאלטן קארנוואלים'ן אזוי לאנג ווי

גענעראַל גרין כאַפּט זיך אַריבער דעם דאַן ריווער

מעגלעך, כדי צו געבן דער הויפּט־אַרמיי די מעגלעכקייט אַריבערצוגיין דעם טייך.

וויליאַמס׳עס קליינע אָפּטיילונג, פון וועמען עס איז אָפּגעהאַנגען דער גורל פון גרינ׳ס גאַנצער אַרמיי, האָט דורכגעפירט איר אויפגאַב בשלימות.

וויליאַמס האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן קאָרנוואַליס'ן און דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי און אין משך פון דריי טעג האָט ער געשטערט קאָרנוואַליס'ן זיך באַוועגן פאָראויס. דעם פערטן טאָג נאָכמיטאָג איז גרין אַריבער דעם טייך. די אָפּטיילונג אונטער היוגער'ן איז אַריבער מיט אַ פּאָר טעג פריער און וויליאַמס מיט זיינע בראַווע סאָלדאַטן האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט דעם טייך דעם זעלביקן אָוונט.

גרין האָט אַף אַזאַ אופן דערגרייכט זיין צוועק. ער האָט אַוועקגענומען קאָרנוואַליס'ן טויזנט מייל ווייט פון זיין באַזע און איז געשטאַנען מיט אַ פאַראייניקטער אַרמיי גרייט פאַר אַ ווייטערדיקן קאַמף מיטן שונא.

קאָרנוואַליס מאַכט נייע טעות'ן

גרינ'ס צוריקטריט איבערן דאַן ריווער, כאָטש ניט אַזוי דראַמאַטיש ווי וואַשינגטאָנ'ס צוריקטריט איבער ניו דזשוירזי, קאָן אָבער באַטראַכט ווערן אַלס איינע פון די וויכטיקסטע פּאַסירונגען פון דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט. גרינ'ס אַרמיי, ווי מיר האָבן געזען, איז געווען צעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען, און יעדע אָפּטיילונג באַזונדער האָט ניט געקאָנט אויפנעמען קיין קאַמף מיט די ענגלענדער. וואָלט גרין זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ מער פּיאיקן מיליטערישן פירער, ווי קאָרנוואַליס, וואָלט ער ניט אַזוי לייכט אָפּגעשניטן. און אַ פאַרלוסט אין יענעם מאָמענט אין דרום וואָלט געמיינט, אַז אַלע דרום־קאָלאָניעס וואָלטן איבערגעגאַנגען צו דער ענגלישער קרוין. אין קאָנגרעס איז געווען אַ שטאַרקע פראַקציע, וואָס האָט געגלויבט, אַז די רעוואָלוציאָנערן דאַרפן זיך צוריקציען פון דעם קאַמף אין די דרום־קאָלאָניעס און קאָנצענטרירן זייערע אַלע כחות איינצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אין צפון. פראַנקרייך, אַף וועלכער די פירער פון דער רעוואָלוציע האָבן אַזוי פיל געהאָפט, און וועלכע האָט ביז איצט גאַנץ ווייניק באַרעכטיקט די האָפענונג, האָט בלויז פאַרשטאַרקט די דאָזיקע פראַקציע. גרין איז געשיקט געוואָרן קיין דרום אַלס אַ לעצטער פאַרזוך איינצוהאַלטן די דאָזיקע קאָלאָניעס.

איצט אָבער, מיט מאָרגאַנ'ס נצחון איבער טאַרלטאָנ'ען אין קאַופּענס, און גרינ'ס אַרמיי זיכער אַף דער אַנדער זייט פון דאַן, האָט די לאַגע זיך אינגאַנצן געענדערט. אמת, קאָרנוואַליס האָט דערגרייכט זיין צוועק: ער האָט אַרויסגעטריבן גרינ'ען פון נאָרט קאַראָליינאַ; ער האָט אים אָבער ניט גע־

קאָנט נאָכפּאָלגן אין ווירדזשיניע, מיט וועלכע עס איז אויסזיכטן אים צו כאַפּן. קאָרנוואַליס האָט זיך דעריבער געמוזט צוריקקערן צו זיין ערשטן פּלאַן — אַרויסרופן אַ לאָיאַליסטישן אויפשטאַנד אין נאָרט קאַראָליינאַ און שאַפן אַ גענוג־שטאַרקע אַרטיקע אַרמיי, וואָס זאָל קאָנען אויפנעמען אַ קאַמף מיט גרינ׳ען, אין פאַל ער זאָל מאַכן אַ פּאַרזוך אומצוקערן זיך און אויפנעמען אַ נייעם קאַמף.

ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ באָמבאַסטישע פּראָקלאַמאַציע: „צו אַלע לאָיאַלע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט, דעם ענגלישן קעניג, אין נאָרט קאַראָליינאַ", וואו ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַרויסגעטריבן דעם שונא פון זייער לאַנד און גערופן די לאָיאַליסטן צו שאַפן אַ גרויסע אַרמיי צו פאַר־טיידיקן זייער לאַנד פון ווייטערדיקע אָנפאַלן פון שונא. ער האָט אויך גע־האָפט, אַז מיט אַ גרויסער לאָיאַליסטישער אַרמיי וועט זיך אים איינגעבן צו פאַרכאַפּן ווירדזשיניע.

און ווידער אַמאָל האָט קאָרנוואַליס׳עס פּלאַן געשיינט פון אָנהויב צו זיין דערפאָלגרייך. גרין, וועלכער איז געווען גוט אינפאָרמירט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער אַנדער זייט פון דאַן, האָט אָנגעהויבן זיך באַאומרואיקן וועגן קאָרנוואַליס׳עס דערפאָלג אין רעקרוטירן אַ לאָיאַליסטישע אַרמיי. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז עפּעס אונטערנעמען, אָנצושרעקן די לאָיאַליסטן. ער האָט איבערגעשיקט אַ לייכטע אָפּטיילונג פון זיין אַרמיי, אונטער לי און פּיקענס, וואָס זאָלן מאַכן איבערפאַלן אויף די לאָיאַליסטישע רעקרוטן, און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער זיי נאָכגעפאָלגט מיט דער גאַנצער אַרמיי אויף דער אַנדער זייט פון דאַן.

קאָרנוואַליס׳עס שוואַכע פּאָזיציע איז איצט געוואָרן קלאָר. ער האָט ניט פאַרניכטעט גרינ׳ס אַרמיי. און כל־זמן די דאָזיקע אַרמיי האָט זיך געפונען אויפן גרענעץ פון נאָרט קאַראָליינאַ, האָט ער ניט געקאָנט זיין זיכער מיט דער פּראָווינץ. גרין איז ניט געווען אַזוי נאַריש, צו זיצן רואיק אין וויר־דזשיניע און צוקוקן, ווי קאָרנוואַליס שאַפט אַן אַרמיי אים צו פאַרניכטן. ער איז ניט געווען אין אַ לאַגע אויפצונעמען דערווייל אַן אָפענע שלאַכט מיט קאָרנוואַליס׳ן. זיין אָנוועזנהייט אין נאָרט קאַראָליינאַ איז אָבער געווען נויטיק צו שטערן די רעקרוטירונג פון קאָרנוואַליס׳עס אָפיצערן צווישן דער באַפעלקערונג. ער האָט דעריבער אָנגעהויבן אַ רייע מאַנעווערעס, וואָס האָבן באַצוועקט אויסצומיידן אַ באַגעגעניש מיט קאָרנוואַליס׳עס אַרמיי, און אין

דער זעלביקער צייט ארויפצואווארפן א שרעק אף די לאיאליסטן און א סוף מאכן צו זייער ענטוזיאזם פאר אנשליסן זיך אין קארנוואליס'עס ארמיי.

צוויי וואכן צייט האט גרין אזוי מאנעווורירט אין א דריי־עק ארום קארנוואליס'עס ארמיי. ער האט ניט געטאגט, וואו ער האט געגעכטיקט, און קיינמאל ניט פארבליבן נעכטיקן צוויי מאל אף דעם זעלביקן פלאץ. ענדלעך האט ער באקומען די פארשטארקונג, וואס מ'האט אים לאנג צוגעזאגט. אמת, די פארשטארקונג איז באשטאנען פון מיליץ, און ניט פון רעגולערע סאלדאטן. ער האט אבער איצט געהאט ארום 4400 מאן אין זיין רשות; קארנוואליס איז געווען ווייט פון זיין באזע; ער האט באשלאסן זיך אפצושטעלן און אויפנעמען א שלאכט מיט קארנוואליס'ן פאר דעם באזיץ פון נארט קאראליינא. ער האט אויסגעקליבן די גילפארד קאורט־הויז, דעם פלאץ וואס ער האט באטראכט מיט א חודש פריער, ווען ער איז אפגעטראטן פון נארט קאראליינא, אלס דאס שלאכט־פעלד.

קארנוואליס האט אויך ארויסגעקוקט פאר אן אפענער שלאכט. ס'איז שוין אויך פאר אים געווען קלאר, אז ער וועט ניט קאנען איינהאלטן נארט קאראליינא און דארט רעקרוטירן אן ארמיי, כל־זמן גרין און זיין ארמיי וועלן פארזעצן זייערע מאנעווורעס. ער האט לאנג ניט געווארט, און אזוי גיך ווי גרין האט פארנומען זיין פאזיציע לעבן גילפארד קאורט־הויז, האט ער אים דעם נעקסטן טאג אטאקירט.

די דאזיקע שלאכט האט אבער קיין זאך ניט אנטשיידט. קארנוואליס האט זיך שפעטער בארימט מיט געווינען אט־די שלאכט, און אפיציעל האט ער געהאט רעכט. גרין האט זיך צוריקגעצויגן פון שלאכט־פעלד. דאס איז אבער געווען א פירישער נצחון. קארנוואליס האט פארלארן אין דער דאזיקער שלאכט א דריטל פון זיין ארמיי, און מיט אזא פארלוסט האט ער מער ניט געהאט קיין שום מעגלעכקייט איינצוהאלטן נארט קאראליינא. אבער הויפט־זאכלעך האט די שלאכט אוועקגענומען בא די לאיאליסטן יעדן חשק זיך אנצושליסן אין זיין ארמיי. קארנוואליס אליין באשרייבט, ווי אזוי די לאיאליסטן, וואס זיינען געקומען גראטולירן אים מיט זיין נצחון, זיינען געבליבן קאלט צו זיין אויפפאדערונג זיך אנצושליסן אין זיין ארמיי. זיי זיינען געווען פריינטלעך צו אים, זיי האבן אבער פארשטאנען, אז ער איז ניט בכח זיי צו באשיצן פון דער נקמה פון די פאטריאטן, און האבן בעסער געוואלט פארבלייבן נייטראל.

די זיכערקייט פון די רעשטלעך פון קאָרנוואַליס'עס אַרמיי איז איצט געווען אין געפאַר. גרין האָט אים נאָכגעפאָלגט, האָפנדיק אויפצונעמען א צווייטע שלאַכט. אָבער אויך גרין'ס לאַגע איז ניט געווען גלענצנד. די מיליציאָנערן האָבן געהאַלטן אין פאַרלאָזן אים און זיך אומקערן צו זייערע היימען. ווידעראַמאָל כאַפּן מיר א בליק פון דעם שרעקלעכן צושטאַנד פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. מיר לייענען וועגן דעם, ווי די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, ווען זיי פלעגן אָנטרעפן א פאַרלאָזענעם ענגלישן קעמפּ, פלעגן זיך ווי הונגעריקע וועלף אַרויפוואַרפן אַף דעם אָפּפאַל, וואָס די ענגלישע סאָלדאַטן פלעגן איבערלאָזן; מיר לייענען אויך אין די באַריכטן פון דער דרום־אַרמיי, אַז די מערסטע סאָלדאַטן זיינען געווען באָרוועס און נאַקעט און האָבן ניט געהאַט קיין קאָלדרעס זיך צוצודעקן. קאָרנוואַליס האָט דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוריקצוציען.

און ווידער אַמאָל האָט קאָרנוואַליס געמאַכט א טעות — א טעות, וואָס ער האָט אפילו ניט געקאָנט דערקלערן. אַנשטאָט אָפּצוטרעטן קיין קעמדען, אין סאַוט קאַראָליינאַ, ווי ער האָט עס געטאָן מיט א יאָר פריער, ווען פוירגוסאָן איז דורכגעפאַלן אין דער שלאַכט פון קינגס מאַונטעין, איז ער אָפּגעטראָטן קיין ווילמינגטאָן, דעם איינציקן האַפן פון נאָרט קאַראָליינאַ. ער האָט, ווייזט אויס, נאָך אַלץ געוואָרט אַף זיין לאָיאַליסטישן אויפשטאַנד, און געוואָלט זיין נאָענט. אין זיין באַריכט צו דער רעגירונג האָט ער באַשריבן זיין צוריקטריט ווי א רואיקן מאַרש צום ים, זיך צו „באַזאָרגן מיט די נויטיקע זאַפּאַסן פאַר ווייטערדיקע אָפּעראַציעס". אין דער אמת'ן האָט ער מיט דעם דאָזיקן צוריקטריט פאַר'חתמ'עט זיין גורל.

קאָרנוואַליס האָט גוט געוואוסט, אַז ער לאָזט דעם וועג אָפן פאַר גרין'ס אַרמיי פאַר אַן אָנפאַל אַף סאַוט קאַראָליינאַ; ער האָט אויך געוואוסט, אַז ער האָט דאַרט ניט קיין גענוג קרעפטן, וואָס זאָלן קאָנען באַשיצן די פּראָווינץ אין פאַל פון א פּאַטריאָטישער אַטאַקע. לאָגיק האָט אים געדאַרפט דיקטירן צו פאַרזיכערן קודם כל די דאָזיקע פּראָווינץ. אָבער, ווי געזאָגט, האָט קאָרנוואַליס קיינמאָל ניט געקאָנט דערקלערן זיין האַנדלונג.

פאַר גרין'ען איז איצט געשטאַנען די פּראָבלעם, וואָס ווייטער צו טאָן: פאַרבלייבן נאָענט לעבן קאָרנוואַליס'ן, כדי אויפצונעמען א קאַמף, אין פאַל ער זאָל מאַכן א נייעם פאַרזוך איבערפאַלן ווירדזשיניע, אָדער אַטאַקירן סאַוט קאַראָליינאַ. די מיינונגען פון גרין'ס אָפיצערן זיינען פון אָנהויב געווען

צעטיילט. לי איז געווען דער, וואס איז געשטאנען פאר א באלדיקער אטאקע אף סאוט קאראליינא. ער האט ארגומענטירט, מיט רעכט, אז ווירדזשיניע איז ניט דער שליסל צו די דרום־קאלאניעס, באטש זי איז די רייכסטע פון זיי און די מער־באפעלקערטע; אז מ׳קאן פארטיידיקן ווירדזשיניע אף צוויי אופנים: איין וועג איז — פארבלייבן לעבן קארנוואלים׳ן און אים פאר־צאמען דעם וועג קיין ווירדזשיניע; דער בעסטער וועג, אבער, איז צו אטאקירן סאוט קאראליינא און אים צווינגען בכלל ניט צו טראכטן וועגן אן אטאקע אף ווירדזשיניע, ווארים אטאקירנדיק ווירדזשיניע, קאן ער פארלירן דזשארדזשיע און סאוט קאראליינא, וואס זיינען מער וויכטיק ווי ווירדזשיניע. אף די טענות, אז קארנוואלים קאן ווידער אמאל צווינגען די רעוואלוציאנערע ארמיי אפצוטרעטן איבער נארט קאראליינא, האט ער אנגעוויזן, אז ער איז צו שוואך עס צו טאן.

גרין האט געדולדיק זיך צוגעהערט צו די ארגומענטן פוןביידע צדדים. ער האט אבער פאר קיין איין מינוט ניט געצווייפלט, אז דער בעסטער פלאן איז צו אטאקירן סאוט קאראליינא. ער האט אויך פארשטאנען, אז דאס איז א ריזיקאלישע אונטערנעמונג, וואס וועט פאדערן אן ארמיי, וואס קאן זיך לייכט באוועגן און אף וועלכער מען קאן זיך פארלאזן. ער האט דעריבער פאנאנדערגעלאזן די רעשטלעך פון דער מיליץ, וואס האבן זיך נאך געפונען אין זיין ארמיי, און מיט בלויז 900 וועטעראנען האט ער אנגעהויבן א שנעלן מארש קיין סאוט קאראליינא.

סאוט קאראליינא איז געווען אין א צושטאנד פון פולשטענדיקער אנארכיע. קארנוואלים׳עס דורכפאלן אין נארט קאראליינא האבן דערמוטיקט די צעווארפענע גרופקעס פאטריאטן אויפצוהויבן א נייעם קאמף קעגן דער ענגלישער הערשאפט. סאמטער און מאריאן, די ארטיקע פירער פון די פאטריאטן, זיינען ווידער אמאל געווען אקטיוו אין צונויפקלייבן זייערע נאכ־פאלגער. זיי פלעגן ליגן באהאלטן אין די וועלדער און זומפן, ווען זייערע קרעפטן זיינען געווען קליין. און ווען זיי האבן אנגעקליבן גענוג כחות צו מאכן אן איבערפאל, פלעגן זיי פלוצלונג באפאלן אן ענגלישן, אדער לאיאליס־טישן פאסטן און אים פארניכטן.

א גרויסער טייל פון זייערע נאכפאלגער זיינען געווען פשוט׳ע באנדיטן, וואס זיינען געווען ניט אזוי אויסן דעם קאמף מיט דער ענגלישער הערשאפט, ווי די געלעגנהייט צו רויבן אדער נקמה־נעמען פון פערזענלעכע שונאים.

זיי פּלעגן פאַרלאָזן זייערע פּירער אַזוי גיך, ווי זיי האָבן זיך געפּילט באַ־פרידיקט, און סאָמטער און מאַריאָן פּלעגן ליגן אין די זומפּן און וואַרטן, ביז וואַנען אַ נייע באַנדע פּלעגט זיך צוזאַמענקלייבן. מאַריאָן איז געווען אַנטריסטעט קעגן אָט־דעם סאָרט מענטשן, אָבער דאָס איז געווען דער איינ־ציקער וועג אויפצוהאַלטן דעם קאַמף. די אָפּטע איבערפאַלן פון די דאָזיקע באַנדעס האָבן געהאַלטן די פּראָווינץ אין אַ צושטאַנד פון דעמאָראַליזאַציע. ענגלאַנד האָט ווייט זיך ניט געקאָנט באַרימען, אַז אין די קאַראָליינאַס הערשט „געזעץ און אָרדענונג".

פּאַקטיש האָבן קאַרנוואַליס'עס דורכפאַלן אין נאָרט קאַראָליינאַ גע־בראַכט צו דעם, אַז אין די קאַראָליינאַס איז מער ניט געווען קיין שום אָרגאַניזירטע רעגירונג. די פּאַטריאָטישע רעגירונג האָט ניט געקאָנט קאָנ־טראָלירן די לאָיאַליסטן, און די לאָיאַליסטן האָבן אַפילו מיט דער הילף פון די ענגלישע סאָלדאַטן ניט געקאָנט אַרויפצווינגען זייער הערשאַפט אויף די פּאַטריאָטן.

די דערינערונגען, וואָס זיינען אונז איבערגעבליבן פון אַ פּירער פון די לאָיאַליסטן, דייוויד פענינג, גיבן אונז אַ בילד וועגן דעם צושטאַנד אין די קאַראָליינאַס. לאָיאַליסט און פּאַטריאָט זיינען געווען אויף מעסער, און מאָרדן זיינען געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג. אויב מיר זאָלן גלויבן די פּאַטריאָטישע שרייבער, זיינען די לאָיאַליסטן געווען גרויזאַמע מערדער, וואָס האָבן ניט געוואוסט פון רחמנות. וויסן אָבער אויך די לאָיאַליסטן צו דערציילן וועגן פּאַטריאָטישע מעשים, וואָס זיינען ווייט פון ווייכהאַרציקייט.

אָט איז אַ ביישפּיל פון פּאַטריאָטישער „ווייכהאַרציקייט":

קוירנעל קליוולאַנד איז געווען דער פּירער פון די פּאַטריאָטן אין יאַדקין קאַונטי. אין דער שלאַכט פון קינגס מאַונטעין איז ער געווען איינער פון די פּירער. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע עקספּעדיציעס. ער איז געווען אין די הענט פון די לאָיאַליסטן און האָט זיך געראַטעוועט. אין דער יאַדקין קאַונטי איז ער געווען אַלץ—דער געזעץ, דער ריכטער און דער הענקער. ער האָט געהאַט זיינע מענטשן, וואָס פלעגן לויערן אויף לאָיאַליסטן אין דער געגנט און זיי ברענגען צו קוירנעל קליוולאַנד אויף זיין פּלאַנטאַציע, ער זאָל זיי משפּט'ן.

זיי האָבן געבראַכט אַ לאָיאַליסטישן פּירער, זאַקאַריאַ וועלס, צו קליוו־

לאַנד'ן אין פֿעלד, כדי „אויסצומיידן די אומאָנגענעמלעכקייט בא אים אין הויז". קליוולאַנד האָט אַראָפּגענומען די לייצעס פֿון זיין פֿערד אויפֿצוהענגען וועלס'ן אַף אַ בוים. זיין זון, וועלכער האָט זיך געפֿונען מיט אים אין פֿעלד, האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי דער קרבן האָט געציטערט פֿון שרעק. ער האָט געבעטן זיין פֿאָטער, ער זאָל וועלס'ן שענקען דאָס לעבן.

„דזשימי, מיין זון", האָט קליוולאַנד געענטפֿערט, „ער איז אַ שלעכטער מענטש. מיר מוזן הענגען אַלע אַזעלכע געפֿערלעכע טאָריס און פּטור ווערן פֿון זיי."

אָדער:

קליוולאַנד האָט אָקאָרשט געהאַט אויפֿגעהאַנגען אַ לאָיאַליסט. אַ צווייטער קרבן האָט געוואַרט באַלד געהאַנגען צו ווערן.

„דו קאָנסט האָבן דיין אויסוואַל", האָט אים קליוולאַנד געזאָגט, „אָדער אויפֿגעהאַנגען צו ווערן מיט דיין חבר, אָדער שנייד זיך אַליין אָפּ די אויערן און פֿאַרלאָז די געגנט."

דער מאַן האָט געקראָגן אַ מעסער און האָט אָפּגעשניטן זיינע אייגענע אויערן. און מיט בלוט, רינענדיק איבער זיין פּנים און האַלז, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

אָבער אַט די גרויזאַמקייט מצד די פּאַטריאָטן איז נאָר געווען אַן ענטפֿער אַף דער בלוט־דורשטיקייט פֿון די לאָיאַליסטן. לאָמיר ברענגען אַ ביישפּיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ברוטאַלקייט פֿון די לאָיאַליסטן.

שוין באַם סאַמע סוף פֿון דער מלחמה, אין ווינטער פֿון 1781, איז אַן אָפּטיילונג פֿון לאָיאַליסטן, אונטער דער קאָמאַנדע פֿון קאָרנוואַליס'עס אַן אָפֿיצער, קאָנינגהאַם, איבערגעפֿאַלן אַ גרופּע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן. די לאָיאַליסטן זיינען געווען אַ סך מער אין צאָל און נאָך אַ קורצער שלאַכט האָבן די פּאַטריאָטן זיך אונטערגעגעבן אַף באַדינגונגען, וואָס די לאָיאַליסטן האָבן אַליין אַרויסגעשטעלט.

אָבער אַזוי גיך ווי פּאַטריאָטן האָבן אַוועקגעלייגט זייער געווער, האָבן די לאָיאַליסטן געמאַכט אַ בלוטיקע שחיטה אַף די פּאַטריאָטן. איינער פֿון די לאָיאַליסטן, לאָוו, האָט נאָך דער שחיטה דורכגעמאַרשירט מיט זיין שווערד דאָס שלאַכטפֿעלד, וואו ס'זיינען געלעגן די טויטע און שטאַרבנדיקע, געוועזענע שכנים זיינע, און האָט זיך אַמוזירט מיט דעם, וואָס ער האָט ניט נאָר געמאַכט

אַ סוף צו די שטאַרבנדיקע, נאָר געמאַכט נייע וואונדן אױף די קערפּערס פון די טויטע.

אַזעלכע מעשים זיינען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אין דעם קאַמף צווישן די פּאַטריאָטן און לאָיאַליסטן. די פּאַטריאָטן האָבן אָבער מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז זייערע טאַטן זיינען באַרעכטיקט. די לאָיאַליסטן זיינען געווען די ערגסטע שונאים פון דער רעוואָלוציע און האָבן כשר פאַרדינט די שטראָף.

בענעדיקט אַרנאָלד׳ס קאָנספּיראַציע

איידער מיר דערציילן וועגן די געשעענישן פון די לעצטע חדשים פון דער מלחמה, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאַסירונג, וואָס האָט שיר ניט אומגעבראַכט וואַשינגטאָנ׳ס הויפּט־אַרמיי — די פאַרשווערונג פון בענעדיקט אַרנאָלד. ענגלישע שפּיאָנען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי האָבן זיך געפונען אין אַ גאָר גרויסער צאָל. ניט איין פּראָוואָקאַציע און ניט איין פאַרראַט האָבן זיי דורכגעפירט. די אַרנאָלד־פאַרשווערונג איז אָבער געווען די קרוין פון זיי אַלע. ווען די דאָזיקע פאַרשווערונג וואָלט זיך איינגעגעבן, וואָלט זי מיט איין קלאַפּ געמאַכט אַ סוף צו דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אַמעריקע.

העכער אַ יאָר האָט קלינטאָן זיך געגרייט צו דערלאַנגען דער רעוואָלוציע דעם דאָזיקן לעצטן קלאַפּ. נאָך אין אָנהויב 1779 האָט קלינטאָן אויסגעפונען, אַז אַ וויכטיקער אָפיצער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי זוכט זיך צו שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג. קלינטאָן האָט דורך זיין אַדיוטאַנט, גענעראַל אַנדרע, אָנגעהאַלטן אַ שריפטלעכע פאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן אָפיצער, און נאָך דעם גרויסן נצחון, וואָס די ענגלענדער האָבן אָפּגעהאַלטן אין דער שלאַכט פון קעמדען, האָט קלינטאָן אויסגעפונען, אַז זיין קאָרעס־פּאָנדענט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי איז גענעראַל אַרנאָלד, וועלכער איז מיט אַ שטיקל צייט פריער באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון וועסט פּאָינט, און וועלכער איז גרייט איבערצוגעבן דעם דאָזיקן „אַמעריקאַנער גיבראַלטאַר" צו די ענגלענדער.

גענעראַל בענעדיקט אַרנאָלד איז אין פיל הינזיכטן געווען אַ מערק־ווירדיקער מענטש. ער איז זיכער געווען איינער פון די פייאיקסטע גענעראַלן פון דער רעוואָלוציע און איז געווען בוכשטעבלעך אומדערשראָקן. מיר האָבן

געזען די ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין אָרגאַניזירן די צפון־אַרמיי און אין דער שלאַכט פון סאַראַטאָגאַ, ווען באַירגאָין האָט געליטן זיין גרויסן דורכ־פאַל. זיין גרויסע שוואַכקייט איז געווען זיין קריגערישער כאַראַקטער, זיין ניט קאָנען זיך איינלעבן מיט מענטשן. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אַלע האָבן געמוזט אים געבן קרעדיט פאַר זיין מוט און פייאיקייט, האָבן די אָפיצערן און אויך די סאָלדאַטן פון דער אַרמיי אים געהאַסט. די פירער פון קאָנגרעס

בענעדיקט אָרנאָלד

האָבן זיך אויך באַצויגן צו אים ניט פריינטלעך און פלעגן אים אויסלאַזן יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַשטימען מענטשן אַף פאַר־אַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס. אַרנאָלד איז אָבער געווען שטאַרק אַמביציעז. געבאָרן אין אַ פּשוט׳ער, אָרעמער פאַמיליע, האָט ער געברענט מיט אַ באַגער זיך אַרויפצודראַפּען אַף דעם שפּיץ פון געזעלשאַפטלעכן לייטער.

ווען ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר אין פילאַדעלפיע, אין יוני 1778, ווען די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, האָבן די שלעכטע און מיאוס׳ע זייטן פון זיין כאַראַקטער אָנגעהויבן זיך שטאַרק אַרויס־

צואווייזן. ער האָט אָנגעהויבן צו לעבן אַף א הויכן שטייגער, אימיטירנדיק די ענגלישע הויכע אָפּיצערן, און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די ערגסטע ספּעקולאַציעס, כדי צו קאָנען דאָס דורכפירן. ער האָט אָנגענומען די פּאָזע פון א גרויסן אַריסטאָקראַט און גענומען פאַרקערן מיט לאָיאַליסטן. ער האָט זיך פאַרהאַסט געמאַכט בא אַלע פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיין אָנשטעל. זיי האָבן אָנגעהויבן צו קריטיקירן יעדע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן, אַפילו ווען ער איז געווען גערעכט. ריד, מיפלין, ראָבערט מאָרים און אַנדערע איינפלוסרייכע פירער פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי האָבן אים געהאַסט און געזוכט מיטלען פּטור צו ווערן פון אים, אַרויסצוטרייבן אים פון דער אַרמיי, אים רואינירן. זיי האָבן באַטראַכט זיין פריינטשאַפט מיט לאָיאַליסטן, זיין הייראַט מיט מאַרגאַרעט שיפּען, א טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער לאָיאַליסטישער פאַמיליע פון פילאַדעלפיע, ווי פשוט'ן פאַרראַט.

א צאָל קלאָגן זיינען געבראַכט געוואָרן קעגן אים אין קאָנגרעס. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין אומערלעכקייט, אין אויסנוצן זיין אַמט פאַר פּערזענלעכע צוועקן. אַרנאָלד האָט געפאָדערט אַן אונטערזוכונג און דער קאָנגרעס האָט באַשטימט א קאָמיטע, וואָס האָט געפונען, אַז די קלאָגן קעגן אים זיינען ניט באַגרינדעט, און אים פריינעשפּראָכן פון אַלע באַשולדיקונגען, וואָס זיינען קעגן אים געמאַכט געוואָרן. אַרנאָלד האָט רעזיגנירט פון דער אַרמיי. די פּאַטריאָטישע פירער פון פילאַדעלפיע האָבן אָבער ניט אויפגעגעבן זייער קאַמף קעגן אים. זיי האָבן נאָכאַמאָל אויפגעהויבן די פראַגע וועגן אַרנאָלד'ן אין קאָנגרעס און האָבן גע'פּועל'ט, אַז א קריגס־געריכט זאָל אים משפּט'ן. אָבער אויך דאָס קריגס־געריכט האָט ניט געפונען קיין באַווייזן אים צו פאַראורטיילן, און האָט בלויז רעקאָמענדירט, אַז ער זאָל קריגן אויסגערעדט פאַר ניט־טאַקטישקייט.

וואַשינגטאָן און גייטס, וועלכע האָבן אָפּגעשאַצט אַרנאָלד'ס פיאיקייט און האָבן אים ניט געוואָלט פאַרלירן פון דער אַרמיי, זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט די פאַרפאָלגונגען פון די פילאַדעלפיער פּאַטריאָטן קעגן אַרנאָלד'ן; זיי האָבן אים דעריבער געשטיצט אין דעם דאָזיקן קאַמף. זיינע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע זיינען שטאַרק אונטערשטראָכן געוואָרן. דער קאָנגרעס איז געווען געצוואונגען צו פאַרגיטיקן אַרנאָלד'ן פאַר די עוולות, וואָס זיינען די אַלע יאָרן קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן, און אים

געגעבן דעם ראנג, וואס ער האט באמת פארדינט. ארנאלד האט זיך אומ־געקערט אין דער ארמיי.

מעגלעך, אז ס'איז געווען דער דאזיקער קאמף, וואס האט געשטויסן ארנאלד'ן צו פלאנעווען זיין קאנספיראציע, כדי זיך אפצורעכענען מיט די פאטריאטן. ער האט איצט אפן גערעדט, אז ער איז ניט איינשטימיק מיט דער דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט, כאטש, האט ער דערקלערט, ער גלויבט, אז די דעקלאראציע איז געווען נויטיק, כדי צו קריגן פון ענגלאנד א „פארגיטיקונג פאר עוולות". ער גלויבט אבער, אז ענגלאנד האט באוויזן, אז זי איז גרייט נאכצוגעבן די אמת'ע פאדערונגען פון די קאלאניסטן און די מלחמה איצט ווערט געפירט בלויז אין די אינטערעסן פון פראנקרייך, וואס זוכט אליין צו פארכאפן די אמעריקאנער קאלאניעס. ס'איז קיינמאל ניט פעסטגעשטעלט געווארן וואס פאר א ראל זיין פרוי, וועלכע, ווי מיר האבן געזען, איז געווען אן אויסגעשפראכענע לאיאליסטקע, האט געשפילט אין באוועגן אים דורכצופירן די קאנספיראציע. קלאר איז, אז זי האט גע־וואוסט וועגן זיין פלאן, וואס טויזנטער אנדערע לאיאליסטן וואלטן געווען גרייט דורכצופירן, ווען זיי וואלטן געהאט זיינע פייאיקייטן און זיינע מעגלעכקייטן.

אין יולי 1780, ווען וואשינגטאן האט זיך געגרייט צו אטאקירן ניו יארק, האט ער איינגעלאדן ארנאלד'ן זיך צו באטייליקן אין דער אטאקע. ארנאלד אבער האט געבעטן, אז מען זאל אים איבערגעבן די אויפגאבע צו פארטיידיקן די פעסטונג אין וועסט פאינט, און וואשינגטאן האט דאס מיט פארגעניגן געטאן, גלויבנדיק אז ער האט דעם פאסיקן מענטשן, אף וועלכן ער קאן זיך פארלאזן מיט דער דאזיקער וויכטיקער אויפגאבע. ארנאלד האט איצט געהאט אין זיינע הענט די וויכטיקסטע פעסטונג פון דער רעוואלוציאנערער ארמיי. ער האט בלויז געווארט אף א גינסטיקן מאמענט, ווען ער וועט די פעסטונג מיט די דריי טויזנט סאלדאטן, וואס האבן זי געדארפט פארטיידיקן, איבער־געבן צו די ענגלענדער און מיט איין קלאפ מאכן א סוף צו דעם קאמף.

די גרויסע דורכפאלן, וואס די רעוואלוציאנערן האבן געליטן אין פאר־לויף פון דעם פרילינג און זומער פון 1780, און די מפלה, וואס גייטס האט געליטן לעבן קעמדען, האבן געשיינט צו שאפן די פאסנדיקע שטימונג פאר אט דעם לעצטן קלאפ. אין סעפטעמבער האבן קלינטאן און אנדרע געהאלטן אין פארענדיקן די דעטאלן פון זייער פלאן, און אין דער נאכט פון דעם 21טן

סעפּטעמבער האָבן זיי אַראַנזשירט זיך צו באַגעגענען מיט אַרנאָלד'ן צום לעצטן מאָל און זיך דורכריידן וועגן די איינצלהייטן. אַנדרע איז אַף דער ענגלישער קריגס־שיף וואָלטשור צוגעפאָרן ניט ווייט פון וועסט פּאָינט, וואו ס'האָט אַף אים געוואַרט מיט אַ שיפל, וואָס האָט אים געבראַכט אַף דער אַמעריקאַנער זייט, אַרנאָלד'ס אַ שליח, אַ פּראָמינענטער לאָיער פון דער געגנט, דזשאָשוא סמיט.

אין אַ וועלדל, ניט ווייט פון דער אַמעריקאַנער פעסטונג, האָבן אַנדרע און אַרנאָלד פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט אין אַראַנזשירן אַלע איינצלהייטן

דזשאָן אַנדרע

וועגן איבערגעבן די פעסטונג. ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן און ס'איז געווען אַ געפאַר זיך אומצוקערן מיטן שיפל צו דער וואָלטשור. דערווייל האָבן די אַמעריקאַנער באַמערקט די וואָלטשור און אָנגעהויבן שיסן אַף איר פון דער פעסטונג. די וואָלטשור איז געווען געצוואונגען אָפּצופאָרן ווייטער פון דעם פּלאַץ, וואו אַנדרע האָט זיך געפונען. צוקומען צו דער קריגס־שיף מיט אַ שיפל איז איצט געווען אוממעגלעך. ס'איז אויך געווען אַ געפאַר פאַר אַנדרע'ן לענגער צו פאַרבלייבן אין סמיט'ס הויז, וואו די קאָנספּיראַטאָרס האָבן געגעסן פרישטיק. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַנדרע זאָל זיך אויסבאַהאַלטן דעם טאָג אין הויז און באַנאַכט זאָל אים סמיט אַריבערפירן מיט אַ שיפל צו דער וואָלטשור. אַרנאָלד האָט אים איבער־

געגעבן די פלענער פון דער פעסטונג, האט פארשריבן די סיגנאלן, וואס די ענגלענדער וועלן געבן און די מעטאדן פון דעם פלוצימדיקן און בלומרשט ניט־דערוואַרטעטן איבערפאל אף דער פעסטונג. די דאזיקע דאקומענטן האט אנדרע באהאלטן אין די זאקן.

ווען ס׳איז געווארן נאכט, האט סמיט דערקלערט, אז ס׳איז ניט זיכער צו פארן מיט א שיפל איבערן האדסאן. ער האט פארגעשלאגן צו באגלייטן אנדרע׳ן קיין ניו יארק איבער דער יבשה. אנדרע איז ניט געווען שטארק צופרידן. ער האט געהאט בא זיך דאקומענטן, וואס האבן אים קאמפראמי־טירט ווי א שפיאן, אויב מען זאל אים כאפן. ער האט אבער קיין אנדער ברירה ניט געהאט און האט צוגעשטימט.

באוואפנט מיט דאקומענטן, וואס ארנאלד האט זיי געגעבן, האבן די צוויי באוויזן אומגעשטערט דורכצוגיין די אמעריקאנער ליניעס. זיי האבן אפילו אין פיל פלעצער זיך אפגעשטעלט כאפן א שמועס מיט דער אמעריקאנער וואך. סמיט, וועלכער האט אבער גוט געקענט די געגנט, האט מער מורא געהאט פאר דער אזוי־גערופענער נייטראלער געגנט. אין דער דאזיקער געגנט האבן אפערירט באנדעס באנדיטן, וועלכע האבן זיך גערופן „סקינערס" (פעל־שינדער), וועלכע האב געקראגן זייער נאמען דערפאר, וואס זיי פלעגן בארויבן זייערע קרבנות און זיי איבערלאזן מוטער־נאקעט, און „קאו־באיס", וואס האבן זיך באשעפטיקט מיט רויבירן בהמות פון די ארטיקע פארמס און זיי פארקויפן צו דער ענגלישער ארמיי. די „סקינערס" האבן זיך געהאלטן פאר פאטריאטן און די „קאו־באיס" פאר לאיאליסטן. סמיט האט מורא געהאט ארייַנצופאלן אין די הענט פון אט אזא באנדע און ער האט געראטן צו פאר־בלייבן איבערנעכטיקן אף א פארם און פארזעצן די רייזע דעם נעקסטן טאג.

דעם נעקסטן פרימארגן האט סמיט ארויסבאגלייט אנדרע׳ן א שטיקל וועג און האט זיך אליין אומגעקערט צו באריכטן צו ארנאלד׳ן. ביידע זיינען געווען זיכער, אז מער קיין געפאר איז ניטא, און אז אנדרע וועט בשלום אנקומען אין ניו יארק. דאס איז געווען א גרויסער טעות, וואס אנדרע האט געמאכט. ס׳איז כמעט זיכער, אז ווען סמיט וואלט אים ניט פארלאזן, און וואלט מיט אים געפארן ביז ניו יארק, וואלט דער אויסגאנג געווען א גאנץ אנדערער.

אפילו אליין וואלט אנדרע אנגעקומען בשלום אין ניו יארק, ווען ער

וואָלט גוט געוואוסט דעם וועג. ער האָט זיך אָבער אראָפּגעשלאָגן פון וועג און ווען אַ אינגל האָט אים געזאָגט, אַז אין דער ארומיקער געגנט געפינען זיך באַנדעס „סקינערס״, האָט ער געענדערט זיין מאַרשרוט, כדי זיי אויס־צומיידן. לעבן דעם דערפל, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען טעריטאַון, האָט ער זיך באַגעגנט מיט דריי „סקינערס״—פּאולדינגס, וויליאַמס און ווען־וואָרט, וועלכע האָבן געוואַרט אַף קרבנות. אַנדרע האָט פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס און האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז זיי זיינען גוטע לאָיאַליסטן. די דריי „סקינערס״ האָבן דערשמעקט, אַז זיי האָבן דאַ אריינגעקראָגן אין זייערע הענט אַ וויכטיקן מענטשן, האָבן זיי צוגעשטימט, אַז זיי זיינען לאָיאַליסטן. אַנדרע האָט זיי באַלד דערקלערט, אַז ער איז אַן איבערגעטאָנענער ענגלישער אָפיצער, וועלכער געפינט זיך אַף אַ וויכטיקער מיסיע. די „סקינערס״ האָבן אים דעמאָלט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, אַז זיי זיינען אַמעריקאַנער און אים געהייסן זיך מטריח זיין און אראָפּקריכן פון פערד. אַנדרע האָט שוין געפּרואווט ענדערן דאָס, וואָס ער האָט פריער געזאָגט. ער האָט באַוויזן ארנאָלד׳ס דאָקומענטן. עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן. די דריי „סקינערס״ האָבן זיך גענומען צו זייער מלאכה פון באַטאַפּן יעדע זאַך, וואָס ער האָט געהאַט בא זיך, און האָבן געפונען די דאָקומענטן. זיי האָבן צוגענומען גאָר די געלט, וואָס זיי האָבן בא אים געפונען, זיין זייגער, דעם פערד, און האָבן באַשלאָסן אים איבערצוגעבן אין די הענט פון קוירנעל דזשיימסאָן, וועלכער איז געווען דער נאָענטסטער פּאַטריאָטישער קאָמאַנדיר אין דער געגנט.

אַנדרע האָט זיי פאָרגעלייגט אַ גרויסע סומע געלט אַלס באַלוינונג, אויב זיי וועלן אים אָפּלאָזן. זיי זיינען אָבער אַף דעם ניט איינגעגאַנגען. די פאַר־מערס פון דער געגנט, וואָס האָבן געקאָנט זייער גוט די דאָזיקע מענטשן, האָבן שפּעטער גערעדט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַנדרע׳ס אָנבאָט ניט צוליב זייער גוואַלטיקן פּאַטריאָטיזם, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט צו ריזיקירן. וואָלטן זיי געזען אַ מעגלעכקייט צו באַקומען די באַלוינונג, וואָס אַנדרע האָט זיי צוגעזאָגט, וואָלטן זיי אים זיכער אָפּגעלאָזט.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אַנדרע איז געבראַכט געוואָרן צו קוירנעל דזשיימסאָן, וועלכער האָט פּשוט ניט געקאָנט גלויבן, אַז ארנאָלד איז אַ פאַררעטער. ער איז געווען זיכער, אַז ארנאָלד וועט קאָנען געבן אַ דערקלערונג וועגן דעם גאַנצן ענין. און אין דער באַגלייטונג פון אַ וואַך האָט ער אָפּ־געשיקט אַנדרע׳ן צו ארנאָלד׳ן. אַנדרע האָט איצט ווידער געהאַט אַ גוטע

געלעגנהייט זיך אַרויסצודרייען. אַרנאָלד וואָלט אים שוין אַריבערגעפּעקלט קיין ניו יאָרק אַז קיין האַן וואָלט קיין קריי ניט געטאָן. צו זיין אומגליק אָבער און צום גליק פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, איז באַלד נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן מיט דער וואַך צו אַרנאָלד'ן, אָנגעקומען אַף אַ באַזוך צו קוירנעל דזשיימסאָן אַ מאַיאָר פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, טאַלמאַדזש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער, און איז באַשטאַנען אַף דעם, אַז אַנדרע זאָל אָפּגעשיקט ווערן ניט צו אַרנאָלד'ן, נאָר צו וואַשינגטאָנ'ען. אַ צווייטע וואַך איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, און אַ שעה אײדער אַנדרע האָט געזאָלט אָנקומען אין אַרנאָלד'ס הויפּט-קוואַרטיר אין וועסט פּאָינט, האָט די צווייטע וואַך אים דעריאָגט און אומגעקערט צוריק. קוירנעל דזשיימסאָן איז אָבער באַשטאַנען אַף דעם, אַז זיין בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו גענעראַל אַרנאָלד, זאָל אים, אַרנאָלד'ן, אָפּגעגעבן ווערן.

אַרנאָלד האָט באַקומען דעם בריוו, פּונקט ווען ער האָט געוואַרט צו האָבן אַן אינטערוויו מיט גענעראַל וואַשינגטאָן, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון האַרטפאָרד. ער האָט זיך אַף אַ מינוט ניט פאַרלאָרן. ער האָט קאַלטבלוטיק געגעבן אַ פאַראָרדענונג צו מאַכן גרייט זיין באַרזשע, דערפאַר וואָס ער איז אומדערוואַרטעט אַרויסגערופן געוואָרן אַף דער אַנדער זייט טייך. ער האָט אין אַ פּאָר ווערטער דערציילט זיין פרוי וואָס ס'האָט פּאַסירט. זיין פרוי האָט אים נאָכגעפאָלגט און איז געפאַלן אין חלשות, ווען זי האָט דער־גרייכט די באַרזשע. ער האָט דערגרייכט דעם פּלאַץ, וואו די ענגלישע קריגס־שיף וואָלטשור האָט זיך געפונען און איז אַרויפגענומען געוואָרן אַף דער שיף.

די ענגלישע רעגירונג האָט אַרנאָלד'ן גוט באַצאָלט פאַר זיין פאַרראַט. ער האָט געקראָגן אַלס מתנה 6,315 פונט אין מזומנים. פאַר יענע צייטן איז דאָס געווען אַ פאַרמעגן. זיין פרוי האָט געקראָגן אַ יערלעכע פּענסיע פון 500 פונט און יעדעם פון זיינע קינדער אַ פּענסיע פון הונדערט פונט אַ יאָר. ער איז אויך באַשטימט געוואָרן אַלס אָפיצער אין דער ענגלישער אַרמיי, מיט די אַלע פאַרדינסטן און מעגלעכקייטן, וואָס דער דאָזיקער אמט האָט געגעבן.

באַצאָלט מיטן לעבן פאַר אַרנאָלד'ס פאַרראַט האָט אַנדרע, וועמען מ'האָט גע'משפּט און פאַר'משפּט אַלס אַ שפּיאָן געהאַנגען צו ווערן.

קאָרנוואַליס אַנטלויפט קיין ווירדזשיניע

אין דער צייט, וואָס גרין האָט געהאַלטן אין אונטערגראָבן דעם סאַמע אַנהאַלט פון ענגלאַנד אין די דרום־קאָלאָניעס, פאַרטרייבנדיק קאָרנוואַליס'ן קיין ווילמינגטאָן, האָט די ענגלישע רעגירונג געלעבט מיט די פאַלשע האָפע־נונגען, אַז קאָרנוואַליס'עס פּלענער זיינען אַ דערפאָלג און אַז דער רעוואָלט אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס וועט גאָר אינגיכן אינגאַנצן אונטערדריקט ווערן. אויב קאָרנוואַליס איז געווען אַ שלעכטער מיליטערישער פירער, איז ער אָבער געווען אַ גוטער בריוו־שרייבער. אין זיינע בריוו צו דער רעגירונג האָט ער ניט געזשאַלעוועט קיין ווערטער צו מאָלן זיינע גרויסע טריאומפן אין נאָרט קאַראָליינאַ. די שלאַכט פון גילפאָרד קאָורט־הויז איז אין זיין באַריכט געווען אַ גלענצנדיקער זיג פאַר דער ענגלישער אַרמיי, טאַרלטאָנ'ס דורכפאַל בא קאָופּענס — אַן אומבאַדייטנדיקער אינצידענט, זיין צוריקטריט קיין ווילמינגטאָן — אַ פּאַראַדנער מאַרש צו געבן זיין אַרמיי אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען און זיך צו באַזאָרגן מיט זאַפּאַסן.

דער מיניסטאָרן־קאַבינעט איז געווען אָפּן זיבעטן הימל מיט די דאָזיקע גרויסע „דערפאָלגן". זייער איינציקע זאָרג איז בלויז געווען, צי קלינטאָן וועט זיין געגוג פּייאיק צו שטיצן קאָרנוואַליס'עס פּלענער און קומען אים צו הילף אין דעם נויטיקן מאָמענט, ווען ער וועט אָנהויבן זיין מאַרש דורך ווירדזשיניע קיין צפון און מאַכן אַ סוף צו „מר. וואַשינגטאָנ'ס" אַרמיי, אָדער פאַרטרייבן אים אין ניי־ענגלאַנד. לאָרד דזשערמיינ'ס בריוו פון יענער צייט זיינען פול מיט גלויבן אין אַ באַלדיקן זיג, פול מיט פאַראַכטונג צו דעם רעוואָלט אין די קאָלאָניעס, אַ גלויבן, אַז „קיין וויטערדיקן ווידערשטאַנד פון זייער זייט (פון דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערן) דאַרף מען מער ניט דער־וואַרטן".

אַפילו קלינטאָן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די לאַגע בעסער און האָט באַקעמפט קאָרנוואַליס'עס פּלענער צו מאַכן ווירדזשיניע דעם מיטלפּונקט פון דעם גאַנצן קאַמף, האָט אויך אָנגעהויבן גלויבן אין דער גאונ'ישקייט פון קאָרנוואַליס'ן און אין זיין דערפאָלג. די באַריכטן, וואָס ער האָט געקראָגן פון קאָרנוואַליס'ן, זיינע גלענצנדיקע זיגן, האָבן אים איבערצייגט, אַז ער איז געווען אומגערעכט און ער האָט דערוואַרט, אַז די רעוואָלוציע וועט זיך באַמת ענדיקן מיט קאָרנוואַליס'עס טריאומף־מאַרש פון ווירדזשיניע קיין ניו יאָרק.

„עס איז מיין וואונטש" — שרייבט קלינטאָן צו קאָרנוואליס'ן — „אַז איר זאָלט פאַרזעצן די אָפּעראַציעס אין דער ריכטונג פון צפון; ווארים, אחוץ אלס באַזוכער וועל איך ניט קומען אין דעם טשעסאַפּיק (טשעסאַפּיק ים־אויסגוס), סיידן וואשינגטאָן זאָל שיקן אַהין אַ גרויסע אַרמיי. די דער־פאָלגן, וואָס אייער לאָרדשיפ האָט ביז איצט געהאַט, גיבן די פולע פאַר־זיכערונג, אַז זיי וועלן ווייטער אָנהאַלטן, און אַזוי ווי איך וויל העלפן אייערע אָפּעראַציעס מיט אַלע מיינע כחות, בין איך איבערצייגט אין אייער אומ־אייגננוצלעכקייט, אַז איר וועט פון מיר ניט פאָדערן מער מיליטער, ווי איך קאָן אָפּשפּאָרן."

ווען קאָרנוואליס האָט דעריבער אַרויסגערופן די אָפּטיילונג פון דער ענגלישער אַרמיי אין ווירדזשיניע אונטער לעסלי, קיין נאָרט קאַראָליינאַ, האָט קלינטאָן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָך מער אָפּשוואַכן זיינע אייגענע כחות אין צפון און אַרויסשיקן אַ צווייטע אָפּטיילונג אונטער דעם רענעגאַט און פאַררעטער אַרנאָלד, וועלכער איז אָנגעקומען אין ווירדזשיניע אין דעצעמבער 1780 און האָט זיך באַפעסטיקט אין פאָרטסמוט קעגנאיבער נאָרפאָלק. אין איינקלאַנג מיט קאָרנוואליס'עס פּלענער האָט אַרנאָלד, וועל־כער איז צום ערשטן מאָל אָנפאַרטרויט געוואָרן מיט דער פירערשאַפט פון אַן אַרמיי־אָפּטיילונג, אַלס גענעראַל פון דער ענגלישער אַרמיי, אָנגעהויבן אַ רייע איבערפאַלן אויף די שטעט און שטעטלעך פון ווירדזשיניע און אין אַ קורצער צייט האָט ער געהאַט ווירדזשיניע „אויסגעצויגן בא די פיס פון אַ הייפל מענטשן, געפירט פון אַ פאַררעטער און דעזערטיר", ווי הערי לי באַ־צייכנט די לאַגע. סטויבען, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דער מיליץ אין ווירדזשיניע, האָט געהאַט אַזוי ווייניק מענטשן אין זיין רשות, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַרויסשטעלן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד קעגן אַרנאָלד'ן.

אַרנאָלד'ס איבערפאַל און דערפאָלג אין ווירדזשיניע האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג אין קאָנגרעס און אין דער גאַנצער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי. וואשינגטאָן האָט געגלויבט, אַז אַזוי ווי אַרנאָלד האָט בלויז אַ הייפל מענטשן אין ווירדזשיניע, וועט מעגלעך זיין אים צו פאַרניכטן, אויב ס'זאָל מעגלעך זיין אָפּצושניידן זיין צוריקטריט פון ווירדזשיניע איבערן ים. ער האָט דעריבער זיך געווענדעט צו דעם אַדמיראַל פון דעם פראַנצויזישן פלאָט אין ראָוד־איילאַנד, אַז ער זאָל אַרויסשיקן זיין פלאָט אין דעם טשעסאַפּיק־ים־אויסגוס;

אליין האט ער ארויסגעשיקט אן אפטיילונג פון 12 הונדערט מאן אונטער גענעראל לאפאיעט צו פארניכטן ארנאלד'ן.

ווען ארנאלד האט זיך דערוואוסט פון וואשינגטאנ'ס פלענער, האט ער זיך שטארק דערשראקן. ער האט שוין געזען די תליה פאר זיינע אויגן, אויב וואשינגטאנ'ס פלאן זאל זיך איינגעבן. ער האט זיך געווענדעט צו קלינטאנ'ען מיט א דרינגנדיקן אפיל נאך הילף. אום צו ראטעווען ארנאלד'ן, האט קלינ־טאן ארויסגעשיקט נאך 2 טויזנט סאלדאטן אונטער גענעראל פיליפס קיין ווירדזשיניע. צו ארנאלד'ס גליק האט דער פראנצויזישער פלאט ווידער אמאל פארשפעטיקט, און ווען ער איז אנגעקומען אין טשעסאפיק האט ער זיך בא־געגנט מיט דעם ענגלישן פלאט, וואס האט באגלייט פיליפס' טראנספארטן. די שלאכט צווישן די צוויי פלאטן אין מערץ 1781 איז ניט געווען אנטשיידנדיק. די ענגלענדער האבן באוויזן אריינצוקומען אין טשעסאפיק און לאנדן די סאל־דאטן. דער פראנצויזישער פלאט האט זיך אומגעקערט קיין ראוד־איילאנד. ווירדזשיניע איז אף אזא אופן פאקטיש געווען פארלארן פאר דער רעוואלוציע.

קיין סך נוצן האט אבער דער איבערפאל אף ווירדזשיניע די ענג־לענדער ניט געבראכט. דער איבערפאל אף ווירדזשיניע האט ניט אפ־געשטעלט גרינ'ס אפעראציעס אין סאוט קאראליינא, וואס האבן געבראכן די הערשאפט פון ענגלאנד אין די קאראליינאס. וועגן דעם אבער האבן דער־וויל ניט געוואוסט ניט וואשינגטאן, ניט דער קאנגרעס. זיי האבן, פארקערט, געגלויבט, פונקט ווי קלינטאן, אז גרין האט געליטן אן אנטשיידענע מפלה. קיינער פון די פירער פון ביידע צדדים, סיי פון די רעוואלוציאנערן, סיי פון די ענגלענדער, האט זיך ניט געקאנט פארשטעלן, אז קארנוואלים וועט זיך ארויסווייזן אזוי ניט־קאמפעטענט, אז ער וועט דערלויבן גרינ'ען צו רעדוצירן זיין, קארנוואלים'ס, שטארקע ארמיי צו גארנישט.

קארנוואלים אליין האט זיך ניט געאיילט צו דערציילן דעם אמת וועגן זיין לאגע. ווען ער איז אנגעקומען אין ווילמינגטאן, האט ער אוועקגעשיקט א באריכט צו קלינטאנ'ען, אין וועלכן ער האט באשריבן זיינע מיליטערישע אפעראציעס דעם לעצטן ווינטער און זיין נצחון אין גילפארד אלס נאך איינעם פון די וואונדער פון זיין קאמפאניע אין דרום. ער בארימט זיך, אז מיט בלויז 16 הונדערט מאן האט ער געשלאגן גרינ'ען, וועלכער האט געהאט אן ארמיי פון 7 טויזנט. ער גיט צו, אז זיין האפענונג אף א לאיאליסטישן אויפשטאנד אין נארט קאראליינא איז ניט פארווירקלעכט געווארן; ער

לאזט אבער איבער דעם איינדרוק, אז מען האט עס געדארפט דערוואַרטן. פארבייגייענדיק דערציילט ער וועגן זיין צוריקטריט קיין ווילמינגטאָן, דער־מאָנט ניט מיט קיין איין וואָרט, אז ער האט פארלאָרן נאָרט קאראָליינאַ, און ער שליסט זיין באריכט מיט דעם אויסערגעוויינטלעכן פאָרשלאַג, אז עס וואָלט מעגלעך געווען א גוטער פלאן אויפצוגעבן ניו יאָרק און אריבערטראָגן די מיליטערישע הויפט-קוואַרטיר קיין ווירדזשיניע.

דער דאָזיקער בריוו האט ארויסגערופן א שטיקל פארדאכט בא קלינ־טאָנ׳ען און אין זיין ענטפער פון דעם 30טן אפריל צו קאָרנוואַליס׳ן שרייבט ער, אז ער קאָן ניט פארשטיין די דערקלערונג וועגן דער צאָל ענגלישע סאָל־דאטן אין דער שלאכט בא גילפאָרד קאָורט־הויז; ער קאָן אויך ניט פארשטיין, ווי אזוי עס האט פאסירט, אז נאָך אזא גלענצנדיקן נצחון זאָל ער דארפן אפטרעטן אזוי ווייט און זיך באהאלטן אין ווילמינגטאָן. אבער כאטש ער זעט, אז די לאגע איז ניט אזא גלענצנדיקע, ווי ער האט זיך עס פארגעשטעלט אין אנהויב, גלויבט ער אבער נאָך אלץ, אז קאָרנוואַליס איז באפעסטיקט אין דרום און ער האט אלע אויסזיכטן צו פארווירקלעכן זיינע פלענער.

גענעראל פיליפס אין ווירדזשיניע איז אויך אונטער דעם זעלביקן איינ־דרוק וועגן דעם אומפארמיידלעכן דערפאָלג פון קאָרנוואַליס׳עס פלענער. ער שרייבט קלינטאָנ׳ען וועגן וואשינגטאָנ׳ס א בריוו, וואָס אים האט זיך איינ־געגעבן איבערצונעמען:

> „איך קאָן ניט גענוג אויסדריקן מיין גרויס פרייד, וואָס איך האָב געהאט, לייענענדיק וואשינגטאָנ׳ס בריוו. דאָס איז א באשרייבונג פון פאר־צווייפלונג, וואָס איז גענוג צו איבערצייגן, אז מיט פארשטאַרקונג פון אייראָפע, וואָס זאָל געבן אייער עקסעלענץ די מעגלעכקייט צו באשליסן אנצוהויבן אן אפענסיווע קאמפאניע, וועט 1781 מעגלעך זיין דער גלאָררייכער פעריאָד פון אייער פירערשאפט אין אמעריקע, וואָס וועט מאכן א סוף צו דעם אויפ־שטאַנד.״

ער גייט דאַן איבער צו קאָרנוואַליס׳עס קאמפאניע אין די קאראָליינאַס. ער צווייפלט א ביסל, צי קאָרנוואַליס׳עס נצחון איז געווען אזוי פולשטענדיק. ער האט א פארדאכט, אז קאָרנוואַליס איז שטאַרק אפגעשוואכט געוואָרן. ער גייט אבער באלד איבער צו באגייסטערונג פאר דעם גרויסן פלאן און ער רעדט וועגן ארויסטרייבן לאפאיעט׳ן פון באלטימאָר און פארנעמען מערי־

לאַנד. אַרנאָלד האָט זיך אויך געלאָזט אָפּנאַרן און האָט צוזאַמען מיט פיליפּס'ן געפּלאַנעוועט צו פאַרנעמען מערילאַנד דעם קומענדיקן מאַי.

אַט אַזוי האָט קאָרנוואַליס דורך דעם צופאַל, וואָס ער האָט מיט אַ יאָר פריער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דעם פּאָפּולערן אַמעריקאַנער גענעראַל גייטס, געקאָנט שאַפן דעם איינדרוק פון אַ גאָונ'ישן מיליטערישן קאָמאַנדיר און באַשטימען דעם אויסגאַנג פונעם לאַנג-יאָריקן קאַמף. ער האָט אָבער מער ניט געקאָנט לאַנג נאַרן די גאַנצע וועלט. דעם 22טן אַפּריל, 1781, האָט ער באַקומען ידיעות, אַז גרין איז מיט זיין אַרמיי אַריינגעקומען אין סאַוט קאַראָליינאַ, אַז ער וועט וואַרשיינלעך פאַרנעמען קעמדען, און די ענגלענדער וועלן זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזן זייערע אַנדערע פּאָסטנס אין דער פּראָווינץ און זיך צוריקציען קיין טשאַרלסטאָן.

ער האָט איצט געמוזט האַנדלען. און דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע אומפעיאיקייט אָפּצושאַצן און צו פאַרשטיין אַ סיטואַציע. עס איז געווען אַן אַנגענומענע זאַך, אַז ווירדזשיניע האָט ניט קיין שום סטראַטעגישן באַטייט, אויב די ענגלישע אַרמיי אין דער פּראָווינץ איז ניט געשטיצט פון אַ מעכטיקן פלאָט אין טשעסאַפּיק; עס איז אויך געווען קלאָר, אַז אויב אַ פראַנצויזישער פלאָט זאָל פאַרנעמען דעם טשעסאַפּיק, וועט די ענגלישע אַרמיי אין ווירדזשיניע זיין הילפלאָז און וועט צו יעדער צייט קאָנען אַטאַקירט ווערן פון צוויי זייטן, פון ים און פון דער יבשה. ער גייט אָבער ניט ראַטעווען סאַוט קאַראָליינאַ. ער באַשליסט אַנטלויפן פון גרין'ען אַזוי ווייט ווי מעגלעך, און פאַרלאָזט זיך, אַז לאָרד ראָודען און קוירנעל באַלפור, וועמען ער האָט איבערגעלאָזן אַלס קאָמאַנדירן אין סאַוט קאַראָליינאַ, וועלן ווי עס איז אַליין זיך פאַרטיידיקן.

ער מוז איצט דערציילן אַ טייל פון אמת, און אין אַ בריוו צו גענעראַל פיליפּס שרייבט ער: „טייערער פיליפּס — מיין לאַגע איז זייער אַ שווערע. גרין האָט זיך באַנוצט מיט דעם, וואָס איך בין געווען געצוואונגען צו קומען צו דעם דאָזיקן פּלאַץ, און האָט אַריינגעמאַרשירט אין סאַוט קאַראָליינאַ." ער בעט דעם טייערן פיליפּס צו זיין גרייט אים צו באַגעגענען לעבן פּיטערס בורג, אין ווירדזשיניע, וואָרים ער האָט אין זינען אָפּצושרעקן גרין'ען דורך דעם, וואָס ער וועט מאַכן אַ פאַרזוך צו פאַרנעמען הילסבאָראָ אין נאָרט קאַראָליינאַ, און אויב דאָס וועט גרין'ען ניט אָפּשרעקן, וועט ער זיך פאַר-איייניקן מיט פיליפּס'ן אין פּיטערסבורג, אָדער, אויב דאָס וועט זיך ניט

איינגעבן, וועט ער זיך אומקערן קיין ווילמינגטאן און וועט טראנספארטירן זיין ארמיי מיטן ים קיין טשארלסטאן.

באלד אבער ענדערט ער זיין פלאן און באשליסט צו מארשירן קיין סאוט קאראליינא. ער שיקט אפילו ארויס א צאל אפטיילונגען אפן וועג קיין סאוט קאראליינא. דעם זעלביקן טאג אבער רופט ער צוריק די דאזיקע אפטיילונגען, און דעם 25טן אפריל, 1781, פארלאזט ער ווילמינגטאן אפן וועג קיין ווירדזשיניע.

קלינטאן האט שפעטער אפן באשולדיקט קארנוואליס'ן, אז ער האט דאס געטאן צוליב זיין אמביציע, האפנדיק אז ווען ער וועט אנקומען אין ווירדזשיניע, וועט קלינטאן רעזיגנירן און ער, קארנוואליס, וועט ווערן דער הויפט־קאמאנדיר פון דער ענגלישער ארמיי.

די מעגלעכקייט, אז קלינטאן זאל רעזיגנירן, איז איינער פון די מאָ־מענטן פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע, וואס ווארפט א ליכט אף די הינטער־קוליסן אינטריגעס פון דער הערשנדיקער קליקע פון דער ענגלישער אריסטאקראטיע. מיר האבן דערציילט וועגן דעם קריג צווישן קלינטאנ'ען און לארד דזשערמיין אין אנהויב פון דער מלחמה, ווען גענעראל האו איז נאך געווען דער הויפט־קאמאנדיר. לארד דזשערמיין, וועלכער איז געווען דער קאלאניאל־מיניסטער, און דער הויפט בעל־דעה איבער דער פירונג פון דעם קריג אין די אמעריקאנער קאלאניעס, האט בלויז געזוכט א געלעגנהייט זיך אפצורעכענען מיט קלינטאנ'ען. ווען קארנוואליס האט פארגעשלאגן זיין פלאן פון דער קאמפאניע אין די דרום־קאלאניעס, איז דזשערמיין געווען דער באגייסטערטער אנהענגער פון דעם דאזיקן פלאן. אין דער זעלביקער צייט האט ער זיך ניט געאיילט צו דערפילן קלינטאנ'ס פארלאנגען וועגן פאר־שטארקן די ארמיי אין אמעריקע. אפילו די וואפן זיינען ניט ארויסגעשיקט געווארן אין צייט און ניט איינמאל האט קלינטאן ניט געהאט גענוג פראוויאנט צו שפייזן זיין ארמיי. ער האט אויך ניט געקראגן די נויטיקע וואפן און אמוניציע צו קאנען זיין מער אקטיוו אין דורכפירן זיינע פלענער וועגן דער־שטיקן די רעוואלוציע דורך אפטע איבערפאלן אף שטעט און שטעטלעך, וואס זאלן אנווארפן א שרעק אף די איינוואוינער. דער קאמאנדיר פון דעם ענגלישן פלאט, אדמיראל ארבוטנאט, האט אויך געהאלטן אין איגנארירן זיינע פאר־לאנגען, אזוי אז ער פלעגט אפט ניט קאנען קריגן קיין שיפן, וואס זאלן איבערפירן זיינע פארארדענונגען צו דער דרום־ארמיי. דאס אלץ צוזאמענ־

גענומען האט געפירט צו דעם, אז קלינטאן האט געבעטן דערלויבעניש צו ־עזיגנירן און האט פארגעשלאגן, אז קארנוואלים זאל פארנעמען זיין פלאץ.
די רעגירונג האט קלינטאן'ען געגעבן די דערלויבעניש צו רעזיגנירן, ווען ער וועט געפינען די פאסיקע געלעגנהייט. קארנוואלים האט וועגן דעם געוואוסט און ער האט געגלויבט, אז ווען ער וועט אנקומען אין ווירדזשיניע, וועט קלינטאן אים אריינשיקן די רעזיגנאציע. קלינטאן האט שפעטער געפאדערט, אז קארנוואלים זאל גע'משפט ווערן פון א קריגס־געריכט. קארנוואלים האט אבער געהאט אזויפיל פאליטישן איינפלוס אין ענגלאנד, אז ער איז קיינמאל ניט גערופן געווארן אפצוגעבן א דין וחשבון פאר זיינע האנדלונגען.

קארנוואלים גיט זיך אונטער און מאכט א סוף צו דער מלחמה

קארנוואלים האט ענדלעך דערגרייכט זיין ציל. ער איז איצט געווען אין ווירדזשיניע—דער שליסל צום דרום, ווי ער האט עס גערופן. א פאר טעג פאר זיין אנקומען, איז גענעראל פיליפס, וועלכער איז געווען דער הויפט־קאמאנדיר פון דער ענגלישער ארמיי אין ווירדזשיניע, געשטארבן. ארנאלד איז צוריקגערופן געווארן אין ניו יארק, וואו קלינטאן האט געהאלטן אין צוגרייטן א נייע עקספעדיציע פאר אן אנפאל אף ניו לאנדאן, קאנעטיקוט. קארנוואלים איז געבליבן דער איין־איינציקער פירער פון די ענגלענדער אין דרום. זיין טרוים אבער, אז קלינטאן וועט אים איבערגעבן די הויפט־פירערשאפט, דער טרוים, צוליב וועלכן ער האט אזוי שטארק געקעמפט צונישט צו מאכן קלינטאן'ס אלע מיליטערישע פלענער, איז ניט פארווירקלעכט געווארן. ער איז געצוואונגען איצט, אין א בריוו פון 26טן מאי, זיך מודה צו זיין פאר קלינטאן'ען, אז די קאמפאניע דעם לעצטן ווינטער איז געווען א גרויסער דורכפאל. ער זאגט איצט אויס דעם אמת, אז נארט קאראליינא איז פארלארן, און אז סאוט קאראליינא איז מעגלעך אויך פארלארן. ער פארגעסט אבער ניט איבערצו'חזר'ן זיין אלטן פארשלאג וועגן אריבערטראגן די מיליטערישע הויפט־קווארטיר אין ווירדזשיניע.
פארצושטעלן זיך, אז קלינטאן וועט אויפגעבן ניו יארק און אריבערטראגן די מלחמה אין ווירדזשיניע, איז פארשטענדלעך געווען נאריש. קלינטאן איז געווען א צו דערפארענער גענעראל ניט צו וויסן, אז ווירדזשיניע

איז א שוואכע סטראטעגישע פאזיציע, וואו די אמעריקאנער, מיט דער הילף פון דעם פראנצויזישן פלאט, קאנען אים פארשפארן אין א פאסטקע. אגב האט שוין קלינטאן איצט געזען, אז קארנוואליס'עס פאנטאסטישע פלענער האבן רואינירט די זאך פון די ענגלענדער אין דעם קאמף אין אמעריקע, כאטש קארנוואליס האט זיך נאך אלץ געהאלטן אין בארימען, אז ער וועט באלד באזיגן לאפאיעט'ן און וועט פאטריבן דעם „אינגל" פון ווירדזשיניע.

קלינטאן האט איצט בכלל זיך געקאנט ווייניק זארגן וועגן קארנוואליס'ן. ער אליין האט זיך געפונען אין א שווערער לאגע. דאס וואס ער האט אף דער אויפפאדערונג פון קארנוואליס'ן און אף די אינסטרוקציעס פון דער רעגירונג געשיקט איין ארמיי־אפטיילונג נאך דער צווייטער קיין דרום האט אזוי אפגעשוואכט זיינע כחות, אז ער האט מורא געהאט, אז ער וועט ניט קאנען פארטיידיקן ניו יארק פון אן אטאקע, וואס וואשינגטאן און דער פראנצויזישער גענעראל ראשאמבא האבן געדראעט.

מיר האבן געזען, אז דער אפמאך מיט פראנקרייך, אף וועלכן די פאט־ריאטן האבן אזויפיל געבויט, האט קיין פראקטישע ווירקונג ניט געהאט אף דעם קאמף אין די קאלאניעס. פראנקרייך האט אפילו געשיקט קיין אמעריקע א פלאט. דער דאזיקער פלאט איז אבער די גאנצע צייט פארבליבן ניט אקטיוו אין די וואסערן פון לאנג איילאנד סאונד. ווען די נייעס וועגן דעם דורכפאל פון קארנוואליס'עס קאמפאניע אין די דרום־קאלאניעס האט אנהויב פרילינג 1781 דערגרייכט וואשינגטאנ'ען, איז ער געווען זיכער, אז קלינטאן האט אזוי אפגעשוואכט זיין ארמיי, אז עס איז איצט מעגלעך א דערפאלגרייכע אטאקע אף ניו יארק, אויב די פראנצויזן וועלן אים אין דעם ארויסהעלפן.

סוף מאי, 1781, האט וואשינגטאן באזוכט גענעראל ראשאמבא פון דער פראנצויזישער ארמיי און האט אים געמאכט דעם פארשלאג צו אטאקירן ניו יארק. ראשאמבא און דער פראנצויזישער אדמיראל דעבאבא האבן צו־געשטימט צו דעם פלאן אף דעם באדינג, אז פארשטארקונג וועט אנקומען פון פראנקרייך. וואשינגטאן האט איצט געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג צו שאפן א גענוג־שטארקע ארמיי צו קאנען דורכפירן די אטאקע. ער האט אפעלירט צו ניי־ענגלאנד און צו ניו־דזשוירזי, אז זיי זאלן האבן גרייט זעקס טויזנט מיליציאנערן, און דעם 2טן יולי 1781 איז ער מיט דעם גרעסטן טייל פון זיין ארמיי אריבער אף דעם מזרח־ברעג פון האדסאן און גענומען מאר־

שירן אין דער ריכטונג פון ניו יאָרק. אַן אָפּטיילונג פון 15 הונדערט ענג־לענדער האָט פון אָנהויב געמאַכט אַ פּאַרזוך אים אָפּצושטעלן, די ענגלענדער האָבן אָבער געמוזט זיך צוריקציען צו זייערע באַפעסטיקטע פּאָזיציעס אין קינגסברידזש. וואשינגטאָן האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין ווהייט פּליינס, וואו ראַשאַמבאָ מיט זיין אַרמיי האָט דעם 6טן יולי זיך מיט אים פאַראייניקט.

וואשינגטאָן איז געווען פול מיט ענטוזיאַזם און האָט געזוכט צו באַ־גייסטערן יעדן איינעם פאַר זיין פּלאַן. ער האָט דערוואַרט 15 הונדערט פראַנ־צויזישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען ניט־לאַנג אָנגעקומען אין ראָוד אײלאַנד, זיך אָנצושליסן אָן דער אַטאַקירנדיקער אַרמיי; ער האָט געפּלאַנעוועט, אַז די פראַנצויזישע קריגס־שיפן זאָלן אַטאַקירן דעם ענגלישן פלאָט אין ניו יאָרק גלייכצייטיק מיט דער אַטאַקע, וואָס ער וועט מאַכן אַף דער שטאָט פון דער יבשה און אַזוי אַרום פאַרכאַפּן ניו יאָרק, נעמען קלינטאָנ׳ען אין פּלען און מיט איין קלאַפּ מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, וואָרים ווען ניו יאָרק און דער ענגלישער הויפּט־קאָמאַנדיר וועלן זיך געפינען בא די אַמעריקאַנער אין די הענט, וועט שוין אויך זיין גרינג אַ סוף צו מאַכן צו קאָרנוואַליס׳ן אין דרום.

אָבער אויך קלינטאָן איז געווען אַף דער וואַך. וואשינגטאָן האָט ניט געקאָנט דורכפירן זיין פּלאַן, ביז וואַנען די פראַנצויזן וועלן ניט באַקומען קיין פאַרשטאַרקונג. און דערווייל איז די צייט געלאָפן. יולי איז פאַריבער און אויך דער גרעסטער טייל פון אויגוסט. די ענגלישע רעגירונג, וואָס האָט אָנהויב יולי זיך אויסגעטשוכעט פון אירע חלומות וועגן קאָרנוואַליס׳עס גאונות און האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט פשוט ניט באַריכטעט דעם אמת וועגן דער לאַגע אין דרום, האָט זיך איצט געאײלט גוט צו מאַכן איר פעלער. דזשערמיין, וויזט אויס, האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז קלינטאָן האָט שוין רעזיגנירט און ער שרייבט אים אַ בריוו, אין וועלכן ער בעט אים עס ניט צו טאָן. ער פאַרזיכערט אים, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט די רעגירונג דורכפירן אַלע זיינע פּלענער, און אַז ער וועט מער קיינמאָל ניט דאַרפן איבער־לעבן אַזעלכע שווערע צייטן ווי ביז איצט. אָבער, וואָס איז נאָך וויכטיקער, די רעגירונג האָט גלייך אַרויסגעשיקט פאַרשטאַרקונג, אַן אָפּטיילונג העסישע סאָלדאַטן, וואָס איז סוף אויגוסט אָנגעקומען אין ניו יאָרק. קלינטאָן האָט אויך צוריקגעצויגן סאָלדאַטן פון דרום־פראָנט און איז אַף אַזאַ אופן געווען בכח צו באַגעגענען וואשינגטאָנ׳ס אַטאַקע.

וואשינגטאָן האָט שוין איצט געזען, אַז זיין פּלאַן צו פאַרכאַפּן ניו יאָרק

וועט זיך ניט איינגעבן. ער האָט אָבער געפילט, אַז ער מוז עטוואָס טאָן אויסצונוצן די פראַנצויזישע אַרמיי, וועז ער האָט זי ענדלעך געקראָגן אין פעלד. און אויב ער קאָן גאָר נישט ניט טאָן אין ניו יאָרק, פאַרוואָס זיך ניט אַרויפוואַרפן מיט זיין גאַנצער מאַכט און פאַרניכטן קאָרנוואָליס'עס שוואַכע פּאָזיציע אין ווירדזשיניע? אָבער אַפילו דאָס דורכצופירן האָט ער געדאַרפט האָבן אַ שטאַרקערע אַרמיי און הויפּטזאַכלעך אַ שטאַרקערן פלאָט, וואָס די פראַנצויזן האָבן לאַנג צוגעזאָגט צו שיקן און קיינמאָל ניט געשיקט.

וואַשינגטאָן האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן דירעקט נאָך הילף צו אַדמיראַל דע־גראַסע, דעם נייעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון פראַנצויזישן פלאָט אין די וועסט־אינדיע אינזלען. ער איז אין דעם געשטיצט געוואָרן פון פראַנצויזישן גענעראַל ראָשאַמבאָ און פון דעם פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר אין פילאַדעלפיע. אין דעם בריוו צו דע־גראַסע האָט וואַשינגטאָן געגעבן אַ בילד פון דער לאַגע און ער האָט איבערגעלאָזן פאַר אים, דע־גראַסע, צו באַשליסן, וועלכע ענגלישע פּאָזיציע צו אַטאַקירן: קלינטאָנ'ס אין ניו יאָרק, אָדער קאָרנוואָליס'עס אין ווירדזשיניע.

דע־גראַסע האָט דערהאַלטן וואַשינגטאָנ'ס בריוו סוף יולי און ער האָט באַלד געענטפערט, אַז ער וועט זיך באַטייליקן אין דער אַטאַקע, אויסקלייבנדיק קאָרנוואָליס'ן אַלס דעם נענטערן, וואָס זיין פלאָט קאָן דערגרייכן, און אַלס דעם, וואָס עס וועט זיין גרינגער צו באַקעמפן. אין דעם האָט ער קיין טעות ניט געמאַכט.

ווען וואַשינגטאָן און ראָשאַמבאָ האָבן געקראָגן דע־גראַסע'ס ענטפער, האָבן זיי איינגעשטימט אויפצוגעבן דעם פאַרזוך צו פאַרכאַפּן ניו יאָרק. זיי האָבן דעם 17טן אויגוסט געשיקט אַ געמיינזאַמען ענטפער צו דע־גראַסע'ן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז זיי זיינען אַנטשלאָסן אַריבערצופירן די פראַנצויזישע און אַמעריקאַנער אַרמייען אין ווירדזשיניע און דאָרט וואַרטן אַף זיין אָנקומען כדי צו אַטאַקירן קאָרנוואָליס'ן, אָדער, אויב ער איז פון ווירדזשיניע אַנטלאָפן, צו אַטאַקירן די ענגלענדער אין סאַוט קאַראָליינאַ. ס'איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אין פאַל קלינטאָן זאָל פאַרלאָזן ניו יאָרק, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרדעכטיקן, און קומען מיט זיין גאַנצער אַרמיי צו הילף קאָרנוואָליס'ן, וועלן זיי אַטאַקירן די קאָנצענטרירטע ענגלישע אַרמיי.

דערווייל אָבער איז נויטיק געווען צו האַלטן ביז דער לעצטער מינוט אין געהיים די באַוועגונג פון די פּאַטריאָטישע און פראַנצויזישע מיליטער־

אָפּטיילונגען. ס'איז געווען נויטיק אָנצוהאַלטן דעם אָנשטעל, אַז מ'פּלאַנעוועט אַן אַטאַקע אַף ניו יאָרק, צו צווינגען קלינטאָנ'ען, אויב מעגלעך, צוריקציען נאָך מיליטער פון דרום, איידער דע־גראַסע וועט אָנקומען אין טשעסאַפּיק ים־אויסגוס. די פראַנצויזן האָבן אָנגעהויבן צו בויען זייערע מיליטערישע קיכן אין ניו דזשוירזי, קעגנאיבער סטעטן איילאַנד, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו באַלאַגערן ניו יאָרק פון אָט־דער זייט; וואַשינגטאָן האָט איינגעלאַדן אַ מאַן, וואָס איז געווען באַוואוסט אַלס ענגלישער שפּיאָן, און האָט אים אויסגעפרעגט וועגן די שטאַרקע פּאָזיציעס פון די ענגלענדער אַף סטעטן איילאַנד, זייענדיק זיכער, אַז ער וועט דאָס גלייך אָפּטראָגן צו קלינטאָנ'ען. עס זיינען אויך פאַרשפּרייט געוואָרן פאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס האָבן געדאַרפט דינען אָפּצונאַרן קלינטאָנ'ען וועגן די באַוועגונגען פון דע־גראַסע'ס פלאָט. אַזוי איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז קוירנעל דזשאַן לאָורענס, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון פּאַריז, האָט געבראַכט די נייעס, אַז דער פריסישער קעניג האָט דערקלערט מלחמה קעגן פראַנקרייך, און אַז די גאַנצע פראַנצויזישע אַרמיי און פלאָט וועלן אָפּגערופן ווערן פון אַמעריקע און וועלן קאָנצענטרירט ווערן אין די וועסט־אינדיע אינזלען.

קלינטאָן אָבער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרן. דורך זיין שפּיאָנען־סיסטעם האָט ער גוט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אַף דער אַמעריקאַנער זייט. ער האָט אויך געוואוסט, אַז דע־גראַסע'ס פלאָט ווערט דערוואַרטעט אין אַמעריקאַנער וואַסערן. ער האָט אָבער געגלויבט, אַז ער וועט זיך פאַראייניקן מיטן פראַנצויזישן פלאָט אין ראָוד־איילאַנד, איידער ער וועט אונטערנעמען וועלכע עס איז אַקציע אין אַמעריקע.

דעם צווייטן סעפּטעמבער האָבן די פּאַטריאָטישע און פראַנצויזישע אַרמייען נאָך אַלץ געהאַלטן פּאָזיציעס, ווי זיי וואָלטן דראָען צו אַטאַקירן ניו יאָרק פון דער ניו־דזשוירזי זייט, אָבער שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך קלינטאָן דערוואוסט, אַז זיי האָבן פלוצלונג „פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס און אָנגעהויבן מאַרשירן אין אַ דרום־ריכטונג". קלינטאָן האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס די דאָזיקע מאַנעוורע מיינט, און האָט געשריבן קאָרנוואַליס'ן און אים געוואָרנט וועגן זיין געפאַר. וואַשינגטאָנ'ס דערפאָלג איז איצט אָפּגעהאַנגען פון דעם, צי די פראַנצויזישע קריג־שיפן וועלן באַוויזן צו פאַרנעמען דעם טשעסאַפּיק; אויב די פראַנצויזן וועלן עס ניט באַוויזן, האָט קלינטאָן געוואוסט, וועט

וואשינגטאָנ׳ס דרום־עקספּעדיציע זיין דער לעצטער קלאַפּ פאַר דער רעוואָ־לוציאָנערער באוועגונג אין די קאָלאָניעס. דעם 6טן סעפּטעמבער האָט ער אָבער אויסגעפונען, אַז דע־גראַסע געפינט זיך מיט זיין פלאָט אין טשעסאַפּיק.

קלינטאָן האָט איצט געמאַכט דעם נעקסטן נאַטירלעכן שריט, וואָס אַ גענעראַל אין זיין לאַגע האָט געקאָנט מאַכן. ער האָט געזוכט צווינגען וואַ־שינגטאָנ׳ען זיך אומצוקערן פון דער עקספּעדיציע און האָט אָרגאַניזירט אַ פלוצימדיקן איבערפאַל אַף ניי־ענגלאַנד און צו פאַרשאַרפן דעם ענין, אַז וואשינגטאָן און די פּאַטריאָטן זאָלן אויפגערעגט ווערן ביז גאָר, האָט ער אויסגעקליבן אַלס פירער פון דעם דאָזיקן איבערפאַל דעם פאַררעטער בענע־דיקט אַרנאָלד, וועלכער האָט זיך מערדערלעך אָפּגערעכנט מיט זיינע גע־וועזענע פריינט.

וואשינגטאָן האָט אָבער ניט אויפגעגעבן צוליב דעם די עקספּעדיציע קעגן קאָרנוואַליס׳ן.

קאָרנוואַליס איז איצט געווען באַפעסטיקט אין יאָרקטאַון. זיין באַ־רימערײ, אַז ער וועט פאַרטרייבן דעם „אינגל" לאַפאַיעט פון ווירדזשיניע, האָט, ווי אַלע זיינע באַרימערייען, זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס דער „אינגל" האָט אים אויסגעמאַנעווורירט און אים געצוואונגען זוכן אַ פּלאַץ, וואו זיך צו באַפעסטיקן. דער אויסוואַל פון יאָרקטאַון האָט בלויז אַן איבעריק מאָל באַ־וויזן די אומפייאיקייט פון קאָרנוואַליס׳ן און זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט. וואָרים ער אַליין שרייבט צו קלינטאָנ׳ען, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ „איז ווייט גרעסער פון אונזערע כחות". ער האָט אויך שפּעטער צוגעגעבן, אַז די פעסטונג, וואָס ער האָט אויפגעבויט אין יאָרקטאַון, איז ניט געווען באַשיצט פון אַן אַטאַקע פון דער יבשה. ער פאַרטיידיקט זיך בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און אַז זיין הויפּט־צוועק איז געווען ניט אָפּגעשניטן צו ווערן פון ים. אָבער אפילו ווי אַ פּלאַץ צו פאַרטיידיקן זיינע שיפן, איז דער אויסוואַל פון יאָרקטאַון געווען פונקט אַזאַ דורכפאַל, ווי אַלץ, וואָס ער האָט אונטערנומען. די אַמעריקאַנער האַרמאַטן האָבן פון דער יבשה געזונקען די שיפן, וואָס ער אַליין האָט ניט פאַרניכטעט. אַט אַזוי האָט יעדער שריט, וואָס דער דאָזיקער ענגלישער אַריסטאָקראַט האָט געמאַכט, געפירט צו זיין אומפאַרמיידלעכער מפּלה.

דעם 28טן סעפּטעמבער, 1781, האָבן די אַמעריקאַנער און פראַנצויזישע סאָלדאַטן, געהאָלפן פון דע־גראַסע׳ס מעכטיקן פלאָט, אָנגעהויבן די באַ־

לאַגערונג פון יאָרקטאַון. וואַשינגטאָנ׳ס גאַנצע אַרמיי איז באַשטאַנען פון בלויז 8,800 מאַן. זייגע אַפּילס צו די פּאַטריאָטן האָבן אים אין דעם 6טן יאָר פון דער מלחמה געגעבן אַ סך אַ קלענערע אַרמיי, ווי נאָך דער שלאַכט פון באָנקער היל. די פראַנצויזן האָבן אָבער געהאַט אַן אַרמיי פון 7,800 מאַן און אַ פלאָט פון 40 שיפן און 20 טויזנט מאַטראָסן. אָט די לעצטע שלאַכט



OLD FRENCH ENGRAVING OF THE SURRENDER OF CORNWALLIS

קאָרנוואַליס גיט זיך אונטער

פון דער רעוואָלוציע איז בלי ספק געוואונען געוואָרן אַ דאַנק דער פראַנצויזישער הילף.

קאָרנוואַליס, וועלכער האָט געהאַט אַן אַרמיי פון בלויז 7,500 סאָלדאַטן און 840 מאַטראָסן, האָט לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן קעגן אַזאַ מעכטיקן שונא, און דעם 17טן אָקטאָבער, 1781, האָט ער זיך אונטערגעגעבן אויף די באַדינגונגען, וואָס וואַשינגטאָן האָט אים געגעבן.

קאָרנוואַליס׳עס אונטערגעבן זיך אין יאָרקטאַון האָט פאַקטיש געענדיקט

די מלחמה אין די קאלאניעס, כאטש אפיציעל האט די מלחמה זיך ניט געענדיקט ביז 1783, ווען די ענגלישע בורזשואזיע האט אפגעהאלטן פונקט אזא גרויסן נצחון איבער דער אריסטאקראטיע, ווי די אמעריקאנער אין דער באלאגערונג פון יארקטאון.


Article 14th
No Article of the Capitula-
tion to be infringed on pre-
text of Reprisal, & if there be
any doubtfull Expressions
in it, they are to be inter-
preted according to the com-
mon Meaning & acceptation
of the Words. —
Done at York in Virginia
this 9th day October 1781
Cornwallis
Thos. Symonds.

איינער פון די פונקטן אין דעם אפמאך וועגן
דער קאפיטולאציע פון קארנוואליס

דער פאריזער פרידן

די נייס, אז קארנוואליס מיט זיין גאנצער ארמיי האט זיך אונטערגעגעבן צו די אמעריקאנער רעבעלן, האט דערגרייכט לאנדאן דעם 25טן נאוועמבער. 1781. דזשערמיין, וועלכער האט דער ערשטער באקומען די נייעס, האט די

בשורה געבראכט צו לארד נארט, וועמען, אין דזשערמיינ׳ס ווערטער, די ניעס האט געטראפן „ווי א קויל אין הארצן".

— א, גאט! — האט ער אויסגעשריען — אלץ איז געענדיקט.

מיט צוויי טעג שפעטער האט זיך פארזאמלט דער פארלאמענט. אין דער „טראן־רעדע" האט די רעגירונג נאך אלץ גערעדט וועגן פארזעצן די מלחמה מיט א שטארקער האנט. די וויגס האבן אבער איצט נית דורכגעלאזן די קלענסטע געלעגנהייט צו אטאקירן די רעגירונג און ארייצוברענגען רעזא־לוציעס פון אומצוטרוי.

דעם 27טן פעברואר, 1782, האט די אפאזיציע דורכגעפירט די פאלגנ־דיקע רעזאלוציע אין פארלאמענט:

„אז עס איז די מיינונג פון דעם הויז, אז ווייטער אנצופירן אן אפענ־סיווע מלחמה קעגן אמעריקע, וואלט, אונטער די איצטיקע אומשטענדן, זיין א מיטל אפצושוואכן דעם קאמף פון לאנד קעגן אירע אייראפייאישע שונאים און פארגרעסערט בלויז די קעגנזייטיקע שנאה, וואס איז אזוי שעדלעך צו די אינטערעסן סיי פון גרויס-בריטאניע, סיי פון אמעריקע."

דעם נעקסטן טאג איז אריינגעבראכט געווארן א געזעץ־פראיעקט, וואס האט אויטאריזירט דעם קעניג צו שליסן פרידן, אדער א וואפנשטילשטאנד מיט אמעריקע. פאר דעם דאזיקן צוועק האט ער באקומען די פולמאכט צו אנולירן, אדער סוספענדירן יעדן אקט פון פארלאמענט, וואס האט א שייכות צו די קאלאניעס. אפילו די וויגס, וואס האבן פארטיידיקט אין ענגלאנד די אמעריקאנער רעוואלוציע, האבן אין זייער רעזאלוציע נית דערמאנט דאסווארט אומאפהענגיקייט. זיי זיינען בלויז אויסן געווען אפצושאפן די באלדיקע סיבות, וואס האבן געבראכט צו דער מלחמה, און ברענגען צו א קאמפראמיס צווישן די קאלאניעס און ענגלאנד.

די טארי־רעגירונג האט אבער נית באטראכט די דאזיקע רעזאלוציע אלס אן אפשטימונג פון אומצוטרוי. זי האט שוין איצט אויך געזען, אז די פאלי־טיק, וואס זי האט געפירט אין די אמעריקאנער קאלאניעס, איז געווען א דורכ־פאל און איז געוועז ווילק די דאזיקע פאליטיק צו ענדערן, כדי צו קאנען ווייטער אנפירן די מלחמה אין אייראפע. דער קאמף אין ענגלישן פארלאמענט איז דעריבער געווארן אלץ שארפער און שארפער. די וויגס האבן געהאלטן אין ארייגברענגען רעזאלוציעס, וואס האבן דערקלערט, אז דער פארלאמענט האט מער נית קיין צוטרוי צו דער רעגירונג. יעדער פארשלאג אזא פלעגט ארויס־

רופן לאנגע און היציקע דעבאטן, און די מערהייט פון דער רעגירונג איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

דערווייל האָט די רעגירונג געקראָגן נאָך אַ שווערן קלאַפּ, וואָס האָט אויפגעטרייסלט ענגלאַנד אפשר נאָך מער, ווי קאָרנוואַליס'עס אונטערגעבן זיך אין יאָרקטאַון. די פראַנצויזן האָבן פאַרנומען דעם אינזל סט.־קריסטאָפער אין וועסט־אינדיע. די פעסטונגען פון דעם דאָזיקן אינזל זיינען פאַררעכנט געווען ווי אומבאַזיגבאַר. גאַנץ ענגלאַנד האָט געהאַלטן אין וואַרטן, אַז נאָך ערגערע נייעס קאָן מען איצט דערוואַרטן פון אַמעריקע. די וויגס זיינען געווען זיכער, אַז נאָך איין דעבאַטע אין פּאַרלאַמענט וועט מאַכן אַ סוף צו דער טאָרי־רעגירונג, און זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי גייען אריינברענגען נאָך אַמאָל אַ רעזאָלוציע פון אומצוטרוי צו דער רעגירונג.

דעם 20טן מערץ, 1782, האָט דער פּאַרלאַמענט זיך פאַרזאַמלט פאַר דער גרויסער דעבאַטע. ביידע צדדים האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כחות צו האָבן זייער יעדע שטים אין פּאַרלאַמענט. די טאָרי־רעגירונג האָט אָבער מער ניט געהאַט קיין מוט, און אַ פּאָר שעה איידער די זיצונג האָט זיך געעפנט האָט לאָרד נאָרט אריינגעגעבן זיין רעזיגנאַציע און איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער קעניג זאָל זי אָננעמען. אין פּאַרלאַמענט איז ער געקומען בלויז דערקלערן אַז זיין רעגירונג עקזיסטירט שוין מער ניט.

די נייע רעגירונג, וואָס לאָרד ראַקינגהעם, איינער פון די פירער פון די וויגס, האָט צוזאַמענגעשטעלט, האָט געהאַט אַ פאַרשטענדעניש מיטן קעניג, אַז זי וועט שליסן פרידן מיט די פאַראייניקטע קאָלאָניעס אָן אומאָפּהענגיקייט, אויב זי וועט קענען.

די ערשטע זאַך, וואָס די נייע רעגירונג האָט געטאָן, איז געווען אָנ־צונעמען גענעראַל קלינטאָנ'ס רעזיגנאַציע און אים באַפרייען פון זיין אַמט אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אויף זיין פּלאַץ איז באַ־שטימט געוואָרן דער הויפּט פון דער ענגלישער אַרמיי אין קאַנאַדע, גאַי קאַרלטאָן, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען אין די קאָלאָניעס אַלס גוטער און סימפּאַטישער מענטש.

די באַשטימונג פון קאַרלטאָנ'ען האָט געמיינט די אָפּשטעלונג פון דער מלחמה אין די קאָלאָניעס. אָבער די נייע וויג־רעגירונג איז ניט געווען אייניק וועגן אָנערקענען די אומאָפּהענגיקייט פון די קאָלאָניעס. די וויגס, די פּאַרטיי־פירער פון דער ענגלישער בורזשואַזיע, זיינען געווען אייניק, כל־זמן זיי זיינען

געווען אין דער אָפּאָזיציע; אַזוי גיך, ווי זיי האָבן אָבער איבערגענומען די מאַכט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן זייערע מיינונג־פאַרשידנהייטן, וואָס האָבן אויסגעדריקט די פאַרשיידענע גרופּן־אינטערעסן, אין וועלכע די בורזשואַזיע איז אומפאַרמיידלעך צעטיילט.

די נייע רעגירונג איז געווען אייניק אַף איין פּונקט, אַז אויב די הער־שאַפט פון ענגלאַנד אין אינדיע וועט צוליב דער מלחמה אין די קאָלאָניעס געדראָעט ווערן, דעמאָלט איז ווערט צו פאַרלירן 10 אַמעריקעס, אַבי איינ־צוהאַלטן אינדיע. ווען די נייע רעגירונג איז אַריין אין מאַכט, האָט טאַקע אויסגעזען, אַז די ענגלישע הערשאַפט אין אינדיע שטייט אין קאָן. די פאַר־בינדעטע מלוכות, פראַנקרייך, שפּאַניע און האָלאַנד, האָבן געפּלאַנעוועט צו פאַראייניקן זייערע פלאָטן און אָן ענדגילטיקן קאַמף קעגן דער ענגלישער הער־שאַפט איבער די ימים. די פאַרניכטונג פון דעם ענגלישן פלאָט וואָלט אויך געמיינט דער סוף פון איר הערשאַפט אין אינדיע. דע־גראַסע, דער קאָמאַנדיר פון דעם פראַנצויזישן פלאָט אין וועסט־אינדיע, דער העלד פון יאָרקטאַון, האָט געקראָגן אַ פאַראָרדענונג זיך צו פאַראייניקן מיט דעם שפּאַנישן פלאָט פאַר אַ געמיינזאַמער אַטאַקע צו פאַרניכטן דעם ענגלישן פלאָט. דע־גראַסע איז אָבער דורכגעפאַלן אין דעם דאָזיקן פאַרזוך. אין אַ שלאַכט מיט דעם ענגלישן אַדמיראַל ראָדני, האָט ער פאַרלאָרן דעם גרעסטן טייל פון זיין פלאָט, און איז אַליין גענומען געוואָרן אַלס קריגס־געפאַנגענער. די געפאַר צו פאַרלירן אינדיע איז דערווייל פאַרשוואונדן.

דער נייער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט דעריבער זיך ניט געאיילט גלייך צו שליסן פרידן. קאַרלטאָן האָט געקראָגן אינסטרוקציעס צו זוכן אָנצוהויבן פאַרהאַנדלונגען מיטן קאָנגרעס אָדער מיט די גאָווערנאָרס פון די באַזונדערע פּראָווינצן, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן אַ טייל פון דער ענגלישער אימפּעריע. וואַשינגטאָן האָט ניט געגלויבט, אַז די נייע רעגירונג מיינט פרידן. ער האָט געוואָרנט, אַז אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן די רעוואָלוציע געפינט זיך, זיינען די שלום־מאַנעוורעס פון דער נייער רעגירונג ערגער, ווי דער אָפענער קאַמף פון דער פריערדיקער רעגירונג.

אין דעם ענגלישן מיניסטאָרן־קאַבינעט איז געווען אַ שטאַרקע פראַקציע, וואָס האָט ניט געוואָלט געבן קיין אומאָפּהענגיקייט צו די קאָלאָניעס, וואָס האָט געזוכט בלויז צו שליסן אַ באַזונדערן אָפּמאַך מיט די קאָלאָניעס, און אַזוי אַרום קאָנען קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַף דעם

קאמף אין איירָאפּע. א חוץ די פּארזוכן, וואָס קאַרלטאָן האָט געדאַרפט מאַכן אין אַמעריקע, צו קומען צו אַ קאָמפּראָמיס־אויסגלייך מיטן וואַשינגטאָנ׳ען, מיטן קאָנגרעס אָדער מיט וועמען עס וועט זיך לאָזן, איז פּרענקלינ׳ס אַן אַלטער פריינט, אַן ענגלישער וויג, דייוויד האַרטלי, געקומען אין פּאַריז און געמאַכט דעם זעלביקן פּאָרשלאָג צו פּרענקלינ׳ען. אַ פּאַרזוך איז אויך געמאַכט געוואָרן צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט פראַנקרייך אָפּן חשבון פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס.

די דאָזיקע אַלע פּאַרזוכן האָבן זיך ניט איינגעגעבן, און דערווייל איז לאָרד ראָקינגהעם, דער הויפּט פון דער רעגירונג, געשטאָרבן, און דער קעניג האָט באַשטימט לאָרד שעלבורן אַף זיין פּלאַץ. פאָקס, בורק און אַנדערע פון דער אָפּאָזיציע־פּראַקציע האָבן פּאַרלאָזן די רעגירונג. דער נייער פּרעמיער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער פריינט פון ענגלישן קעניג. די נייעס וועגן זיין באַשטימונג איז אויפגענומען געוואָרן אין די קאָלאָניעס אַלס סימן פון ווייטערדיקער מלחמה. וואַשינגטאָן און דער פראַנצויזישער גענעראַל ראָשאַמבאָ האָבן זיך גענומען גרייטן צו אַ נייער קאַמפּאַניע.

אין פּאַריז אָבער האָט זיך שוין געפונען אַ נייער שליח, וואָס האָט פּאַרהאַנדלט מיט פּרענקלינ׳ען. אָסוואַלד, אַ צוריקגעצויגענער סוחר, וועלכער איז אָנפּאַרטרויט געוואָרן מיט דער דאָזיקער שליחות, איז, פּונקט ווי האַרטלי, געווען באַפריינדעט מיט פּרענקלינ׳ען און האָט געקענט האָבן אַף אים אַ ווירקונג. אָסוואַלד האָט שוין גערעדט מיט פּרענקלינ׳ען וועגן אומאָפּהענגיקייט. קענטיק, צו זען וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס וועט האָבן, כדי צו מאָדיפיצירן די פּאָדערונגען פון פראַנקרייך. ער האָט דערקלערט פּרענקלינ׳ען, אַז אויב פראַנקרייך וועט אַרויסשטעלן אוממעגלעכע פּאָדערונגען, וועט די מלחמה אין די קאָלאָניעס באַנייט ווערן.

פּרענקלין האָט אַראַנזשירט אַ קאָנפערענץ צווישן אָסוואַלד׳ן און דעם פראַנצויזישן פּרעמיער, וועלכער איז געווען זייער אומבאַשטימט וועגן די שלום־פּאָדערונגען, וואָס פראַנקרייך וועט אַרויסשטעלן. ער איז באַשטאַנען אַף דעם, אַז אַ שלום־פּאָרשלאָג זאָל צום ערשטן קומען פון ענגלאַנד, און דעמאָלט וועלן די פּאַרבינדעטע פּאַרהאַנדלען וועגן די באַדינגונגען. אָסוואַלד האָט זיך אומגעקערט אין ענגלאַנד מיט גאָרנישט, פּונקט ווי האַרטלי.

אין מאַי, 1782, האָט אָסוואַלד זיך אומגעקערט קיין פּאַריז מיט אַ פולמאַכט צו פּאַרהאַנדלען וועגן שלום. ער האָט געהאַט אינסטרוקציעס צו פּאַר־

האַנדלען מיט פראַנקלין׳ען וועגן אַן אָפּמאַך מיט אַמעריקע. אַ צווייטער פאַרטרעטער פון ענגלאַנד, גרענוויל, האָט געהאַט די פולמאַכט צו פאַרהאַנדלען מיט פראַנקרייך וועגן אַן אַלגעמיינעם פרידן. די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט דעם גאַנצן זומער פון 1782.

אין סעפּטעמבער, האָבן די פאַראייניקטע פלאָטן פון די אייראָפּייאישע פאַרבינדעטע זיך פאַראייניקט אין אַ געמיינזאַמער אַטאַקע אויף גיבראַלטאַר, די פעסטונג, וואָס איז דער שליסל צו ענגלאַנד׳ס הערשאַפט אין אינדיע. די אַטאַקע איז דורכגעפאַלן. שעלבורן אָבער, ניט געקוקט אויף זיין קעגנערשאַפט צו אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, האָט מער ניט געוואָלט פאַרציען די שלום־פאַרהאַנדלונגען. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ נייער אַטאַקע אויף גיבראַל־טאַר. אַ פאַרלוסט פון דער דאָזיקער פעסטונג וואָלט געבראָכן ענגלאַנד׳ס ים־מאַכט.

אין אָקטאָבער, האָבן זיך ערנסט אָנגעהויבן די שלום־פאַרהאַנדלונגען. שעלבורן האָט צוריקגערופן גרענוויל׳ן, וועלכער האָט ניט געהאַט דעם צוטרוי פון דער אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע, פון פאַריז, און אויף זיין פּלאַץ איז באַשטימט געוואָרן אָלען פיטצהערבערט. ער האָט אויך נאָכגעגעבן די הויפּט־פאָדערונג פון דער אַמעריקאַנער שלום־קאָמיסיע, אַז די אומאָפּהענגיקייט פון אַמעריקע זאָל אָנערקענט ווערן נאָך איידער די שלום־פאַרהאַנדלונגען הויבן זיך אָן. די קאָמיסיע איז איצט באַשטאַנען, אחוץ פראַנקלין׳ען, פון דזשאָן דזשיי, דזשאָן אַדאַמס און הענרי לאָורענס (טאָמאַס דזשעפערסאָן, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פון קאָנגרעס אַלס איינער פון דער קאָמיסיע, איז אָנגעקומען צו שפּעט זיך צו באַטייליקן אין די פאַרהאַנדלונגען).

אין די פאַרהאַנדלונגען מיט אַמעריקע האָט זיך איצט הויפּטזאַכלעך גע־האַנדלט וועגן די גרענעצן פון דער נייער רעפּובליק און וועגן דעם, אַז אַמעריקע זאָל האָבן די זעלביקע רעכטן ווי ענגלאַנד צו כאַפּן פיש אין די וואַסערן פון ניו־פאַונדלענד. אָבער נאָך מער ווי אין אַט די פראַגן, זיינען די אַמעריקאַנער און אויך די ענגלישע פאַרטרעטער געווען איינגע׳עקשנ׳ט אין דער פראַגע וועגן די לאָיאַליסטן. אַסוואַלד האָט געפאָדערט, אַז דאָס קאָנ־פיסקירטע אייגנטום פון די לאָיאַליסטן זאָל זיי אומגעקערט ווערן. און דאָס דווקא איז געווען די לעצטע זאַך, וואָס די אַמעריקאַנער קאָמיסיע איז געווען וויליק נאָכצוגעבן. די לענדער און נחלות פון די אַרויסגעטריבענע לאָיאַליסטן האָבן איצט געהערט צו גוטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן זיך גאָר

ניט געוואלט שיידן מיט זיי. פארשטענדלעך, אז די טענות פון די אמעריקאנער פארטרעטער זיינען ניט געווען אזוי אפן פראזאאיש. אונטער די פראזן וועגן די געפילן פון די אמעריקאנער פאטריאטן און אזוי ווייטער, איז אבער געלעגן אט־די פשוט'ע מאטעריעלע אויסרעכענונג.

אסוואלד און פיטצהערבערט האבן ביזן לעצטן מאמענט ניט געוואלט נאכגעגעבן אין די פראגן וועגן די פישערייען אין ניו־פאונדלענד און וועגן די לאיאליסטן. זיי האבן אבער ניט געקאנט אנגיין מיט זייערע פארהאנדלונגען וועגן אן אלגעמיינעם שלום, כל־זמן די מלחמה אין אמעריקע איז ניט געשליכטעט. זיי זיינען דעריבער געווען געצוואונגען נאכצוגעבן אלע פאדערונגען פון דער אמעריקאנער קאמיסיע, און דעם 30טן נאוועמבער, 1782, איז געשלאסן געווארן א פראוויזארישער שלום־אפמאך, וואס האט געדארפט אריינגיין אין קראפט אלס טייל פון אן אלגעמיינעם אפמאך מיט פראנקרייך, שפאניע און האלאנד. דער אלגעמיינער אפמאך איז געשלאסן געווארן מיט עטלעכע וואכן שפעטער און איז אונטערגעשריבן געווארן דעם 20טן יאנואר, 1783.

אין אמעריקע האט מען אבער נאך אין משך פון וואכן ניט געוואוסט וועגן דעם, אז די מלחמה איז געענדיקט און שלום איז געשלאסן. ווען וואשינגטאן האט אנהויב יאנואר 1783 ניט געקראגן קיין שום ידיעות וועגן די שלום־פארהאנדלונגען, איז ער געווען זיכער, אז די מלחמה וועט פארגעזעצט ווערן. ער האט געגלויבט, אז די ענגלישע רעגירונג, דערוויסנדיק זיך וועגן די באדינגונגען, אף וועלכע די פארבינדעטע ווילן שליסן פרידן, וועט ניט נעמען אף זיך און וועט איבערלאזן צום פארלאמענט צו באשליסן, אויב די באדינגונגען זאלן אנגענומען ווערן, אדער ניט, און דער פארלאמענט, האט ער געגלויבט, וועט מעגלעך שטימען פארצוזעצן די מלחמה.

די ענגלישע רעגירונג האט אבער גענומען אף זיך און האט אונטערגעשריבן דעם שלום־אפמאך. אמת, זי האט שפעטער באצאלט פאר דעם מיט איר רעזיגנאציע. די נייס וועגן דעם שלום־אפמאך האט דערגרייכט אמעריקע דעם 23טן מערץ, 1783. די מלחמה איז געווען געענדיקט. די רעוואלוציע האט געזיגט. אין דעצעמבער, 1783, האט וואשינגטאן אומגעקערט צום קאנגרעס זיין פולמאכט אלס הויפט־קאמאנדיר. די רעוואלוציאנערע ארמיי איז שוין געווען דעמאביליזירט.

דער קאמף, וואס די הערשנדיקע קלאסן פון די אמעריקאנער קאלאניעס

האָבן אָנגעהויבן מיט זיבן יאָר פריער צוליב זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָט אָבער ארויסגערופן כחות, וואָס האָבן פאַר אַ שטיקל צייט געדראָעט זייער סאַמע עקזיסטענץ. די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע ווערן פון די בור־זשואַזע היסטאָריקער באַצייכנט אַלס דער „קריטישער פּעריאָד" אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. די הערשנדיקע קלאַסן האָבן געמוזט דורכפירן אַ נייע איבערקערעניש, כדי זיך צו באַפעסטיקן אין מאַכט.

אינדעקס

אינדעקס

אגאסטא — 204, 205.
אדאמס, דזשאן — 50, 60, 66, 68, 75, 87, 88, 96, 107, 121, 168, 264.
אדאמס, סעמועל — 24, 25, 45, 49, 53, 60, 61, 63, 64, 65, 73, 81, 82, 84, 167, 190.
אהייא ריווער — 56, 71, 200.
אוסטין — 60.
אטיס, דזשיימס — 23, 24, 25, 39, 60.
אטלאנטיק — 90.
איבינעזער — 204.
אידען, וויליאם — 189.
אילינאי — 71.
אינגערסאל, דזשארעט — 34.
אינדיאנא — 71.
אינדיע — 52, 115, 262, 264.
אינטשעס — 60.
איסט אינדיע קאמפאניע — 51, 52, 72.
איסט ריווער — 119, 123.
אירלאנד — 45, 172, 192.
איווערי — 60.
אייטקין, ריטשארד — 132.
אייראפע — 12, 132, 135, 169, 172, 188, 194, 207, 249, 260.
אלבאני — 99, 155, 156, 157, 175, 176, 177, 179, 180, 182, 183, 185, 186.
אליווער — 68.
אלעגעעני-בערג — 71, 138.
אלען, אטען — 89, 91, 141, 175.
אלעקסאנדריע — 140.
אמעריקאנער רעוואלוציע — 11, 12, 18, 19, 22, 23, 25, 33, 39, 42, 67, 70, 84, 93, 95, 112, 134, 135, 146, 148, 168, 172, 214, 216, 218, 224, 245, 251, 260.
אמעריקע — 11, 12, 15, 27, 29, 30, 35, 36, 40, 50, 52, 58, 64, 67, 93, 100, 101, 109, 112, 114, 115, 120, 121, 126, 127, 132, 133, 135, 142, 143, 155, 156, 171, 172, 173, 175, 176, 187, 188, 189, 190, 191, 192, 193, 201, 207, 224, 249, 251, 253, 256, 260, 261, 263, 264, 265.
אנאפאליס — 54, 140.
אנדרע, גענעראל — 238, 242, 243, 244, 245.
אנטאנעט, מאריע — 170.
אנטאריא, לעיק — 155, 176.
אסאנפינק — 149.
אסוואלד — 263, 264, 265.
אסוועגא — 155, 176, 200.
„אסאציאציע" — 77, 78, 102.
ארבוטנאט, אדמיראל — 251.
ארטיקלען פון קאנפעדעראציע — 113.
ארנאלד, בענעדיקט — 88, 89, 90, 141, 175, 185, 229, 238, 239, 240, 241, 242, 243, 244, 245, 247, 248, 250, 252, 257.
אש, גענעראל — 204, 205.

באולינג גרין — 34.
באונער — 219.
באוואריע — 136.
באלטימאר — 137, 249.
באלפור, קוירנעל — 250.
באלשעוויקעס — 11.
באנקער היל — 33, 92, 93, 95, 98, 117, 126, 258.
באסטאן — 33, 34, 35, 48, 49, 50, 53, 55, 56, 59, 62, 65, 72, 73, 75, 81, 82, 85, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 95, 96, 97, 98, 103, 117, 118, 126, 167, 186.

באָסטאָן גאָזעט — 60, 62.
באָסטאָן פּאָרט ביל — 75.
באָסטאָנער בלוט-באָד — 48, 49, 50, 51, 72.
באָסטאָנער טי-פּאַרטי — 53, 54, 55, 57.
באָסקענרידזש — 139.
באָק, ריטשאַרד — 132.
באַר — 60.
באָרדאָ — 137.
באָארד אָוו טרייד — 18, 19, 27.
באָרדענטאָון — 144, 146, 148.
באָריע, קוירנעל — 29, 47, 79.
בבל — 194.
בוירגאָין, גענעראַל — 92, 116, 155, 156, 157, 167, 171, 173, 175, 176, 177, 179, 180, 181, 182, 183, 184, 185, 186, 211, 217.
בוירליגנטאָן — 148.
בוירנאַרד, גאָווערנאָר — 31, 39.
בוירק, עדמונד — 36, 79, 80, 201, 263.
בילינגספּאָרט — 162.
בירגער-קריג — 12, 36, 68, 79, 87, 103, 199, 200, 201, 214.
בירד, טשאַרלס — 78.
בעמיס הייטס, שלאַכט — 184.
בעניאַווסקי — 136.
בענינגטאָן — 158, 181, 182; שלאַכט — 103, 158, 181.
בערלין — 168.
בראָד ריווער — 225, 227.
ברוטוס — 30.
ברוקלין — 117, 119.
ברוקלין הייטס — 117, 122.
ברידס היל — 92.
בריוו פון אַ פאַרמער — 44, 45.
ברייער קריק — 205.
ברענדיווויין — 158, 159, 160, 161, 165; שלאַכט — 155, 158.

גאָדסדען — 105.
גאָוואָנוס-קאַנאַל — 118.
גאַלאָוויי — 57, 58, 67, 100; גאַלאָוויי-פּלאַן — 75, 76.
גיבראַלטאַר — 171, 238, 264.
גילפאָרד קאָורט הויז — 233, 248, 249; שלאַכט — 246.
גיינזוואָרט, קוירנעל — 180.
געידזש, גענעראַל — 31, 73, 75, 76, 79, 80, 81, 82, 88, 89, 92, 93, 97.
געיטס, גענעראַל — 141, 167, 177, 183, 184, 185, 186, 210, 212, 214, 217, 219, 220, 221, 222, 240, 241, 250.
גערי, עלדרידזש — 60.
גרין, גענעראַל — 123, 127, 147, 160, 165, 218, 220, 221, 222, 223, 224, 225, 226, 228, 229, 230, 231, 232, 233, 234, 235, 246, 248, 250.
גרעי — 60.
גרעידאָן, קאַפּיטאַן — 111, 128.
גרענדאָלס פאָרד — 223.
גרענוויל, דזשאָרדזש — 17, 18, 20, 21, 22, 25, 26, 36, 37, 40, 66, 264.

דאָוגלאַס, גענעראַל — 123, 124.
דאַן ריווער— 228, 229, 230, 231, 232.
דאָרטשעסטער הייטס — 92, 97, 98, 117.
דזשאָנסטאָן, גאָווערנאָר — 189, 191.
דזשאָרזש, דער ערשטער — 14; דער צווייטער — 14, 16; דער דריטער— 16, 17, 18, 30, 36, 40, 55, 56, 91, 95, 108, 109, 170.
דזשאָרדזש, לעיק — 90, 176, 179, 180.
דזשאָרדזשיע — 47, 74, 99, 203, 204, 205, 206, 210, 215, 235.
דזשווירמענטאָון — 158, 159, 161, 162, 173.
דזשיימס, מאַיאָר — 35.
דזשיימסאָן, קוירנעל — 244, 245.

דזשיי, דזשאָן — 123, 168, 264.
דזשערמיין, לאָרד — 192, 215, 217, 246, 251, 254, 259, 260.
דזשעפערסאָן, טאָמאַס — 60, 62, 87, 105, 106, 107, 109, 264.
דיען, סיילעס — 168, 170.
דיקינסאָן, דזשאָן — 44, 45, 109, 111.
דייטשלאַנד — 14, 135.
דע-באַבאַ, אַדמיראַל — 253.
דע-גראַסע, אַדמיראַל — 255, 256, 257, 262.
דעלאַווער — 99, 215.
דעלאַווער ים-אויסגוס — 157, 158, 162, 194, 198.
דעלאַווער ריווער — 109, 111, 130, 137, 144, 145, 146, 148, 150, 152, 154, 157, 161, 162, 163, 195.
דע קאַלב — 136.
דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט — 11, 103, 106, 107, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 114, 120, 133, 140, 148, 168, 188, 241.
דעקלאַראַציע פון רעכטן — 77, 79.
דעקסטער — 60.

האַדסאָן ריווער — 90, 123, 124, 126, 127, 128, 129, 139, 142, 155, 157, 176, 179, 180, 181, 182, 183, 185, 195, 202, 243, 253.
האַדסאָן טאָל — 156, 175, 177.
האַו, אַדמיראַל — 114, 115, 116, 119, 120, 121, 189.
האַו, גענעראַל — 92, 93, 94, 95, 96, 97, 98, 103, 104, 114, 115, 116, 117, 118, 119, 120, 122, 123, 124, 125, 126, 127, 128, 129, 130, 137, 138, 139, 140, 141, 142, 143, 144, 145, 146, 148, 149, 151, 153, 154, 155, 156, 157, 158, 159, 160, 161, 162, 163, 166, 167, 171, 172, 173, 175, 176, 182, 186, 189, 192, 193, 198, 203, 211, 251.
האַו, ראָבערט — 203.
האַטשינסאָן, גאָווערנאָר — 23, 24, 34, 35, 53, 68.
האָלאַנד — 52, 171, 202, 262, 265.
האַלי, דזשאָזעף — 81.
האַליפאַקס — 98.
האַמילטאָן, אַלעקסאַנדער — 195.
האַנאָווער — 14, 16.
האַנדל און נאַוויגאַציע געזעצן — 15, 19, 20, 24, 39.
האָפּקינס — 104.
האַרוואַרד — 24, 61.
האַרטלי, דייוויד — 263.
האַרטפאָרד — 102, 245.
האַרלעם — 123, 124, 125, 126; שלאַכט — 123, 168; נצחון — 125.
האַרקורט, קוירנעל — 139.
הוירסט — 11.
הוירקימער, גענעראַל — 180.
היובערטאָן — 178.
היוגער, גענעראַל — 228, 231.
הילסבאָראָ — 250.
היקאָרי-פאַרשווערונג — 100.
הייסטער, דע, גענעראַל — 117.
הענקאָק, דזשאָן — 49, 53, 59, 61, 64, 65, 81, 82, 84, 96.
הענרי, פּעטריק — 29, 30, 32, 105, 106.
העקענסעק ריווער — 129.

וואָוסטער — 81.
וואַטסאָן, עלקאַנאַ — 138.
וואַלדאָ — 60.
וואַלטשור — 242, 245.
וואַלי פאָרדזש — 136, 164, 165, 166, 194, 195.

וואָרד, אַרטעמאַס — 89.
וואָרנער, קוירנעל — 178.
וואָרען — 59.
וואַשינגטאָן, דזשאָרדזש — 65, 95, 96, 97, 98, 99, 100, 105, 111, 114, 115, 116, 117, 118, 119, 122, 123, 125, 126, 127, 128, 129, 130, 132, 134, 135, 136, 137, 138, 139, 140, 141, 142, 144, 145, 146, 147, 148, 149, 150, 151, 152, 153, 154, 155, 157, 158, 159, 160, 161, 163, 164, 165, 166, 167, 168, 171, 172, 176, 177, 189, 190, 191, 194, 195, 196, 197, 198, 200, 202, 203, 211, 214, 217, 222, 226, 231, 238, 240, 241, 245, 246, 247, 248, 249, 253, 254, 255, 256, 257, 258, 262, 263, 265.
ווהייט מאַרש — 163.
ווהייט פּלעינס — 126, 127, 163, 254.
וויג (וויגס) — 13, 15, 29, 36, 39, 40, 47, 66, 75, 79, 93, 133, 136, 138, 175, 188, 201, 215, 260, 261, 263.
וויליאַמס — 244.
וויליאַמס, אָטאָ — 229, 230, 231.
ווילמינגטאָן — 166, 215, 234, 246, 248, 249, 251.
ווין — 168.
ווינסבאָראָ — 219.
וויסקאָנסין — 71.
ווירדזשיניע — 29, 31, 47, 87, 89, 95, 96, 105, 106, 107, 109, 199, 206, 207, 210, 216, 217, 221, 224, 228, 229, 232, 234, 235, 246, 247, 248, 249, 250, 251, 252, 255, 257.
ווייאָמינג וואַלי — 199.
וועין, גענעראַל — 160, 195, 196.
וועסט אינדיע — 20, 21, 38, 187, 206, 255, 256, 261, 262.
וועסט פּאָינט — 123, 184, 195, 238, 241, 242, 245.
וועסטשעסטער קאָונטי — 99.
וועסלי, דזשאָן — 58.
וועלס — 60.
וועלס, זאַקאַריאַ — 237.
וועמיס, מאַיאָר — 219.
ווען וואָרט — 244.
ווערזשען, דע — 170.
ווערמאָנט — 103.

זיבן-יאָריקע מלחמה — 13, 16, 19, 20, 27, 70, 71, 82, 90, 95.
„זין פון פרייהייט" — 29, 33, 35, 47, 57.
זיעלינסקי — 136.

טאַונסהענד, טשאַרלס — 18, 20, 21, 22, 26, 40, 41, 42, 43, 50, 66.
טאַלמאַדזש, מאַיאָר — 245.
טאָרי (טאָריס) — 11, 13, 14, 15, 22, 23, 29, 30, 37, 40, 50, 54, 55, 57, 61, 63, 64, 65, 67, 68, 69, 75, 76, 77, 78, 79, 81, 93, 98, 101, 102, 105 119, 124, 127, 132, 133, 134, 142, 175, 188, 192, 199, 201, 207, 215, 237, 260, 261.
טאַריף-געזעץ — 20, 21, 22, 25, 38, 41, 43, 49, 50.
טאַרלטאָן, מאַיאָר — 218, 219, 220, 224, 225, 226, 227, 231, 246.
טהעטשער — 23.
טיקאָנדעראָגאָ, פעסטונג — 90, 98, 141, 142, 157, 175, 176, 177, 178, 179, 182.
טוי-אַקט — 52, 53.
טעטפאָרד — 131.
טעטשער — 60.
„טעכטער פון דער רעוואָלוציע" — 48.

טענעסי — 212, 213.
טעריטאָן — 244.
טערקיי — 132.
טרענטאָן — 129, 130, 137, 142, 144, 145, 146, 147, 148, 149, 151, 153, 155, 157, 198, 211; שלאַכט — 148.
טשאַטהעם — 223.
טשאַטהעם, לאָרד — 40, 66, 79.
טשאַרלס, דער ערשטער — 30; דער צווייטער — 13.
טשאַרלס ריווער — 92.
טשאַרלסטאָן — 33, 178, 203, 204, 205, 206, 217, 250, 251.
טשווירטש — 59.
טשיום — 60.
טשעסאַפּיק — 158, 247, 248, 250, 256, 257.
טשעסטער — 159.
טשערי וואַלי — 200.

יאַדקין קאונטי — 236.
יאָרק — 138.
יאָרקטאַון — 257, 258, 259, 261, 262.
יואינג, גענעראַל — 146.
יוז, דזשאָן — 34.

לאַגאָן, דעבאָראַ — 111.
לאָורענס, הענרי — 264.
לאָורענס, קוירנעל — 256.
לאָוו — 237.
לאָיאַליזם — 102.
לאָיאַליסטן — 59, 65, 67, 75, 79, 98, 99, 100, 101, 102, 103, 139, 142, 144, 147, 152, 154, 163, 189, 191, 192, 198, 199, 200, 203, 205, 207, 208, 210, 211, 213, 214, 219, 220, 224, 232, 233, 236, 237, 238, 240, 241, 243, 244, 248, 264, 265.
לאָנג איילאַנד — 99, 116, 117, 119; שלאַכט — 116, 119, 120, 168.
לאָנג איילאַנד סאונד — 202, 253.
לאָנדאָן — 37, 47, 52, 57, 76, 131, 192, 216, 259.
לאַנקעסטער — 138.
לאַפאַיעט, גענעראַל — 116, 136, 190, 195, 196, 248, 249, 257.
לאָרדן-הויז — 13.
לאָרינג, מאַדאַם — 143.
לואי דער זעכצנטער — 168, 170, 171.
לי, אַרטור — 168.
לי, גענעראַל — 126, 139, 140, 145, 151, 190, 191, 195, 196.
לי, הערי — 68, 223, 224, 226, 232, 235, 247.
לי, ריטשאַרד הענרי — 106, 167, 190.
לידס — 14.
ליווערפּול — 14.
ליטאָווסקי — 136.
ליטע — 136.
לינקאָלן, גענעראַל — 178, 184, 204, 205, 206.
לענין — 11.
לעסלי — 247.
לעקסינגטאָן — 82, 84, 93.

מאַגאַאַ, קוירנעל — 127, 128.
מאַדריד — 168.
מאָהאָק-טאַל — 155.
מאַטיוס, גענעראַל — 207.
מאַלטרי, גענעראַל — 205, 206.
מאַלינאַ — 60.
מאַנהעטן — 117, 122, 123.
מאָנטגאָמערי — 50.
מאַנטשעסטער — 14.
מאָנמוט — 196, 198.
מאַסאַטשוסעטס — 23, 24, 31, 39, 45, 46, 47, 56, 58, 59, 73, 75, 76, 80, 88, 92, 95, 96, 105, 187, 201,

מאַסאַטשוסעטס בעי — 47.
מאַקאַלי — 16.
מאָרגאַן, גענעראַל — 220, 222, 223, 224, 225, 226, 227, 228.
מאַרטאַ'ס ווינייאַרד — 201.
מאַריאָן — 235, 236.
מאָריס, ראָבערט — 34, 111, 137, 140, 142, 143, 146, 148, 191, 240.
מאָריסטאַון — 152, 153, 154, 227.
מאַריי היל — 123, 125.
מאַריי, מאַדאַם — 124.
מוירסער, גענעראַל — 124.
מוירסער, פעסטונג — 162, 163.
מידלברוק — 154.
מיוטיני-אַקט — 26, 43.
מינעסאָטאַ — 71.
מיסיסיפּי — 200.
מיפלין, גענעראַל — 149, 240.
מיפלין, פעסטונג — 162, 163, 165.
מישיגען — 71.
מעיהו — 60.
מעקדוגעל, טשאַרלס — 212, 213.
מעקלעניגאַן, בלעיר — 135.
מערילענד — 47, 89, 99, 109, 249, 250.
מערקאַנטיליזם — 18, 25, 70.

נאַנטאַקעט — 201.
נאַנעס, בענדזשאַמין — 137.
נאַקס, גענעראַל — 147, 149.
נאָרט, לאָרד — 50, 55, 56, 80, 101, 113, 114, 172, 186, 260, 261.
נאָרט קאַראָליינאַ — 35, 105, 204, 208, 210, 211, 212, 213, 214, 215, 216, 218, 219, 220, 222, 224, 228, 229, 231, 232, 233, 234, 235, 236, 247, 248, 249, 250, 252.
נאָרפאָלק — 247.
נוארק — 129.
ניו בעדפאָרד — 207.
ניו בראָנזוויק — 129, 130, 144, 146, 151, 152, 154, 155, 157, 158, 195.
ניו דזשוירזי — 89, 99, 109, 129, 134, 138, 139, 143, 144, 145, 149, 150, 152, 154, 156, 162, 176, 195, 201, 202, 231, 253, 256.
ניו העיווען — 88.
ניו העמפשייר — 88.
ניו יאָרק — 31, 33, 34, 35, 43, 45, 48, 89, 90, 98, 99, 100, 103, 109, 111, 115, 116, 117, 119, 122, 123, 124, 126, 128, 133, 138, 139, 142, 143, 144, 149, 150, 151, 152, 154, 155, 157, 167, 171, 175, 184, 189, 193, 194, 198, 199, 200, 201, 204, 215, 241, 243, 244, 245, 246, 249, 252, 253, 254, 255, 256.
ניו לאָנדאָן — 252.
ניועלטאָן, קאַפּיטאַן — 125.
ניופאַונדלענד — 264, 265.
ניופּאָרט — 48, 144.
ניו ענגלאַנד — 20, 31, 71, 88, 89, 90, 96, 125, 128, 155, 156, 165, 171, 182, 183, 184, 246, 253, 257.
נעלסאָן, קוירנעל — 106.

סאַוט קאַראָליינאַ — 47, 89, 105, 109, 111, 204, 205, 206, 208, 210, 215, 218, 219, 220, 228, 234, 235, 248, 250, 251, 252.
סאַוואַנאַ — 203, 204.
סאַוואַנאַ ריווער — 205.
סאַוועטן — 11.
סאַלאָמאָן, חיים — 137.
סאַליוואַן, גענעראַל — 117, 120, 147, 200.
סאַליסבורי — 220.
סאַמטער — 219, 220, 235, 236.
„סאַפאָלק רעזאָלוציעס" — 75.

סאראטאגא — 182, 227; שלאכט — 182, 184, 185, 226, 239.
סטאנא פערי — 206.
סטאנוויקס, פעסטונג — 155, 176, 180, 182.
סטארק, דזשאן — 88, 181.
סטוארטס — 14.
סטויבען, פאן — 135, 247.
סטוירלינג, גענעראל — 117, 118, 147.
סטילוואטער — 183, 184.
סטעדינג, פאן — 136.
סטעטן איילאנד — 114, 115, 116, 121, 144, 256.
סטעמפ אקט — 22, 25, 26, 27, 28, 29, 31, 33, 36, 37, 38, 39, 41, 42, 43, 46, 51, 57, 58, 70.
סטעמפ אקט קאנגרעס — 31, 33, 44.
סט. לאורענס ריווער — 155, 176.
סט. לעדזשער, גענעראל — 155, 176, 180, 181.
סט. קריסטאפער — 261.
סט. קלעיר, גענעראל — 150, 177, 178, 179.
סימסבורי-מינען — 102.
סמיט, דזשאשוא — 242, 243.
סמיט, קוירנעל — 82, 84.
סענדי הוק — 157, 195, 198.
סקאט, גענעראל — 198.
סקיילער, גענעראל — 141, 177, 179, 183, 199.
סקייקיל ריווער — 158, 159, 160.
סקענעסבארא — 179.

עדווארד, פעסטונג — 179, 180.
עדים — 60.
עליזאבעט אינזלען — 201.
עלק ריווער — 158.
עלקטאן — 158.
ענגלאנד — 11, 12, 13, 14, 18, 19, 21, 30, 33, 35, 36, 37, 38, 39, 40, 45, 47, 48, 50, 52, 55, 56, 57, 58, 60, 64, 65, 66, 67, 68, 71, 73, 76, 77, 78, 81, 84, 87, 88, 90, 92, 96, 101, 103, 104, 109, 113, 114, 115, 120, 122, 127, 131, 132, 133, 135, 138, 140, 145, 155, 156, 162, 163, 165, 170, 171, 172, 173, 175, 179, 186, 188, 189, 190, 191, 192, 194, 199, 202, 203, 207, 208, 210, 212, 214, 215, 224, 236, 241, 246, 248, 252, 260, 261, 262, 263, 264.
ערסקין, וויליאם — 150.

פאקס — 263.
פארט ראיאל — 205.
פאראייניקטע שטאטן — 12, 113, 114, 171, 175.
פוירגוסאן, הענרי — 191.
פוירגוסאן, מאיאר — 211, 212, 213, 214, 218, 225, 226, 228, 234.
פוירגוסאן, דר. — 190.
פיטצהערבערט, אלען — 264, 265.
פילאדעלפיע — 31, 33, 34, 35, 44, 48, 74, 76, 85, 89, 106, 130, 135, 137, 142, 144, 145, 146, 147, 152, 154, 156, 157, 158, 159, 160, 161, 162, 163, 164, 166, 167, 172, 189, 191, 192, 193, 194, 227, 239, 240, 255.
פיליפס, גענעראל — 248, 249, 250, 252.
פיליפס, דזשאנאס — 136.
פינף אומדערטרעגלעכע אקטן — 55, 71, 80.
פישער, סידני — 22, 31, 51, 58, 59, 60, 63, 65, 79, 98, 100, 101, 102, 138.
פלארידא — 203, 204, 210.
פלין, מ. — 167.

פֿליק — 102.
פֿעאָדאַליזם — 12, 23, 72, 130, 135, 175.
פֿעאָדאַלן — 72.
פֿעניננג, דייוויד — 236.
פֿערזען, פֿאַן — 136.
פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע — 135, 170.
פֿראַנקרייך — 51, 87, 109, 114, 115, 135, 137, 140, 148, 155, 168, 170, 171, 172, 175, 186, 187, 188, 189, 190, 193, 202, 207, 231, 241, 253, 256, 262, 263, 264, 265.
פֿרייזער, גענעראַל — 178.
פֿרענקלין, בענדזשאַמין — 25, 37, 57, 62, 87, 107, 115, 121, 122, 131, 132, 162, 168, 169, 170, 186, 263, 264.
פֿרענקס, אייזיק — 137.
פֿרענקס, דייוויד סאַליסבורי — 137.

פּאָלי-שחיטה — 159, 160.
פּאָולדינג, גענעראַל — 244.
פּאַטנעם, גענעראַל — 88, 117, 119, 123, 124, 142.
פּאַטריאָטן — 45, 46, 50, 53, 65, 66, 69, 77, 82, 84, 88, 89, 91, 92, 96, 99, 101, 105, 108, 112, 113, 140, 144, 163, 165, 175, 192, 199, 200, 202, 203, 205, 207, 208, 212, 213, 214, 215, 218, 219, 220, 227, 233, 235, 236, 237, 238, 241, 243, 253, 258, 264, 265.
פּאַסעיק ריווער — 129.
פּאַפּיר-געלט — 27, 28, 99, 143.
פּאַקאָלעט ריווער — 223, 225.
פּאַקסטאָן — 23.
פּאָרטסמוט — 207, 247.
פּאָרט עמבאָי — 129, 144, 152.
פּאַריז — 168, 170, 256, 263, 264.
פּאַריזער פּרידן — 259.
פּאַרלאַמענט — 13, 14, 24, 25, 28, 29, 30, 33, 37, 38, 41, 43, 45, 46, 47, 50, 51, 52, 56, 67, 70, 71, 75, 76, 80, 81, 93, 127, 142, 172, 187, 188, 201, 260, 261, 265.
פּאַרקער, דזשאָנאַס — 82, 83.
פּוירסי, אוירל — 85, 178.
פּולאַסקי, קאַזימיר — 136.
פּיט, וויליאַם — 40.
פּיטערסבורג — 250.
פּיטקערן, מאַיאָר — 82, 84.
פּיקענס, גענעראַל — 205, 232.
פּליים דע-לאַ — 90.
פּעגי סטואַרט — 54.
פּעדי ריווער — 222.
פּעין, טאָמאַס — 16, 60, 62, 64, 130, 131, 132, 133, 134, 135.
פּעמבערטאָן — 60.
פּענסילווייניע — 37, 109, 111, 132, 135, 137, 143, 152, 156, 162, 163.
פּענסילווייניע מאַגאַזין — 132.
פּענסילווייניע קראָניקל — 44.
פּראָהיביטאָרי אַקט — 138.
פּראָווידענס — 48.
פּרינסטאָן — 129, 130, 144, 146, 149, 150, 151, 153, 155, 195.
פּרעוואָסט, גענעראַל — 203, 205, 206.
פּרעסקאָט, וויליאַם — 92, 93.

צוקער-סיראָפּ אַקט — 20, 21, 23, 25, 31, 37, 38, 39, 42.
צעזאַר — 30.

קאַדוואַלאַדער, גענעראַל — 146, 148.
קאַופּענס — 226, 231, 246 ; שלאַכט — 226, 228.
קאַטאַבאַ שטראָם — 225, 227, 228.
קאָלאָניאַליזם — 63.

קאָלאָניעס — 12, 13, 14, 15, 18, 19, 20, 21, 23, 24, 25, 26, 27, 28, 29, 31, 32, 35, 36, 37, 38, 39, 41, 42, 43, 45, 46, 47, 49, 51, 52, 55, 56, 57, 58, 59, 60, 63, 65, 66, 68, 70, 71, 72, 73, 74, 75, 77, 78, 79, 80, 87, 88, 89, 90, 91, 96, 104, 105, 106, 111, 113, 114, 115, 122, 132, 133, 135, 137, 138, 142, 155, 159, 165, 168, 175, 186, 187, 188, 190, 192, 201, 202, 203, 204, 205, 206, 207, 208, 209, 211, 212, 214, 215, 116, 217, 228, 231, 235, 241, 246, 251, 253, 257, 259, 260, 261, 262, 263, 265.

קאָלם — 58.

קאָמאָן סענס (פּאַמפלעט) — 132.

קאָמאָנס — 13, 14.

קאָמוניזם — 11.

קאַנאַדע — 71, 90, 95, 141, 142, 155, 156, 157, 171, 172, 173, 175, 177, 181, 182, 261.

קאָנוועי — 167.

קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס, ערשטער — 62, 72, 74, 75, 76, 79, 81, 85, 90, 132, 187; צווייטער — 61, 87, 91, 95, 100, 104, 105, 109, 113, 114, 115, 119, 120, 121, 125, 133, 137, 138, 140, 141, 142, 161, 167, 168, 170, 186, 187, 189, 190, 191, 192 199, 202, 204, 207, 210, 220, 227, 231, 239, 240, 247, 248, 263, 264, 265.

קאָנינגהעם — 237.

קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן — 136.

קאָנעטיקוט — 34, 88, 102, 157, 158, 252.

קאָנקאָרד — 81, 82, 84, 88, 98.

קאַפּיטאַליזם — 14, 135.

קאַרלטאָן, גענעראַל — 98, 141, 142, 156, 173, 261, 262.

קאַרלייל, לאָרד — 189.

קאָרנוואָליס, גענעראַל — 117, 129, 130, 139, 145, 149, 150, 151, 152, 161, 192, 208, 209, 210, 211, 213, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 220, 222, 223, 224, 225, 226, 227, 228, 229, 231, 232, 233, 234, 235, 236, 237, 246, 247, 248, 249, 250, 251, 252, 253, 254, 255, 256, 257, 258, 259, 261.

קאָרעספּאָנדענץ-קאָמיטעטן — 58, 59, 72, 73, 81, 88.

קאַרפּענטערס האָל — 74, 111.

קאָשינג — 60.

קאָשציוסקאָ, טאַדעאוס — 136.

קופּער — 60.

קוואָרטערינג-אַקט — 26, 43, 51.

קוויבעק-אַקט — 56, 71, 95, 96, 105.

קווינסי, דזשאָסיאָ — 50, 60.

קווייקערס — 58, 143.

קילראָי — 50.

קינגס ברידזש — 122, 254.

קינגס מאָונטעין — 213, 214, 219; שלאַכט — 208, 214, 218, 234, 236.

קלאַרק — 219.

קליוולאַנד, קוירנעל — 236, 237.

קלינטאָן, גענעראַל — 68, 92, 95, 117, 144, 157, 184, 185, 186, 190, 191, 192, 193, 194, 195, 196, 198, 199, 201, 202, 203, 205, 206, 208, 210, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 224, 228, 238, 246, 247, 248, 249, 251, 252, 253, 254, 255, 256, 257, 261.

קעמבעל, קוירנעל — 203, 205.

קעמברידזש — 88.

קעמדען — 210, 212, 217, 219, 220. 234, 238, 241, 250.

קסענאָפאָן — 194.

קראַון פּאָינט — 176.

קראָמוועל — 30.
קריזים (פּאַמפלעט) — 134.
קרעפּטס — 60.

ראַב, קאַרל — 136.
ראַגינסקי — 136.
ראַדני, אַדמיראַל — 262.
ראָודאַן, לאָרד — 219, 250.
ראָוד איילאַנד — 105, 144, 247, 248, 254, 256.
ראַלי, קוירנעל — 144, 145, 146, 147.
ראַקינגהעם, לאָרד — 36, 38, 39, 40, 66, 261, 263.
ראָש, דר. — 167.
ראָשאַמבאָ, גענעראַל — 253, 254, 255, 263.
רוטלעדזש — **121.**
רוסלאַנד — 170.
ריד, גענעראַל — 115, 139, 145, 146, 191, 240.
ריטס אָוו אַסיסטענס — 23, 42, 43.
ריעדסלי, גענעראַל — 182.
רישעליו ריווער — 90.
רעד בענק — 162, 163, 165.
רעדינג — 161.
רעוויר, פּאָל — 59, 82.

שאַמפּלעין, לעיק — 90, 142, 145, 155, 176, 179.
שאַרלאָט — 211, 218, 220.
שיפּער, מאַרגאַרעט — 240.
שלום-אַקט — 186, 187, 189.
שמוגלעריי — 19, 20, 42.
שעלבורן, לאָרד — 263, 264.
שפּאַניע — 87, 109, 171, 202, 262, 265.

(סוף פון צווייטן באַנד)